STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05370

MAYN YIKHES

Ber Halpern

Permanent preservation of this book was made possible
by Carol A. Stahl
in honor of
Dr. & Mrs. Myles Galin, M.D.

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



בער האַלפּערן

מײַן װבעק

דערציילונגען
און
נאָוועלן

מאָסקווע
„סאָוועטסקי פּיסאַטעל“
1978

С (Евр) 2
Г 17

„מײַן ייִכעס“ איז בער האלפערנס ערשטער בוך, אָבער פאר דעם ייִדישן לייענער איז דער נאָמען פונעם אווטאָר פון דער זאמלונג ניט קײן נײַער. דער לייענער איז באַקאנט מיט דער שאפונג פון בער האלפערן שוין א רײ יאָרן. זײַנע דערציילונגען און נאָוועלן האָבן שטענדיק צוגעצויגן צו זיך די אופמערקזאמקײַט מיט דער אידייִשער אָנגעלאָדנקײַט און מײַסטערשאפט, מיט דער בילדערישקײַט פון דער שפראך, מיט דעם, וואָס דער לייענער געפינט אין די ווערק פונעם אווטאָר ניט ווייניק נײַס און ווערטפולס פאר זיך.

דאָס הויפט־אָרט אין בער האלפערנס שאפונג פארנעמט ליטע, דאָס לעבן פון איר פילצאָליקער ייִדישער באפעלקערונג אינעם סאָוועטישן פעריִאָד, וועלכער האָט געבראכט מיט זיך פולע סאָציִאלע און נאציִאָנאלע גלײַכבארעכטיקונג. דער לייענער וועט געפינען אין דער זאמלונג אויך ניט ווייניק ווערק, וואָס דערציילן וועגן די שווערע יאָרן פון דער פאשיסטישער סמעטאָנישער דיקטאטור און היטלערישער אָקופאציע.

אין די ווערק, וואָס זײַנען אײַנגעשלאָסן אינעם בוך „מײַן ייִכעס“, איז אָפגעשפיגלט א באדײַטנדיקער צײַט־אָפשניט אין דער געשיכטע פון ליטע, אין דער געשיכטע פון אירע צוויי ברידערלעכע פעלקער — ליטווינער און ייִדן.

© *Издательство «Советский писатель», 1978*

Г $\frac{70303-118}{083(02)-78}$ 216—78

ווילנע, ווילנע...

1. די כאסענע

יודל אַפּאַטאָוו האָט זיך אופגעהויבן, און נאָך אים, גלײַך ווי ער וואָלט געווען צוגעבונדן צו אים מיט א שטריקל, דער שאדכן יאנקל קאנגיסער. דער שאדכן איז געווען אין פארלעגנהײַט. עפּעס איז ער דאָך ניט אבי־ווער. יאנקל קאנגיסערן קען מען אין די גרעסטע נעגידישע הײַזער ניט נאָר פון ווילנע, נאָר אויך פון גראָדנע, ביאַליסטאָק, מינסק און אפילע פון ווארשע. ווען ער קומט ארײַן אין א שטוב, נעמט מען אים אוף, ווי דעם שאָליעך פונעם גוירל. מע טראָגט אים אנטקעגן זיסינקע שמייכלען, און אפן טיש באווײַזט זיך קיבעד. און דאָ...

יודל אַפּאַטאָוו האָט זיך גלײַך בא דעם שאדכנס ערשטע ווערטער אופגעהויבן פון טיש, און אָט שטייט ער, א פעסטער, א מאסיווער, מיט קאלטן בלײַ אין די אויגן און מיט א געגאָלטער גאָמבע, וואָס גלאנצט פון שמאלץ, גלײַך ווי ער וואָלט אָקאָרשט אָפּגעווישט פון איר כאזער־פעטס.

יאנקל קאנגיסערס שיטערע באָרד האָט געציטערט פון באליידיקונג. זײַן רעכט אויג האָט זיך אָנגעגאָסן מיט פאריבל, נאָר דאָס לינקע אויג, דאָס קלענערע, וואָס איז, ווי אן עוון־טאָוו אין וואטע, געווען אײַנגעפּאקט אין די געשוואָלענע קנייטשעלעך, האָט זיך ניט אונטערגעגעבן און געקוקט מיט גאליקן שפּאָט. ער האָט ארויסגעשלעפּט א געשוואָלן שווארץ ביכל מיט ווינקלען, פארפלעקטע פון א סאך בלעטערן:

— פאניע אָפּאטאָוו, אָט דאָ ליגן פארבאָרגן גויראָלעס. דאָ איז דאָ גוורע, און דאָ איז דאָ טוירע. און אז גוורע פארייניקט זיך מיט טוירע... מ־מ־מ... — זײַן גרויס רעכט אויג און דאָס קליינע לינקע האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט היספּײַלעס און פארקאשערט זיך צום סופיט, — טוירע אורגוורע בעמאָקעם עכאָד — טוירע און גוורע אין איין אָרט. איין קלייניקײַט... איר, פאניע אָפּאטאָוו, פארמאָגט גוורע. און דאָ האָב איך פאר אײַך טוירע. אז אזא נאָגיד, ווי איר, פארמאָגט, קיין אײַנהאָרע, א טאָכטער, וועט איר זיך אָן יאנקל קאנגיסערן ניט באגיין...

— א ראָווס א זון?

דער שאדכן האָט ניט דערפילט די איראָניע. ער האָט זיך אָנגעצונדן ווי א שטרוי...

— א זון פון א ראָוו, און אליין א קאָפּ... איינער אין דער וועלט. איר מעגט אויספאָרן גאַנץ מעדינאַס ליטע און קיניגרײַך פּוילן, וועט איר נאָך אזא ניט געפינען. וואָסי? איך ווייס ניט, וואָס אזא נאָגיד דארף האָבן?

— רעב ייִד, זײַט זיך ניט מאטריַעך. — פון די גרויע אויגן האָט א שפּאר געטאָן אפן שאדכן קאלטער שפּאָט. — איך ווייס בעסער פאר אײַך, וואָס איך קאָן זיך פארגינען.

איבער דער שמאָלער דײַטשער גאס האָט זיך געטראָגן א בריטשקע, געשפּאנט אין צוויי היציקע פערד. מענטשן האָבן זיך געוואָרפן פון ברוק אף די שמאָלע טראָטוארן און מיט לאנגע בליקן נאָכגעפאָלגט די בריטשקע.

אלע האָבן נאָך געדענקט דעם פאל, ווען אין עפּעס א שמאָל געסל האָבן זיך געטראָפן אָפּאטאָווס קארעטע מיטן עקיפּאַזש פון דעם פּאָליצײַמייסטער. עמעצער האָט געמוזט אָפּטרעטן.

— איי, דו, יידל, אראָפּ פון וועג! — האָט א געשריי געטאָן דער פּאָליצמייסטער.

אָפּאטאָוו איז, ניט ריידנדיק קיין וואָרט, אראָפּגעשפּרונגען פון זײַן קארעטע, צוגעגאנגען צום פּאָליצמייסטער און אָנגעפּאטשט אים די צורע.

דער פּאָליצמייסטער האָט דערנאָך געטומלט, זיך געקלאָגט אין פּעטערבורג. ס׳האָט אים קיין זאך ניט געהאָלפן. סאָפּקאָלסאָף האָט ער געמוזט פון גרויס כארפּע בעטן, מ׳זאָל אים אריבערפירן אין אן אנדער שטאָט.

דער דאָזיקער פאל האָט אופגעריסן די אויגן פון דער שטאָט אף אָפּאטאָוון. ווער איז ער, דער דאָזיקער ייִדה, וואָס האָט געקראָגן אזא קויעך? געווען א ייִנגל א באָסיאַק, זיך ארומגעדרייט אין שול־הויף, געפּוצט שטיוול — און אָט איז ער שוין דער גרעסטער נאָגיד אין שטאָט, דער דייעזאָגער אין דער קעהילע, דער טאקיף, וואָס פאר זײַן וואָרט ציטערן באלעבאטים און ראבאָנים. און ווו? אין ווילנע, דער שטאָט פון רוכניעס, ווו מע שעצט א לאמדן, א מאסקיל, א מענטש מיט בילדונג.

א ייִד אין א לאנגער קאפּאָטע, מיט פּייעס, וואָס קרײַזלען זיך פון צופּן זיי בייסן לערנען, דריקט זיך צו א דערשראָקענער צו דער וואנט. ער קוקט אפן שמאָלן פּראָפיל, ענלעך צו א רויבפויגל, פון דעם, וואָס זיצט אין דער בריטשקע, און טוט א זיפץ, ווי באַם לייענען קויהעלעס:

— ריבוינעשעלוילעם, מיט וואָס האָבן מיר זיך פארזינדיקט פאר דיר, וואָס אָנשטאָט דעם ווילנער גאָען זאָל היינט זײַן דער גאָדל־בעדאָר א גראָבער יונג, אן אָפּאטאָוו?..

די בריטשקע רײַסט זיך ארויס פון ענגן שטיינערנעם קאָרידאָר אף דער פרײַ, בייגט ארום די מעגושעמדיקע געבײַדע פון דער שטאָט־פארוואלטונג און שנײַדט זיך ווידער ארײַן אין אן ענג געסל, ווו אײַנגעפאלענע טויערן גלאָצן אף דער וועלט, ווי מײַלער אין א קרומען גענעץ. בא איינעם אזא טויער ציט דער קוטשער אָן די לייצעס, און די פערד בלײַבן שטיין. א כאָפּטע קינדער, ווי אויסגעוואקסן פון דער ערד, רינגלט טייקעף ארום

די בריטשקע און קוקט מיט הייסע קײַלעכדיקע אויגן אף דעם פּאַרעץ און אף די פערדלעך. אָפּאטאָוו שפרינגט אראָפּ פון דער דראָזשקע — אירע פרוזשינעס בייגן זיך אײַן, ווי זיי וואָלטן אים העלפן אראָפּגיין, — און גייט ארײַן אין הויף. דער הויף איז א לאנגער און א שמאָלער, פון אלע זײַטן ארומגעבויט מיט פינצטערע, אין דער ערד ארײַנגעוואקסענע מויערן. אין דער טיף פון הויף שטייט דער עלטסטער און אײַנגעזונקענסטער מויער. פוןביידע זײַטן הויקערן זיך אָפענע הילצערנע שטיגן מיט קרומע פּאַרענטשעס, וואָס פירן אין די אַנצאָליקע קאמערן פון זײַן דרײַגאָרנדיקן אינגעווייד.

פון איינער א טיר שפרינגט ארויס דער פארוואלטער. ער האלט אינמיטן קײַען און לויפט צו א פארסאָפּעטער צו אָפּאטאָוון.

— גוטמאָרגן, באלעבאָס! — ער טרייסלט אָפּ פון בערדל די ברעקלעך און קוקט זיך ארום מיט אומרויִקע אויגן.

אָפּאטאָוו ווינקט מיטן קאָפּ און גייט ווײַטער.

— פאריכט די טרעפּ?

— פאריכט, פאריכט. ווי דען?

אפן שווארצן געהילץ פון די טרעפּ בלאנקען דאָ און דאָרט פרישע ברעטער. אָפּאטאָוו לאָזט זיך איבער די שטיגן, שאָקלענדיק פון צײַט צו צײַט די פּאָרענטשעס, ווי ער וואָלט פּרווון זייער פעסטקײַט.

— דעם דאך פאריכט?

— ווי דען?.. ווי דען?.. אליין ניט אראָפּגעקראָכן פון דאך...

דער באלעבאָס מיטן פארוואלטער גייען דאן ארײַן אין עטלעכע דירעס. גייען ארײַן פּאַשעט אזוי, ניט אָנקלאָפּנדיק אין טיר און ניט אנטשולדיקנדיק זיך. אָפּאטאָוו שטורכעט מיט זײַן שטעקן אין די ווענט, אין סופיט, הערט אויס די טײַנעס פון די שכיינים און מישט זיך ניט, בייס יענע זידלען דעם פארוואלטער.

זיי זײַנען געגאנגען ווײַטער. דער פארוואלטער איז שוין געקומען צו־זיך פון דער אומגעריכטער רעוויזיע און אָנגעהויבן ציִען א ניגן וועגן זײַנע אייגענע נויטן. אָפּאטאָוו איז פּלוצלינג שטיין געבליבן בא א טיר:

— דאָ וווינט די אלמאָנע כאנע?

— דאָ.

אָפּאטאָוו האָט געעפנט די טיר. זיי זײַנען ביידע ארײַן.

אין קיך איז געווען ציכטיק. פאר זיי איז געשטאנען אן אויסגעטריקנטע אלטיטשקע מיט א דין פּאָנעם און אויגן, וואָס האָבן נאָך ניט אינגאנצן פארלאָרן זייער גלאנץ.

— גוטמאָרגן! נו, ס׳רינט ניט מער בא אײַך?

— ניין, ס׳רינט ניט מער. א דאנק.

אָפּאטאָוו האָט אופגעהויבן זײַן שטעקן און א שטורכע געטאָן אין דער נידעריקער סטעליע. עטלעכע שטיקלעך קאלך האָבן זיך אָפּגעשיילט פון סופיט און זיך פּאַמעלעך אראָפּגעלאָזט אף דער פּאָדלאָגע. אָפּאטאָוו האָט פארלעגן א קוק געטאָן אף דער יידענע.

— ס׳מאכט ניט אויס. כ׳וועל אָפּווישן. — אירע טרוקענע ליפּן האָט באַרירט א קוים מערקבארער שמייכל.

אַפּאַטאָוו האָט זיך אַרומגעקוקט.

— מ׳וואָלט געדאַרפט בא אײַך אויסקאַלכן. — און אַ קוק געטאָן אַפן פּאַרוואַלטער.

— אַ דאַנק. אַ דאַנק...

— כ׳מיין, ס׳קומען אַרײַן צו אײַך מענטשן...

— איר מיינט דעם זון? — האָט די ייִדענע אָנגעקוואָלן. — זעצט זיך, זײַט אַזוי גוט.

— נו, יאָ, דער זון...

— ער איז דאָך איצט ניטאָ. ער קומט אין אַ כוידעש אַרום.

— אין אַ כוידעש אַרום? דאַרף מען דאָך אַוודע אויסקאַלכן.

— יאָ, אַזוי האָט ער מיר געשריבן. ער ט׳האָבן קאַניקולעס.

— פֿײַן, פֿײַן. מאַליאַרעס וועל איך אײַך צושיקן, קאָלירן מאַכט זיך, וועלכע איר ווילט. אין אַ כוידעש אַרום, זאָגט איר? נו, מ׳עט זיך דאַרפן צוײַלן. — ער האָט אַ שאַרפן בליק געטאָן אַפן פּאַרוואַלטער.

שוין שטייענדיק אין דער טיר, האָט אַפּאַטאָוו זיך פּאַמעלעך אויסגעקערעוועט:

— יאָ. שיר ניט פֿאַרגעסן. אַז ער וועט קומען, זאָגט אים, ער זאָל אַרײַנקומען צו מיר. איך דאַרף אים פֿרעגן מעווינעס. כ׳האָב געקויפט פֿאַר מײַן טאָכטער אַ שטיקל צירונג. וויל איך וויסן, צי ס׳איז טאַקע אַזאַ מין אַנטיק, ווי מ׳זאָגט. הערסט? — צום פּאַרוואַלטער. — וועסט אים ברענגען צו מיר.

דעם פּאַרוואַלטערס שיטערע ברעמען זײַנען אַרופֿגעקראָכן אַפן סאַמע שטערן. אין דער ייִדענעס שוואַרצע אויגן האָט אויפֿגעבליצט אַ קלוגיטשקער פֿונק.

אין אַ כוידעש אַרום איז אַ יונגערמאַן אַרײַן צו אַפּאַטאָוון.

— מיך האָט געשיקט צו אײַך אײַער פּאַרוואַלטער. ער ט׳געזאָגט, איר ווילט מיר עפּעס ווײַזן.

פֿאַר אַפּאַטאָוון איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן אין אַ סטודענטישער טוזשורקע. ער איז געווען אַ דאַרער, אַ זשוואָוער, פֿון אַ מיטעלן ווּקס. זײַן שמאָל פּאָנעם האָט אַרומגערעמלט אַ דין קוטשעראַוו בערדל. טיף אונטער די געדיכטע ברעמען זײַנען געלעגן גלאַנציק־שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן מיט אַ שטרענגער און קלוגער פֿאַרשערישקײַט געקוקט אַף דער וועלט.

אַפּאַטאָוו האָט געבעטן דעם גאַסט זיצן. יאָ, ער האָט אים אַרויסגערופֿן. ער דאַרף אים עפּעס ווײַזן אַף מעווינעס. עמעס, ער, אַפּאַטאָוו, ווייסט, אַז ס׳איז ניט אינגאַנצן דעם יונגנמאַנס ספּעציאַליטעט... ער לערנט זיך דאָך קנעטן פֿון ליים מענטשן... סקולפּטור הייסט עס...

אַפּאַטאָוו האָט גערעדט ניט שאַרף און באַפּעלעריש, ווי זײַן שטייגער איז געווען, נאָר זוכנדיק די ווערטער און אויסקלײַבנדיק די אויסדרוקן. בײַסמײַסע האָט ער באַטראַכט דעם יונגנמאַן. יאָ, אַזוי האָט ער אים זיך פֿאָרגעשטעלט: אַ טרוקן, ענערגיש פּאָנעם, אַ שאַרפֿער פֿאַרשערישער

בליק. דער מויעך ארבעט, דאָס זעט מען... און וואָס האָבן זיי: א זון פון א ראָוו...

אויך דער יונגערמאַן האָט באקוקט אָפּאַטאָוון, וועגן וועלכן ער האָט א סאך געהערט, אָבער קיינמאָל ניט געהאט די מעגלעכקייט אים צו באטראכטן פון דער נאָענט. אנפּאס — א פּאָנעם פון א שטארקער, הערשערישער נאטור. א שאָד, וואָס ער קאָן זיך ניט אופהייבן און א קוק טאָן אף אים אין פּראָפיל. אין פּראָפיל דארף ער אויסזען גאָר אינטערעסאנט. ווי א רויבפויגל. אזא פּאָנעם האָט זיך אים געמאָלט אין דימיען, בייס ער האָט אנומלט אין פּעטערבורג געקלערט וועגן איוואן דעם פּערטן, דעם גרויזאמען זעלבסטהערשער פון רוסלאנד. דער יונגערמאַן האָט דערשפּירט אין די שפּיץ פינגער מאמעש א שטעכעניש: אזוי האָבן זיך זיינע פינגער פארבענקט נאָך ליים.

— אָט וועל איך אייך באלד ווייזן, — האָט געזאָגט דער באלעבאָס.

ער האָט זיך אופגעהויבן און געעפנט די טיר, וואָס פירט אין די אינוויייניקסטע כאדאָרים.

— כאנע, קום ארייַן!

„כאנע, — האָט מעכאניש אָפּגעמערקט דער יונגערמאַן, — אזוי ווי מייַן מאמע".

אין צימער איז ארייַן א יונג מיידל. מיט עפּעס־וואָס איז זי געווען ענלעך אפן פאָטער. נאָר די נאטור האָט דאָ אָפּגעווישט די רויבערישע הערשערישקייַט און אָנשטאָט דעם איר געגעבן מיידלשן כיין, וואָס האָט געקאָנט זייַן אי האכנאָעדיק, אי באצווינגעריש.

דער יונגערמאַן האָט זיך פארבייגט. אפן ווונק פון פאָטער האָט דאָס מיידל געמאכט עטלעכע טריט צום יונגנמאַן. ער האָט זיך אייַנגעבויגן מיט א באשעפטיקטער מינע, אָנגערירט דעם גרויסן געקינצלטן בראסלעט אף איר האנט.

דאָס מיידל איז פלוצלינג רויט געוואָרן.

אָפּאטאָוו איז געזעסן אין זייַן לענשטול און געקוקט אף דעם פּאָרל. ער האָט געטראכט: „אז מע איז מיט א קאָפּ העכער פון אנדערע, זעט מען אין האמוין א מענטש, וואָס איז אויך מיט א קאָפּ העכער פון אנדערע, און מע קאָן זיך פארגינען אייַנהאנדלען אים. פונדעסטוועגן וועט מען זיך דארפן ווענדן צו יאנקל קאנגיסערן".

די כאסענע איז געווען קעיאד־האמעלעך. אינעם זאל פון גרעסטן רעסטאָראן אף געאָרגיעווסקע איז געווען סערווירט א טיש אין דער פאָרם פון א „ח". אפן טיש איז געשטאנען פון קאָלטווו, און סארווערנס אין ווייַסע שירצן און אָנגעקראָכמאלעטע הייבעלעך אפן קאָפּ האָבן אונטערגעטראָגן נאָך און נאָך. אין דער טיף פון זאל האָט זיך פאנאנדערגעלייגט מיט זייַנע קיילים דער אָרקעסטער, וואָס האָט ניט גערוט קיין מינוט — דאָ איז ער זיך פארגאנגען אין מעסוקן זיסע ניגונים, דאָ האָט ער געפּראוועט אזעלכע מעשוגענע שטיק, אז די פיס האָבן זיך אליין געהויבן.

אָנגעפירט מיט דער סימכע האָט יאַנקל קאַנגיסער. זײַן לינק אויג איז געווען האַלב פאַרמאַכט פון טײַנעג, דערפאַר האָט דאָס רעכטע געפינטלט, געטאַנצט, געשפּרונגען, ווי קוועקזילבער. זײַן מויל האָט זיך ניט פאַרמאַכט אַף אַ רעגע — אָט ברומט ער ווי אַ פּויק, אָט דערלאַנגט ער אַ געמאָרע־ניגן, און אָט שיט זיך באַדכאָנעס. די גרויסע באַלעבאַטים, וואָס זיצן אויבנאָן, שאָקלען צו מעווינעש מיט די בערד און מיט די יאַרמלקעס, דער פּראָסטער עולעם אַף די עקן טיש קײַכט פון געלעכטער.

סאַמע אויבנאָן — אַף דער שמאָלער זײַט פון „ח״ — זײַנען געזעסן כאָסן־קאַלע. לעבן זיי פון איין זײַט — די אַלמאָנע כאַנע און דער ראָוו, אַ שווײַגנדיקער האַדרעספּאָנעמדיקער ייִד אין אַ זעקסשפּיציקן שטרײַמל, אויסגענייט מיט זילבער. פון דער אַנדערער זײַט — אָפּאַטאָוו מיט זײַן פרוי און דער דײַען, אַ ייִד מיט קרענקלעכע צונטער־רויטע באַקן, וועלכער האָט זיך געמיט אונטערצוזינגען, נאָר ס׳האָט אים נעבעך אויסגעפעלט אָטעם.

אָפּאַטאָוו איז געזעסן אַ פריילעכער. ס׳האָט פון אים געשפּאַרט די גײַוועדיקע סימכע. אַף צעפּיקעניש אָט די אַלע אָנגעבלאָזענע אינדיקעס האָט ער גענומען פאַר אַן איידעם ניט קיין ווויל־לערנער, ניט קיין מענטשן פון ייִכעס, נאָר אַ פּאָשעטן באָכער, בײַשער־בעכיין דער באָכער האָט אַ געקרײַזלט בערדל, אַ שאַרפן בליק און גאָלדענע הענט, וואָס וועלן נאָך דער וועלט באַווײַזן ניסים. דאָס קאָנען זיי מיט זייערע שמאָלע קעפּ ניט טויפעס זײַן. ער, אָפּאַטאָוו, וועט באַקומען קייפל־קיפלאַיִם פון דעם געשעפט.

עס שטייט זיי ניט אָן דער שידעך, וואָס זייער פּאַרנעס־גאָדל האָט געשלאָסן? זאָל אים די שטאָט מעגאַשעק זײַן... ער איז אָפּאַטאָוו, און אָפּאַטאָוו ווייסט, וואָס ער טוט. פון אויסגעטרונקענעם ווײַן פלאַמט בײַ אים דאָס פּאָנעם. אַף דער צונג דרייען זיך שאַרפע ווערטער, וואָס ער וואָלט זיי אַרײַנגעשלײַדערט אין די געכאָוועטע בערד. נאָר דאָס ווײַב זײַנס האָט ניט אַראָפּגעלאָזט פון אים די אויגן. זי האָט שטילערהייט געצופּט אים פאַר דער פּאָלע, ער זאָל שטיל זײַן: שטאָט וועט טאַקע אַלץ אַראָפּשלינגען, וואָס ער וועט אָנקײַען, אָבער הײַנט איז ניט זײַן טאָג. הײַנט איז דער טאָג פון די קינדער. מ׳טאָר זיי ניט מעוואַיעש זײַן.

דער כאָסן איז געזעסן אַ ביסל אַ צעטומלטער. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט ניט אינגאַנצן געקומען צו־זיך נאָך די שטורמישע געשעענישן פון די לעצטע פּאָר וואָכן. די קאַלע קען ער קימאַט ניט. נאָר וואָס איז דער כידעש? ער האָט נאָר אַ פּאָר מאָל געזען די קאַלע, אָבער סראָוו זעט דאָך ניט דער באָכער דאָס מיידל ביז צו דעם כאַסענע־טאָג. אַלץ טוען אָפּ טאַטע־מאַמע. און אַז זײַן מאַמע איז גליקלעך, דאָס האָט ער געזען. אָט זיצט זי אַ שײַנענדיקע, אַ ייִנגער־געוואָרענע און רירט זיך פון צײַט צו צײַט צו צו איר געראָטענעם זון, ווי זי וואָלט זיך וועלן איבערצײַגן, צי ס׳איז טאַקע וואָר, צי עפּשער גאָר אַ פּוסטער כאָלעם.

דער יונגערמאַן האָט זיך געפרייט מיט דער פרייד פון זײַן מאַמען. ער האָט זי שטילערהייט אַ גלעט געטאָן מיט דער לינקער האַנט. דאַן

האָט ער באהאַלטענערהייט א קער געטאָן זײַן בליק אַף רעכטס. צי וועט אים די נײַע כאַנע אַזוי ליב און אייגן ווערן, ווי די אַלטע?

ער האָט פּאַמעלעך אָנגערירט זיך אונטערן טישטעך צו זײַן קאַלע און א גלעט געטאָן זי איבער דער קני. דאָס פּאָנעם פון דער קאַלע האָט זיך אָנגעגאָסן מיט געדיכטער רויטער פאַרב, און מאַרק אַנטאָקאָלסקיס קינסט־לעריש אויג האָט דערזען א נעס: אין דעם מאָמענט איז פאַרשוווּנדן דאָס שעמעוודיקע, צאַרטע מיידל און ס'איז געבוירן געוואָרן די רײַפע פרוי.

אומגעריכט פאַר זיך אַליין האָט ער זיך אָנגעבויגן און א קוש געטאָן זײַן באַשערטע אין דער רויטער באַק. דער שווײַגנדיקער ראָוו האָט זיך אָפּגעקערט, ניט צו זען די כאַרפּע, יאַרמלקעס מיט בערד האָבן זיך טאָד־לענדיק צעשאָקלט, נאָר אַף די ווײַטע עקן פון טיש, ווו ס'איז געזעסן כאָסנס־צאַד — יאַטקעווער גאַס און שלאָסער־גאַס, — האָט מען זיך פריי־לעך פאַנאַנדערגעשריִען.

2. די לעווייַע

אַף דער איצטיקער שמאָלער גאָרקי־גאַס (אַמאָל האָט זי געהייסן די „ברייטע גאַס", ווײַל אין אַלטשטאָט איז זי געווען די ברייטסטע) שטייט פאַרקוועטשט צווישן אַלטע מויערן אַ קלויסטער מיט געצאַצקעטע טורעמלעך און קופּאָלן. ער מאַכט דעם אײַנדרוק פון אַן אַלטער רוסישער „קופּטשיכע", וואָס האָט זיך אויסגעפּוצט אַף זונטיק אין איר יאָמטעוודיקן סאַלאָפּ און אָנגעטאָן אַפן קאָפּ דעם אָפּגעבליאַקעוועטן הוט פון מעסושעלעכס צײַטן.

אין הויף פון דעם קלויסטער שטייט אַ דרײַגאָרנדיקער מויער, וואָס איז מיסטאַמע אין איין עלטער מיט דעם קלויסטער. נאָר ער איז ניט זונטיקדיק פאַרפּוצט. אַ פינצטערער, מיט אָפּגעשפּאָלטענעם טינק און פאַרוואַקסענע מיט שטויב פענצטער, זעט ער אויס ווי אַן אויסגעהאָרע־וועטער האָרעפּאַשניק אַף דער עלטער. אין דעם דאָזיקן הויז האָט מיט אַ סאַך יאָרן צוריק געווינט דער גאַלעך פון דעם קלויסטער איוואַן שווערובאָוויטש. בײַ אים איז געוואַקסן אַ זון וואַסיע — אין יענע יאָרן איז ער געווען נאָך אַ גימנאַזיסט. מיט יאָרן שפּעטער איז אָט דער וואַסיע, אונטערן נאָמען קאַטשאַלאָוו, געוואָרן דער ניט־געקרוינטער קיניג פון רוסישן טעאַטער.

דער גאַלעך און זײַן פרוי זײַנען געווען שטילע לײַטזעליקע מענטשן. לעבנדיק אין אַ ייִדישער געגנט, האָבן זיי זיך געפרײַנדעט מיט ייִדן, גוט געקענט זייער לעבנשטייגער און האָלט געהאַט ייִדישע ניגונים און לי־דער. דעם גאַלעך פלעגט מען אָפּט רופן אַף שׂימחות און כאַסענעס, און ער פלעגט גערן גיין אַהין, ניט מעוואַזע זײַענדיק ניט די געפילטע פיש און ניט דעם ייִדישן ניגון. ס'פלעגט אויך פּאַסירן, אַז נאָך אַ גוטער קויסע פלעגט ער כאַפּן אַ ריקעדל מיט אַ ייִדענע אין אַ ברייטער קרינאָלינע.

באַזונדערס באַפרײַנדעט איז דער גאַלעך שווערובאָוויטש געווען מיטן שנײַדער סראָליק שמוקלער. דאָס איז געווען אַ דאַר ייִדל מיט אַן אײַנ־געפאַלענער ברוסט, אַ גרויסער ליבהאָבער פון נעגינע און אַליין אויך אַ מענאַגן. אַז דער גאַלעך פלעגט אָוונט־צײַט שפּאַצירן איבער די געסלעך, צוקערנדיק מיט זײַן לאַנגער ריאַסע די שמאָלע הילצערנע טראָטוארן, פלעגט ער אָפּט פאַרקערעווען צו סראָליקס שטוב אַף טראָקער גאַס. ניט אויסטוענדיק זײַן שוואַרצן קײַלעכדיקן הוט, — ער האָט געאַכטעט דעם ייִדישן מינהעג, — פלעגט ער זיך צוזעצן און אײַנהערן, ווי סראָליק און זײַנע צוויי געזעלן צעגייען זיך אַף דער אַרבעט אין שירע.

די פּרײַנטשאַפט האָט זיך געצויגן יאָרן. נאָר איינמאָל האָט סראָליק געכאַפּט א בלוטשטורץ און אין איין קעהערעף־אײַען איז ער ניט געוואָרן.

צומאָרגנס האָט זיך אַן אָרעמע לעווײַע געצויגן איבער די ווילנער גאַסן. צופעליק האָט באַגעגנט די לעווײַע דער גאַלעך איוואַן שווערובאָ־וויטש. אין אוילעם, וואָס האָט באַגלייט דעם אָרן, האָט ער דערזען באַ־קאַנטע פּנעמער. דערשפּירנדיק אַן אומרו, האָט ער אָפּגעשטעלט א ייִדן:

— ווער איז עס געשטאָרבן?

— סראָליק שמוקלער.

— דער שנײַדער? פון טראָקער גאַס? — איז אופגעציטערט געוואָרן דער גאַלעך.

די ייִדן האָבן אָן ווערטער זיך א רוק געטאָן, און דער גאַלעך האָט זיך אײַנגעגלידערט אין דער ריי.

ער איז א ווײַלע געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, דאַן האָט ער זיך אומרויִק ארומגעקוקט. אף דער גאַס איז געגאַנגען א באַקאַנט ייִנגל. ער האָט אים צוגערופן:

— דו, וואַנקע, לויף גיכער צו מיר אין שטוב און זאָג דער „מאַטוש־קע", אַז סראָליק שמוקלער איז געשטאָרבן. זאָל זי גיכער קומען צו דער לעווײַע.

דאָס ייִנגל איז פײַל־פון־בויגן אוועקגעלאָפן. אין א ווײַלע ארום איז ער שוין געשטאַנען א פאַרסאָפּעטער פאַר דער טיר פון דעם גאַלעכס דירע און גערעדט צו דער „מאַטושקע":

— דער „באַטיושקע" גייט איצטער אף דער לעווײַע. ער האָט אײַך אויך באַפוילן צו קומען. ס'איז געשטאָרבן... ע־ע־ע... געשטאָרבן... — נאָר דעם נאָמען פון געשטאָרבענעם האָט ער שוין פאַרגעסן.

פאַר דער „מאַטושקע" איז שוין דער נאָמען געווען ניט וויכטיק. זי האָט געוווסט, וואָס זי האָט צו טאָן.

— וואַסיאַ, — האָט זי א רוף געטאָן איר זון, — גיי לויף צום דיאַק, ער זאָל קלינגען צו דער לעווײַע. — און אליין איז זי אוועקגעלאָפן אף דער לעווײַע.

וואַסיע האָט ניט באַוויזן צו עפענען דאָס מויל, ווי די מאַמע איז ניט געוואָרן. א ווײַלע איז ער געשטאַנען א פאַרטראַכטער. זאָל ער אויספילן דער מאַמעס באַפעל, צי ניט? ער האָט יאָ געוווסט, וועמען מע פירט איצט צו קווורע. פאַר זײַנע אויגן איז אופגעשווומען סראָליק שמוקלערס פּאָנעם. וויפל מאָל האָט ער מיט אומגעהײערן שטוינען געקוקט אפן בלאַסן פּאָנעם, אף דער אײַנגעפאַלענער ברוסט פונעם שנײַדערל. מיט אַזאַ פּאָנעם, מיט אַזאַ ברוסט האָט מען, דוכט זיך, געדאַרפט ארומגיין אין א וויסטער מאַרעשכוירע. הייבט זיך ניט אָן! אין דעם שנײַדערס קליינע שוואַרצע אייגעלעך זײַנען שטענדיק ארומגעשפּרונגען פרייליכע שיידימלעך, און פון דער אײַנגעפאַלענער ברוסט האָט זיך געטראָגן א שטימע, עמעס א ביסל א הייזעריקלעכע, אָבער וויפל כיין, וואָס פאַר א בייגעוודיקײַט, וואָס פאַר א זינגעוודיקײַט זי האָט פאַרמאָגט!

וואַסיע האָט א קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס. זײַן פּופּצניאָריק פריש פּאָנעם האָט זיך פלוצלינג אָנגעגאָסן מיט שטיפערישקײַט. וויבאַלד

די מאמע האָט געהייסן... אָבער דעם דיאַק דאַרף מען ניט... ער, וואַסיע, פֿאַרשטייט זיך בעסער אויף אַזעלכע מענטשן, ווי ס'איז געווען דער שנײַדער סראָליק שמוקלער...

און אָט האָבן זיך די גלאָקן פֿון דעם קלויסטער צעקלונגען אויף דער גאַנצער שטאָט.

ס'איז געווען ניט קיין געוויינלעכער גלאָקן־געקלאַנג. דער גרויסער גלאָק האָט באַסאָווע געקלונגען, אָנזאָגנדיק דער שטאָט אַ טרויעריקע בשורה. אָבער אין דעם באַסאָוון טרויער האָבן זיך אַרײַנגעגאָסן דריבנע טענער פֿון די קלענערע גלאָקן, וואָס האָבן דערציילט פֿון עוויקע־נישער פֿרייִלעכקייט, פֿון לעבנסלוסטיקן ביטאָכן, פֿון אַ נעגינע, וואָס האָט אויס־געהויכט איר נעשאָמע אין אַ פֿינצטערן מויער אויף אַן איפּעשדיקן ווילנער הויף.

טראָפֿנס שוויס האָבן באַדעקט וואַסיעס שטערן. נאָר ער האָט ניט געהאַט קיין צײַט זיי אָפּצווישן. ער האָט געאַרבעט מיט ביידע הענט, ווײַל פֿון עפּעס אַן אומבאַקאַנטער טיף זײַנען אים אויפֿגעשוווּמען אַלץ נײַע און נײַע קלאַנגען — שטיקלעך פֿון פּראַוואָסלאַוונער ליטורגיע, ברעקלעך פֿון שאַבעסדיקע טפֿילעס, שפּליטערס פֿון קאַטוילישע רעקוויעמס, אָפּקלאַנגען פֿון כסידישע ניגונים — און אַלע האָבן זיי זיך געשטופּט און געזוכט אַ טיקן אין דער שפּיל פֿון די צעבושעוועטע גלאָקן.

די לעווײַע פֿון סראָליק שמוקלער האָט זיך געשלענגלט דורך די שמאָלע געסלעך צום ייִדישן בעסוילעם אויף זאַרעטשיע, און די גלעקער האָבן געבעטן אַ ליכטיקן גאַניידן פֿאַר אים, זיך וווּנדנדיק צו עפּעס אַ נײַעם גאָט, וואָס דאָס ייִנגל וואַסיע האָט אויסגעשפּילט מיט זײַנע הענט אין דער הייך, אויפֿן גלאָקן־טורעם.

3. א דרײַערל אַף שאַבעס

דער קורצערווינטער־טאָג גייט אויס.

דאָס קאַרגע ליכט, וואָס האָט א גאַנצן טאָג זיך דורכגעזײַט דורך די פֿאַרשטויבטע שויבן פֿון דער דרוקערײַ, ווערט גרויער און גרויער, אָט זעט מען שוין באַלד ניט קיין צורעס־אָס. נאָר די שוואַרצע שאָטנס, וואָס שאָקלען זיך איבער די שריפֿט־קאַסעס, ווי א יעשיוועבאָכער איבערן שטענדער, אַרט עס ווייניק: זיי קענען אַף אויסווייניק דעם טעקסט, זיי קענען אַף אויסווייניק די קאַסע. די האַנט שטרעקט זיך פֿון זיך אַליין אין דער נייטיקער צעל פֿון דער קאַסע, און אָס נאָך אָס לייגן זיך די הייליקע פּסוקים אין די ווערסטאַטקעס.

ס׳איז שוין שפּעט. מע שטייט שוין אַזוי פֿון באַגינען אָן בא דער קאַסע. די פֿיס ברעכן, די האַנט איז שוין מיד, און דער איקער — די קאַוואָנע, די קאַוואָנע... אַז ס׳טוט זיך אָפּ די קאַוואָנע, צי קאָן מען דען ווײַטער אַרבעטן? שוין אָפּגערעדט דערפֿון, וואָס מע קאָן פֿאַרבײַטן א וואָוו מיט א שורוק. צי איז עס ביכלאַל ניט קיין אַוויירע צו זעצן די הייליקע שריפֿט אָן קאַוואָנע?

די זעצערס קוקן זיך איבער איינער מיטן אַנדערן, און אַלע צוזאַמען וואַרפֿן באַהאַלטענע בליקן אַף רעב עליע־כאָנען, וואָס שאָקלט זיך אויבנאָן באַם מיטלסטן גרויסן פֿענצטער. אָן אײַזערנער מענטש אָט דער עליע־כאָנע! שוין דרײַסיק יאָר, ווי ער אָטעמט אַרײַן אין זיך דעם בלײַענעם שטויב פֿון „דפֿוס האַאַלמאָנאָ וועהאַאָכים ראָם״ — „די דרוקערײַ פֿון דער אַלמאָנע און ברידער ראָם״, און אַזוי ווי קיינמאָל גאָרניט. די בעקעלעך מיט די דינע זאַפֿראַן־פֿעדעמלעך רויט, די ליפּן פֿריש, ווי בא א יונג מיידל, און אין די בלויע טמימעסדיקע אויגן דווייקעס: יעדער נײַער פּאָסעק, וואָס ער זעצט אויס, איז פֿאַר אים א מאַטן־טוירע. דוכט זיך, אַז מ׳וואָלט אים גאָרנישט ניט געצאָלט, וואָלט ער סײַווי געגאַנגען אין דרוק און געזעצט טוירע. נאָר דאַפֿקע אים צאָלט די אַלמאָנע ראָם מער ווי אַנדערע זעצערס, און בייס זי דאַרף אויסמוסערן אָן אַרבעטער, פֿאַרגלאָצט זי די אויגן צום סופֿיט און זאָגט מיט א פֿרומען זיפֿץ: „אָ, רעב עליע־כאָנע! האַלעווײַ וואָלטן אַלע געווען אַזוי גאָטספֿאָרכטיק, ווי ער!״ זי איז איבערצײַגט, די אַלמאָנע, אַז אַרבעטנדיק בא איר אין דרוקערײַ, פֿאַרדינט מען אוילעמהאַבע, איז וואָס איז דאָ שײַעך צו ריידן וועגן גראָשנס?

נאָר די שאָ איז שוין א שפּעטע. און אָט איז עליע־כאָנע אויך מאַפּסיק.

ער לייגט אוועק די ווערסטאטקע, הוסט זיך אָפּ און דרייט זיך אויס צום אוילעם:

— ראבויסײַ! צײַט צו מינכע! כאצקל! כאצקל!

עס עפנט זיך די טיר, און עס הינקט ארײַן דער מעשאָרעס. כאצקל איז א געוועזענער ניקאָלײַעווסקער סאָלדאט און גייט אָף א קוליע. ער איז א ווײַטער קאָרעוו פון דער אלמאָנע און טוט די שווארצע ארבעט אין דער דרוקערײַ. ביז די זעצערס שטופן זיך באם בעקן און וואשן זיך די הענט, הינקט כאצקל, קלאפנדיק מיט זײַן קוליע, פון איין אר־בעטס־אָרט צום אנדערן און צינדט אָן בא יעדער קאסע די קעראָסין־לעמפלעך.

אין גרויסן ציידער ווערט ליכטיק. די שמאָלע פענצטער פארצײַען זיך מיט א געדיכטער שווארצקײַט. פון אונטערשטן שטאָק הייבט זיך אוף א רוישיקע קאָמפּאניע — די ארבעטער בא די מאשינעס. זייער באוועגן זיך צעשטערט די גאָטספאָרכטיקע שטילקײַט, נאָר די יונגען וויסן זייער אָרט און שטופן זיך ניט אויבנאָן.

עליע־כאָנע גייט צו צום אָמעד, וואָס שטייט אין דער מיט פון דער מיזרעך־וואנט, און גיט א קלאפּ מיט זײַן שמאָלער האנט איבערן בא־לעמער. עס ווערט שטיל. עליע־כאָנע באקוקט דעם אוילעם און צעברומט זיך אומצופרידן: „מ־מ־מ״, ווײַזנדיק מיט די אויגן אָף אונטער די טרעפּ.

דאָס מיינט ער, אז מ׳דארף רופן דעם קאָרעקטאָר, וואָס זיצט אין זײַן באזונדער קעמערל אונטער די טרעפּ.

עמעצער עפנט די טיר און גיט א געשריי:

— אײַזיק־מייער! אײַזיק־מייער! צו מינכע!

ס׳קומט ארײַן דער קאָרעקטאָר. די דרוקער־יונגען טרעטן אים אָפּ דעם וועג, און אויך די זעצערס נעמען אים אוף מיט דערעכערעץ, דאָ שעצט מען יעדן לויט זײַן באהאוונטקײַט אין די שווארצע פּינטעלעך, און דער קאָרעקטאָר איז ניט נאָר דער באהאוונטסטער פון זיי אין טוירע און דיקדעק, נאָר אויך דער געבילדעטסטער אין דוואָרים־כיצוינים. דערבײַ איז ער גוטמוטיק און צוגענגלעך פאר אלעמען, דעריקער פארן פּראָסטן אוילעם. דער קאָרעקטאָר שרײַבט מײַסעלעך אָף פּראָסט יידיש, און אמכאָ לעקט די פינגער פון זײַנע סיפּורים.

נאָך מינכע גייען זיך די זעצערס פאנאנדער אָף זייערע ערטער. דער ארבעטסטאָג דויערט ביז מײַרעוו, און ביז מײַרעוו איז נאָך א היפּשע שאָ צײַט. די דרוקער־יונגען און דער קאָרעקטאָר גייען ארויס אָף די טרעפּ.

— רעב אײַזיק־מייער! מיר האָבן שוין לאנג ניט געדרוקט אײַערע א מײַסעו!

— וואָסי? איר האָט ניט וואָס צו דרוקן? איר זײַט, דוכט זיך, פאר־וואָרפן מיט כומאָשים און מאכזיירים...

— אָבער אז מע דרוקט אײַערע א מײַסע, קלאפּן די מאשינעס פריי־לעכער.

די יונגע טומלען נאָך א ווײַלע, נאָר פונדערווײַטנס הערט זיך שוין דאָס קלאפּן פון דער קוליע, און זיי גייען אוועק צו די מאשינעס. דער קאָרעקטאָר גייט ארײַן צו זיך אין קעמערל.

אפן גרויסן טיש, וואָס איז פאַרוואָרפן מיט קאָרעקטורן און אָפּצוגן, שטייט א שטאַרקער לאָמפּ. דער קאָרעקטאָר האָט האָלט, ס'זאָל זײַן גוט ליכטיק. ער זעצט זיך אוועק אפן ברייטן שטול, רוקט צו צו זיך א קאָר־רעקטור־בלעטל און פאַרטראַכט זיך. דער שמייכל, וואָס עס האָט בא אים אופגעוועקט די באַגעגעניש מיט די דרוקער, ליגט נאָך בא אים פאַרטײַעט ערגעץ־ווו אונטער די וואָנצעס, און אף דער נעשאָמע איז אים גוט. אזוי איז עס שטענדיק, ווען ער באַגעגנט זיך מיט מענטשן פון א גאַנץ יאָר. און זאָלן אים די מעפונאָקים ניט פאַרוואַרפן, האַלעמײַ ער האָט זיך אראָפּ־געלאָזט צום האַמוין און שרײַבט מײַסעלעך אף זשאַרגאָן. ער געהערט צו בייס־הילעל און ניט צו בייס־שאַמײַ. זאָלן די „אַריסטאָקראַטן פון גײַסט" זיך קוויקן מיט פילפּל־דעליקאַטעסן. ער, אײַזיק־מייער דיק, טראָגט ראָזע־ווע ברויט פאַרן פאָלק, און ער ווייסט, אז דאָס פאָלק וועט אים זײַן אמאָל דאַנקבאַר פאַר דעם.

נאָר ניין, ניט וועגן דעם קלערט ער איצט, ווען ער קוקט אפן בלאַט קאָרעקטור און קאָן זיך ניט נעמען צו אים. הײַנט איז דאָנערשטיק. הײַנט וועט די באַלעבאָסטע צאָלן סכירעס. איינציקווײַז וועלן די זעצערס און די איבעריקע אַרבעטער אַרײַנגיין אין דער קאָנטאָרקע פון דער אַלמאָנע, און יעדערער וועט קריגן „אף שאַבעס". און ער, אײַזיק־מייער? זאָל ער וואַרטן, ביז כאַצקל וועט אים קומען רופן? און טאָמער קומט ער ניט? צי זאָל ער עפּשער זיך אָנעמען כוצפּע און אַליין אַרײַנגיין צו איר?

ער פאַרזשמורעט די אויגן, בייס ער שטעלט זיך פאָר, וואָס וועט זײַן, אויב ער קומט ניט געבעטענערהייט אַרײַן צו דער באַלעבאָסטע: „רעב אײַזיק־מייער, איר?" — „יאָ, באַלעבאָסטע, מאָרגן איז פרײַטיק, מ'דאַרף עפּעס געבן דער ייִדענע אף צו מאַכן שאַבעס". — „אײַ, רעב אײַזיק־מייער, איר זאָלט ריידן אזעלכע זאַכן... איר זײַט דאָך, באַרעכהאַשעם, ניט א מענטש, וואָס לעבט פון סכאַר... איר קריגט דאָך האָנאָראַרן..."

אָט אין די האָנאָראַרן איז דער הונט באַגראָבן. די אַלמאָנע ראָם רעדט אַרויס דאָס וואָרט, גלײַך ווי זי וואָלט געוווּנען די איינציקע אף דער וועלט, וואָס צאָלט האָנאָראַרן אירע שרײַבער. מ'שטיינסגעזאָגט, וואָס פאַרא האָ־נאָראַרן דאָס זײַנען... פינף רובל א דרוקבויגן, בייס די ביכלעך מיט זײַ־נע מײַסעס ברענגען איר אַרײַן הונדערטער.

פון לאָמפּ ציט זיך א דינינק שטענגעלע רויך. אײַזיק־מייער מאַכט צו־רעכט דעם קנויט, און דער צוואַנציקער וואַרפט ווידער א העלע שײַן אף דעם טיש. אײַזיק־מייער פאַרטיפט זיך אין דער קאָרעקטור. אפן שטערן קלײַבן זיך צונויף דינינקע קנייטשעלעך, און די שאַרפע גרויע אויגן זײַ־נען בוידעק אָס נאָך אָס, נעקודע נאָך נעקודע די קאָרעקטור.

אין א ווײַלע אַרום הערט ער, ווי די זעצערס פאַרלאָזן איינציקווײַז זייערע ערטער און גייען צו דער באַלעבאָסטע. וועט ער באַלד דער־הערן די הילצערנע קוליע, וואָס קומט נאָך אים אויך?

„האָנאָראַרן" — מיט וואָס פאַר א ביטל רעדט עס אַרויס די אַלמאָנע. זי ווייסט, אז ער איז דער געבילדעטסטער ייִד אין ווילנע, טאָ ווי פּאַסט עס פאַר אזא איינעם, ער זאָל זיך לאָזן שרײַבן אף זשאַרגאָן מײַסעלעך פאַר גראָבע יונגען און ייִדענעס? און עפּשער דערפאַר, קעדיי אים צו

געבן פאַרשטיין, ווי טיף ער איז געפאַלן, צאָלט זי אים „האָנאָראַרן״ און איַילט זיך ניט אים צו געבן זײַן סכירעס?

די טיר הינטער זײַן פּלייצע עפנט זיך, נאָר ס׳איז ניט די קוליע. ס׳איז א זעצער. ער איז געקומען אָפּנעמען די קאָרעקטור. פּאַרייִנס פרעגט ער דעם קאָרעקטאָר, ווי שטעלט מען פאַנאַנדער די נעקודעס אין עפּעס א וואָרט.

— איר ווייסט דאָך אַלץ, רעב אײַזיק־מייער, — זאָגט דער זעצער, — דאָ דאַרף מען שטעלן א שאַלשעלעס, צי ניט?

אײַזיק־מייער פאַרענטפערט אים די שײַלע, און דער זעצער גייט אַוועק.

דער קאָרעקטאָר בלײַבט ווידער אַליין אין זײַן קאַמער. ער הערט זיך צו צום אַרום: ס׳איז שטיל. אויך אינווייניק בא אים איז שטיל.

באַלד איז שוין מײַרעוו, און נאָך מײַרעוו גייט מען זיך פאַנאַנדער. צי וועט אים קלעקן מוט ניט געבעטענערהייט אַרײַנגיין צו דער באַלעבאָסטע? און אויב ער וועט זיך אָנעמען מיט מוט, צי וועט עס העלפן?

אַלץ ווייסט אײַזיק־מייער דיק. איין זאַך ווייסט ער נאָר ניט: צי וועט ער האָבן א דרײַערל אף שאַבעס?

4. צוויי מאָל צוויי איז נישט בלויז פיר

בא דער יוגנט פון די פויליש־ליטווישע שטעטלעך האָט געגאָלטן דער קלאל: וויל מען זיך ווידמען מיסכער — פאָרט מען קיין וואַרשע, וויל מען זיך ווידמען טוירע — פאָרט מען קיין ווילנע.

א יונג מיט א לענגלעך בלאס פּאָנעם, באַראַמט פון א שוואַרצן פוך, וואָס קיין גאָל־מעסער האָט עס נאָך ניט אָנגערירט, טרייסלט זיך אַף דער פור, וואָס פאָרט אַרײַן אין דער ווילנער פאָרשטאָט. דער זשוויריקער ווייכער שאָסיי האָט זיך געענדיקט, ס'הייבט זיך אָן דער ברוק, און די פור צעבריאַזגעט זיך מיט אַלע אירע אײַזערנע אייוורים. דער יונג קוקט מיט קײַלעכדיקע אויגן: נידעריקע, באַלאָדנטע הילצערנע הײַזלעך מיט ברייט־טיריקע ייִדישע קראָמען; א פויערשער וואָגן מיט א צוגעבונדן פערד, וואָס האָט טיפזיניק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין טאָרבע; א שמאָלער ייִד אין א לאַנגער קאַפּאָטע, וואָס שפּאַנט א פאַרטראַכטער, די הענט פאַרלייגט אַף הינטן; ייִנגלעך אין היטלען מיט פאַריסענע דאַשעקעס, וואָס טראָגן זיך איבער דער גאַס, — אַלץ קימאַט, ווי בא אים אין שטעטל. נאָר אָט ווערן די הײַזער געדיכטער, עס שפּרינגט פּלוצלינג אַרויס א צווייגאָרנדיקער מויער, הינטער אים עפנט זיך א נײַע גאַס, אויך א ברוקירטע, און אַף איר שטופּן זיך צווייגאָרנדיקע און אפילע דרײַגאָרנדיקע הײַזער און אינדערווײַטן, אין אונטערגייענדיקער זון, טורעמס פון קלויסטערס און שפּיצן פון דעכער און פאַבריק־קוימענס — ניין, ס'איז נישט קיין שטעטל, ס'איז ווילנע! די גאַס גייט באַרג־אַראָפּ, דאָס פערדל שטעלט פיס. די פור טרייסלט און ליאַרעמט און בריאַזגעט און דרינגט אַרײַן טיפער און טיפער אין דעם געפלאָנטער פון גאַסן, געסלעך, הויפן, צוימען, קלויסטערס און מויערן. דער באַלעגאָלע ווערט לעבעדיקער, נעמט די בײַטש אין דער האַנט און קוקט זיך מײַסע זיגער אום אפן באָכער:

— נו, כאַיִם־זעליק, אָנגעקומען!

כאַיִם־זעליק קוקט א צעטומלטער און מעוולוועטער אַף דער שטאָט. פון טרייסלעניש רוקט ער זיך אַלע ווײַלע אַראָפּ פונעם אָנגעשטאָפּטן זאַק, אַף וועלכן ער זיצט. ער מאַכט זיך צורעכט, קלאַמערט זיך אין וואָגן און קוקט זיך אומופהערלעך אַרום: הינטער יעדן פענצטער דאַכט זיך אים א טאַלמידכאָכעם, הינטער יעדער וואַנט מאָלן זיך אים שטענדערס, איבער וועלכע אילויִם שאָקלען זיך און זינגען מאַסיג סיסריי־טוירע. איין קלייניקײַט — ס'איז דאָך ווילנע! טאָ ווי קומט ער זיך רוקן אהער מיט זײַנעם א כיבער?

כאַיִם־זעליק איז ניט געווען קיין געוויינלעכער יעשיוועבאָכער, וואָס פאָרט זיך לערנען אין ראַמײַלערס יעשיווע. ער איז געווען אַן אילוי, נאָר

אן אילוי פון א באזונדערן מין. דאָס איי, וואָס די הון האָט געלייגט אום שאבעס, האָט ניט פארטשעפעט זײַן דימיען. ס׳האָבן אים פאַרכאַפּט אלערליי כעזשבוינעס און לועד־אויסרעכענונגען, וואָס זײַנען צעשפּרייט אין טאל־מוד. צו אכצן יאָר איז ער מאסיג געווען אלע אויסלייגעכצן אין כאָכמאס־האכעזשבן. ניט קענענדיק קיין איין שפּראך, אויסער דעם טאלמוד־לאָשן און מאמע־לאָשן, האָט ער אליין דערטראַכט זיך צו אן אייגענער מאטעמאַ־טיקע און פארפּאסט א כיבער, אין וועלכן ס׳איז געווען אי אלגעברע, אי אפילע עלעמענטן פון העכערער מאטעמאטיק.

ער האָט געוויזן דעם כיבער דעם ראָוו און אנדערע מעווינים אין שטעטל. יענע האָבן געקנייטשט די שטערנס, זיך געוווּנדערט אפן טיפן סייכל, נאָר נישט פארשטאנען און געגעבן אים בריוועלעך צו ווילנער מאסקילים — דאָרט וועט מען זיך שוין פאנאנדערקלײַבן אין כיבער. און אָט פאָרט ער, קעדיי צו ווײַזן די מאסקילים און עפשער אויך אָפּדרוקן דעם כיבער.

די פור האָט פארקערעוועט אין א שמאָל געסל, און אין א ווײַלע ארום איז זי ארײַנגעפאָרן אין א ברייט־צעעפנטן נידעריקן טויער פון א ברוקירטן הויף. דאָרט זײַנען שוין געשטאנען עטלעכע וועגענער. עס האָט געשמעקט מיט שטאל. אונטער די פיס האָבן זיך געוואלגערט קופּקעלעך היי און מיסט. צווישן די האָרבאטע שטיינער איז געגרונען פערדישע האשטאָנע.

אין א ווײַלע ארום איז שוין כאַים־זעליק געזעסן אין דער אכסאניע בא א טישל. דאָס זעקל מיט די זאכן האָט ער אוועקגעשטעלט צופוסנס, דעם קסאוויאד האָט ער אוועקגעלייגט אפן טיש און ניט אראָפּגענומען פון אים קיין אויג.

דער באלעבאָס, א מענטש מיט א בענימעסדיק פּאָנעם און מיט א גע־קרײַזלטער שווארצער באָרד, האָט דערלאנגט דעם אוירעך א טעלער וואַ־רעמס און שמייכלענדיק א ווונק געטאָן אפן קסאוויאד:

— א כיבער?

— א כיבער, — האָט א בורטשע געטאָן כאַים־זעליק, נעמענדיק זיך צום וואַרעמס.

נאָר דער באלעבאָס איז ניט אָפּגעטראָטן. זײַנע קליינע שווארצע אויגן האָבן ארויסגעשמייכלט פון די פולע קנייטשן ארום זיי.

— פון ערגעץ א שטעטל און געבראַכט עס אף מעווינעס אין ווילנע?

כאַים־זעליק איז ניט שטארק צופרידן געווען פונעם באלעבאָס׳ צודרינג־לעכקײַט.

— כ׳האָב בריוו צו מאסקילים...

— אין ווילנע זײַנען אלע מאסקילים... עפשער וועט איר דערלויבן ארײַנקוקן אין דעם?

— ס׳איז נישט פון דעם מין, וואָס איר מיינט.

— פונדעסטוועגן... אויב נישט קיין אייצע, איז כאָטשבי א מיינונג...

כאַים־זעליק האָט אָן כיישעק אים צוגערוקט דעם קסאוויאד. דער באלע־באָס איז אוועק צום טאָמבאנק, פאנאנדערגעוויקלט דעם קסאוויאד און זיך פארטיפט אין אים.

כאַים־זעליק האָט שוין לאַנג געענדיקט זײַן וואַרעמס. ער איז געזעסן און געקוקט אַפֿן באַלעבאָס. קענטיק, יענער בלעטערט ניט סטאַם אַזוי, נאָר איז טיף פֿאַרטאָן אין לייענען. צי דען איז דער ערשטער ווילנער, אַף וועלכן ער האָט אָנגעטראָפֿן, טאַקע דער עמעסער מייווין? און ווער? אַ באַלעבאָס פֿון אַן אַכסאַניע...

ענדלעך האָט דער באַלעבאָס אופגעהויבן די אויגן. אָנגעשטויסן זיך אַפֿן אומגעדולדיקן בליק פֿונעם באָכער, האָט ער צו אים אַ שמייכל געטאָן. ער איז צוגעגאַנגען צום באָכער, אַוועקגעלייגט דעם מאַנוסקריפּט אַפֿן טיש און זיך צוגעזעצט.

— טשיקאַווע, טשיקאַווע... גאָר טשיקאַווע... איר זײַט פֿון טאַלמוד אַרײַ־ בער צו כאָכמאַס־האַמאַטעמאַטיקע... און אַ סאַך מעכאַדעש געווען... אַ סאַך...
דעם באָכערס בלאַסע באַקן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט אַ פֿאַמעלעכדיקער רויטער פֿאַרב. נאָר דער ייִד האָט שוין געבלעטערט דעם קסאַוויאַד.
— אָט דאָ האָט איר אַ טאָעס געהאַט... ס'איז נישט אַזוי... און דאָ האָט איר נישט דעם ריכטיקן באַווײַז געבראַכט... מע דאַרף עס באַווײַזן אָט אַזוי... און אָט דאָ בלאָנדזשעט איר אַרום און אַרום, אָבער טרעפֿט פֿאָרט צום עמעס, לאָמיר זאָגן, האָט קיין פֿאַריבל ניט, ווי אַ בלינדער פֿערד צום האָבער...
דער באָכער איז געזעסן אַ געפּלעפּטער. ער האָט געפּרוּווט דיסקוטירן, דערווײַזן... נאָר דער באַלעבאָס האָט אים אָפּגעשטעלט מיט אַ ברייטן מאַך מיט דער האַנט:

— נישט דאָס איז דער איקער. דער איקער איז, וואָס דאָס אַלץ, וואָס איר האָט מעכאַדעש געווען, איז שוין לאַנג דערפֿונדן. דאָס איז דאָ אין די ביכער און מע לערנט דאָס אין די גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן.
— פֿונוואַנען ווייסט איר דאָס? — האָט מיט אַ געבראָכענער שטים גע־ פֿרעגט דער באָכער... — איר האָט עס אַליין געלייענט?
— איך האָב עס נישט געלייענט, נאָר אַרײַנגעקוקט אין יענע ביכער האָב איך. אין דער יוגנט האָט מיך אויך געצויגן צו אָט די פֿראַגן.
— איר האָט זיך פֿאַרנומען מיט כאָכמאַס־האַמאַטעמאַטיקע?
— זיך געוואָלט פֿאַרנעמען, — אין דעם אַלטנס שטים האָט אָפּגעקלונגען די צאַרטע בענקשאַפֿט צו דער געליבטער פֿון זײַן יוגנט, די בסולע מאַטע־ מאַטיקע, — נאָר כ'האָב מוירע געהאַט.

— מוירע געהאַט?
— יאָ, מוירע געהאַט. כ'האָב מוירע געהאַט, כ'וועל אַראָפּגיין פֿון דע־ רעך־האַיאָשער.
— וואָס הייסט, דערעך־האַיאָשער? — איז אופגעקאָכט געוואָרן דער יונג. — צוויי מאָל צוויי איז דאָך שטענדיק פֿיר, ווער און ווען עס זאָל דאָס נישט זאָגן.

— ניין, ניט שטענדיק. מאַטעמאַטיקע — דאָס איז די שטרענגסטע פֿאָרם פֿון לאָגיק, און לאָגיק לייקנט אָפּ דעם גלויבן. שוין ניט איין מאָל האָט באַ אונדז פּאַסירט, אַז מענטשן, וואָס האָבן אָנגעהויבן מיט צוויי מאָל צוויי — פֿיר, האָבן געענדיקט דערמיט, וואָס זיי זײַנען געוואָרן אַפּיקאָרסים.

אין אכסאניע זײַנען אַרײַנגעקומען אָרכים פון א נײַ אָנגעקומענער פור. דער באַלעבאָס האָט זיך אופגעהויבן זיי אנטקעגן. זײַן בליק איז געוואָרן וואַכעדיק. כאַים־זעליק האָט געקוקט אפֿן באַל־אכסאניע, און אַלץ האָט אין אים געברויזט. אויב מע דאַרף דורכשטודירן אַנדערע, ניט קיין ייִדישע ביכער, וועט ער זיך ניט אָפּשרעקן פאַר דעם, ער וועט זיי דורכשטודירן. צוויי מאָל צוויי איז פיר. ווי קאָן אַזאַ עמעס אוועקפירן פון דער עמונע? אַז מ׳האָט פליגלען, טאָר מען זיי ניט אָפּשנײַדן. מ׳דאַרף פליִען און ניט באַדינען פורמאַנעס מיט שנאַפּס.

שפּעטער, אַז די באַלעבאָסטע פון דער אכסאניע האָט זיך באַוויזן, האָט דער באַלעבאָס אוועקגעפירט דעם יונגן אורעַך אין אַ באַזונדערן כיידער, ערגעץ טיף אין שטוב. ס׳איז געווען אַ קליין צימערל מיט צוויי אַלמערס ביכער און מיט אַ הויכער קושעטקע.

— איר וועט זײַן מײַן אורעַך, נישט דער אורעַך פון אכסאניע. אָט דאָ וועט איר שלאָפן.

באַם ליכט פון אַ לעמפּל ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן זײַנען זיי געזעסן, געשמועסט, געבלעטערט ספֿאָרים. דער יונג איז געווען פאַרגאַפּט.

— ווער זענט איר? ווי איז אײַער נאָמען? — האָט סאָפּקאָלסאָף אויסגעשריגן דער אורעַך, אָפּרײַסנדיק זיך פון אָן אָרט אין אַ סייפער, וואָס דער קרעטשמער האָט קאָמענטירט מיט אַ גוואַלדיקער כאַריפעס.

— יאַנקעוו באַריט.

— דער גאָען יאַנקעוו באַריט? — האָט אַ פאַרוווּנדערטער אויסגעשריִען כאַים־זעליק.

דער באַלעבאָס האָט שווײַגנדיק געגלעט זײַן באָרד. אַלע טיפע קנייטשעלעך אפֿן ברייטן לאַמדאָנישן פּאָנעם האָבן געקוקט טרויעריק פאַרשעמט.

— און ווער זענט איר? ווי איז אײַער נאָמען?

— כאַים־זעליק סלאָנימסקי.

— דעם נאָמען וועל איך פאַרגעדענקען. אויב איר וועט זײַן דרייסטער פאַר מיר אין פאַרנעמען זיך מיט אָט דעם „צוויי־מאָל־צוויי״, וועט אײַער נאָמען נאָך מעפֿורסעם ווערן אַמאָל בא ייִדן.

מיט יאָרן שפּעטער איז טאַקע דער נאָמען פון כאַים־זעליק סלאָנימסקי ברייט באַקאַנט געוואָרן. „דער ייִדישער הומבאָלדט״ האָט מען אים גערופן. ער איז געווען דער פּאָפּוליאַריזאַטאָר פון עקזאַקטע וויסנשאַפטן בא ייִדן, דער מעכאַבער פון אַ סאַך ביכער אין העברעיִש וועגן מאַטעמאַטיק און דעריקער פון נאַטורוויסנשאַפטן.

אָבער פון „ייִדישקײַט״ — ווי מע האָט עס באַנומען מיט הונדערט יאָר צוריק — איז ער אוועק. זײַן אייניקל, אַנטאָני סלאָנימסקי, איז באַרימט אַלס פּוילישער פּאָעט.

צוויי מאָל צוויי איז טאַקע ניט בלויז פיר.

דער מאַן אין גרויען

דער אעראָפּלאַן האָט זיך אַנגערירט אָן דער ערד, ווי ער וואָלט געפּרוּווט, צי איז עס טאַקע די ערד, אַף וועלכער מע דאַרף זיך אַראָפּלאָזן, זיך אָפּגעריסן פון איר, דאַן זיך ווידער אָנגערירט, דאָס מאָל שוין אַף אַן עמעס, און זיך געלאָזט לויפן אַלץ לאַנגזאַמער, ביז ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט.

„יאָ, דאָס איז זי, מײַן היימשטאָט“, — האָט אַ טראַכט געטאָן דער מאַן אין גרויען, שטעלנדיק זײַן ערשטן טראָט אַפן בעטאָנענעם שטעג און ניט פילנדיק דערבײַ קיין זאַך, אויסער אַ זשומען אין די אויערן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, צי האָט ער געוואָלט וואָס דערקענען, צי האָט ער געקאָנט וואָס דערקענען?

דאָרט, הינטער דעם אעראָוואָקזאַל, ליגט די שטאָט, ווו ער האָט פאַר־בראַכט די ערשטע פיר און צוואַנציק קינדיש־נאַיִווע און יוגנטלעך־ראָ־מאַנטישע יאָרן. נאָכדעם איז אַוועק פונקט אָנדערהאַלבן מאָל אַזויפיל יאָרן אין אַרגענטינע, און אָט ליגן זיי, די ביידע טיילן פון זײַן לעבן, אַף צוויי וואָגשאָלן, און דאָס צינגל פון געוויכט באַוועגט זיך ניט: פיר און צוואַנציק יאָר פון דערוואַכן צום לעבן, פון ראָזעווע כאַלוימעס, פון נאַיִווע שטרעבונגען — זעקס און דרײַסיק יאָר פון ניכטערן באַנעמען דאָס לעבן, פון האַרטנעקיקן קאַמף פאַר שאַפן זיך אַ ווירדיק אָרט אין לעבן — און דאָס צינגל פון וואָגשאָל שטייט גראָד, ווי אַ סאָלדאַט, און ער, לעאָן גרין, דער מאַן אין גרויען, שטייט פעסט אַף דעם בעטאָן־שטעג, און ס'איז גלײַכ־געוויכט אַף דער נעשאָמע... ער וועט, פאַרשטייט זיך, אַרײַנקוקן (אויב ער איז נאָך פאַרבליבן) אין טיפן הויף אַף נאָוואָגרודסקער גאַס, ווו אין כאָאָס פון מויערן און קעלערן, שטאַלן און שטעלכעלעך האָט ער מיט קנאַפּע זעקס צענדליק יאָר צוריק דערזען די וועלט; ער וועט, פאַרשטייט זיך, אַראָפּלאָזן זיך (אויב זי איז נאָך פאַראַן) אין יענער קעלער־שטוב, ווו ער האָט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ (ס'איז געווען קאָנספּיראַטיוו) געהערט דרייסטע, נאַיִווע רייד וועגן איבערמאַכן די וועלט; ער וועט זיך אַדורכשפּאַצירן איבער די אַלייען פון זאַקרעט, ווו אַ צוואַנציקיאָריקער באָכער האָט אַמאָל שפּאַצירט מיט אַ מיידל...

אָט גייט ער, דער מאַן אין גרויען, לעאָן גרין, צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַסאַזשירן איבער דעם בעטאָנענעם פעלד צו דער געבײַדע פון אעראָ־וואָקזאַל און באַטראַכט זיך אַליין אַזוי ווי פון דער זײַט: ניט קיין הויכער און ניט קיין נידעריקער, ניט קיין יוגנטלעך־שטאַלטנער, אָבער אויך ניט קיין צעקראָכן־גראָבער, אַ מענטש מיט אַ ברייטן לעבנס־קוק, גיט געלט

פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע (מע האָט אַמאָל מיטגעפּילט דער רעוואָליוציע), אָבער אויך פאַרן קערן־קאַיעמעס (מע איז דאָך אַ באַלעבאַטישער ייִד). אָט אַזעלכע מענטשן, ווי ער, דאַרף מען טאַקע שיקן אין וועג אַרייַן, אויב מע וויל דערגיין דעם סאָד פון דער גרויסער מיזרעך־רעטעניש. ער וועט אַלץ זען, וואָס מע וועט וועייַזן, אָבער זען מיט אייגענע אויגן. אַלץ הערן, וואָס מע וועט זאָגן, אָבער הערן מיט אייגענע אויערן. וואָס מאַכט עס אויס, אַז די שטאָט איז זייַן קינדהייַטס־שטאָט? ער שטייט העכער פון סענטימענטן, ער איז שוין ניט דאָס לאָשעקל, וואָס איז אַמאָל אַרומגעלאָפן איבער אירע גאַסן. אַפּילע די פּאַמיליע איז ניט די זעלבע. דעמלט איז נאָך צום וואָרט „גרין" געווען צוגעטשעפּעט אַ „זאַנאָוו", אַן עקל, ער האָט עס שוין לאַנג אוועקגעוואָרפן. ער איז פּאָשעט „גרין", לעאָן גרין. אַז מע וויל, קאָן מען זאָגן, אַז ער איז אַ ייִד, און אַז מע וויל, קאָן מען זאָגן, אַז ער איז אַן ענגלענדער, אַן אַמעריקאַנער, אַ דייַטש. ער איז דער דורכשניטלעכער מענטש, יענער מענטש, אָף וועלכן די הייַנטיקע זשורנאַליסטן האָבן זיך אַזוי ליב צו אָריִענטירן, דער מאַן אין גרויען.

פון די פיר טעג, וואָס ער האָט געדאַרפט פאַרברענגען אין דער דאָזיקער שטאָט, זייַנען שוין אוועק דרייַ. ער איז געוויסנהאַפט אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, באַקוקט אַלץ, וואָס דער גיד האָט געוויזן, אויסגעהערט אַלץ, וואָס מע האָט אים דערציילט, געשטעלט אַזעלכע קלאָצקאַשעס דעם גיד, אַז יענער פלעגט לאַנג פינטלען מיט די אויגן, איידער ער פלעגט ענטפערן. לעאָן גרין האָט אַלץ פאַרצייכנט אין זייַן בלאָקנאָטל. צום סאָף פון די דרייַ טעג האָט דער גיד שוין מיט איימע געקוקט אָף דעם לעדערנעם בלאָקנאָטל מיטן שוואַרצן שטיפט, וואָס פלעגט אַזוי אָפט אַרויסקריכן פון דער קעשענע פון אָט דעם פּעדאַנטישן טוריסט. לעאָן גרין האָט מיט צופרידנקייַט אָפּגעמערקט די מאָמענטן, ווען דער גיד פלעגט קומען אין פאַרלעגנהייַט, פונקט ווי דאָס וואָלט טאַקע געווען דער ציל פון זייַן קומען אַהער. אין זייַן מויעך האָט זיך געוועבט און געווען שוין קימאַט אויסגעוועבט דער באַריכט, וואָס ער וועט אָפּגעבן פאַר זייַנע צאָלרייַכע באַקאַנטע, און דעריקער פאַר די ווילנער לאַנדסלייַט. יעדע דערשייַנונג וועט ער אָפּשאַצן אָביעקטיוו. אויב ס'איז עפּעס פּאָזיטיווס, דאַרף מען צוגעבן אַ קליין „האַגאַמל", וואָס זאָל אָף צען — פופצן פּראָצענט אָפּשוואַכן דאָס פּאָזיטיווע. אויב ס'איז עפּעס נעגאַטיווס, דאַרף מען אויך אָפּזוכן אַ „האַגאַמל" אין דער פאָרם פון „אָפּגעשטאַנענקייַט", „שווערע יערושע" אוקעדוימע, וואָס זאָל אַ קאַפּעטשקע אָפּשוואַכן דאָס נעגאַטיווע. אָט דאָס וועט זייַן ריכטיק און אָביעקטיוו.

און אַזוי וואָלט עס טאַקע געווען, ווען ערעוו זייַן אָפּפאָרן, צום סאָף פון אַ הייסן טאָג, וואָלט ער ניט געזעסן אַ מידער אין זייַן האָטעל־צימער און אין זייַן האַנט וואָלט ניט אַרייַנגעפאַלן דער טעלעפאָן־בוך. ער האָט מעכאַניש געבלעטערט דעם בוך, און זייַן אויג איז געפאַלן אָפן בוכשטאַב „ל". ליבערמאַן? די איניציִאַלן האָבן אויך געשטימט. עפּשער איז עס טאַקע ער? דער געדאַנק האָט אים אויפגעמונטערט. ער האָט אָנגעקלונגען און מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם זיך אייַנגעהערט אין דער שטים, וואָס האָט אַ קלונג געטאָן אין טרייַבל: „האַללאָ!"

— ליבערמאַן? זיאַמע ליבערמאַן? דאָס בין איך, לעאָן גרין. וואָס? איך! איך! וואָס איז דאָ ניט צו פֿאַרשטיין? איך, לייבקע גרינשפּאַן! גרינשפּאַן, געדענקסט? — און נאָך דער שטילקייט אויף יענער זײַט דראָט האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט געטראָפֿן אויפֿן ריכטיקן אַדרעס.

דעם זעלבן אָוונט איז די קליינע צווייצימערדיקע דירע אויף אַנטאָקאָל געווען פֿול מיט הילכיקע אויסרופֿן, מיט קלאַפּעניש אין פּלייצע, דערינגע־רונגען און פֿריידיקן געלעכטער. איין קליינמקייט: צוויי מענטשן, וועמעס קינדער־ און יוגנט־יאָרן זײַנען געווען ענג צוזאַמענגעפֿלאָכטן, האָבן זיך געטראָפֿן נאָך אַזויפֿיל יאָרן.

שפּעט אין אָוונט, — ווען שלאָפֿן די נאַכט האָט שוין ניט געקאָנט זײַן קיין רייד, מאָרגן אינדערפֿרי פֿליט לעאָן גרין אָפּ, — זײַנען זיי געזעסן באַם קײַלעכדיקן טיש אין ווינקל פֿונעם עסצימער. דער אייבערשטער לאָמפּ איז געווען אויסגעלאָשן, ס'האָט בלויז מאַט געלויכטן דער טאָרשער. די פֿרוי איז שוין געשלאָפֿן אין דעם צווייטן צימער. לעאָן גרין האָט שוין אויסגעענישטערט ווי אַ ווינקל אין דער דירע, אַרומגעטאַפּט דאָס שײנע מאָדערנע מעבל (געבאָרגט? אָבער ער איז דאָך געקומען אומגעריכט), אויסגעפּרוווט די קראַנען פֿון הייסער און קאַלטער וואַסער אין וואַנע־צימער (עפּשער בוטאַפֿאָריע?), אַ טאַפּ געטאָן דעם גאַז־קראַן אין קיך (טאַקע עמעס האָט געזאָגט דער גיד: דער גאַז גייט אַזש פֿון אוק־ראַינע).

אַלץ איז שוין קלאָר. אין נאָטיץ־ביכל דאַרף מען שוין קיין זאַך ניט פֿאַרשרײַבן, און ער האָט מיט פֿאַרגעניגן אויסגעצויגן די פֿיס, אַרײַנזעצנ־דיק זיך אין ווייכן פֿאָטעל. אויפֿן קײַלעכדיקן טיש איז געשטאַנען ווײַן, קויסעס און צובײַסן. אַנטקעגן איז געזעסן דער כאַווער פֿון די יוגנט־יאָרן, און מע האָט געקאָנט אָנהייבן דעם געגאַרטן שמועס, דורכגעזאַפּט מיט יוגנט־דערינערונגען און צוגעפֿעפֿערט מיט דינע, איראָנישע באַמערקונ־גען, אויף וועלכע ער, לעאָן גרין, איז אַ מײַדים. ער האָט אַ נישטער געטאָן אין זײַן צוקינפֿטיקן באַריכט, אַרויסגענומען פֿון דאָרט אַ קלוגע פֿראַזע און ווילליונגעריש מעכאַבעד געווען מיט איר זײַן מיט־שמועסער:

— אַ מאָדנע זאַך, זיאַמע, מיר האָבן אַמאָל בײדע, דאַכט זיך, גוט גע־קענט אונדזער שטאָט. און אַז דער גיד האָט מיר איצט דערציילט די גע־שיכטע פֿון ווילנע, איז עס געווען גאָר אַן אַנדער געשיכטע. מאַשמאָעס, יעדער נײַער באַלעבאָס שאַפֿט זיך זײַן אייגענע געשיכטע. האַ, זיאַמע?

— וואָס ווילסטו פֿון אַ גיד? דו דערצייל בעסער דײַן געשיכטע. אַזויפֿיל יאָרן...

— דערציילן דיר טאַקע אַלץ? — די ווילליונגערישקייט איז פֿאַרשוווּנדן. זײַן געזיכט איז געוואָרן ערנסט. דערציילן אָפּנהאַרציק? נו, יאָ, אָפּנהאַרציק. ס'איז דאָך זיאַמע. זיאַמע — דער בעסטער יוגנט־כאַווער. און וואָס האָט ער, לעאָן גרין, אייגנטלעך, זיך צו שעמען? דאָס לעבן איז שוין געמאַכט, און גוט געמאַכט. אויב ער וואָלט געדאַרפֿט אָנהייבן פֿונסנײַ, וואָלט ער געטאָן דאָס אייגענע.

די ערשטע צײַט איז געווען שווער, ער האָט געאַרבעט אין אַ טאַזשער

(ווארשטאט). דעם פאַך האָט ער ניט געקענט, און די ערשטע וואָכן האָט ער קימאט ווי גאָרנישט ניט פאַרדינט. טאַקע צוגעהונגערט. דערנאָך איז אוועק א ביסל בעסער, פאַרדינט ווי אלע ארבעטער און געלעבט ווי אלע ארבעטער. געווען א מיטגליד פון פראָפאַריין, אפילע זיך באַטייליקט אין א שטרייַק, און קימאט יעדן אָוונט געגאַנגען אין ארבעטער־קלוב. דאָס האָט געדויערט א סאַך כאַדאָשים, ביז...

...ביז יענעם זונטיק, ווען דער באַלעבאָס האָט אים אייַנגעלאַדן צו מיי־טיק. די כאַוויירים ארום האָבן שפּאָטיש געקוקט אף אים.

— זע נאָר, זע, סאַרא גנאַד עס גיסט זיך אף דיר אויס... ער האָט א טאָכטער, אונדזער באַלעבאָס, פאַרשטייסטו?.. קענסט נאָך ווערן זייַנער א שוטעף.

לעאָן האָט, קעדיי צו פאַרווישן די פאַרלעגנהייַט, גראָב א זאָג געטאָן:

— כ'האָב אים אין דר'ערד מיט זייַן טאָכטער. אָבער א פּעטן מיטיק אָפּעסן קאָן מען, הא?

די הויכע, געראַמע צימערן מיטן שווערן געשניצטן מעבל, דאָס פּול־ברוסטיקע מיידל מיטן קליינעם פּענעמל און מיט דער לאַנגער געפּודערטער נאָז האָבן בא אים מער ווי נייַגער ניט ארויסגערופן. נאָר אז מע איז אריי־בער אין עסצימער און ער האָט דערזען דעם לאַנגן געגרייטן טיש, איז ער געוואָרן געפּלעפּט. ס'איז געווען ניט קיין טיש, ס'איז געווען א מיזבייעך... דער שעמעוודיקער, פּראָווינציעלער יונגערמאַנטשיק לייבקע גרינשפּאַן האָט שטילערהייט נאָכגעקוקט, ווי די איבעריקע באַנוצן זיך מיט די גאָפּל־מעסער, טעלער און טעלערלעך, און זיי נאָכגעטאָן...

פון דעם איניען מיטן באַלעבאָס און זייַן מיידל מיט דער לאַנגער גע־קאַלכטער נאָז איז גאָרניט ארויסגעקומען. נאָר דעם טיש האָט ער ניט פאַרגעסן. און וואָס איז געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק דער באַלעבאָס? בעסאַכאַקל א הויזירער. לעאָן האָט זיך גענומען צוהערן צו זייַנע באַקאַנ־טע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט הויזירערייַ.

— הויזירערייַ איז טאַקע ניט פון די געהויבענע מעלאָכעס. אָבער דאָס איז פאַר אזעלכע, ווי מיר, דער אייַנציקער וועג צו מאַכן אמעריקע. פאַר־שטייסט, לייבקע, קאָלומבוס האָט אנטדעקט אמעריקע, און מיר מוזן מאַכן אמעריקע. פּרווו. וואָס ווערסטו צולייגן?.. דעם טאַכלעס פון טאַזשער ווערסטו קיינמאָל ניט פאַרזאַמען.

ער האָט באַשלאָסן צו פּרוון. און פונדעסטוועגן וואָלט דערפון קיין זאַך ניט ארויסגעקומען און דער וועג פון „מאַכן אמעריקע” וואָלט געבליבן פאַר־מאַכט פאַר אים, ווען ניט יענע איטאַליענערקע...

יאָ, יענע איטאַליענערקע...

— ווארט, ווארט, ווען איז דאָס געווען?

לעאָן גרין איז געזעסן אן אייַנגעהויקערטער, פון וואָס דאָס גוט אויס־געפּרעסטע גרויע רעקל האָט זיך געקנייטשט אין עטלעכע ערטער. דעם כאַווערס פראַגע האָט אים אופגעוועקט פון זייַנע ראַוויונעס. ער האָט זיך אויסגעגלייַכט, גענומען די קויסע און אָפּגעזופּט א ביסל וויַין.

— אן ערעך אין סעפּטעמבער 1927.

— פונקט אין דער זעלבער צײַט איז בא מיר אויך פאָרגעקומען אַן אי־בערבראָך אין לעבן. יאָ, פונקט אין דער זעלבער צײַט, — האָט געזאָגט זיאמע און זיך פארטראכט.

זיאמע איז געשטאנען פארן עקזאמענאטאָר און געציטערט. ער האָט אליין ניט געוווסט, צי געדענקט ער נאָך עפּעס פון דעם, וואָס ער האָט געלערנט מיט יאָרן צוריק, צי האָט ער שוין אלץ פארגעסן.

נאָך דעם ווי ער איז אָנגעקומען אין סאָוועטנפארבאנד, האָט ער גע־ארבעט אף א זאוואָד. כאדאָשימלאנג געארבעט און מיטגעלעבט די געבורט־ווייען פון א נײַער וועלט. אין איינעם א טאָג האָט מען אים ארויסגערופן און פאָרגעלייגט גיין זיך לערנען אין א הויכשול. דאָס לאנד האָט געדארפט האָבן אינזשעניערן.

און אָט שטייט ער פאר דעם שטרענגן בלאסן פּראָפעסאָר אין דעם שווארצן פארשפיליעטן ביז אויבן קיטעל. וואָס וועט ער זאָגן? נאָר פון די ערשטע פראגן אָן זעט זאלמען, אז ער האָט ניט וואָס צו ציטערן. די פראגן זײַנען לײַכטע, און ער ענטפערט אָן אָנשטרענגונג. און באלד דערפילט ער אינסטינקטיוו, אז יענער האָט גאָר מוירע פאר אים. יאָ, יאָ, ער הייבט אָן צו פארשטיין דעם דאָזיקן מענטשן. דאָס איז איינער פון יענע, וואָס האָבן מיט צען יאָר צוריק אופגעהערט צו באנעמען די וועלט. איצטער האָט ער גאָר מוירע פאר די מענטשן מיט די מאָזאָליעס אף די הענט, וואָס די פארטיי שיקט צו אים, קעדיי ער זאָל פון זיי מאכן אינזשעניערן. מיט צען יאָר צוריק, ווען ער האָט אויסגעטאָן זײַן וויצמונדיר, האָט ער זיך פאר־שלאָסן אין זיך, און אלץ, וואָס ער האָט געטאָן, האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי קאטאָוועס. דאָס בויען סאָציאליזם אין אָפּגעשטאנען לאנד — קאַ־טאָוועס, דער פּרווו צו פארוואנדלען ארבעטער אין אינזשעניערן — קאטאָ־וועס. אלץ איז קאטאָוועס. נאָר ווען איינער פון אָט די יונגעלײַט, אזא ווי דער, אשטייגער, שטייט פאר אים און ענטפערט מיט אזא זיכערקײַט, ווי ער וואָלט טאקע געוווען אַן עמעסער סטודענט פון די אמאָליקע יאָרן, ווערט דער עקזאמענאטאָר אופגעלייגט און הייבט אָן צו קלערן, אז עפּשער איז עס טאקע ערנסט דאָס, וואָס ער טוט. אין זײַן בליק צינדט זיך אָן א פונק פון מענטשלעכער פארינטערעסירונג. צום סאָף דריקט ער זאלמענען די האנט און זאָגט:

— איר וועט זײַן א גוטער אינזשעניער... יאָ, א גוטער אינזשעניער... נאָר לערנען זיך און לערנען.

אָט אזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער נײַער עטאפּ אין זײַן, זאלמענס, לעבן.

— און בא דיר?

יאָ, יענע איטאליענערקע...

ניין, ס'איז ניט דאָס, וואָס זאלמען מיינט.

די פרײַנט, וואָס האָבן אים „אינסטרוקטירט", האָבן אים געוואָרנט:

— לאָזסט זיך אוועק אין גאס, קעדיי צו טרײַבן הויזירערײַ, דארפסטו

איבערלאָזן דײַן מענטשלעכע ווירדע אין דער היים. מע וועט דיר שפּײַען אין פּאָנעם, כּויזעק מאכן פון דײַן „קראָם‟, אָפּטמאָל ארויסיאָגן פון שטוב. דו דאַרפסט עס אַלץ אַריבערטראָגן, ווײַל פון דעם צענדליק הײַזער, וואָס דו באַזוכסט, וועט זיך שטענדיק אײַנגעפינען איינס, ווו דער דאַלעס איז גרויס און דער יעיצערהאָרע צו קויפן איז נאָך גרעסער, און דאָרט מוזטו רײַסן אַ פּאַס און זען צו פאַרשקלאַפן די באַלעבאָסטע, אַז זי זאָל צאָלן יעדן כוידעש, און אַז זי האַלט שוין באַם אויסצאָלן, אַרײַנרוקן איר עפּעס נאָך אַ זאַך, אַז זי זאָל ווײַטער צאָלן, און צאָלן, און צאָלן.

דאָס ערשטע מאָל, אַז לײבקע איז אַרויס מיטן פּעקל סכוירע אונטערן אָרעם, איז בא אים געווען שווער אַפן האַרצן. טאָמער וועט מען טאַקע שפּײַען אין פּאָנעם, אַרויסיאָגן פון שטוב, שיקט ער דאָס אַלץ צו אַלדי רוכעס און קערט זיך אום אין זײער טאַזשער.

נאָר די ערשטע, אַף וועלכער ער האָט זיך אָנגעשטויסן, איז געווען יענע איטאַליענערקע... פאַרוואָס איז זי געווען די ערשטע? עפּשער דערפאַר, ווײַל ער האָט טאַקע אויסגעקליבן די אָרעמסטע שטוב אין דער אָרעמסטער געגנט.

די איטאַליענערקע, וואָס האָט געעפנט די טיר, איז געווען אַ יונגע, אַ יאָר פינף און צוואַנציק, ניט מער. ווײַזט אויס, ניט לאַנג כאַסענע געהאַט. די שטוב זעט אויס געראַם, ווײַל זי איז פּוסט. אין אַלע ווינקעלעך פּײַפט דער דאַלעס, און איר גלוסט זיך אַזוי זײַן מיט לײַטן גלײַך, האָבן אַ בונטע קאָלדרע אַפן בעט, אַ געקעסטלטן טישטעך אַפן טיש, אַ פאַרביק קלײדל אָנצוטאָן... זי האָט זיך געשעמט מיט איר אָרעמקײַט, פאַרלעגן געשמײכלט און געעפנט אַ פּאָר גרויסע אויגן, ווען לעאָן האָט פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר איר אַ בונטן שעמערירנדיקן אויצער מיט שמאַטעס, וואָס פאַר יעדערער פון זײ וואָלט זי, דוכט זיך, אָפּגעגעבן אַ האַלב לעבן. אין שטוב זײַנען נאָך פאַרבליבן עטלעכע פּעזעס פון דעם מאַנס לעצטן געהאַלט. זי האָט אוועק־געגעבן קימאַט אַלץ, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, און זיך נאָך מיסכּײַעוו געווען צו צאָלן זעקס כאַדאָשים פאַר אַ זײַדענער קאָלדרע, וואָס איז ניט געווען פון זײַד.

„אָט אַזוי מאַכט מען עס אַמעריקע? — האָט לײבקע דערשטוינט גע־טראַכט, ווען ער איז אַרויס מיט זײַן „קראָם‟ אונטערן אָרעם. — נו, יאָ, אָט אַזוי מאַכט מען עס‟.

שפּעטער איז געווען אַלץ, וועגן וואָס מע האָט אים געוואָרנט: אי אַ שפּײַ אין פּאָנעם, אי בײז פאַרקלאַפּטע טירן פאַר דער נאָז, אָבער דער אומ־דרײסטער שמײכל און די ברײט צעעפנטע דאַנקבאַרע אויגן פון יענער איטאַליענערקע זײַנען אַלץ גרויזער געווען. דעמלט, דאָס ערשטע מאָל, האָט ער פון איר באַקומען קימאַט אַזויפיל, וויפל די קאָלדרע האָט געקאָסט. דערנאָך איז ער זעקס כאַדאָשים נאָכאַנאַנד, כוידעש אין כוידעש, געגאַנגען און אַלץ אײַנגעקאַסירט געלט פאַר דער זײַדענער קאָלדרע, וואָס איז ניט געווען פון זײַד.

די גרויסע, שוואַרצע, ברײט צעעפנטע אויגן פון יענער איטאַליענערקע זײַנען געווען פאַר אים אַ דערמוטערונג. אָבער וואָכן, כאַדאָשים און עפּ־שער יאָרן נאָכאַנאַנד האָט זײער לויכטנדיקער בליק אים געשקראַבעט דאָס

ביסל געוויסן, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פֿון זײַן אָרעמער קעלער־שטוב אויף נאָוואָגרודסקע. געווען אַפֿילע אַ מאָמענט, — ער איז דעם זעקסטן כּוידעש געקומען צו איר אײַנמאָנען „זײַן" געלט, — ווען ער האָט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פֿון דער לעצטער סומע, נאָר, צום גליק, איז עס געווען בלויז איין אויגנבליק פֿון שוואַכקייט. ער האָט זיך אָנגעבייזערט אויף זיך, ווידער אַרײַנגערוקט דער איטאַליענערקע עפּעס אַ שמאָכטע און ווײַטער געגאַנגען איבערן אַכזאָריעסדיקן וועג פֿון „מאַכן אַמעריקע".

לעאָן גרין האָט אָנגעגאָסן אַ פֿולן בעכער ווײַן, אַ ווײַלע געקוקט, ווי די שפּרודלדיקע פֿליסיקייט פֿינקלט בײַ דער שײַן פֿון דעם טאָרשער, און זי אויסגעטרונקען אין איין אָטעם. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלײַכט אין פֿאָטעל, אַרויסרופֿעריש אַ קוק געטאָן זאַלמענען אין די אויגן.

— וועסט באַלד זאָגן, זיאַמע, דער וואָלפֿישער געזעץ פֿון קאַפּיטאַליזם, האַ? אָדער דו מיך, אָדער איך דיך?.. פֿאַרשטייסט, זיאַמע, פֿאַרשטייסט, מע קאָן אָפּגעבן דאָס לעבן פֿאַר איינעם פֿון די צוויי ציִלן: אָדער פֿאַר אָפּשאַפֿן אָט דעם וואָלפֿישן געזעץ, — זײַן פֿינגער האָט זיך אַ ווענד געטאָן אויף זאַלמענען, — אָדער אויף אויסצונוצן אים, — זײַן פֿינגער האָט איצט געוויזן אויף זיך, — קיין דריטע מעגלעכקייט איז ניטאָ.

לעאָן גרין האָט דערבײַ אַ קלער געטאָן, אַז אָט דעם זאַץ וואָלט מען אויך געקאָנט אַרײַנשטעלן אין באַריכט, נאָר דאָ איז אים פּלוצעם געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ: צי איז אַזאַ באַריכט בכלל נייטיק? ער האָט זיך פֿאַרוווּנדערט. צום ערשטן מאָל, זינט ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, איז בײַ אים אַזאַ געדאַנק אויפֿגעקומען. וואָס קאָן עס באַטײַטן? עפּשער האָט זיך זײַן גלײַכגעוויכט, ווי דאָס צינגל פֿון אַ וואָג, אַ רוק געטאָן פֿון אָרט?

דערנאָך איז שוין אַלץ אַוועק קעשורע. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט זיך אויף איינער פֿון די הויפּט־גאַסן פֿון בוענאָס־אײַרעס געעפֿנט אַ מאָדערנע געשעפֿט פֿון מענער־זאַכן און אויף דעם שילד איז מיט גרויסע אויסיִעס געווען אָנגעשריבן „לעאָן גרין". דעמלט טאַקע האָט ער איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפֿן דעם „שפּאַן", וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זײַן פֿאַמיליע פֿון דער אַלטער היים אָן. ער איז געוואָרן לעאָן גרין. אַז מע וויל, קאָן מען זאָגן: סעניאָר גרין, הער גרין אָדער מיסטער גרין. ס'איז, אייגנטלעך, אַלצייניס, ווי מע וועט זאָגן.

אין געשעפֿט זײַנען געווען עטלעכע אָפּטיילונגען און אין יעדער אָפּטיילונג — אַ מיידל. די מיידלעך זײַנען געווען פֿאַרשיידענע: שוואַרצע, בלאָנדע, רויטהאָריקע. זיי זײַנען אַלע געגאַנגען אָנגעטאָן אין די זעלבע טונקל־גרינע עלעגאַנטע אוניפֿאָרמעס, געהאַט גוטע מאַנירן און געקענט קאָקעטיש שמייכלען. ער האָט זיי געצאָלט אַ קאָפּעטשקע מער, ווי אַנדערע, אַבי זיי זאָלן שמייכלען, שמייכלען, שמייכלען.

איצט האָט ער עטלעכע אַזעלכע געשעפֿטן אין פֿאַרשיידענע ראַיאָנען פֿון דער שטאָט. ער האָרעוועט ניט. פֿאַראַן פֿאַרוואַלטערס און מיידלעך, צענדליקער מיידלעך אין טונקל־גרינע עלעגאַנטע אוניפֿאָרמעס, וואָס שמייכלען אַזוי ליבלעך צו די קליִענטן. אָט דאָס איז דער סאָד פֿון אַמע־

ריקע, פון זײַן אמעריקע, וואָס ער, לייבקע גרינשפאַן פון דער קעלער־שטוב אף דער נאָוואָגרודסקע, האָט „געמאכט".
ווען איז דאָס געווען, ווען ער האָט געעפנט זײַן ערשט געשעפט? ווארט, ווארט... דאָס איז געווען אין אווגוסט 1939...

אווגוסט 1939? א פארזאָרגטקײַט האָט פארצויגן זאלמענס פּאָנעם, די קנייטשן אף זײַן געקארבט פּאָנעם זײַנען געוואָרן טיפער, און זײַנע אויגן, די קליינע, שווארצע, טאָמיד יונגע, טאָמיד לעבעדיקע אויגן, זײַנען פאר־נעפּלט געוואָרן.
לעאָן גרין האָט ארויסגענומען א סיגארעט פון זײַן זילבערנעם פּאָרטסי־גאר און פארייכערט. זאלמען האָט אויסגעשטרעקט זײַן האנט צום פּאָרטסי־גאר.
— א דאָרטיקער, האַ? — האָט ער געפרעגט, נעמענדיק א סיגארעט.
— פון בעסטן בראזיליער טאבאק.
זיי האָבן געשוויגן. דער רויך פון זייערע סיגארעטן האָט זיך געזאמלט אין דער טיף פון אבאזשור און פארטונקלט דאָס ליכט אפן קײַלעכדיקן טישל. אין דעם האלב־טונקעלן צימער איז אלץ געוואָרן אומרעאל, פאר־שווומען.
זאלמען האָט געשוויגן. לעאָן גרין האָט אופמערקזאם א קוק געטאָן אף אים:
— די ווײַסע בערן, האַ? דו מיינן ניט, אז מיר ווייסן שוין גאָרניט, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען בא אײַך אין לאנד. די ווײַסע בערן, יאָ?..
זאלמען האָט געשוויגן.
— איך האָב געוווסט, אז דו וועסט ניט אויסמײַדן די ווײַסע בערן, — לעאָן גרינס שטים האָט איצטער געקלונגען קימאט פּאָטערלעך־צאַרט.
א לײַכטער שמייכל האָט זיך באוויזן אף זאלמענס פּאָנעם. ער איז גע־זעסן אזוי, אז דאָס ליכט פון אבאזשור האָט באלויכטן בלויז דעם אונ־טערשטן טייל פּאָנעם, דעם גלאַט־ראזירטן, גוט־אנטוויקלטן קין. די אויגן זײַנען געווען אין שאָטן, נאָר לעאָן גרין האָט פונדעסטוועגן דערזען, ווי אין זיי צינדן זיך אָן צוויי פריילעכע פײַערלעך.

לעאָן גרין האָט פּלוצעם דערפילט, אז דאָס צינגל פון זײַן גלײַכגעוויכט האָט זיך ווידער א רוק געטאָן אָן א זײַט. אים איז געוואָרן הייס. ער האָט א קוק געטאָן אפן באלעבאָס: יענער איז שוין לאנג געזעסן אין דעם אוי־בערהעמד.
— דערלויבסט? — ער האָט זיך אופגעהויבן, אויסגעטאָן דאָס רעקל און עס אופגעהאנגען אף א שטול. איצט, אז ער איז געשטאנען אין דעם ווײַסן אויבערהעמד, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זײַן פיגור איז גאָר ניט אזוי שלאנק, אז ער איז שוין היפּש פעטלעך, אָט דער מענטש אין די זעכצי־קער, דער אייגנטימער פון עטלעכע געשעפטן, ווו עס ארבעטן פארוואל־טערס און ווו עס שמייכלען מיידלעך אין גרינע עלעגאנטע אוניפאָרמעס.

ער האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט, טיף אָפּגעאָטעמט און געזאָגט:
— פאַרוואָס דרייסטו זיך אַרויס, זיאַמקע? איך פרעג דיך שוין צום צווייטן מאָל: ביסט געווען באַ די ווײַסע בערן?

זאַלמען האָט אַרויסגעלאָזט צווײ דינע שטראָמען רויך פון זײַנע נאָזלעכער. זײַנע ליפּן האָבן זיך בעשאַסמײַסע פֿאַנאַנדערגערוקט אין אַ ברייטן שמייכל.

— באַ אײַך אין לאַנד זײַנען פֿאַראַן ווײַסע בערן?

— פֿאַראַן. דער סאַמע דאָרעמדיקער טייל פון אַרגענטינע געפינט זיך ניט ווײַט פון דעם דאָרעמדיקן פּאָליוס.

— נו, און אַז מע וואָלט דיך געשיקט אַהין... לעמאָשל, צו עפּענען דאָרט אַ מאַגאַזין פון מענער־זאַכן?

— מעשוגע צי כאָסערדייע! — לעאָן גרין האָט מיט כשאַד אַ קוק געטאָן אויף די קליינע גלײַכע ציינער (מיסטאַמע אַ פּראָטעז) פון זאַלמענס לאַכנדיק מויל. ער האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, אָבער מוירע געהאַט דערטראַכטן ביזן סאָף יענעמס מיין.

— אָט דאָס איז די מײַסע, לייבקע. מאַגאַזינען פון מענער־זאַכן מיט עלעגאַנטע פּאַרקויפערנס דאַרף מען טאַקע אויפן ווײַטן צאָפן ניט, אָבער...

— אַהאָ! הייסט עס, דו ביסט יאָ געווען באַ די ווײַסע בערן, — האָט טריומפירנדיק געזאָגט לעאָן גרין. ער האָט ווידער דערשפּירט אַ פעסטן באָדן אונטער די פיס: דאָס ציגעל פון זײַן גלײַכגעוויכט האָט זיך אופגעהערט צו וואַקלען. — זאָג מיר אָקאָרשט... די ציינער האָסטו דאָרט פאַרלאָרן? צינגאַ, האַ?

יאָ, געווען „ווײַסע בערן״, געווען צינגאַ.

הארט פאַרן אָנהייב פון דער מילכאָמע האָט מען אים, זאַלמען ליבערמאַנען, געשיקט אויפן ווײַטן צאָפן. דעם לאַנד זײַנען נייטיק געווען די זעלטענע מעטאַלן, וואָס זײַנען באַהאַלטן פון דער מענטשהײַט אין די ווײַסע וויסטענישן פון ווײַטן צאָפן.

זאַלמען האָט קיינמאָל ניט געקלערט וועגן זיך ווי וועגן אַ פּראָמעטיי. ער איז געווען איינער פון אַ סאַך, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך צו גיין אַהין, וווהין עס שיקט די פאַרטיי, זאָל עס זײַן אויף דאָרעם, קעדיי צו באַקעמפן די באַסמאַטשעס, זאָל עס זײַן אויף צאָפן, קעדיי צו באַצווינגען די נאַטור. נאָר זיצנדיק איצטער אַנטקעגן דעם גוט־באַקאַנטן מענטשן מיטן ווילד־פרעמדן גורל, איז אים דורכגעפלויגן דורכן קאָפּ אַ האַזעדיקער געדאַנק, אַז, אייגנטלעך, איז אין זײַן צאָפנדיקער עפּאָפּיי געווען עפּעס וואָס פּראָמעטייישעס.

דער מענטש, וואָס זיצט אַנטקעגן אים, זעט בלויז ציינער, געפּאַטערטע פון צינגאַ, און פאַר זאַלמענס אויגן זײַנען איצט אַרויסגעשוומען ווײַטע, קימאַט פאַרגעסענע דערמאָנונגען — אַ פינפטער פעוראַל, אַ זעקס־און־פופציקסטער קילאָמעטער... צי וועט עס פאַרשטיין דער פרעמדלעכער מענטש, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעלייגט אַזוי זעלבסטצופרידן אין פאָטעל? לייבקע גרינשפּאַן וואָלט עס עפּשער נאָך פאַרשטאַנען, נאָר דער, לעאָן גרין...

זאלמען האָט טיף אַרײַנגעצויגן אין זיך דעם רויך פֿון דעם סיגאַרעט. אָבער ס׳איז ניט געווען דער דינער רויך פֿונעם שמעקנדיקן בראַזיליער טאַבאַק. ס׳איז געווען דער שאַרף־שנײַדיקער רויך פֿון מאַכאָרקע, וואָס האָט איצט פֿאַרפֿולט זײַנע לונגען. און אַרום איז געווען ניט קיין לינדער וויל־נער אָוונט אין אַ געמיטלעכער דירע — ס׳איז געווען אַ טאָג אויפֿן ווײַטן צאָפֿן, מיט אַ פֿראָסט, וואָס שטעכט ווי מיט נאָדלען.

יענעם טאָג האָט מען מאָנטירט די לעצטע באַלקנס אויפֿן העכסטן, אַכט־און־פֿערציקסטן האָריזאָנט פֿון דעם מעטאַלענעם קאַרקאַס פֿון דעם הויפּט־זאַוואָד. זאַלמען איז דאָרט געווען דער פּראַראַב (אַרבעטס־אָנפֿירער). ער איז געשטאַנען אונטן, קאָמאַנדעוועט מיט די קראַנען און מיט אַ פֿאַרהאַל־טענעם אָטעם נאָכגעפֿאָלגט, ווי זײַנע מאָנטאַזשניקעס, צוגעבונדן מיט רי־מענס צו די קאָלאָנעס אויף דער הייך פֿון אַכט און פֿערציק מעטער, כאַפּן די באַלקנס, וואָס דער קראַן הייבט אויף אין זײַן שנאָבל, דרייען זיי פֿאַר־זיכטיק אויס און פֿאַרפֿעסטיקן מיט פּראָוויזאָרישע שרויפֿן.

ס׳איז געווען אַ שטילער פֿראָסטיקער טאָג. די וועלט איז געלעגן ברייט אויפֿן פֿאַר די אויגן, באַגאָסן מיט אַ גלײַכגילטיקער קאַיאָריקער שײַן. עס האָט אויסגעוויזן אַזוי, ווי די שײַן וואָלט אַרויסגעשפּראָצט פֿון די ווײַסע אומענדלעכע שנייען.

מיטיק־צײַט, ווען דער מאָנטאַזש פֿון די באַלקנס איז שוין געווען פֿאַר־ענדיקט, האָט זאַלמען זיך פּלוצעם דערמאָנט, אַז הײַנט איז דער פֿינפֿטער פֿעוורואַל... דער טאָג, ווען אויף דער נײַן־און־זעכציקסטער פּאַראַלעל באַווײַזט זיך נאָך אַ דרײַכאַדאָשימדיקער נאַכט די זון... ער האָט זיך אַרומגעקוקט. די ערד אַרום ביז צו די ווײַטסטע פֿיאָלעטווע ראַנדן איז נאָך געווען באַגאָסן מיט אַ גלײַכמעסיקער גרוי־ווײַסער מילך. אָבער אַז ער האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויף די אָקאַרשט מאָנטירטע באַלקנס אויפֿן אַכט־און־פֿערציקסטן האָרי־זאָנט, האָט זײַן האַרץ אַ ציטער געטאָן פֿאַר פֿרייד: די באַלקנס זײַנען גע־ווען אײַנגעהילט אין אַ זילבער־גלאַנציקער ליכט. דאָרט שײַנט די זון!

ער האָט זיך אַפֿגיך אויפֿגעהויבן אַהין. די צאָפֿן־מיזרעכדיקע זײַט פֿונעם הימל האָט געלויכטן מיט אַן אָראַנזשעווער שײַן, און אונטן, אין סאַמע צענ־טער, האָט גלײַך־רויט געפֿלאַקערט אַ פֿענעצל זון, ווי אַן אָנזאָג פֿון אַ סאַך לאַנגע, ליכטיקע טעג.

— היי, כעווריע, די זון! — האָט ער אַראָפּגעשריִען צו זײַנע מאָנטאַזש־ניקעס.

באַלד האָט אַ צענדליק מענטשן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די הילצערנע לייטערס, צוגעפֿעסטיקטע צו די קאָלאָנעס. פֿון אונטער די פֿעלצענע היטלען האָבן צענדליקער אויגן געקוקט פֿאַרבענקטע אויף דעם גרויסן, פֿאַרביקן ווונ־דער, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר זיי פֿון דער דאָזיקער הייך.

דאָס איז געשען אין פֿיר כאַדאָשים אַרום, אין אָנהייב יוני.

אויפֿן זעקס־און־פֿופֿציקסטן קילאָמעטער פֿון דער נײַער שטאָט איז גע־פֿלאָסן אַ קליין טײַכל, וואָס האָט אויסגעגראָבן אין דער אייביק פֿאַרפֿראָ־רענער ערד אַ טיף פֿלוס־בעט. אין די לאַנגע ווינטער־כאַדאָשים איז דאָס

טײַכל געלעגן פֿארפֿאנצערט אין אײַז, פֿרילינג איז עס לוסטיק געלאָפֿן, אײַלנדיק אַרײַנצוגיסן זיך אין דעם גרויסן צאָפֿן־טײַך.

נאָכן פֿארענדיקן דעם מאָנטאזש פֿונעם זאוואָד איז זאלמען מיט זײַנע עטלעכע צענדליק מאָנטאזשניקעס אריבער אהער צום טײַכל, קעדיי צו מאָנטירן אַן אײַזערנע בריק פֿאר דער אײַזנבאַן־ליניע, וואָס מע האָט פּראָיעקטירט. א פֿאָר צענדליק מעטער ווײַטער איז איבערן טײַך געלעגן א צײַטווײַליקע הילצערנע בריק, וואָס האָט פֿארבונדן די נײַע שטאָט מיט דעם האפֿן אף דעם גרויסן סיבירער טײַך.

די זון האָט געלויכטן א קײַלעכיקן מעסלעס. באנאכט האָט זי געלויכטן פֿון צאָפֿן, א נידעריקע און א קאלטע. באטאָג האָט זי געבאקן, ווי אין עמעסע זון בייס אין עמעסן פֿרילינג. די שנייען ארום זײַנען צעגאנגען, און דאָס טײַכל איז מיט יעדן טאָג געלאָפֿן ראשיקער און רוגזעדיקער. איין טאָג, מיטיק־צײַט, האָבן זיי דערהערט פֿון דער זײַט פֿון דער הילצערנער בריק א מעכטיקן קנאַל, ווי א קאנאָנאדע פֿון הארמאטן. זאלמען איז צוגעלאָפֿן אהין. פֿון דער הילצערנער בריק זײַנען געבליבן עטלעכע דיקע סווײַעס. קלעצער און שפּענער האָבן זיך געטראָגן איבערן צעבושעוועטן, מיט ווײַסן שוים באדעקטן וואסער. דאָס איז געווען א קאטאסטראָפֿע. זאלמען האָט גע־ ווּסט, אז נעכטן איז אָנגעקומען אין פּאָרט די ערשטע שיף. הײַנט האָט געזאָלט דורכגיין דער ערשטער צוג מיט פּראָדוקטן פֿאר דער נײַער שטאָט. גראָד איז דאָס יאָר די נאוויגאציע געווען א שפּעטע. אין שטאָט זײַנען שוין אלע זאפּאסן אויסגעגאנגען, און מע האָט אויסגעקוקט אף דער נאוויגאציע און אפֿן ערשטן צוג.

זאלמען האָט זיך ארומגעקוקט. ארום זײַנען געשטאנען די ארבעטער און מיט ברייט צעעפֿנטע אויגן געקוקט אפֿן כורבן. זאלמען האָט זיי אײַנ־ קורצן דערקלערט די לאגע.

— כאווײרים, — האָט ער פֿארענדיקט, — מע דארף ראטעווען די שטאָט. דאָ איז איצט אונדזער פֿראָנט.

ארום זײַנען געשטאנען א פֿינף צענדליק מענטשן. זיי זײַנען געווען פֿאר־ שיידן לויטן עלטער, לויט די געפֿילן, געדאנקען. יעדערער מיט זײַנע טײַנעס און זײַנע פֿאָדערונגען צום לעבן. נאָר אין איינס זײַנען זיי געווען איצט גלײַך: אלע האָבן געפֿילט, אז זיי, נאָר זיי, קאָנען איצט העלפֿן דער שטאָט. וואָס האָט דער נאטשאלניק געזאָגט? פֿראָנט? יאָ, ס'איז טאקע פֿראָנט.

מע האָט געזעגט, געהאקט, געקראָכן אין וואסער און געכאפּט קלעצער און באלקנס, געבונדן פֿון זיי א פֿליט און געפֿעסטיקט אים, שטייענדיק אין אײַז־קאלטן וואסער, צו די רעשטלעך פֿון די סווײַעס. אינגיכן איז שוין איבערן שמאָלן טײַכל געלעגן א פֿליט. דאָס האסטיקע וואסער האָט זיך געבראָכן איבער די צוגעבונדענע קלעצער, אופֿגעהויבן פֿאָנטאנען שוים. די קלעצער האָבן געסקריפּעט, זיך באוועגט, אָבער דורכגיין איבער זיי האָט מען שוין געקאָנט.

ס'האָט זיך דערהערט דער ראַש פֿון דעם אָנקומענדיקן צוג און דער סקריפּ פֿון די טאָרמאָזן. צום ברעג איז געלאָפֿן א מענטש אין א פֿאנאנדער־ געשפּיליעט פּעלצל. ער איז א פֿארסאָפּעטער שטיין געבליבן בא דער בריק, קוקנדיק מיט ווילדע אויגן אף דעם כורבן.

— דער זאוואָד וועט זיך אָפּשטעלן, אויב מע וועט ביז אָוונט ניט צו־שטעלן אפן זאוואָד די כימיקאַטן. איר פאַרשטייט?

כימיקאַטן? זאַלמען האָט געהאַט בעדייע אַריבערוואַרפן אפן אַנדערן ברעג אין דער ערשטער ריי די מעל. אין שטאָט איז מען שוין עטלעכע טעג געזעסן אָף האַלבע פּאַרציעס ברויט און אָט־אָט האָט די מעל זיך שוין גע־דאַרפט ענדיקן. און דאָ האָסטו גאָר כימיקאַטן... אָבער אויב דער זאוואָד וועט זיך אָפּשטעלן...

— וויפל כימיקאַטן פּירסטו?

— דריַי וואַגאָן.

— וויפל דאַרף דער זאוואָד א מעסלעס?

— דאָס וועט סטייַען קימאַט אָף צוויי מעסלעס.

— לויף צום מאַשיניסט, ער זאָל נעענטער דערלאַנגען דעם צוג.

אַז דער צוג איז צוגעקומען האַרט צום ברעג און דער עקספּעדיטאָר האָט געעפנט דעם וואַגאָן, האָט זאַלמען דער ערשטער אונטערגעשטעלט זייַן פּלייצע. ער האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט מיט זייַן לאַסט צום ברעג, פּאָרזיכטיק אַרוף אָף די זיך הוידענדיקע, סקריפּענדיקע קלעצער. הינטער אים האָט זיך געצויגן א קייטעלע פון פּופציק פּלייצעס, אָף יעדער פּלייצע א זאַק. דער באַרג זעק אָף דעם רעלסיקן וועג איז געוואַקסן. דער לעצטער האָט נאָך ניט באַוויזן אָוועקצולייגן דעם זאַק אַפן באַרג, ווי א לאָקאָמאָטיוו מיט צוויי וואַגאָנעס האָט זיך באַוויזן פון דער זייַט, וווּ ס׳איז געלעגן די שטאָט.

— יאָ, אַזוי איז עס געווען, — האָט זאַלמען געזאָגט נאָך א שטיל־שווייַגן, — אפן פּראָנט איז מיר טאַקע ניט אויסגעקומען צו זייַן. נאָר דאָרט, אפן ווייַטן צאַפן, איז עפּעס געבליבן א זייכער פון מיר...

לעאָן גרין האָט אופמערקזאַם געקוקט אָף זייַן יוגנט־כאַווער. אין זיא־מעס קליינע שוואַרצע אויגן, אָנגעצונדענע פון דערינערונגען, האָבן איצ־טער געגלאַנצט לעבעדיקע פייַערלעך. זייַן שפּיציקער קין שטאַרצט אַרויס און די באַקן זייַנען איַינגעפאַלן, ווי אַמאָל, כאָטש ער פּירט, דאַכט זיך, א זאַט, רויִק לעבן. יאָ, ער איז דער זעלבער, וואָס אַמאָל, אָט דער זיאמע, א בייניקער, א קנאָכיקער. אויך איצט, צו דער עלטער, האָט ער ניט דער־וואָרבן ניט די פולקייט פון פּאָנעם, ניט די מעיושעוודיקייט, וואָס כאַראַק־טעריזירן א סאָלידן מענטשן.

— איצטער ווייסטו, וואָס „וויַסע בערן” זייַנען, און וועסט קאָנען דער־ציילן דאָרטן שרעקלעכע מייַסעס...

— איצטער פאַרשטיי איך, אַז בויען א נייַ לעבן איז א ביסל שווערער ווי... ווי... — האָט פאַרטראַכט געזאָגט לעאָן גרין, און פאַרכאַפּט פון א פּלוצעמדיקער באַדערפעניש אויסריידן זיך דאָס האַרץ, האָט ער שטיל, קוים צו הערן, צוגעגעבן: — ווי באַגאַנווענען איטאַליענערקעס און האַנדלען מיט שמייכלען פון מיידלעך אין גרינע עלעגאַנטע אוניפאָרמעס...

זייַן בליק האָט געבלאָנדזשעט, אויסמייַדנדיק זאַלמענס אויגן.

— לייבקע, דו האָסט געמיינט, אַז דו האָסט באַגאַנוועט די איטאַליענער־קע, ניין, ס׳איז א סאַך ערגער: דו האָסט זיך אַליין באַגאַנוועט, לייבקע.
לעאָן גרין האָט זיך שווער אופגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צום שטול, וווּ ס׳איז געהאַנגען זײַן גרוי רעקל.
— שוין שפּעט. מאָרגן גאַנצפרי דאַרף איך זײַן אפן אַעראָדראָם. עפּשער וועט נאָך געלינגען א פּאָר שאָ צו שלאָפן.
ביידע האָבן געוווּסט, אַז ס׳איז ניט עמעס. א פּאָר שאָ דאַרף ער טאַקע בלײַבן אַליין, אָבער ניט אף צו שלאָפן.

א האַלבע שאָ פאַרן אָפּפלי פון ווילנע איז לעאָן גרין געקומען אין אַעראָפּאָרט. ער האָט אָפּגעגעבן זײַן טשעמאָדאַן, און מיט דעם לײַכטן גאַ־באַרדין־מאַנטל אף דער האַנט איז ער אַרויס אף דער פּלאַטפאָרמע. ס׳איז געווען א זוניקער טאָג. לעאָן גרין האָט זיך צוגעזעצט אף א באַנק מיטן פּאָנעם צו דער זון און פאַרזשמורעט די אויגן. פאַר די פאַרמאַכטע אויגן זײַנען געשווומען ראָזע און פּיאָלעטע קרײַזן. אין מויעך זײַנען אויך גע־שווומען אין מישמאַש שטיקלעך געדאַנקען. ער האָט ניט געהאַט ניט קיין ווילן, ניט קיין קויעך זיי צונויפבינדן, ברענגען אין אָרדענונג. זאַלמען איז ניט געווען. ער האָט נעכטן געזאָגט, אַז ער איז ניט זיכער, צי וועט ער קומען. ער האָט מאָרגן אינדערפרי א באַראַטונג אין מיניסטעריום. אים, לעאָן גרינען, איז איצטער אַלצייינס, צי וועט זאַלמען קומען, צי ניט.
פּלוצעם האָט ער דערפילט, אַז עמעצער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים. ער האָט געעפנט די אויגן.
— א, דאָס ביסטו, — האָט ער געזאָגט אָן איבעריקער פרייד.
— יאָ, זיך אַרויסגעריסן אף א ווײַלע, — האָט געענטפערט זאַלמען, — נו, איז געזעגנסטו זיך שוין מיט ווילנע?
— יאָ.
— געזעגן אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט אונדזער יוגנט?
— געזעגן.
— געווען אף נאָוואָגרודסקער גאַס? געווען אף זאַוואַלנע? דאָס הויז איז דאָך גאַנץ געבליבן. געזען אונדזער סעמינאַר? געווען אפן שלאָס־באַרג?
לעאָן גרין האָט אפּאַטיש געשאָקלט מיטן קאָפּ. זאַלמען האָט דערפילט דעם ווידערווילן, וואָס גליטשט זיך דורך אין די קורצע ענטפערס פון זײַן כאַווער, און האָט געביטן די טעמע:
— און דעם פּלאַץ, אף וועלכן מיר געפינען זיך איצט, דערקענסטו? דאָ איז געווען א וועלדל. מיר פלעגן דאָ מאַכן אַמאָל מאַיאָווקעס, געדענקסט? און דאָרט ווײַטער איז דער נײַער אינדוסטריעלער צענטער פון ווילנע. דאָרט זײַנען אויסגעוואַקסן זאַוואָדן, וואָס יעדערער פון זיי האָט עפּשער מער אַרבעטער, ווי אין גאַנץ ווילנע האָט אַמאָל געהאַט. דאָרט געפינט זיך...
ער האָט א שאָס געטאָן מיט נעמען פון זאַוואָדן, פאַבריקן, אונטערנע־מונגען. לעאָן גרין האָט אינסטינקטיוו זיך א צי געטאָן צו דער קעשענע, וווּ עס איז געלעגן דער בלאָקנאָט, נאָר גלײַך צוריקגעצויגן די האַנט. צו וואָס? איצטער איז אים שוין ענדגילטיק קלאָר, אַז דער באַריכט וועט ניט

צו שטאַנד קומען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די ווירקלעכקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן די לעצטע טעג, קאָן מען ניט מיט־סע־סויכער פאַנאַנדערלייגן אויף צוויי טיילן: אַזויפיל פּראָצענט גוט, אַזויפיל פּראָצענט שלעכט, אַז מע מוז זי אָדער איינגאַנצן אָננעמען, אָדער איינגאַנצן אָפּוואַרפן. און ער, לעאָן גרין, דער מענטש אין גרויען, האָט נאָך ניט באַשלאָסן, וואָס זאָל ער טאָן. ווען ער וועט קומען אַהיים, ווען ער וועט זיצן אין זײַן קאַבינעט, ווען ער וועט פאַררייכערן אַ ציגאַר און לאָזן געמיטלעך דעם רויך צו דער סטעליע, קוקנדיק אויף די גרינע טאַפּעטן מיט די גוט באַקאַנטע גראַווירן אויף די ווענט, דאַן וועט ער עפּשער צוריק געווינען זײַן פאַרלוירענעם גלײַכגעוויכט און וועט קאָנען אורטיילן מיט אַ קלאָרן, ניכטערן קאָפּ.

ער האָט מיט אַ שמייכל איבערגעשלאָגן דעם כאַוועד, וואָס האָט אַלץ גערעדט, טײַטלענדיק מיטן פינגער אָט אין איין ריכטונג, אָט אין אַ צווייטער.

— וואַרט, וואַרט אַ ביסל, דו האָסט מיך באַטויבט מיט דײַן ניאַגאַרע פון פאַקטן און דאַטעס. באַלד וועסטו נאָך זאָגן, אַז אָט דאָרט, לעבן איישישאָק, געפינט זיך אַ קאָסמאָדראָם, ווו מע קאָן זיך זעצן אין אַ ראַקעטע און פליִען אויף דער לעוואָנע, האַ?

— ניין, דאָס וועל איך ניט זאָגן, — האָט לאַכנדיק געענטפערט זאַלמען, — אָבער אין עטלעכע יאָר אַרום, אַז דו וועסט קומען אַהער נאָכאַמאָל, איז גרײַלעך מעגלעך, אַז אַזוי וועט זײַן. פאַרוואָס קאָן טאַקע לעבן איישישאָק ניט זײַן קיין קאָסמאָדראָם?

— ניין. נאָכאַמאָל וועל איך ניט קומען אַהער. יאָרן, ברודער, יאָרן...

טיף אין האַרצן האָט ער געוווּסט, אַז ס'איז ניט אַזוי. ניט די יאָרן, נאָר די מוירע נאָכאַמאָל אַרײַנצוקוקן אין זיך וועט אים ניט לאָזן קומען אַהער.

דער יִשוּוניק

ער האָט געעפֿנט אפֿן קלונג די טיר. פֿאַר אים איז געשטאַנען אַן אומבאַקאַנט מיידל.

— איר זענט דער כאַווער איסאַק שוואַרצמאַן?

— יאָ, קומט אַרײַן.

נאָר דאָס מיידל האָט בעשום־אויפֿן ניט געוואָלט אַרײַנגיין אין צימער. זי איז געשטאַנען אין האַלב־טונקעלן קאָרידאָר, אַ הויכע, מיט אַ רויט לענגלעך פּאָנעם, אויף וועלכן ס'האָט זיך אויסגעטיילט מיט איר ווײַסקייט אַ גרויסע ביינערדיקע נאָז, און, קענטיק, ניט געוווּסט פֿון פֿאַרלעגנהייט ווי אָנצוהייבן ריידן.

די פֿאַרלעגנהייט פֿונעם מיידל האָט אַרויסגערופֿן בא שוואַרצמאַנען אַ שמייכל.

— אַנטשולדיקט מיר... ס'האָט מיך געשיקט צו אײַך מײַן זיידע... ער איז זייער אַלט... און קראַנק...

— אײַער זיידע?

— יאָ, קראַוועץ איז זײַן פֿאַמיליע־נאָמען... קראַוועץ... איר האָט נישט געהערט?

שוואַרצמאַן האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— יאָ, יאָ, דער זיידע האָט מיר געזאָגט, אַז איר געדענקט אים ניט, מיסטאָמע... אָבער ער קען אײַך... ער איז... ער האָט מיר געזאָגט... איך זאָל אײַך זאָגן... ער איז דער יִשוּוניק פֿון לאַפּאָינע...

דער געשפּרעך האָט זיך געפֿירט אין רוסיש, נאָר דאָס וואָרט „יִשוּוניק" האָט דאָס מיידל אַרויסגערעדט אין ייִדיש און זיך נאָך מער פֿאַרשעמט.

— איך האָב עס ריכטיק געזאָגט?

— ריכטיק, ריכטיק, — האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן שוואַרצמאַן, און עפּעס אַ דערינערונג פֿון די קינדער־יאָרן האָט אָנגעהויבן אויפֿצושווימען אין זיקאָרן.

דאָס מיידל איז געוואָרן דרייסטער.

— ער האָט אײַך זייער געבעטן, איר זאָלט אַרויפֿקומען צו אים. ער איז זייער אַלט און קראַנק און ער דאַרף אײַך נייטיק זען. אַזוי זאָגט ער. איר דערמאָנט זיך אים?

— יאָ, יאָ, יאָ... לעבט ער, הייסט עס, אײַער זיידע? און וווינט דאָ אין שטאָט?

— יאָ. ער האָט זייער געבעטן, איר זאָלט אַרויפֿקומען צו אים. ער איז זייער קראַנק. ער וויל אײַך זען, איידער... נו, איר פֿאַרשטייט דאָך... איר וועט קומען?

זי האָט אים געגעבן דעם אדרעס, און נאָכדעם, ווי ער האָט צוגעזאָגט צו קומען, איז זי אוועק.

דער ייִשוווניק פון לאַפּאַינע... עפּעס ווי פון א נעפּל איז ארויסגעשווומען אין זיקאָרן די געשטאַלט פון א הויכן מאָרעשכוירעדיקן מענטשן מיט א פארגרעבט פּאָנעם, אף וועלכן צוויי טיפע שווארצע אויגן האָבן ארויסגעקוקט פון הינטער א גרויסער בײנערדיקער נאָז. די דאָזיקע אויגן האָבן געקוקט אף דער וועלט מיט כשאד און אומצוטרוי, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: איר קאָנט טאקע אָפּכויזעקן פון מיר, ווײַל איך בין אן אמהאָרעץ און א ייִשוווניק, נאָר פארדרייען דעם ספּאָדעק דורך אײַערע קלוגינקע רייד וועל איך מיך ניט לאָזן.

יעדן ערעוו יאָמטעוו פלעגט ער קומען אין שטעטל אף זײַן פערד־און־וואָגן און מאכמעס א ווײַטער קאָרעוו, פארפאָרן צו די שווארצמאַנס. די פּאָר יאָמטעווודיקע טעג פלעגט ער זיך ארומדרייען א שווײַגנדיקער, א שוועללײַביקער אין זײַן פּוסט־און־פּאסקײַט און נאָכגיין, ווי א טעלעצע דעם פאָטער, אויספּאָלגנדיק אלע האלאָכעס און מינהאָגים, וואָס דער פאָטער פלעגט אים אף שטום־לאָשן הייסן. ער, איציקל שווארצמאַן, דעמלט א כײיידער־ייִנגל, האָט מיט טשיקאַוועס זיך צוגעקוקט צום אוירעך, און אין זײַן קליין הערצעלע האָט שוין דעמלט זיך געזאמלט א געפיל פון ביטל צום ייִשוווניק: ס׳איז דען געפּראַוועט יאָמטעוו? ס׳איז דאָך אָפּגעקומען יאָמטעוו...

און איינמאָל, ס׳איז געווען קורץ פאר דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, איז דער ייִשוווניק פארשוווּנדן. פארשוווּנדן — און אויס.

איציקל — ער איז דאַן געווען א יאָר צען — געדענקט עפּעס א ווינטערדיקן אָוונט אין שטוב. די מאמע זיצט לעבן אויוון מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, דער טאטע שפּרײַזט מיט ברייטע טריט איבער די סקריפּענדיקע פּאָדלאָגע־ברעטער און רעדט אויס דער מאמען:

— סטײַטש, ווי גיט מען עס אזא כאַמערוק דרײַסיק רובל? איין קלייניקײַט: דרײַסיק רובל געגומען מיט די אייגענע הענט און ארויסגעוואָרפן...

די מאמע פארענטפערט זיך:

— אז ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטן? ער האָט מיר אײַנגעטײַנעט און אײַנגעטײַנעט... ער וויל זיך אופּריכטן, עפּעס דערגרייכן א טאכלעס... ער איז דאָך עפּעס א שטיקל אייגענער...

דער טאטע גייט נאָך לאַנג ארום איבערן צימער און רעדט אויס דער מאמען. נאָר איציקלען דאכט זיך, אז דער טאטע איז גאָרנישט אזוי אין כאַס, ווי ער מאכט זיך. טיף אין הארצן איז ער עפּשער גאָר א ביסל צופרידן, וואָס זײַן ווײַב איז אזא צאדקאָניִעס און וואָס אין שטוב איז, גאָט צו דאנקען, פאראַן אן איבעריקער רובל. אײַ דאָס געלט איז פארפאַלן...

— מיילע, — זאָגט ער, און די פּאָדלאָגע־ברעטער הערן אוף צו סקריפּען, — א ביסל צו טײַערלעך, אָבער דערפאַר איז מען פּאָטער געוואָרן פון דעם כאַמערוק...

מער האָט ער קיינמאָל פון דעם ייִשוווניק ניט געהערט. און איצטער...

אפן אנדערן טאָג איז שווארצמאַן אוועק לויט דעם אָנגעוויזענעם אדרעס. ס׳איז געווען אן אלטער דרײַגאָרנדיקער מויער מיט שמאָלע

פענצטער, ארײַנגעשפּאַרט אין א פֿינצטער, שמאָל געסל פֿון אַלט־שטאָט די טיר האָט אים געעפֿנט דאָס זעלבע מיידל.

— אוי, דאָס איז גוט, וואָס איר זײַט געקומען. ער לאָזט נישט לעבן, ער פֿרעגט זיך אַלץ נאָך אויף אײַך. כ'האָב שוין געוואָלט נאָכאַמאָל גיין צו אײַך.

— וואָס מאַכט ער?

דאָס מיידל האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

זי האָט אים געפֿירט דורך א לאַנגן קאָרידאָר, פֿאַרשטעלט מיט בעט־בעכעס, דערנאָך דורך א קלענערן און שמעלערן און אַרײַנגעפֿירט אים אין א גרויסן צימער. נאָר איידער ער האָט וואָס דערזען אין האַלב־טונקעלן צימער, איז אים דער אָטעם פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דער שטיקנ־דיקער לופֿט. דאָס מיידל האָט עפּעס א מורמל געטאָן וועגן זיידן, וואָס לאָזט ניט עפֿענען די פֿענצטער, און אים צוגעפֿירט צום ווינקל, וווּ ס'איז געשטאַנען די בעט.

— זיידע, אָט איז ער... ער איז געקומען...

שוואַרצמאַן האָט דערזען אַן אויסגעצערט פּאָנעם, ווי געלער פּאַרמעט, פֿון לויטער קנייטשן, טיפֿערע און קלענערע. מער ניט די שויפֿערדיקע נאָז איז געווען די זעלבע, וואָס אַמאָל, און האָט אויסגעזען נאָך איימע־דיקער אויפֿן אויסגעצערטן פּאָנעם. דער אַלטער האָט געעפֿנט די אויגן.

— ביסט געקומען... געקומען... דאָס איז גוט...

ער האָט געפּרוּווט אויפֿהייבן דעם קאָפּ, זיך אויסדריייען צו אים, נאָר ניט געקאָנט.

— זיידע, רעג זיך ניט אויף. ליג... — האָט אים באַרויִקט דאָס מיידל.

— דאָס איז גאָרנישט... גאָרנישט... אַבי דו ביסט געקומען... איך דאַרף מאַכן דעם כעזשבן.. דעם כעזשבן... איידער איך קום אַהין... פֿאַר־שטייסט?

ער איז א ווײַלע שטיל געוואָרן, פֿאַרמאַכט די אויגן. שוואַרצמאַן האָט א קוק געטאָן אויפֿן מיידל, ווי ער וואָלט געפֿרעגט, וואָס ער האָט ווײַטער צו טאָן. זי האָט פֿאַרפּרעסט די ליפּן און שטרענג א קוק געטאָן אויף אים. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף וואַרטן.

דער אַלטער האָט ווידער געעפֿנט די אויגן.

— איך האָב אַמאָל געלויִען בײַ דײַן טאַטן... בײַ דײַן מאַמען... דרײַסיק רובל. דו ביסט דער יורעש... דער יורעש... דאַרף איך דיר איצטער אָפּגעבן... איך האָב אויסגערעכנט, דאָס איז אויפֿן הײַנטיקן געלט זעכציק רובל. שטרײַט ניט מיט מיר, — האָט ער פּלוצלינג אויפֿגעהויבן זײַן שטים, כאָטש קיינער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, — דאָס איז הײַנט זעכציק רובל. איז אָט... דו ביסט דער יורעש...

דער אַלטער האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון אונטערן קישן זעקס נײַע פּאַ־פּירענע צענרובלדיקע און זיי אויסגעשטרעקט שוואַרצמאַנען...

שוואַרצמאַן איז געשטאַנען א צעטומלטער. אָט האָסטו דיר א מײַסע... פּלוצלינג אויף די עלטערע יאָרן געוואָרן א „יורעש". אַז דעם עצעם באַגריף „ירושע" האָט ער שוין קימאַט פֿאַרגעסן...

ער האָט ווידער א קוק געטאָן אויפֿן מיידל. נאָר יענע האָט ווידער פֿאַר־

פרעסט די ליפּן און אים געגעבן אַ ווונק. ער האָט צוגענומען די פּאַ־פּירלעך.

דער אלטער האָט אַן אויסגעשעפּטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויפן קישן. זײַנע ליפּן האָבן זיך באַוועגט:

— ריין... ריין איצטער... אָפּגעגעבן... דעם יורש...

שווארצמאַן איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען און דערנאָך זיך פּאַמעלעך אַרויסגעשאַרט פון צימער. דאָס מיידל האָט אים באַגלייט. אין קאָרידאָר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. די פּאַפּירלעך האָבן זיך נאָך געזעבאַמבלט אין זײַן האַנט. ער האָט זיי געוואָלט אָפּגעבן דעם מיידל, נאָר זי האָט זיי אָפּגעשטויסן.

— וואָס רעדט איר? דער ווילן פון אַ שטאַרבנדיקן...

שווארצמאַן איז אַוועק.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דאָס מיידל ווידער געקומען צו אים, און לויט דעם, ווי זי האָט אַראָפּגעלאָזט די פּאַרוויינטע אויגן, האָט ער אַלץ פאַרשטאַנען.

— ווען איז די לעוויע?

— מאָרגן.

ס׳איז געווען אַ גרויער טאָג פון שפּעטן האַרבסט. אַ צענדליק מענטשן האָבן באַגלייט דעם אַלטן יישוווניק אין זײַן לעצטער רו. דאָס מיידל איז געגאַנגען אונטערן אָרעם מיט אַ קליינער ציכטיקער פרויערטע. עמעצער האָט דערקלערט שווארצמאַנען, אַז דאָס איז די ליטווינערן, וואָס האָט זי אויסבאַהאַלטן — דעמלט נאָך אַ פּיצל קינד — אין דער צײַט פון דער היטלערישער אָקופּאַציע. די גאַנצע מישפּאָכע איז אומגעקומען.

— און דער אַלטער? דער אַלטער? ווו איז ער דעמלט געווען? — האָט געפרעגט שווארצמאַן.

— דער אַלטער? ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן בײַ פויערים. ער איז דאָך געווען אויסגעבונדן מיט זיי...

באַם טויער פון בעסוילעם האָט אָנגעהויבן צו זיפּן אַ נודנער רעגן. די לעוויע האָט זיך לאַנגזאַם געצויגן איבער די שמאָלע, לאַנגע שטעגן פון בעסוילעם, און די פּיס זײַנען געזונקען אין די הויפנס זשוכלע, געלע בלעטער.

די גרוב איז שוין געשטאַנען אַ פּאַרטיקע. מ׳האָט אַראָפּגעלאָזט דעם אָרן. דאָס מיידל האָט די ערשטע געוואָרפן אַ הויפן נאַסן זאַמד. די קליינע ציכטיקע פויערטע האָט זי אונטערגעהאַלטן און צערטלעך געגלעט איבערן קאָפּ. די קאַבראָנים האָבן זיך גענומען צו די לאָפּעטעס.

אינגיכן איז אַלץ געווען געענדיקט. אויפן אָרט, ווו ס׳איז געווען די גרוב, איז אויסגעוואַקסן אַ בערגל געלע ליים.

שווארצמאַן האָט געקוקט אויפן בערגל — אַלץ, וואָס איז פאַרבליבן פון אַ לאַנגן יישוווניקישן לעבן, — און געטראַכט וועגן די מאָדנע וועגן פון מענטשלעכן באַוווסטזײַן: אָפּלעבן דאָס גאַנצע לעבן מיט אַ קריוודע אין האַרצן — דאָס מעג מען; אָבער ליגן אונטער דעם בערגל ליים מיט אַ קריוודע אין האַרצן — דאָס ניט.

אנקע און די באָבע

בייס אנקע באָדט זיך אויס און קומט אהיים, ווארט אף איר די באָבע מיטן פרישטיק: פרישע בייגל און קאלטע מילך. אנקע, א פרישע, א דורכגעזאפטע מיט יאם און זון, זעצט זיך צום טיש. די בייגל כראָמטשען אונטער די קליינע ווײַסע ציין, און די מילך קילט מעכײַעדיק דעם גומען. די באָבע קוקט אף איר פון וויגשטול. אירע קליינע טונקעלע אויגן אין א רעמל פון קנייטשעלעך קווען פון נאכעס. ערגעץ פון די טיפסטע טיפענישן פון איר זיקאָרן שווימען ארויס אלטע, לאנג פארגעסענע ווערטער, און זי ברומט מיט א ניגנדל: „בייגל מיט מילך און אין כיידער ניט גיין... בייגל מיט מילך און אין כיידער ניט גיין..."

— באָבע, וואָס איז דאָס „כיידער"?

די אלטע דערקלערט, און אנקע פאטשט מיט די הענט:

— איך וועל שוין ניט גיין אין כיידער... איך האָב שוין געענדיקט דעם כיידער...

— אוואדע, אוואדע, אנקעלע. האָסט געענדיקט דעם כיידער... געענדיקט ווי ס׳באדארף צו זײַן, מיט א מעדאל... אָבער איצט דארף מען קלערן וועגן ווײַטערדיקן כיידער, וועגן אינסטיטוט.

— איך וועל ניט גיין אין אינסטיטוט!

— וואָס הייסט, נארעלע, דו וועסט ניט גיין? דײַן מאמע האָט הויכבילדונג, דײַן טאטע האָט הויכבילדונג, מישע לערנט זיך אין אינסטיטוט, די גאנצע מישפּאָכע אונדזערע... שווערע צײַטן געווען, און אלע האָבן זיך דורכגעשלאָגן... מענטשן געוואָרן...

איצט ווייסט אנקע, אז ס׳וועט אוועקגיין א סעדרע דערינערונגען וועגן דער מישפּאָכע, און איר פּאָנעם ווערט גלײַכגילטיק.

די באָבע איז אלט, זייער אלט. אין דער היים האָט עס אנקע ניט אזוי געשפּירט. עפּשער דערפאר, ווײַל דאָרט האָט זי זיך זעלטענער געטראָפן מיט דער באָבען. אָבער דאָ, אין פּאלאנגע, ווו מע איז אליין מיט דער באָבען אין דער געראמער דאטשע (די איבעריקע מיטגלידער פון דער פארצווײַגטער מישפּאָכע דארפן דאָ פארברענגען דעם אורלויב שטרענג לויטן גראפיק), פילט זיך עס באזונדערס שטארק. די באָבע שטעקט אינגאנצן אין דער פארגאנגענהײַט. און די פארגאנגענהײַט, אין וועלכער זי גריבלט זיך אָן אופהער, גייט ניט ארויס פון די גרענעצן פון דער מישפּאָכע.

אנקען, ווען זי הערט דער באָבעס רייד, מאָלט זיך עפּעס אַן אַקוואַ־ריום, אָפּגעגרענעצט פון דער ארומיקער וועלט מיט גלעזערנע ווענטלעך. אָט אין דעם אַקוואַריום צאַפּלען זיך פאַרשיידענערליי פיש, וואָס בילדן אָט די איינציקע, צאַלרייכע און גראַטענע מישפּאָכע.

אנקע הערט זיך קימאַט ניט צו צו דער באָבעס ווערטער: זי ווייסט, אַז וועגן וועמען עס זאָל ניט גיין די רייד, וועגן דעם פעטער זישע, וועגן דער מומע עטל אָדער וועגן דעם שוואָגער ליאָווע, שטענדיק וועט זיך עס ענדיקן דערמיט, וואָס, ניט געקוקט אַף אַלע שוועריקייטן, מענויעס און שטערונגען, זיינען זיי געקומען צו אַ טאַכלעס. טאַכלעס — דאָס איז דער איקער. אַלע פון דער מישפּאָכע פערלאָווסקי (דאָס איז אנקעס און דער באָבעס פאַמיליע) און אַלע פון דער פאַמיליע מילשטיין (דאָס איז דער באָבעס מיידלשע פאַמיליע) זיינען פריער אָדער שפּעטער, מיט גלייכע וועגן צי מיט קרומע, געקומען צו אַ טאַכלעס. דאַכט זיך, דער פעטער סאָלאָמאָן — געווען אַ יונגאַטש, אַ טויבן־יעגער. אַז מע האָט אים אויסגעשלאָסן פון גימנאַזיע, האָבן אים די עלטערן געשיקט אין אַ צוויי־טער שטאָט, דאָרט האָט ער זיך אויך ניט געוואָלט לערנען, געקומען אַהיים אַ פּוסטעפּאַסניק, אַ הולטיי. האָט מען אים כאַסענע געמאַכט קעגן זיין ווילן פאַר אַ גוויריש מיידל, אַן עלטערע פון אים, און אָט האָט איר — די גרעסטע אייזן־קראָם אין שטעטל, אַ סויכער!.. ווידער אַ טאַכלעס! היינט קינדער האָט ער געהאַט... פּ־ס־ס־ס... איינס־אין־איינס...

אנקע צוקט מיט די אַקסלען. אַ מאָדנע וואָרט „טאַכלעס"! וואָס איז דאָס „טאַכלעס"? איר ווייזט זיך אויס, אַז דאָס איז עפּעס אַ כייע־ראָע, וואָס לויערט אַפן מענטשן און וואָס באַרויקט זיך ניט, ביז זי כאַפּט אים ניט אַריין אין די לאַפּעס.

— דיר איז אומעטיק, אנקעלע? נו, יאָ, וואָס, מישטיינסגעזאָגט, קאָנסטו האָבן פאַר אַן אינטערעס מיט דער באָבען? אָט באַלד וועט קו־מען צו פאָרן מישע, וועט זיין גאָר אַן אַנדער זאַך. אַ טייער יינגל מישע.

מישע מילשטיין איז דער שטאָלץ פון דער מישפּאָכע און דאָס קרוינדל בא דער באָבען. ער איז שוין אַפן לעצטן קורס, און ווער־ווער, נאָר ער האָט שוין די אַספּיראַנטור קימאַט אין קעשענע. היינטיקע צייטן, וואָס דאַרף מען אַ בעסערן טאַכלעס?

די באָבע הערט אויף זיך צו פאָרקען בא די טעפּ, ווישט אויס די הענט אָן פאַרטעך און קוקט מיט אַ מאָדנעם בליק אַף אנקען: אַזוי קוקט מען אַף אַ קינד, ווען מע נאַרט עס אַריין מיט אַ צוקערקע, עס זאָל טאָן דאָס, וואָס די גרויסע ווילן. און פלוצעם שניידט אנקעס מויעד דורך, ווי אַ דינע נאָדל, דער געדאַנק: עפּשער מיינט די באָבע, אַז מישע דאָס איז איר, אנקעס, טאַכלעס? זי דערמאָנט זיך, אַז אָנדייטונגען אַף דעם האָט זי שוין געהערט אין דער היים, נאָר דעמלט האָט זי זיי ניט פאַרשטאַנען. איצט, אַז זי האָט אָנגעהויבן באַגרייפן דעם טיפן זין פונעם וואָרט „טאַכ־לעס", פאַרשטייט זי יאָ. זי ציטערט אויף. אי עס שרעקט זי אַ ביסל, אי עס זעט איר אויס קאָמיש. זי האָט פיינט מישען שוין דערפאַר אַליין, וואָס אַ לעבנלאַנג האָט מען איר קעסיידער געטייטלט אַף מישען: „מישע

איז אזא סטאטעטשנער", „מישע לערנט זיך אזוי גוט", „מישע וואָלט אזוינס ניט געטאָן". קעדיי בײַצוקומען די צערודערונג, נעמט זי זיך צום „הולאַ־האָפּ־רייף". איר דינער, בייגעוודיקער קערפּער באַוועגט זיך ריטמיש, צוערשט לאַנגזאַם, דאַן שנעלער און שנעלער.

— אוי, גענוג שוין, גענוג, ס'דרייט זיך מיר דער קאָפּ, — שמייכלט די באָבע.

אין עטלעכע טעג אַרום אײַנדערפרי, אַנקע איז אָקאָרשט אויפגעשטאַנען און קלײַבט זיך גיין אַפן פּליאַזש, עפנט זיך די וועראַנדע־טיר, און ס'קומט אַרײַן מישע מיט אַ טשעמאָדאַנדל אין האַנט. די באָבע, ווי עמעצער וואָלט זי אונטערגעשטופּט, לויפט אַרײַן פון קיך און טוליעט זיך צו מיטן קאָפּ צו מישעס ברוסט. אַנקע קוקט זיך אַרום: אין דער אָפן געבליבענער וועראַנדע־טיר שטייט אַ הויכער, ברייטפּלייציקער יונג מיט אַ רוקזאַק אויף דער פּלייצע. זײַן פּאָנעם איז געדיכט באַשאָטן מיט רויט־לעך־ברוינע זומערשפּרענקלעך און איז באַקרוינט מיט אַ פּלאַמפײַערדי־קער רויטער טשופּרינע. ער קוקט זיך אום ניט זיכער און שעמעוודיק.

— דאָס איז איגאָר, מײַן כאַווער, — זאָגט מישע, — קום אַרײַן. וואָס שטייסטו? און דאָס איז מײַן באָבע, און דאָס איז די ציג, וועגן וועלכער איך האָב דיר דערציילט.

און בייס אַנקע שטרעקט אויס איר שמאָלע האַנט צו איגאָרן, גיט מי־שע מעיושעוודיק צו:

— אַ ציג איז זי טאַקע, נאָר פונדעסטוועגן האָט זי האַיאָר געענדיקט די שול מיט אַ מעדאַל.

— דאָס איז ניט וויכטיק, — ווערט אַנקע מיטאַמאָל רויט.

— דאָס איז יאָ וויכטיק, — זאָגט מישע סטאַטעטשנע.

ס'איז געווען מיט יול, און דער סעזאָן האָט געהאַלטן אין ברען. דער פּליאַזש האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט קוראָרטניקעס. מישע האָט מער פאַרבראַכט מיט די שאַכמאַטיסטן. איגאָר און אַנקע זײַנען דאָסראָוו געווען צווישן דער יוגנט, וואָס שפּילט אין האַנטבאָל. געבאָדן האָט מען זיך עטלעכע מאָל אַ טאָג. איגאָר האָט געלערנט אַנקען שווימען. זי איז פריִער אויך געשווומען — געפּאַטשט מיט די הענט, ווי איגאָר האָט מיט ביטל זיך אָפּגערופן. איצט האָט זי געלערנט אַלע סטילן: קראָל, באַטערפלײַ. אַנקע האָט זיך געסטאַרעט. אז עס פלעגט איר געלינגען, פלעגט זי זיך פרייען; אז עס פלעגט ניט געלינגען און זי האָט געפילט אונטערן וואַסער איגאָרס שטאַרקע האַנט, וואָס האַלט זי אונטער און פאַריכט זי, איז איר אויך געווען גוט.

אָפּטמאָל פלעגן זיי מאַכן לאַנגע שפּאַצירן. מישע האָט געהאַט זײַן אײַזערנעם גראַפיק און פלעגט ניט שטענדיק מיטגיין מיט זיי. זײַנען זיי געגאַנגען איבערן ברעג, איבער די דיונעס אַליין. ער — אַ ברייטפּלייצי־קער, אַ רויט־זוניקער, זי — אַ דינע און בייגעוודיקע, מיט פּעך־שוואַרצע

האָר. דער קאָנטראַסט איז געווען אַזוי גרויס, אַז מענטשן פֿלעגן זיך אומקוקן אויף זיי.

אנקע האָט זיך מיט נײַגער צוגעקוקט צו אים. אָט פּאַטשט ער מיט די באָרוועסע פֿיס איבערן נאַסן זאַמד באַם ראַנד פֿון וואַסער, און די ברייטע שפּורן פֿאַרציִען זיך הינטער אים, ווען די כוואַליע פֿאַלט אָפּ.

— עפּעס ביסטו ניט אַזוי, ווי אַלע מײַנע באַקאַנטע.

— ס'דאַכט זיך דיר. עפּשער ווייניקער אָפּגעהובלט... אומגעלומפּער־טער, גראָבלעכער...

— און זאָרגלאָזער און פֿרײַער. איגאָר, דו קלערסט פֿון אַ טאַכלעס? — דאָס לעצטע וואָרט האָט זי געזאָגט אויף ייִדיש און זיך פֿאַנאַנדערגע־לאַכט.

איגאָר האָט אַ קוק געטאָן אויף איר, אַלע זײַנע רויטע זומערשפּרענק־לעך האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט כידעש.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

אנקע האָט דערקלערט, ווי זי האָט געקאָנט, און איגאָר האָט זיך פֿאַר־טראַכט:

— ע, וואָס איז דאָ צו טראַכטן... דאָס לעבן וועט צושלאָגן צו עפּעס אַ ברעג.

— מישע האָט מיר דערציילט, אַז דו לערנסט זיך גוט. און אָט, מישע, אַז ער איז געקומען, האָט ער געבראַכט אַ פֿולן טשעמאָדאַן מיט ביכער, און בײַ דיר אין רוקזאַק איז, כּוץ, דאַכט זיך, יעוווטושענקאָן, גאָרנישט ניטאָ.

— כ'האָב ליב לײַכטערהייט צו גיין איבערן לעבן.

— מישע זיצט איצטער מיסטאָמע איבער אַ לערנבוך, און דו...

— מישע שנײַדט זיך אויף אַ געלערנטן, און פֿון מיר וועט קיין פּראָפֿע־סאָר ניט אַרויסקומען. כ'האָב ניט קיין זיץ־פֿלייש. און בכלל — כ'בין ניט קיין קאַבינעט־מענטש.

ביסלעכווײַז האָט ער איר דערציילט וועגן זײַן לעבן. זײַן טאַטע איז געווען אַ טעסלער אויף אַ בויונג, די מאַמע מיט די קינדער האָבן געלעבט אין אַ שטעטל. דער פֿאָטער איז זעלטן געווען מיט זיי. ווו נאָר די פֿינפֿ־יאָרן האָבן געדאַרפֿט מענטשן, איז ער דאָרט געווען. אויסגעוווען אַ וועלט: סיביר, טורקעסטאַן, אויף די גרעסטע בויונגען. ער איז געווען אַ גוטער פֿאָטער און אַ טרײַער מאַן.

— די טעג, וואָס ער פֿלעגט זײַן מיט אונדז, זײַנען געווען פֿאַר אונדז, קליינוואַרג, אַן עמעסער יאָמטעוו.

— ער לעבט נאָך?

— אומגעקומען. אויפֿן פֿראָנט.

שפּעט אין אָוונט פֿלעגט מען זיצן אין הויף לעבן דער וועראַנדע. די לופֿט האָט מעכײַעדיק געשמעקט מיט יאַם און מיט יאָדלעס. אין דער הייך האָט זיך פֿאַרטײַעט אַ טיפֿער הימל. מיט פּאַריסענע קעפּ האָט מען געזוכט אין דער פֿינצטערניש אַ שטערנדל און געוואָלט וויסן, צי מאָרגן וועט זײַן אַ גוטער וועטער, צי ווידער פּאַרוואָלקנט און רעגנדיק. די אָוונטן זײַנען געווען לאַנגע. מישע פֿלעגט לויט זײַן גראַפֿיק שוין איבערקערן זיך אויף

דער אנדערער זײַט, און איגאָר מיט אנקען האָבן זיך נאָך אַלץ געהוידעט אף די כוואליעס פון דער זומער־נאַכט. פון צײַט צו צײַט פלעגט זיך ארויסשארן פון דעם שטיבל די אלטע און קלוימערשט פארוווּנדערט פרעגן:

— זעט, איר שלאָפט נאָך ניט? אבי איך האָב געמיינט...

— גיי שוין, באָבע, שלאָפן, גיי!

די באָבע פלעגט אוועקגיין, נאָר סײַווי האָט זי זיך ניט געלייגט, ביז זי האָט ניט געוווּסט, אז אנקע איז שוין אין בעט.

אין איינעם אזא אָוונט — ס'איז אוועק קוים א וואָך, זינט איגאָר איז געקומען, — האָט ער פלוצעם געמאָלדן:

— מאָרגן פאָר איך אוועק.

— פארוואָס, איגאָר? דער סעזאָן הייבט זיך ערשט אָן.

— מע דארף אזוי: מאָרגן באַגינען. דו וועסט נאָך שלאָפן.

— אינדערעמעסן? פארוואָס?

— די באָבע האָט מיך ניט ליב.

— זי פארשטייט דיך ניט, איגאָר! — האָט זיך היציק אָנגערופן דאָס מיידל.

— אָבער דערפאַר פארשטייט זי דיך, — האָט מיט א קרומען שמייכל געענטפערט איגאָר, קוקנדיק איר אין די אויגן.

אנקע איז געבליבן א געפּלעפּטע. א סעקונדע האָט זי געקוקט קימאַט מיט סינע אף איגאָרן: ווי האָט ער עס געוואגט ארײַנצוקוקן צו איר אין הארצן און זען דאָס, וואָס זי אליין וואגט ניט צו זען אין זיך.

— און וווּהין פאָרסטו?

— קיין קלײַפּעדע. כ'וועל אָנקומען אף א טראולער און אף א פּאָר כאַדאָשים ארויס אין יאַם.

— דו ביסט דאָך ניט קיין מאַטראָס.

— אף שנײַדן פיש און זיי פּאַקן אין קאָנסערוון־פּושקעס דארף מען ניט זײַן קיין מאַטראָס.

— מיר וועט זײַן אומעטיק, איגאָר.

— און דאָך דארף מען אזוי. עס ציט מיך צום יאַם. פארשטייסט, איך בין נאָך קיינמאָל ניט געוועזן אין יאַם. און א ביסל פאַרדינען דארף מען אויך אף צושטוקעווען צו דער סטיפּענדיע.

— א שאָד, איגאָר, א שאָד.

זי האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ. פון עפּעס א שפּאַלט צווישן די וואָלקנס האָט זיך דורכגעריסן א שטערן, אָן איינזאַמער, א פּיצינקער, און באלד פארשוווּנדן. זיי האָבן לאַנג געשוויגן.

פארן לייגן זיך שלאָפן איז אנקע אין דעם לאַנגן נאַכט־העמד גע־שטאַנען באַם פענצטער. אין עק הויף האָט זיך קוים ארויסגעזען א ווײַסער פלעק — דאָס איז די פּאַלאַטקע, ווו איגאָר שלאָפט. זי האָט געפילט, ווי הייסע כוואליעס הייבן זיך אוף אין איר, דערגרייכן ביז צום הארצן און פארהאַקן דעם אָטעם. ס'איז געווען נײַ, שרעקנדיק און זיס.

עס האָט ערשט געשאַרײַעט אף טאָג, ווען זי האָט זיך אופגעכאַפּט און איז ווידער צו צום פענצטער. לעבן דער פּאַלאַטקע איז געשטאַנען איגאָר

און געהאלטן אין אָנטאָן דעם רוקזאק. זי האָט ארופגעוואָרפן אף זיך דאָס כאלאטל און איז ארויס אין הויף. איגאָר האָט איר אויסגעשטרעקט ביידע הענט, ווי ער וואָלט זיך נעכטן מיט איר ניט געזעגנט און געוווּסט, אז זי וועט ארויסגיין. אנקע האָט אים באגלייט ביז צו דער קאליטקע. דאן האָט זי געקוקט, ווי ער גייט מיט זײַן פעסטן, א ביסל זיך הוידענדיקן גאנג. זײַנע טריט אפן טראָטואר האָבן אָפגעהילכט אין דער פרימאָרגנדיקער פוסטקײַט פון גאס, און עפעס ווי אפצולאָכעס זיך האָט זי א טראכט געטאָן: „ער וועט זײַן א גוטער מאטראָס אויך”.

די זון איז שוין אופגעגאנגען, נאָר די הארטע קאָנטורן פון דער קירך האָבן זי פארשטעלט. אנקע איז געשטאנען, ניט רירנדיק זיך. הינטער איר האָט זיך געהערט דער אייביקער, אומדערמידלעכער גערויש פון יאם. פלוצעם האָט א ראָג זון זיך ארויסגעריסן פון הינטער די שווארצע קאָנטורן און פארפלייצט אנקען מיט ליכט. זי האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו דער זון און ארײַנגענומען פולע זשמעניעס רויטע, פײַערדיקע זומערשפרענקלעך.

אַ, דידקאַ!

1

ס'איז אַ זונטיקדיקער באַגינען. די זון, אַ ניט בלענדנדיקע, שטייט נידעריק, ווי אַנווײַזנדיק דער מאַשין דעם וועג: די מאַשין גייט אַף מײַרעוו, אַהין, וווּ ווײַט פון ברייטע שליאַכן און אײַזנבאַן־וועגן האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אַף די ליטווישע זאַמדן אַ שטעטל.

בערמאַן זיצט לעבן דעם שאָפער. אין זײַן האַלב־דרעמלענדיקן מויעך פּלאָנטערן זיך געדאַנקען: ווי לאַנג איז ער ניט געווען אין זײַן שטעטל, פינף און צוואַנציק צי עפּשער גאָר דרײַסיק יאָר? וואָס איז די נאָפקעמינע. ער האָט איינמאָל באַשלאָסן: מע דאַרף, מע דאַרף.

דאָס איז געווען מיט אַ פּאָר כאַדאָשים צוריק אין סאַמע ברען פון זומער. דער אָרלויב־אומרו האָט אים דאָס מאָל פאַרוואָרפן אין אַ יישעוו אַפן ברעג פון שוואַרצן יאַם. איינמאָל, בלאָנדזשענדיק איבער דער אומגעגנט, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אַף אַ קליינעם בייס־האַקוואָרעס. און כאָטש ניט די שפּיציקע שטיינער, ניט דער רויטער זאַמד און ניט די האַלב־טראָפּישעביימער זײַנען ניט געווען ענלעך אַף די רונדיקע היגלען, דעם געלן זאַמד און די שטילע סאָסנעס פון זײַן קליינשטעטלדיקן בעסוילעם, האָט אַ געדאַנק, ווי אַ שפּיציקע נאָדל, אים אַ שטאָך געטאָן: מע דאַרף!

און אָט שורשען די שינעס איבער דער אומענדלעכער טאַשמע פון שוואַרצן אַספאַלט, און ער פאָרט. אַנטקעגן זײַן יוגנט? אַנטקעגן זײַן עלטקײַט? ווער ווייסט...

עס פליִען פאַרבײַ הײַזקעס, פאַרזונקענע אין שלאָף. עס שאַרן זיך פאַרבײַ זונטיקדיקע פּוסטע דערפלעך. דער שאָפער פאַרקלענערט די גיכקײַט, נאָר סײַווי באַגעגנט זיך קיין מענטש ניט. אַ הון נאָר רײַסט זיך אַרויס מיט אַ דערשראָקענער קוואָקטשעניש פון אונטער די רעדער, אַ הונט גיט ערגעץ אַ ביל, און שוין איז דאָס דערפל אויס. די לופט הודזשעט שוין ווידער האַסטיקער פאַרבײַ דער מאַשין.

די זון איז אופגעשטיגן העכער, זי שײַנט שוין פון דער זײַט. די לעצטע שטיקלעך נעפּל האָבן זיך אויסגעפאַרעט, און די ערד ליגט אַ פלאַכע, אַ ברייטע, באַזוימט דאָ און דאָרטן מיט טונקעלע פּאַסן פון וועלדער.

בערמאַן האָט זיך אויסגעטשוכעט און אופמערקזאַמער אָנגעהויבן קוקן אַרום. דאָ דאַרף מען באַלד אָפּקערן פון שליאַך און אָנהייבן פּלאָנטערן אַף קרומע זײַטיקע וועגן. דאָ דאַרף ער שוין, בערמאַן, און ניט דער טאַקסי־שאָפער, זײַן דער וועגווײַזער.

אָט איז אַ דאָרף מיט אַ לאַנגער שורע אַלטע הילצערנע כאַטעס. גלײַך נאָך די הילצערנע גייט אַ ריי נײַינקע קאָקעטע מויערלעך. בערמאַן שטויסט זיך אָן: דאָס זײַנען די הײַזער, וואָס די מעלוכע האָט אויסגעבויט פאַר די פויערים פון די כוטאָרס, קעדיי זיי צוזאַמענעמען אין אַ קאָלווירט.

אוןווירקלעך: גלײַך הינטערן דאָרף ליגן אין אַ זויבערן געאָמעטרישן פּירעק די שטאַלן און וואַרשטאַטן פונעם קאָלווירט. ניט געקוקט אַף דעם, וואָס עס איז זונטיק, פּאַרקען זיך דאָרטן מענטשן און עס הערט זיך דאָס דריבנע קלאַפּן פון מאָטאָרן.

סטאָפּ — אָט דאָ דאַרף מען אָפּקערן פון שליאַך אַף לינקס. איצט הויִדען זיי זיך איבערן געשלענגלטן זשווירקן וועג. דער שאָפער דרייט קונציק דעם „בייגל“, קעדיי אויסצומײַדן גריבער. דערפלעך לויפן פאַרבײַ פּאַמעלעכער.

בערמאַן כאַפּט זשעדנע אַראָפּ מיט די אויגן די אופשריפטן אַף די סטויפּן. האַלב־פאַרגעסענע נעמען פון דער פּריסטער יוגנט שווימען, ווי דורך אַ נעפּל, אַרויס אין זײַן זיקאָרן. זיי פאָרן אַרײַן אין דער געגנט פון זײַן קינדהײַט, אין דעם טייל, וואָס איז געווען דער סאַמע אָרעמסטער אין דער זאַמדיקער ליטע.

דעכער זײַנען די וויזיט־קאַרטלעך פון הײַזער. מיט אַ פּאָר שאָ צוריק זײַנען זיי געווען פון שיפער אָדער אַזבעסט. איצטער זײַנען זיי מערסטנס פון פאַרשימלטן שינדל און עס וואַרפן זיך אַפילע דורך מעשופּעדיקע שטרויענע דעכער. נאָר פּונקט ווי דאָרט, זײַנען אויך דאָ קימאַט אַלע דעכער אײַנגעשפּאַנט, ווי פערד אין כאָמוטן, אין שווערע טעלעוויזיע־אַנטענעס. בערמאַן שמייכלט: אַף אַ שטרויענעם דאַך — אַ טעלעוויזיע־אַנטענע! צוליב דעם אַליין האָט געלוינט פאָרן אַ זונטיק און צופאָרן אין זײַנע יוגנט־מעקוימעס.

בערמאַן האָט באַשלאָסן בא קיינעם זיך ניט פאַנאַנדערפרעגן. נאָענטווײַטע נעמען רייצן זײַן דימיען. די מאַשין דרייט זיך אַרום אַ היפּשע ווײַל אַף זאַמדיקע וועגן דורך פעלד און וואַלד. בערמאַן האָט שוין געהאַלטן באַם אונטערגעבן זיך און אַרויסגעקוקט אַף אַ מענטשן, בא וועמען זיך נאָכצופרעגן, וווהין פירט דער וועג, נאָר דאָ אומגעריכט איז אויסגעוואַקסן אַ סטויפּ מיט גאָר־גאָר אַ באַקאַנטן נאָמען פון אַ דאָרף. דאָס איז שוין קימאַט זײַן שטעטל. זיי שנײַדן דורך דאָס דערפל, אָט לאָזן זיי זיך אַראָפּ צום טײַכל, אָט איז דאָס בריקל — דאַפקע אַ נײַס, אַ שטאַרקס: קאָנטיק, געמאַכט, אַז אַ טראַקטאָר זאָל קענען אַדורכגיין, — אָט הייבן זיי זיך אוף אַפן אַנטקעגנדיקן ברעג, און עס גיט אַ שעמעריר דורך די ביימער דער שפּיץ פון קלויסטער, וואָס אינמיטן שטעטל.

אַפן פּלאַץ לעבן קלויסטער שטעלן זיי זיך אָפּ.

2

ס'איז ניט געווען קיין מארק־טאָג, נאָר זונטיק. יאָמ־טעוודיק אָנגעטאָנענע עלטערע פויערים זײַנען געשטאַנען אויפן גראַמען פּלאַץ אין קופּקעלעך, געזויגן די ליולקעס און געפירט פּאַוואָליע פויערי־שע שמועסן. דאָס אָנקומען פון א גוט־געקליידטן עלטערן מאַנצבל אין א שטאָטישער מאַשין האָט זיי ביז גאָר פאַרכידעשט. „מיסטאַמע אַן אינ־ספּעקטאָר צי עפּעשער גאָר א רעוויזאָר", — איז געווען זייער ערשטער געדאַנק. נאָר אז דער אָנגעקומענער איז אוועק מיטן זײַטיקן וועג, וואָס פירט צום ייִדישן בעסוילעם, איז זיי קלאָר געוואָרן, וואָס פאַר א מענטש דאָס איז. דאָ האָט זיך בא זיי ערשט רעכט פאַנאַנדערגעשפּילט דער נײַגער און ס'האָבן זיך א שאָט געגעבן האַשאָרעס. יעדערער האָט זיך געפּלײַסט אויסצורעכענען די ייִדישע מישפּאָכעס, וואָס האָבן דאָ געלעבט, און צו טרעפן, וועמענס קאָן אָט דער נײַ־אָנגעקומענער זײַן. און עפּעשער איז ער גאָר פון אמעריקע? זײַנען זיי אויך ניט פויל געווען אויסצורעכענען די יעניקע, וואָס זײַנען מיט א יאָר דרײַסיק צוריק אוועק פון שטעטל קיין אמעריקע. מע איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, זיך געאַמפּערט, און יעדערער האָט זיך געפּלײַסט צו דערווײַזן, אז ער געדענקט בעסער די אמאָליקע ייִדן.

בערמאַן האָט ניט לאַנג פאַרבראַכט אויפן בעסוילעם. ער האָט מיט גרויס מי געלייענט די האַלב־פאַרווישטע אויפשריפטן אויף די מאַצייוועס און געפּרווט אויפשטעלן א פאַרבינדונג צווישן די נעמען, וואָס ער לייענט אַראָפּ, מיט די מענטשן, וואָס ער געדענקט פון שטעטל.

שפּעטער איז ער געגאַנגען דורך דער גאַס און זי איז געווען פאַר אים, אייגנטלעך, דער המשך פון בעסוילעם.

אָט איז די שטוב פון זײַן פעטער שמועל. דער פעטער איז געשטאָרבן האַרט פאַר דער מילכאָמע. געוווינט האָט דאָ יעדידקע, זײַן שוועסטער־קינד. אומגעקומען.

אָט איז יאָסל באַנעוורס שטוב. אויך א קאָרעוו. אָט איז די שטוב פון איטשע מעלאַמעד, אָט צאַלע דעם רויטנס, אָט איז די נידעריקע ברייטע שטוב, ווו ס'האָט געלעבט זעליק מיט זײַנע צאָלרײַכע קינדער, די זעליק־לעך האָט מען זיי גערופן...

די הײַזער זײַנען געבליבן די זעלבע, מע דאַרף זיך נאָר אין זיי אײַנ־קוקן מיט דער פּלוצעם שאַרף געוואָרענער ריַע פון זיקאָרן, און בערמאַן דערזעט אין יעדערער פון זיי א שטיק צאַפּלדיק לעבן. אַן אייגנאַרטיק, פילפאַרביק לעבן. פאַרשניטן געוואָרן.

אָט דאָ, אין סאַמע מיט פון מאַרק־פּלאַץ, איז געווען די שניטקראָם פון פּײַנשטיינען. איצט איז דאָ דער „אוניווערמאַג" פון דאָרף. בערמאַן האָט זיך דערמאָנט, אז ער דאַרף סיגאַרעטן. הינטערן טאָמבאַנק איז גע־שטאַנען א יונג דאָרפיש מיידל מיט ברוינע, פון זון פאַרברענטע באַקן. דאָס מיידל האָט דערלאַנגט די סיגאַרעטן און דערבײַ א כיטרען בליק גע־וואָרפן אויפן אומבאַקאַנטן. איר שמייכעלע האָט גערעדט: איך בין טאַקע

גאָרניט ענלעך אף די, וואָס האָבן פריִער געהאנדלט אין אָט דער קראָם, אָבער מײַן ארבעט טו איך ניט ערגער.

ארויסגייענדיק פון קראָם, האָט בערמאן פּלוצלינג דערזען, אז ער איז ארײַנגעפאלן אין דער ארומרינגלונג פון א צענדליק עלטערע פויערים. איינער פון זיי האָט זיך אָנגענומען די דרייסטקײַט און איז צוגעטראָטן צו אים.

— איר זוכט דאָ וועמען?

בערמאן האָט פאוואָליע געעפנט דאָס פּעקל, ארויסגענומען א סיגארעט און באקוקט די אָפּגעבערנטע געקארבטע פּענעמער, אף וועלכע ס'איז געווען אויסגעגאָסן א נאַיווער קינדישער נײַגער.

— ניין, קיינעם ניט.

די פויערים האָבן זיך איבערגעקוקט.

— איר האָט דאָ עמעצן געהאַט? — איז נאָך א קורצן שטילשווײַגן איינעם אײַנגעפאלן צו פרעגן.

בערמאן האָט ארויסגענומען א שוועבעלע, פאררייכערט, זיך טיף פאר־צויגן און דאן געזאָגט:

— יעדידקען האָט איר געקענט? איך בין זײַן שוועסטערקינד.

— דידקאָ? אָ, דידקאָ!

— דידקאָ! אַ ין קלייניקײַט דידקאָ!

די פויערים האָבן זיך אימפּעטדיק צוגערוקט צו בערמאנען. יעדערער האָט געברענט פון פארלאנג צו דערציילן וועגן „דידקאָן". און בערמאן האָט דערפילט, אז דורך „דידקאָן" איז ער זיי געוואָרן א שטיקל אייגע־נער.

3

יעדידקע איז געווען א מאָדנער יונג. ער האָט געשטאמט פון א מיש־פּאָכע, אין וועלכער מע האָט שטארק געהאלטן פון לערנען. נאָר יעדידקע האָט אפילע אין כיידער ניט געוואָלט גיין. מיט גרויס מי האָט ער זיך אויסגעלערנט א ביסל איווריע און וײַטער — פאר קיין געלט ניט. ס'האָבן ניט געהאָלפן ניט קיין געשרייען, ניט קיין מוסער, ניט אפילע דעם פעטער שמועלס גרויסער רימען. יעדידקע פלעגט פארפאלן ווערן אין גאָרטן, אין פעלדער, אין וואלד. איבערהויפּט האָט ער ליב געהאַט כײַעס. אָט האָדעוועט ער באהאלטענערהייט אין גאָרטן קראָליקעס, אָט באווײַזט זיך בא אים אין א שטײַג א וועווערקע, אָט מײַסטרעוועט ער א קוליע פאר א הינטל, וואָס איז לאָמע געוואָרן, אָט דערזעט פּלוצעם די מאמע הינדע א יאָזש, וואָס איז ארויסגעקראָכן פון אונטער דער בעט און זיך אוועק־געלאָזט שפּאצירן איבערן צימער. די מומע הינדע הייבט אוף א געשריי, יעדידקע כאפּט דעם יאָזש, טוליעט אים צו צו זיך און אנטלויפט.

מיט דער צײַט האָט ער זיך אָפּגעשלאָגן פון דער שטעטלדיקער יוגנט, דערפאר איז ער אָבער אויסגעבונדן געווען מיט די פויערישע יונגעו פון אלע ארומיקע דערפער. ווו נאָר א קו גייט צו קאלב, ווו נאָר מ'האנדלט

אײַן פערד, ווו נאָר א בעהײמע איז קראנק געוואָרן — דאָרט באַווײַזט זיך יעדידקע. ער קאָמאנדעוועט, פארשארט דעם ארבל און שטעקט די האנט אין האלדז פון דער קראנק געוואָרענער בעהײמע, גרײַט עפּעס צו אין צעבער און גיסט עס אין האלדז פון כוילע. די ארומיקע קוקן מיט אָפּשײַ אף יעדידקען און פילן געטרײַ אויס אלע זײַנע קאָמאנדעס. שפּעטער גײט מען אריבער אין גאָרניצע, ס'באַווײַזט זיך אפן טיש קיבעד, און אז מ'איז שוין א ביסל בעגילופן, פּאטשט מען יעדידקען אין פּלײצע:

— ביסט אן אונדזעריקער! מיט הויט און בײנער אן אונדזעריקער!

דרײַ־פיר יאָר פאר דער מילכאָמע איז בערמאן געקומען צוגאסט אין שטעטל צו יעדידקען.

די מומע הינדע איז שוין דעמלט ניט געווען. דער עלטערער ברודער יעדידקעס האָט כאסענע געהאט אין א דערבײַיִקן שטעטל, דער פעטער שמועל איז שוין געווען אלט און ער האָט שוין א מאך געטאָן מיט דער האנט אף זײַן בענאָק. יעדידקע האָט געפירט אײַנגאנצן א פויערשע באַלעבאטישקײַט, געדונגען א שטיק ערד, אלײן עס באארבעט, זיך געפּאָרקעט אין גאָרטן, אלײן געמעלקט די קו, אלײן געקאָכט אין גרויסע טעפּ פּאָטראַווועס.

בערמאן געדענקט א זומערדיקן אָוונט. זײ זײַנען געלעגן אין וועלדל אפן גראָז און געשמועסט.

— האָסט געהערט, יעדידקע, וועגן אונדזער זײדן, יאָסעלע דעם אילוי?

— נו, איז וואָס? — האָט אומצופרידן זיך אָפּגערופן יעדידקע. ער איז כוישעד געווען, אז דאָ קומט ווידער א קאפּולע אָנצוהערעניש אף זײַן פויערישקײַט.

— ער איז געווען א גרויסער אילוי. טאָג און נאכט איז ער געזעסן אין בעסמעדרעש און געלערנט. דאָס שטעטל האָט זיך געצאצקעט מיט אים.

— נו, איז וואָס? — ווידער אן אומצופרידענער ברום.

— נאָר אײנמאָל האָט אויסגעבראָכן א סקאנדאל. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז לערנען לערנט ער טאקע, נאָר אין דער זעלבער צײַט האָדעוועט ער טויבן אפן בוידעם פון בעסמעדרעש.

— טויבן? — האָט יעדידקע זיך אופגעמונטערט. — נײן. איך האָב ניט האָלט טויבן. זײ זײַנען קויטיק, און פון זײ איז קײן נוצן ניטאָ. אָט, זעסטו, כײַעס, בעהײמעס איז אן אנדער זאך.

זײ זײַנען אנשוויגן געוואָרן. פונדערווײַטנס האָט זיך דערהערט דאָס גלײַכמעסיקע קלאפּן פון א פּיקהאָלץ.

בערמאנען איז פּלוצלינג אופגעקומען א מאָדנער געפיל, א מין בענקעניש נאָך א געזונט, פּראָסט לעבן, ווי געזונט ס'איז די סאָסנע־לופט ארום און ווי פּראָסט ס'איז דאָס פּאָשעטע קלאפּן פונעם פּיקהאָלץ, וועלכער שאפט זיך אף אזא אויפן כאיונע.

א קוקאווע האָט זיך צעקוקאוועט. בײדע האָבן זײ אָנגעהויבן צו צײלן, נאָר די קוקאווע איז גיך אנשוויגן געוואָרן.

— דאָס מײנט זי מיך, — האָט געזאָגט בערמאן.

— גײ שוין, גײ, נארישקײַטן.

„ניין, מיך", — האָט געקלערט בערמאַן. ער איז אָקאָרשט ארויס פון טפיסע, באַלד קומט ער ווידער אין שטאָט, ווידער קאַמפן, פּראָקלאַמאַציעס, ווידער טורמע אָדער עפּשער וואָס ערגערס... „פון אונדז ביידן, ווען מען דען, אויב ניט מיך" — האָט ער געטראַכט און, דאַכט זיך, די גאַנצע לאָגיק פון דער וועלט האָט עס געמוזט באַשטעטיקן: יאָסעלע אילויס העמשעך וועט גיין ניט פון אים, דעם אינטעליגענט בערמאַנען, נאָר פון אָט דעם יידישן פויער יעדידקען. גוט אף אים, אף רעב יאָסעלען: ניט באַדאַרפט האָדעווען טויבן אפן בוידעם פון בעסמעדרעש...

— אַלטער באָק, ווען וועסטו כאַסענע האָבן?

— ווער וועט עס מיך נעמען? — יעדידקע האָט גערעדט רויק, אָן ביטערניש, ווי א מענטש, וואָס האָט שוין לאַנג שאָלעם געמאַכט מיט זײַן גוירל.

נאָר ער האָט פאָרט כאַסענע געהאַט! וועגן דעם האָט זיך בערמאַן דערוווּסט אין א צײַט אַרום, ווען ער האָט שוין געלעבט אין שטאָט. און כאַסענע געהאַט דאַפקע מיט א יִיכעס. זי איז געווען דעם פאַרשטאָרבענעם ראָווס א טאָכטער. עמעס, א ביסל א פאַרזעסענע און א ביסל א מאָדנע. א הויכע, א דאַרע, מיט צווײ צעפּ ביז איבער די קני, מיט אַן אויסגעצערט יאַמקיפּערדיק פּאָנעם און א פּאָר שוואַרצע אויגן, אין וועלכע ס'איז געלעגן דער טרויער פון א ניט־אויסגעלעבט מיידלש לעבן. יונגערהייט האָט זי א סאַך געלייענט, געשטרעבט צו עפּעס אידעאַלן, נאָר ס'האָט איר ניט געסטײַעט קיין מוט אוועקצוואַרפן די אַלטע מאַמע און זיך לאָזן אין דער גרויסער וועלט אַרײַן. אָט דאָס דאָזיקע מיידל האָט באַשלאָסן צו פאַרבינדן אירע יאָרן מיט דעם אויסטערלישן יעדידקען. אין שטעטל האָט מען זיך געוויצלט: זיי האָבן דאָך עס געקענט מאַכן מיט צען יאָר צוריק. נאָר פונדעסטוועגן איז מען געווען צופרידן: פאָרט צווײ פאַרוואָרלאָזטע נעשאָמעס האָבן געקראָגן א טיקן. האַרט פאַר דער מילכאָמע איז בא זיי געבוירן געוואָרן א קינד.

דערנאָך איז געקומען דער גרויסער בראָך...

4

די פויערים האָבן שוין ניט אָפּגעלאָזט בערמאַנען. זיי האָבן גערעדט און גערעדט, און ס'האָט זיך געדאַכט, אז זיי וועלן קיינמאָל ניט זאַט ווערן ריידן וועגן יעדידקען.

— דו לאָז אָפּ דײַן פערד־און־וואָגן! זײַן זייגערל קלאַפּט און קלאַפּט און וועט דיר אָנקלאַפּן אַן אַפּויטעקע. לאָז ער זיך שמײַען אין שטאָט אַרײַן. מיר'ן דיך מאָרגן אינדערפרי אָפּפירן אף אונדזער קאָלכאָזנער מאַשין.

סאָפּקאָלסאָף האָט מען אים אַרײַנגעפירט אין א שטוב. אָפן טיש האָט זיך באַוויזן קיבעד. דורך דער טיר האָבן זיך אַרײַנגעשפּאַרט נאָך עטלעכע עלטערע פויערים. דידקאָ? ס'הייסט, זיי זײַנען דאָך אויך מעכוטאָנים מיט דידקאָן! אָ, דידקאָ!..

ס'איז געוואָרן טומלדיק. בערמאַן האָט שוין אויך אַרײַנגעקערט אין

זיך עטלעכע קעלישקעס ביטערס. ער האָט מיט פאַרגעניגן זיך צוגעהערט צו די טומלדיקע רייד פון די פּויערים, וועלכע האָבן אַלע געהאַלטן אין איין ריידן און וועגן „דידקאָן״.

איינער האָט דערציילט, ווי בא אים איז די קו שווער געגאַנגען צו קאַלב. איז מען געלאָפן צו דידקאָן. נאָר ס׳איז געווען גראָד דער טאָג פון דער גרויסער „שווענטאַ״[1] בא ייִדן, און דידקאָ איז געווען אין שול. איז וואָס מיינט איר? דידקאָ האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם צודעק, אין וועלכן ער האָט זיך געמאָליעט, און אַוועקגעלאָפן ראַטעווען די קו. אַן אַנדערער האָט דערציילט, ווי דידקאָ האָט אים צעאַקערט מיטן אייגענעם פערד זײַן שטיק פעלד, בייס ער איז געלעגן אין רעוומאַטיזם און דאָס פערד זײַנס האָט שוין דער פּריסטאַוו אָפּגעשריבן פאַר כּיוֹועס. און, מיינט איר, ער האָט וואָס גענומען דערפאַר? אַ דריטער האָט דערציילט, ווי דידקאָ האָט צוגע־בונדן זײַן שלאָף פערד מיט אַ שטריק און רימענס צום באַלקן און ניט אָפּגעטראָטן פון אים טאָג און נאַכט, ביז ער האָט אים ניט געשטעלט אויף די פיס.

די פּנעמער זײַנען צעהיצט געוואָרן און געלויכטן פון גוטסקייט, די צינגער זײַנען געוואָרן לויז.

איין קליינקייט, דידקאָ!

אָ, דידקאָ!

בערמאַן איז געזעסן אַ צעוואָרעמטער און מיט פאַרגעניגן אַרײַנגע־זאַפּט דאָס גוטס, וואָס מע דערציילט וועגן יעדידקען. נאָר איינצײַטיק מיטן פאַרגעניגן האָט זיך געשטאַרקט אין אים אַ געדאַנק, וואָס האָט שוין עפּשער יאָרן און יאָרן געטאָטשעט זײַן מויעך. אינמיטן די רייד פון איי־נעם אַ פּויער, וואָס האָט געפּרוווט מיט אַ פּלאָנטערנדיקער צונג נאָך עפּעס וואָס דערציילן „דידקאָן״, האָט זיך דער געדאַנק בא בערמאַ־נען אַדורכגעריסן און איז אַ פאַל געטאָן אין צימער.

— איז ווי איז עס מעגלעך געווען, אַז אַזאַ מענטש, וואָס איז אַזוי אויסגעבונדן געווען מיט אײַך אַלעמען, זאָל אומקומען?

ס׳איז געווען אַזוי, ווי ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפן אַ שטיין אין אָפּגרונט און מיט אַ פאַרטײַעטן אָטעם געוואַרט, ביז ס׳וועט אָפּהילכן פון דער טיף. און דער אָפּהילך איז געקומען.

— אַזאַ צײַט געווען... — האָט אַ הייזעריקע שטים אַ סקריפּע געטאָן. בערמאַן האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם, וואָס האָט עס געזאָגט. אַ פּויער, ווי אַלע פּויערים: אַ צעפּאַטלטע סיווע באָרד, געדיכטע שטרויענע ברע־מען איבער בלויע אויסגעבלייכטע אויגן און טיפע קנייטשן אין דער לענג און אין דער ברייט פון שטערן.

ס׳איז געוואָרן שטיל. אַ בין האָט געזשומעט איבערן טיש, און קיי־נער האָט אָפילע ניט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט זי אַוועקצוטרײַבן.

דאָן האָט איינער מיט אַ ווײַסער באָרד און אַ גלאַטן קאָפּ, וואָס האָט געהאַט די זעלבע ציגל־רויטע פאַרב, ווי דאָס פּאָנעם, געזאָגט:

---

[1] יאָמטעוו (ליטוויש).

— א מענטש דארף מען זײַן אין אלע צײַטן.

און דאָס איז געווען אזוי ווי דער סאכאקל פון די אלע רייד און זיכ־רוינעס וועגן יעדידקען.

בערמאן האָט זיך אופגעהויבן.

— נו, איך וועל גיין.

— ווּהין וועסטו גיין... וואָלסט דאָ בעסער איבערגענעכטיקט... מאָרגן אינדערפרי וועט זײַן א מאשין אין שטאָט...

— ניין. איך וועל גיין. ביזן טראקט איז דאָך ניט ווײַט. דאָרט וועל איך שוין כאפּן א מאשין.

ער איז געגאנגען מיטן זעלבן וועג, מיט וועלכן ער האָט ניט איין מאָל שפּאצירט מיט יעדידקען. אָט איז דאָס וועלדל, ווּ זיי זײַנען געלעגן און געשמועסט און זיך צוגעהערט, ווי די קוקאווע ציילט אָפּ עמעצנס יאָרן...

פון דיביימער זײַנען געפאלן לאנגע שאָטנס.

אין ייִדישן קוואַרטאַל פון אמסטערדאַם

ק ימאט צוואנציק יאָר, זײַנע בעסטע שעפערישע יאָרן, האָט רעמבראַנדט אָפּגעלעבט אין דער סאמע מיט פרנעם ייִדישן קוואַרטאַל פון אמסטערדאַם. דאָרט, אין זײַן הויז אף דער „יאָדענברעעט“ (ייִדן־גאַס) האָט ער געלעבט אין דער צײַט פון זײַן מישפּאָכע־לעבן מיט סאסקיִא, און דאָרט האָט ער געלעבט אויך שפּעטער, נאָכן טויט פון דער יונגער סאסקיִא, ווען אין זײַן הויז — און אויך אין זײַן הארצן — האָט געוועלטיקט די יונגע פריילעכע דאָרפסטאָכטער הענדריקע סטאָפעלס. דער בירגערלעכער טאָכטער סאסקיִא פון דער רײַכער סאָכרישער פאמיליע וואַן איילענבורג איז דאָס לעבן אין געדיכטן ייִדן־קוואַרטאַל געווען ניט שטאַרק צום הארצן. רעמבראַנדט האָט זיך פאר איר פאַרענטפערט, אַז ער מוז עס טאָן צוליב זײַן שאַפן: ער שרײַבט דאָך סראָוו אף ביבלישע טעמעס, און ווו נאָך קאָן ער געפינען אזעלכע פּרעכטיקע טיפּן פאר זײַנע מאָלערײַען, ווי אין ייִדן־קוואַרטאַל? פאר הענדריקען אָבער האָט ער זיך ניט געדאַרפט פאַרענטפערן. זיי האָבן דאָך ביידע געלעבט אין פרײַער ליבע, ביידע ניט געגאַנגען אין קירך און ביידע געשעמט אלס גאָטלאָזע מענטשן, פאַרבינדעטע פון דעם ניטגוטן.

באַ אזא לאַגע האָט הענדריקע זיך געפילט בעסער אין דער נאָענטער שכיינעשאַפט פון דער סינאַגאָגע, איידער אונטערן שוץ פון א קירכע, און האָט געהאַט צו טאָן מיט ייִדן, ווי מיט אירע אומדולדזאַמע „גלויבנס־גענאָסן“.

די אײַנוווינער פונעם ייִדן־קוואַרטאַל זײַנען געווען שפּאַנישע ייִדן, ארויסגעטריבענע פון שפּאַניע סאָף פופצנטן יאָרהונדערט, אָדער אַנטלאָפענע פון דאָרטן שפּעטער און אָנגעקומענע אהער, קעדיי אראָפּצוואַרפן פון זיך די שענדלעכע מאַראַנען־הויט און אומקערן זיך צו זייער פאָלק און גלויבן. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך ניט נאָר זייער טוירע און ייִכעס, נאָר אויך זייערע רײַכטימער, זייער האַנדל מיט לעוואַנטע און דאָרעם־אַמעריקע. דאָס זײַנען געווען שטאָלצע מענטשן. און עפשער ניט אזוי שטאָלצע, ווי גײַוועדיקע. פון די שפּאַנישע סעניאָרן און אדללײַט האָבן זיי איבערגענומען די נייגונג צו לוקסוס, דעם אויסערלעכן גלאַנץ און די רײַכע מיזרעך־קליידער פון סאַמעט, זײַד און אטלאַס. די סינאַגאָגע, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעבויט אין אמסטערדאַם, איז לאַכלוטן ניט ענלעך געווען אף א שול ערגעץ־ווו אין א קעהילע פון מיזרעך־איירָאָפּע. דאָס איז געווען א טעמפּל, וועלכער איז ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך געווען אף א קאַטוילישער קאַטעדראַל אין א גרענאַדע, א טאָלעדאָ, א ליסאַבאָן.

מיט איין וואָרט — אַ ייִדישע קאַטעדראַל. די הויכע בימע אינמיטן טעמפּל איז געווען געבויט פון בעסטן פּאַליסאַנדרע־האָלץ פון בראַזיליע, און אַז אין די גרויסע יאָמטויווים פלעגט מען דאָרט אָנצינדן זעקס הונדערט דרייַצן ליכט (לויט די טאַריאַג מיצוועס!) און דער ייִנגלשער כאָר אונטער דער לייטונג פון אַ רעגענט פלעגט זינגען די טפילעס, איז עס געווען אַן אייַנדרוקספולער ספּעקטאַקל, וואָס איז ניט אָפּגעשטאַנען פון אַ גאָטעס־דינסט אין אַ רייַכער קאַטוילישער קאַטעדראַל.

רעמבראַנדט האָט האָלט געהאַט צו באַאָבאַכטן די ייִדן פון זייַן קוואַר־טאַל סייַ אין זייער וואָכעדיקן האַנדל־וואַנדל, סייַ שאַבעס אָדער יאָמטעוו, ווען זיי זייַנען געגאַנגען — די מענער אין לאַנגע געפּאַלדעוועטע, אויס־געניייטע מיט גאָלד־ און זילבער־פעדעם, קאַמזוילן, די פרויען אין אַטלע־סענע און זייַדענע קליידער און באַהאַנגענע מיט צירונגען און איידל־שטיינער — אין זייער סינאַגאָגע. ער האָט האָלט געהאַט אַרייַנצוטרעטן מיט זיי אין שמועסן, פאַרפירן מיט זיי וויקוכים, קעדיי אַרויסצורופן די שפּיל פון לייַדנשאַפטן אויף זייערע ביבלישע פּענעמער, און געמאָלט זיי, געמאָלט און געמאָלט. בלויז זעלטענע פון זיי האָבן זיך ניט געלאָזט פּאָרטרעטירן, ווייַל דאָס איז קעגן זייער עמונע. די מערסטע אָבער האָבן ניט שטאַרק מאַקפּיד געווען אויפן דין: האָבן דאָך די גראַנדן און רייַכע בירגער פון שפּאַניע זיך גערן געלאָזט מאָלן פון וועלאַסקעס און על גרעקאָ און אפילע געצאָלט דערפאַר גרויסע געלטער. און צי זייַנען זיי, די ספּאַרדישע ייִדן, קלענערע „קאַבאַליעראָס” פון די גראַנדן און סעניאָרן? אָדער עפּשער איז זייער האָלענדישער פּרייַנט אַ קלענערער קינסטלער, ווי יענע שפּאַ־נישע?

דאָ, אין דעם ייִדן־קוואַרטאַל, איז רעמבראַנדט געווען קימאַט דער איינ־ציקער ניט־ייִד. אַ מיטלוווקסיקער, מיט אַ קרעפטיקער פויערישער פיגור, מיט אַ ברייט פּאָנעם, אַ דורכגעאַקערטס פון לייַדנשאַפטס־קאַרבן, איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן אוילעם, אייַנזאַפּנדיק אין זיך מיט זייַנע טיפּזיצנדי־קע שלינגענדיקע אויגן אַלץ אַרום. דאָ זייַנען פאַר אים ירושאָלאַיִם און אַמסטערדאַם געווען ניט צעטיילט, ניט אין צייַט און ניט אין רוים. די פּאַט־ריאַרכאַלע ביבלישע פיגורן מיט זייערע לאַנגע בערד און סעמיטישע גע־זיכט־שטריכן זייַנען אַרייַנגעדרונגען אין רעמבראַנדטס לייַוונטן, אין די פּערסאָנאַזשן פון זייַנע ביבלישע בילדער.

פון די כאַשעווסטע ייִדן, ווי, לעמאָשל, דעם רויפע עפראַיִם באָנוס און דעם געלערנטן און פילאָסאָף מענאַשע בען ייִסראָעל, האָט ער געמאַכט זעלבשטענדיקע פּאָרטרעטן, וואָס זייַנען אַרייַן אין אוצער פון דער וועלט־קונסט. און אַז דער זעלבער מענאַשע בען ייִסראָעל האָט אָנגעשריבן אַ בוך, האָט די איליוסטראַציע צו אים געמאַכט רעמבראַנדט. דער בוך איז געווען געשריבן אין שפּאַניש און געהייסן „פּעדראָ פּרעציאָסאָ” (ווערט־פולער שטיין). רעמבראַנדט האָט געמאַכט דעם שאַרבלאַט, אויפצייכענענדיק אויף אים דעם שטיין, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען נעוווכאַדנאָסאָר, דער קיניג פון באָוול, וואָס האָט צעשטערט דעם ערשטן בייס־האַמיקדעש אין ירושאָלאַיִם.

...סאסקיִא האָט געבאָרן רעמבראַנדטן פיר קינדער. די ערשטע דריַי זיַי־נען געשטאָרבן אין דער מאַמעס מילך, און דאָס פערטע, א ייִנגל, האָט שיִער ניט געבראַכט דערצו, אז רעמבראַנדט זאָל זיך צעקריגן מיט זײַנע ייִדישע פרײַנט.

גלײַך נאָכן געבורט פונעם ייִנגל האָט רעמבראַנדט אָנגעהויבן צו באַ־מערקן, אז די ייִדן ווײַכן אים אויס, קערן זיך אָפּ פון אים, אנדערע קוקן אַף אים מיט פײַנטלעכע אויגן. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. איינמאָל, דערזעענדיק אַף דער גאַס א הײַפל ייִדן און צווישן זיי זײַן פרײַנט מענאַשע בען ייִסראָעל, איז ער צוגעגאַנגען צו זיי און געפּאָ־דערט, מע זאָל אים זאָגן, וואָס דאָס באַטײַט.

מענאַשע האָט זיך אָפּגעקערט, נאָר איינער פון די אָנוועזנדיקע האָט אים א שלײַדער געטאָן:

— דאָס איז א באַליידיקונג פאַר אונדז! דאָס האָט איר פּאָשעט אָנגעַ־שפּײַט אונדז אין פּאָנעם!

— וואָס? — האָט רעמבראַנדט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין.

— איר פרעגט נאָך? אָפּגעטאָן אזא זאַך און פרעגט נאָך? — די גלאַנצי־קע קויל־שווארצע אויגן באַם ייִדן האָבן געפינקלט מיט צאָרן.

דאָ האָט זיך מענאַשע בען ייִסראָעל ארײַנגעמישט:

— ער מיינט דערמיט דאָס, וואָס איר האָט אָנגערופן אײַער זון טיטוס. טיטוס איז דאָך געווען דער יעניקער, וואָס האָט אײַנגענומען דאָס לאַנד יעהודע און צעשטערט דעם צווייטן בייס־האַמיקדעש.

— אַ! — האָט אויסגעצויגן רעמבראַנדט. — איך האָב דאָס גאָרניט געהאַט אין זינען. טיטוס איז א נאָמען אין מײַן פרויס מישפּאָכע. דאָס האָט זי פאָרגעלייגט דעם נאָמען, און מיר איז גאָר קיין זאַך ניט אײַנגעפאַלן.

מענאַשע איז צו אים צוגעגאַנגען און אים דערלאַנגט די האַנט:

— מאַעסטראָ, מיר גלייבן אײַך.

נאָר דער ייִד מיט די גלאַנציקע אויגן האָט זיך ניט געקאָנט באַרויִקן:

— בא טיטוסן, נאָכדעם, ווי ער האָט צעשטערט דעם בייס־האַמיקדעש, האָט זיך א פויגל באַזעצט אין קאָפּ און געפּיקט אים דעם מויעך, ביז ער איז געשטאָרבן.

דאָ האָט דער היציקער טעמפּעראַמענט פון רעמבראַנדטן ניט אויסגעַ־האַלטן.

— א פויגל זאָל זיך באַזעצן אין אײַער קאָפּ און פּיקן אײַער נאַרישן מויעך!

מענאַשען איז קוים געלונגען אײַנצושטילן די געמיטער.

די קינדער פונעם ייִדן־קוואַרטאַל האָבן זיך מיט מער טאָלעראַנץ באַ־צויגן צום זון פון רעמבראַנדטן. זיי האָבן אים אופגענומען אלס כאַווער אין זייערע שפּילן, און דער קליינער טיטוס האָט מיט זיי פאַרבראַכט גאַנצענע טעג. נאָר זעלטן־ווען, בייס מע האָט זיך צעקריגט, פלעגן די ייִנגלעך א וואָרף טאָן: טיטוס־האָראָשע! דאָס ייִנגל האָט זיך ניט באַליי־

דיקט, ער האָט עס אופגענומען, ווי א פּאַשעטע צונעמעניש, און וואָסער יינגל האָט עס ניט קיין צונעמעניש?

אפילע ווען טיטוס האָט אָנגעהויבן גיין אין שול, האָט זיך די פּרײַנט־שאַפט מיט די יידישע כאוויירים ניט איבערגעריסן. אין שול האָבן די קינדער גערייצט זיך מיט טיטוסן, זיך איזדיעקעוועט איבער אים: זײַן טאַטע איז דאָך געווען א גאָטלאָזער מענטש, וואָס פארלעצט די בירגערלעכע מאָראַל, לעבנדיק פרײַ מיט זײַן עקאָנאָמקע. נאָך דער אָפּקומעניש אין דער שול פלעגט טיטוס פרײַ אָפּעטעמען און זיך אומקערן אין זײַן קווארטאל, זיך שפּילן מיט די יידישע קינדער.

אין דעם זעלבן יידן־קווארטאל און אין די זעלבע יאָרן האָט געלעבט אויך א ייד, וואָס איז שפּעטער בארימט געוואָרן: באָרעך שפּינאָזע. ס׳איז ניט באוווסט, צי האָבן זיך די ביידע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט עפּשער א הונדערט טריט איינער פון אנדערן, זיך געקענט. באוווסט איז, אז שפּי־נאָזע האָט געלערנט וויסנשאפטן בא דעם זעלבן מענאַשע בען יזראָעל, דעם גוטן פרײַנט פון רעמבראנדטן. אויסער דעם, זײַנען רעמבראנדט און שפּינאָזע געווען פארבונדן מיט איין און דער זעלבער האָלענדישער אינ־טעליגענטער פאמיליע, מיט די הויגענס. דער פאָטער, קאָנסטאנטין, איז געווען דער, וואָס האָט אנטדעקט רעמבראנדטן, בייס יענער איז נאָך געווען א יינגל און געמאָלט בילדער אף די שטויביקע ווענט פון זײַן פאָטערס מיל. קאָנסטאנטין הויגענס האָט אים אָנגערעגט זיך צו ווידמען מאָלערײַ, און ער איז געווען דער, וואָס האָט אים פארשאפט די ערשטע באשטעלונ־גען פון דעם פרינץ פון אָראניען. דער זון, כריסטיאן הויגענס, איז געווען א בארימטער פיזיקער און נאטורפאָרשער. ער איז געווען באפרײַנדעט מיט שפּינאָזען און פלעגט אים געבן שלײַפן די לינזעס, וואָס ער האָט נייטיק געהאט פאר זײַנע פיזישע מאכשירים.

רעמבראנדט און שפּינאָזע... ביידע קינדער פון איין צײַט, פון דער צײַט, ווען דער פארשקלאפטער געדאנק, אָן אופגעוועקטער פון רע־נעסאנס, האָט זיך מעכטיק א צאַפּל געטאָן, אראָפּוואָרפנדיק פון זיך די קלעריקאַלע מיטלאַלטערלעכע פּענטעס. ביידע זײַנען זיי געווען פרײַ־דענקערס, ביידע זײַנען זיי געקומען צו דעם אויספיר, אז דער מענטש דאַרף אָנשטאָט דעם וואָרט „גאָט" אוועקשטעלן דאָס וואָרט „נאטור". דער מאָלער — מיט זײַן קינסטלערישן באוווסטזײַן, דער דענקער — מיט זײַנע פילאָסאָפישע באטראכטונגען. און דער גוירל האָט געוואָלט, אז איין און דער זעלבער טאָג — דער 27־טער יון 1656 — זאָל ווערן אנטשיידנדיק פאר איינעם און פאר דעם צווייטן.

יענעם טאָג האָבן אין דער אמסטערדאמער סינאגאָגע געברענט שווארצע ליכט און שווארצע ווערטער זײַנען געפאלן אף דעם באשולדיקטן, באָרעך שפּינאָזע. „פארשאָלטן זאָל ער זײַן אין אלע שאָען פון טאָג און פארשאָלטן זאָל ער זײַן אין אלע שאָען פון נאכט... פארשאָלטן זאָל ער זײַן, ווען ער שטייט אוף... פארשאָלטן זאָל ער זײַן, ווען ער לייגט זיך אָפּצורוען... פארשאָלטן זאָל ער זײַן, ווען ער גייט ארויס, און פארשאָלטן זאָל ער

זײַן, װען ער קערט זיך אום...״ אזוי האָט זיך די ייִדישע געמײנדע אָפּגע־רעכנט מיט איר אָפּטריניקן זון.

און אין זעלבן טאָג, עפּשער א פּאָר הונדערט שפּאַן פון דאָרטן, האָט דאָס מערקאַנטילע געלטגיריקע בירגערטום, װאָס האָט זיך אָקאָרשט דער־קליבן צו מאַכט, זיך אָפּגערעכנט מיט אײנעם פון אירע גרעסטע זין, מיט רעמבראַנדטן. זײ האָבן אים צוערשט פּארפּלאָנטערט אין כױװעס, אױסגע־זױגן דעם מארך אים פון די בײנער, באַשװינדלט, פאַרקױפנדיק זײַנע ביל־דער אין גאַנץ אײראָפּע און װערנדיק רײַך פון אים, און דאַן אים דער־קלערט פאַר באַנקראָט. דאָ, אױף דעם אױקציאָן, אין דעם הױז אױף יאָדענ־ברעעט, זײַנען ניט געפאַלן שװאַרצע װערטער, דאָ זײַנען געפאַלן גולדענס און געקלונגען דוקאַטן — דאָס נײַע געװער פון דעם נײַעם הערשנדיקן קלאַס. מע האָט בא רעמבראַנדטן צוגענומען זײַן הױז, אָפּגעשריבן זײַנע אַלע זאַכן און ארױסגעװאָרפן אים אױף דער גאַס.

אָנהײב פופציקער יאָרן, װען רעמבראַנדט האָט נאָך געלעבט אין זײַן הױז אױף דער ייִדן־גאַס, איז דער ייִדן־קװאַרטאַל אופגעטרײסלט געװאָרן פון געשעענישן.

צוערשט זײַנען עס געװען קלאַנגען. מע האָט דערצײלט װעגן א גרױסן אומגליק אױף ייִדן אין אײנעם א װײַטן לאַנד. שפּעטער האָבן אָנגע־הױבן קומען מענטשן פון דאָרטן.

דאָס זײַנען געװען הונגעריקע, אָפּגעריסענע, אױסגעצערטע מענטשן. זײ האָבן דערצײלט װעגן שרעקלעכע האַריגעס, װעגן פּאָגראָמען, אין װעלכע עס זײַנען אומגעקומען גאַנצע קהילעס, װעגן דעם, װי זײ האָבן זיך אַלפּי־נעס געראַטעװעט און װעגן די צאָרעס, װאָס זײ האָבן געהאַט אױסצושטײן אין לאַנגן װעג, אײדער זײ זײַנען אַהער געקומען.

פאַר די ספּאַרדישע ייִדן זײַנען די אָנגעקומענע געװען פרעמד מיט זײער לאָשן, מיט זײער הױלעך און מיט זײערע צאָרעס. דעריבער איז די הילף די נײַ־אָנגעקומענע געװען א קאַרגע און אײַנגעהאַלטענע. מע האָט זײ באַזעצט אין ייִדן־קװאַרטאַל, נאָר אױף דער אַנדערער זײַט פון יאָדענ־ברעעט, װוּ ס׳זײַנען געשטאַנען כאַלופּעס און אײַנגעפאַלענע סקלאַדן.

די נײַע ייִדן האָבן גערעדט א לאָשן, װאָס איז ענלעך געװען אױפן האָ־לענדישן. אינגיכן זײַנען די אַמסטערדאַמער גאַסן און געסלעך פול גע־װאָרן מיט זײערע הילכיקע קױלעס, װאָס זאָגן אָן, אַז זײ פאַרקױפן האַ־ניק־קיכלעך און בײגל, פאַריכטן שיך, לאַטען קלײדער און קױפן אױף אַלטװאַרג. פאַרטאָג, אײדער נאָך די זון איז אופגעגאַנגען, האָבן זײ שױן געשטופּט איבער די קאַנאַלן זײערע שיפלעך, אָנגעפילטע מיט קאָלערלײ גראָשענע סכױרעס, קעדײ באַצײַטנס אָנצוקומען אױף א יאַריד אָדער אױף א מאַרק.

פאַר די ספּאַרדים איז דאָס אימפּעטדיקע האַװען פון די נײַע ייִדן געװען שאָקירנדיק, און זײ האָבן זיך נאָך מער אָפּגעזונדערט פון זײ. יענע האָבן, ניט לאַנג קלערנדיק, אײַנגעאָרדנט אַן אײגענע קלױז אין עפּעס אַן אַלטן ביניען.

רעמבראַנדט האָט זיך צוגעקוקט צו די נײַע פּנעמער. די זעלבע סעמיטישע שטריכן, נאָר מער באַוועגלעך, מער ספּריטנע, מער לײַדנשאַפטלעך. ער האָט איינמאָל א פרײַטיקצונאַכט ארײַנגעקוקט אין קלויז. א פאָשעטער הילצערנער אָמעד, אף וועלכן עס ברענען צוויי כיילעווענע ליכטלעך און א מענטש שרײַט דאָ צו גאָט מיט א פאַרצווייפלטער אײַנגעבראָכענער שטים. צי דען איז עס דער זעלבער גאָט, צו וועלכן מע דאַוונט דאָרט, אין דער פּרעכטיקער סינאַגאָגע?

ס׳איז געווען א פינצטערע נאַכט מיט אן אויסגעשטערנטן הימל. פון יאַם האָט געבלאָזן א קאַלטער ווינט. רעמבראַנדט האָט ליב געהאַט אַזעלכע וועטערן. דער שטורעם־ווינט האָט שטענדיק אופגערודערט, אַזוי ווי אונטערגעיאָגט זײַנע געדאַנקען. אים איז פלוצלינג קלאָר געוואָרן: די ייִדן, וואָס ער האָט ביז איצט געמאָלט אף זײַנע לײַוונטן, דאָס זײַנען דאָך די פאַריסייער! זאַטע גלאַטע פאַריסייער, וואָס גייען אַרום אין זייערע רײַך־אויסגענייטע כאַלאַטן איבער די מירמלנע דילן פונעם בייס־האַמיקדעש, נעמען אוף פון די פראָסטע לײַט די קאָרבאָנעס און יאָגן זיי פון דאָרטן, זיי זאָלן מיט זייער געמיינעם אָטעם ניט פאַרשוועכן די קאָדשיי־קאָדאָשים. און יענע, די נײַ־אָנגעקומענע, דאָס זײַנען די איסײַים, יענע איסײַים, וואָס זײַנען געלאָפן פון דער אומרעכט פון דער וועלט אין די מידבאָריעס און היילן, וועלכע האָבן געטראָגן אין זיך די זוימען פון סאָציאַלן פראָטעסט, וואָס איז שפּעטער ארײַן אין דער אורשפּרינגלעכער לערע פון יעזוסן. פון הײַנט אָן, אז ער וועט זיך ווענדן צו די ביבלישע טעמעס, מאָלן די אומגעבונג פון דעם דערלייזער, דאַרף ער שעפן מער פון אָט די נײַע, אויסגעצערטע פון לײַדן און צאָרעס, פּנעמער, איידער פון די אַלטע, די רויִקע, מאַיעסטעטיש־פּאַטריאַרכאַלע.

אָבער אינגיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז דאָס איז ניט אַזוי לײַכט צו טאָן. די נײַ־אָנגעקומענע האָבן זיך בעשום־אויפן ניט געלאָזט מאָלן. ווי נאָר ער האָט אַרויסגענומען דעם בלײַער און א שטיקל פּאַפּיר, פלעגן זיי צעציטערט ווערן און אַנטלויפן: ס׳איז א כעט.

פאַרשטייט זיך, אז דאָס האָט ניט געקאָנט אָפּהאַלטן דעם קינסטלער. פּאָשעט, ווען ער פלעגט אַרויסגיין אף דער גאַס, איז ער אַרומגעגאַנגען אין יענעם טייל קוואַרטאַל, ווו עס האָבן געלעבט די נײַע ייִדן. ער האָט באַטראַכט זייער אימפּעטדיק האַווען, זייערע לעבעדיקע זשעסטיקולאַציעס. אָפּטמאָל פלעגט ער, מײַסע נאָענטער שאָכן, אָפּשטעלן א מענטשן, זיך פאַנאַנדערײַדן מיט אים, אויספרעגן, אן אַנדערשמאָל פלעגט ער צוגיין צו א הײַפל מענטשן, זיך ארײַנפלעכטן אין זייער שמועס. זיי זײַנען געווען באַריידעוודיקע און עקספּאַנסיווע, גערעדט א שלעכטן דײַטש און נאָך אַן ערגערן האָלענדיש. אָבער די געזיכטער זייערע און די טנועס זײַנען געווען אַזוי אויסדרוקפול, אז דאָס, וואָס ער האָט ניט געכאַפּט מיטן אויער, האָט ער דערגאַנצט מיטן אויג. קומענדיק אין שטוב, פלעגט ער אָנוואַרפן די פּנעמער און פיגורן אף לײַוונט, אף פּאַפּיר, אף דער קופּערנער גראַווירברעט.

אַזוי זײַנען די בילדער פון יענעם פּעריאָד „יאַנקעוו, וואָס בענטשט

יויסעפס קינדער״, „דאָוויד אנטקעגן שאָולן״, „די דרײַ צלאָמים״ און אנ־דערע באַרײַכערט געוואָרן מיט נײַע געשטאַלטן און טיפּן.

...יאָרן זײַנען געגאַנגען, און ווידער איז דער ייִדן־קוואַרטאַל אופּגע־ברויזט געוואָרן.

רעמבראַנדט, אַן אַלטער, אַ צעבראָכענער, אַן אַנטוישטער, האָט שוין מער ניט געלעבט דאָרטן. נאָר איינמאָל, קומענדיק לויט זײַן אַלטער גע־וווינהייט אין ייִדישן קוואַרטאַל, האָט ער דערזען דאָרט אַן אומגעוויינ־לעכע פרייִדיקע שטימונג. מענטשן זײַנען געשטאַנען אין הײַפֿלעך, הויך גערעדט, לעבעדיק זשעסטיקולירט, איבערגעגאַנגען פון איין הײַפל צום אַנדערן. רעמבראַנדט איז אַ ווײַלע געשטאַנען אַן אומבאַמערקטער פון זיי און זיך געוווּנדערט. דאָס איז געווען נאָך מער כידעשדיק, ווײַל די דאָזיקע מענטשן זײַנען געווען ניט די עקספּאַנסיווע אַשקענאַזים, נאָר די סטאַטע־טשנע מאַנירלעכע ספֿאַרדים. ענדלעך איז ער צוגעגאַנגען צו אַ הײַפל און געפרעגט, וואָס קומט דאָ פאָר.

— איר ווייסט גאָרנישט, מאַעסטראָ? — האָט זיך איינער פון די ייִדן פריילעך אָפּגערופן. — אַ סימכע באַ אונדז, אַ פרייד. מאָשיִעך איז געקומען!

— ווער, ווער?

— מאָשיִעך! אונדזער אויסלייזער!

רעמבראַנדט האָט זיך הילפלאָז ארומגעקוקט, ווי ער וואָלט זוכן דעם, וואָס איז אָנגעקומען.

— ניין, ניין, — האָט זיך יענער פאַנאַנדערגעלאַכט, — ער איז דאָ ניטאָ. אָבער ער האָט זיך שוין באַוויזן אויף דער וועלט און אײַנגיכן וועט ער קו־מען אויך צו אונדז און וועט אונדז אויסלייזן.

— מאָשיִעך? ווער איז ער אַזוינער? אַ מענטש פון בלוט און פלייש?

— יאָ, יאָ, אַ מענטש פון בלוט און פלייש. שאַבסײַ צווי איז זײַן נאָ־מען. ער גייט שוין ארום איבער לענדער און קלײַבט די ייִדן, קעדיי זיי צו פירן קיין ערעץ־ייִסראָעל.

— און אײַך אויך? — רעמבראַנדט האָט זיך אומגלויביק ארומגעקוקט, ניט וויסנדיק, צי מע רעדט עס ערנסט אָדער מע טרײַבט איבער אים קאַ־טאָוועס.

— וואָס דען? מיר זײַנען ניט קיין ייִדן? מיר האָבן ניט געליטן צוליב אונדזער גלויבן?

און דאָ האָבן די ייִדן, איבערשלאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, אים גע־נומען דערציילן וועגן זייער מאָשיִעכן. ער האָט זיך שוין באַוויזן אין איי־ניקע לענדער. אַלע ייִדן, ווי איינער, שטייען צו צו אים, ער שאַפט ווונ־דער, וווּ נאָר ער באַווײַזט זיך, און אַלע מעלאָכים פון אַלע לענדער ציטערן פאַר אים און באַפרײַען טייקעף זייערע ייִדן. ער איז דער עמעסער אויס־לייזער, שאַבסײַ צווי...

— איר ווייסט? — האָט עמעצער געהיימניספול צוגעגעבן. — ער איז געבאָרן געוואָרן טישעבאָוו.

דאָס האָט רעמבראַנדט ניט פאַרשטאַנען, און די ייִדן האָבן עס געדולדיק אים דערקלערט. טישעבאָוו דאָס איז דער נײַנטער טאָג אין כוידעש אָוו. אין דעם טאָג איז צעשטערט געוואָרן דער ערשטער בייס־האַמיקדעש, אין

דעם טאָג איז צעשטערט געוואָרן דער צווייטער בייס־האמיקדעש, און דעם טאָג האָט גאָט אויסדערוויילט, אז אין אים זאָל געבאָרן ווערן אויך דער אויסלייזער, שאבסײַ צווי, אָט דער מאָשיעך, וואָס דאַרף אָט־אָט קומען אויך אהער.

— מיר קלײַבן זיך שוין! — איז אן אנדערער ייִד אַרײַנגעפאלן אין די רייד.— מאַעסטראָ, איר זעט אָט דאָס הויז? א שיין, רײַך הויז, איאָ? איר קענט אים הײַנט אָפּקויפן פאר א שיבעש. איר האָט דאָך שטענדיק געוווינט דאָ.

— איר ווייסט דאָך, אז איך האָב קיין געלט ניט. איך בין אָרעם, אָרעם,— האָט רעמבראנדט געזאָגט, און דער ווייטעק צוליב דעם פרי פאר־שטאָרבענעם זון זײַנעם, טיטוסן, דעם פארדינער, האָט זיך ווידער אופגע־וועקט אין אים. ווען יענער וואָלט געלעבט, וואָלט מען געקאָנט א קלער טאָן וועגן דעם...

א טיף פארכושטער איז רעמבראנדט אוועקגעגאנגען. ער איז אריבער־געגאנגען די גאס און ארײַן אין דעם טייל, ווו עס לעבן די אשקענאזים. און דאָ איז ער ווידער נישטוימעם געוואָרן. דאָס לעבן איז דאָ געגאנגען, ווי געוויינלעך. מענטשן האָבן געהאַוועט, פארזאָרגטע מיט זייערע טאָג־טעגלעכע איניאָנים. קיינע הײַפלעך, קיין פריידיקע צערודערונג. ער האָט אָפּגעשטעלט א מענטשן, זײַנעם אן אלטן באקאנטן — דאָס איז געווען א מיטליאָריקער ייִד מיט א פּאָנעם, געדיכט באוואקסן מיט הארטע, ווי דראָט, האָר.

— נו, און איר קלײַבט זיך עס גאָרניט? — האָט רעמבראנדט אים ניט דרייסט געפרעגט.

— א, איר זײַט געווען דאָרטן... זיי האָבן אײַך דערציילט וועגן מאָ־שיעכן, אז ער וועט זיי פירן קיין ערעץ־ייִסראָעל...

— יאָ, יאָ, וועגן מאָשיעכן... וועגן שאבסײַ... ווי רופט מען אים?

דער ייִד האָט זיך פלוצלינג אָנגעצונדן:

— גלייבט זיי ניט, די אָנגעבלאָזענע אינדיקעס! זיי קלערן גאָרניט וועגן ערעץ־ייִסראָעל! זיי כאָלעמען גאָר וועגן זייער שפאניע!

— אזוי, אזוי... שפאניע גאָר... — איז רעמבראנדט נאָך מער פארוווּנ־דערט געוואָרן.

— זיי מיינען, אז ווען שאבסײַ צווי וועט פירן די ייִדן קיין ערעץ־ייִסראָעל, וועט ער גיין מיטן זעלבן וועג, מיט וועלכן זיי זײַנען געקומען אהער, דאָס הייסט דורך שפאניע. וועלן זיי דאָרטן, אין שפאניען, פאר־בלײַבן. זיי וועלן ווערן דאָרט גראנדן, גרויסע סראָרעס, זיך באזעצן אין די שענסטע פאלאצן... וואָס טויג זיי ערעץ־ייִסראָעל? א וויסט, פארלאָזן לאנד... שפאניע דאַרפן זיי! באלגײַוועניקעס, אָנגעבלאָזענע אינדיקעס!..

רעמבראנדט האָט פארטראכט געקוקט אפן ייִדן: איצט, אז ער איז גע־ווען אין צאָרן, האָבן די געדיכטע האר אף זײַן פּאָנעם געסטאַרטשעט, ווי שטעכיקע נאָדלען.

— דער וועג פונדאנען קיין פאלעסטינע, — האָט רעמבראנדט באדאכט געזאָגט, — אף וויפל כ׳האָב אמאָל געזען אף א קארטע, פירט דאָך גאָרניט דורך שפאניע. שוין גיכער דורך איטאליע.

— און זיי טײַנען, אז אזויווי זיי זײַנען געקומען אהער פון ערעץ־יִיסראָעל דורך שפּאַניע, דארף מען זיי צוריק פירן דורך שפּאַניע. פאַר־פּוילטע נעשאָמעס, פּוסטע באלגײַוועניקעס, אינדיקעס מיט פּעדערן...

צו זיי איז צוגעקומען מייערקע דער מעשוגענער. דאָס איז געווען א הויכער דארער מענטש, אף וועלכן די ברודיקע טראַנטעס האָבן זיך גע־באָמבלט, ווי אף א שטעקן. אף זײַן מוירעדיק דארן פּאָנעם האָבן אומ־באַוועגלעך געלויכטן צוויי שטאַרע אויגן מיט א פאַרגליווערטן בליק. בלויז דאָס גרויסע מויל, באַוואַקסן פון אלע זײַטן מיט דינע קוטשעראַווע הערע־לעך, איז געווען אויסגעקרימט פון אן אומפאַרגענגלעך לײַדן. רעמבראַנדט האָט געוווּסט זײַן געשיכטע: אין דער אלטער היים האָבן די פּאָגראָמשטשי־קעס דערמאָרדעט זײַנע צוויי קינדער, פאַרגוואַלטיקט און פאַרמוטשעט ביז צום טויט זײַן פרוי, און מייערקע איז געריכט געוואָרן פון זינען. איצ־טער האָט ער געקוקט מיט זײַנע גרויסע ניט־פּינטלענדיקע אויגן און גע־וואַרט. אין די פּרזיערדיקע צײַטן פלעגט רעמבראַנדט האָבן שטענדיק פאַר אים אין קעשענע א שטיק ברויט. איצטער האָט ער גאָרניט ניט געהאַט און געקוקט אף אים א פאַרשעמטער. נאָר דאָס האָט ניט געשטערט, אין זײַן קאָפּ זאָל דורכבליצן דער געדאנק: אויב ער וועט ווען־עס־איז מאָלן א בילד „יעזוס און דער מעטורעפער", וועט דער דאָזיקער מייערקע זײַן אן אויסגעצייכנטע מאָדעל. דער לײַדנדיקער יעזוס און דער דאָזיקער אומ־גליקלעכער — אין זיי איז דאָ עפּעס געמיינזאַמס, אזוינס, וואָס איז ניטאָ אין די ספאַרדים.

דער ייִד האָט איבערגעריסן זײַנע זידלערײַען און גאָר מיט אן אנדע־רער, א ווייכהאַרציקער שטים געזאָגט:

— גיי, מייערקע, גיי ארײַן צו מיר אין שטוב. דאָס ווײַב מײַנס וועט דיר וואָס געבן אין מויל...

מײַן ייִכעס

1

אין יענעם שטעטל אפֿן הויכן ברעג ניעמאַן האָבן געלעבט אַ סאַך פּליטניקעס. דאָס זײַנען געווען רויע קרעפּטיקע ייִדן, מיט פּענעמער, אויסגעקאַרבטע פֿון זון און ווינט, מיט גראָבע שטימען, וואָס האָבן געקלונגען פֿון איין ברעג טײַך ביזן צווייטן, ניט זעלטן מיט ווערטעלעך, פֿון וועלכע די „איידעלע" ייִדן פֿלעגן אַראָפּלאָזן די אויגן. מע האָט זיי גערופֿן „קאַצאַפּן". אין דעם וואָרט איז געלעגן סײַ אָפּשײַ צו זייער פֿיזישן קויעך, סײַ אָפּשפּאָט פֿון זייער גײַסטיקן מעהוס.

יעדן פֿרילינג, גלײַך ווי די שנייען פֿאַרשווינדן פֿון די לאָנקעס און איידער נאָך די „רײַסישע וואַסערן" (דאָס הייסט די וואַסערן, וואָס קומען ערגעץ פֿון אויבן, פֿון ווײַסרוסלאַנד) איבערפֿולן דעם ניעמאַן, צווינגענדיק אים אַרויסצוגיין פֿון די ברעגן, פֿלעגן די פּליטניקעס זיך נעמען צו זייערע הילצערנע „סונדוקלעך". מע פֿלעגט אַרײַנלייגן אַהין אַ פּאָר וועש, די טפֿילין, דעם טאַלעס, אַרײַנפּאַקן די נייטיקע מאַכשירים, דאָס ווײַב פֿלעגט אַרײַנשטופּן אַ פּאָר לאַבנס ברויט, צוואָרעך, אײַנגעוויקלט אין אַ נאַס טיכל, פֿריש געבעקס און עטלעכע הערינג אַ „נאַש צו טאָן". די פּליטניקעס פֿלעגן אַרופֿוואַרפֿן די סונדוקלעך אויף די פּלייצעס און — הײַדאַ! — אַוועק אויפֿן גאַנצן סעזאָן. זומער־לעב, ביז אין שפּעטן האַרבסט, פֿלעגט מען שווער האָרעווען, בינדנדיק פּליטן און טרײַבנדיק זיי ביז צו די ווײַטע פּרײַסישע שטעט טילזיט און מעמעל.

זעלטן נאָר פֿלעגט זיך מאַכן, אַז, פֿאַרבײַשווימענדיק דאָס שטעטל אין אַ זומערדיקן אָוונט, זאָל מען קענען פֿאַרוואַרפֿן די שוואַרצועס לעבן ברעג און זיך אַראָפּכאַפּן אין שטעטל. דאַן פֿלעגט מען אַפּגיך אַראָפּשלינגען די היימישע וועטשערע, זיך אַרײַנכאַפּן נאָך, אויב ס'איז געווען צײַט, אין בעסמעדרעש אָפּצוזופּן אַ מײַרעוו, איבערשלאָפֿן מיטן ווײַב און באַגינען, איידער וואָס־ווען, זיך ווידער לאָזן אין וועג.

שפּעט אין האַרבסט פֿלעגן זיי זיך באַווײַזן אין שטעטל. מיט פּענעמער, אָפּגעסמאַליעטע פֿון זון און ווינט, אין הויכע שטיוואַלעס, זײַנען זיי געגאַנגען מיט אַ שווערן טראָט, און די גאַס האָט געקלונגען מיט זייערע הויכע הייזעריקע קוילעס. די סונדוקלעך האָבן זיך געוויגט אויף די פּלייצעס, און אין די קעשענעס האָבן שטאָלץ געקלונגען די פֿאַרהאָרעוועטע קאַרבאָוואַנצעס.

מיט זייער אָנקומען פֿלעגט אין שטעטל זיך באַזעצן אַ ציטערדיקער

אומרו. ס'איז געווען, ווי מע וואָלט אין אַ סטאַדע פרידלעכע ציגן אַרײַנגעלאָזן געזונטע העפקערדיקע בעק. יעדן פּרימאָרגן פלעגט זיך דאָס שטעטל אופכאַפּן מיט אַ ציטער, אין וועלכן ס'איז געווען אי בוילעטע שרעק, אי נײַגעריקע פרייד: וואָס פאַרא שטיק וועלן עס הײַנט אַרויסוואַרפן די „קאַצאַפּן"?

ווינטער־צײַט פלעגן די פּליטניקעס זיצן אין שענק, שפּילן אין קאָרטן, זינגען הולטײַסקע לידער. אָף אָן אָסיפּע אין בעסמעדרעש פלעגן זיי צו דער גרויסער שרעק פון די „באַלעבאַטים" זיך יאָווען אין איין קאָמפּאַניע און אַרײַנטראָגן אַהין דעם „בונטאַרסקן דוך". אַזוי פלעגן זיי אויסלאָדן זייער ענערגיע. אַמאָל האָט זיך עס געענדיקט מיט אַראָפּזעצן דעם גאַבע, מיט פאַרשעמען עפּעס אַ באַלעבאַטישע באָרד, וואָס האַלט די „קאָראָבקע", נאָר אָפטער — מיט גאָרנישט. די באַלעבאַטים האָבן זיי געלאָזט זיך אויסשרײַען און ווײַטער געהאַלטן די לייצעס אין די געניטע הענט.

ס'פלעגט אויך פּאַסירן, אַז די פאַרקאָוועטע שטילקײַט פון אַ ווינטערדיקן טאָג איז פּלוצעם צעריסן געוואָרן דורך דעם גרילצנדיקן געיאָמער פון עפּעס אַן אַלמאָנע, וואָס גיט צו וויסן דעם גאַנצן שטעטל, אַז אַ „קאַצאַפּ" האָט „אומגליקלעך געמאַכט" איר טאָכטער. אין אַזאַ פאַל פלעגט גאַנץ שטאָט זיך אַרײַנמישן. די „קאַצאַפּן" האָבן נאָר כיטרע געשמייכלט אין די ברייטע בערד. דאַסראָוו פלעגט זיך אַזאַ זאַך ענדיקן מיט אַ כאַסענע, און דאַן האָבן זיי, די גלאַוונע מעכוטאָנים, געהוליעט, אַז הימל עפן זיך. אַזוינע זאַכן זײַנען אָבער זעלטן פאָרגעקומען. די פּליטניקעס פלעגן זייער יונג כאַסענע האָבן און בעדערעך קלאַל געווען גוטע, געטרײַע מענער. מאַשמאָעס, אַז זײַן דרײַ פּערטל יאָר צעשיידט מיטן ווײַב איז אַ סגולע צו אַ גוט לעבן.

די סאַמע קענטיקע פיגור באַ די פּליטניקעס איז געווען יאָסל דער לאַנגער. דאָס איז געווען אַ הויכער שטאַרקער מאַן מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ גלײַכן רוקן און מאָגערן מוסקולירטן קערפּער. זײַן פּאָנעם איז געווען באַוואַקסן מיט אַ קורץ שוואַרץ בערדל, די שוואַרצע גלאַנציקע אויגן האָבן געקוקט פון אונטער די געדיכטע ברעמען טמימעסדיק און אַ ביסל פאַרלעגן, ווי ער וואָלט בעטן, די וועלט זאָל אים מויכל זײַן, וואָס ער איז אַזאַ גיבער. ניט קוקנדיק אָף דער גווורע — און עפּשער טאַקע דערפאַר — איז ער געווען אַ שטילער, באַשיידענער מענטש.

דאָס איז געווען מײַן זיידע.

2

די באָבע מײַנע, שיינע־ראָכל, איז געווען אַ קליינינקע דאַרע יידענע, אַ זשוואַווע, באַוועגלעכע, אַן אייביקע האָרעפּאַשניצע און אַ גרויסע בעריע.

זי איז געווען מוירעדיק קאַרג. וועגן איר קאַרגקײַט זײַנען נאָך לאַנג, אַפילו נאָך איר טויט, אַרומגעגאַנגען לעגענדעס אין שטעטל.

זי האָט געבאָרן צען קינדער און אַלע — מיידלעך. אַלעמען אויסגעהאָ־

דעוועט, דערצויגן און געמאכט פאר לײַט. דאָס זײַנען געווען צען וווקסי־קע (אלע אין זיידן!) שיינע, געזונטע מוידן.

צען מיידלעך אין שטוב — דאָס איז געווען אזא מאטאָנע פונעם אייבערשטן, וואָס האָט שוין ניט געלאָזט קלערן פון קיין אנדער זאך. דער זיידע איז ביז דער טיפער עלטער, יאָר־אויס, יאָר־אײַן, געגאנגען אף זײַן שווערער סאקאָנעספּולער מעלאָכע, די באָבע האָט פון באגינען ביז שפּעט אין דער נאכט געפּאדעט, געהאָרעוועט אין גאָרטן, אין שטוב און ארומגעזען די גרויסע מישפּאָכע.

ווען דער זיידע פלעגט קומען נאָך זײַן סעזאָן־ארבעט אהיים, פלעגט ער קוידעמקאָל, נאָך איידער ער האָט, ווי געהעריק איז, זיך באגריסט מיטן ווײַב און ארומגענומען די אלע צען מוידן, ארויסשלעפּן פון אונטערן גארטל דאָס פארדינטע געלט און עס איבערגעבן דעם ווײַב. שיינע־ראָכל פלעגט עס צונעמען מיט א פרומער מינע און, ניט איבערציילנדיק (זי האָט געוווּסט, אז זי קען זיך פארלאָזן אף איר יאָסלען), אוועקגעטראָגן עס ערגעץ הינטערן אויוון אין איינעם פון אירע אומצאָליקע באהעלטע־נישן.

אז א מיידל פלעגט אונטערוואקסן און ארײַנגיין אין די יאָרן, פלעגט שיינע־ראָכל קריכן איבער אירע באהעלטענישן, פאנאנדערבינדן אירע קניפּלעך און צענדליקער מאָל איבערציילן און איבערטאפּן מיט אירע דינע פאַרהאָרעוועטע פינגער די פאפּירלעך און דאָס מינץ. אין ווינקל איז שוין געשטאנען דאָס הילצערנע קעסטעלע, וואָס יאָסל האָט אויסגעמײַסטערט, מע האָט דערצו נאָך געבונדן א פּאק מיט בעטגעוואנט — „ווייכער נאדן" — און — די מויד איז „אָטפּראוועט" געוואָרן קיין אמעריקע.

אזוי איז עס געגאנגען מיט אן אײַזערנער געזעצמעסיקײַט. נײַן מאָל, מיט אינטערוואלן פון אָנדערהאלבן, צוויי יאָר האָט זיך עס איבערגעכאַזערט. נאָר אז עס איז געקומען צום צענטן מאָל, איז עס צוגעגאנגען א ביסל אנדערש. יאָסלס ייִנגסטע טאָכטער איז געווען עפּשער די סאמע שענסטע און גערעאָטנסטע פון אלע. און אין שטעטל איז געווען א ראָוו און דער ראָוו האָט געהאט א זון...

וואָס ווײַטער איז געווען, פארשפּאָר איך אײַך צו דערציילן. עס איז געווען דאָס, וואָס האָט געדארפט זײַן, דאָס, וואָס איז אלט, ווי אלט עס איז די וועלט גופע. אויב דאָס וואָלט ניט געווען, וואָלטן אלע פּאָעטן, אָנהייבנדיק פון שלוימע־האמעלעך און ענדיקנדיק מיטן לעצטן פּאָעט פון דער הײַנטיקער צײַט, געזעסן אָן א שטאָך ארבעט, און א סוואָרע, אז די וועלט וואָלט גאָר קיין קיִעם ניט געהאט...

פון די עלטערע טעכטער זײַנען געגאנגען בריוו. אלע האָבן קימאט טייקעף נאָך זייער אָנקומען קיין אמעריקע דאָרט כאסענע געהאט, זיך אײַנגעשאפט פאמיליעס. די בריוו זײַנען געווען געשריבן מיט פרעמדע הענט. די נײַן טעכטער זײַנען אלע געווען ניט־איווערדיקע: גיי פּויעל בא שיינע־ראָכלען, זי זאָל אויסגעבן געלט אף א לערער, און וועמען לערנען, מיידלעך! (מער ניט, די ייִנגערע טאָכטער איז א ביסל געבאלעוועט גע־

וואָרן — פּאַרט אָנגעקומען נײַע צײַטן — און זי האָט שוין יאָ געקראָגן א שטיקל בילדונג). די דאָזיקע בריוו, געשריבן מיט פרעמדע הענט און גע־לייענט דורך פרעמדע ליפּן (סײַ יאָסל און סײַ שיינע־ראָכל האָבןביידע ניט געקאָנט לייענען), האָבן פאַרשאַפט נאַכעס־רועך, אָבער דאָס איז גע־ווען א ווײַטלעכער, ווי מע וואָלט איצט געקאָנט זאָגן, אן אבסטראַקטער נאַכעס־רועך, צו וועלכן אזוינע פרימיטיווע מענטשן זײַנען ווייניק מעסוגל געווען.

אזויארום זײַנען מײַן שוועסטערל כאַנע, וואָס איז געווען מיט צוויי יאָר עלטער פון מיר, און איך געווען די איינציקע אייניקלעך, וואָס דער זיידע און באָבע האָבן געהאַט פאַר די אויגן, און צו אונדז האָט זיך אויסגעגאָסן זייער גאַנצע ליבע, וואָס איז, ווי באַקאַנט, א סאַך שטאַרקער און צערט־לעכער, ווי צו די אייגענע קינדער.

ווען יאָסל איז שוין געוואָרן שטאַרק אַלט און האָט שוין ניט געאַרבעט, האָט ער אָנגעהויבן אַלץ מער זיך פאַרקלערן וועגן זײַנע צאָלרײַכע מעכור־טאָנים, וועלכע זײַנען צעשפּרייט איבער דער גרויסער רוסישער מעדינע און וועלכע ער הייבט ניט אָן צו קענען און צו וויסן. צווישן די דאָזיקע אדרעסן איז געווען איינער פון מינסק. מינסק — דאָס איז שוין א זאַך, וואָס מ׳קאָן אָנטאַפּן. ס׳האָט לאַנג געדויערט, ביז דער אַלטער האָט זיך אַנט־שלאָסן. אין איינעם א ווינטער־טאָג האָט ער אָנגעטאָן זײַן שעפּסענעם פּעלץ, זיך אונטערגעגאַרטלט מיט א שטריק און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן.

געקומען צוריק איז ער מעשונעדיק גיך, אין א צוויי־דרײַ טעג אַרום. געקומען איז ער א באַרויגעזער, אן אָנגעכמורעטער, און אויף אַלע פראַגן האָט ער אַקשאָנעסדיק געשוויגן. מער ניט איין פראַזע האָט ער אַרויסגע־ברומט:

— ע, מינסקער ייִדן... זיי זײַנען אַלע כאַזיירים, די מינסקער ייִדן...

זאָלן מיר די מינסקער מויכל זײַן. ביז איצט קען איך ניט פאַרגעסן, וואָס זיי האָבן באַליידיקט מײַן זיידן, און אַז איך הער פון א מינסקער אָדער טרעף זיך מיט א מינסקער, דערמאָן איך מיך די ווערטער פון מײַן זיידן, וואָס איך האָב געהערט, ווען איך בין געווען זעקס יאָר אַלט.

3

פון יענע יאָרן האָט זיך מיר אײַנגעקריצט אין זיקאָרן א געשעעניש.

ס׳איז געווען אָנהייב האַרבסט. בייס א שטאַרקן געוויטער איז דער אַנקער פון פּאַראָם אַרויסגעריסן געוואָרן און אָפּגעטראָגן דעם פּאַראָם אויף א גרויסן מעהאַלעך טײַך־אַראָפּ. דעם פּאַראָם האָט מען צוריקגעבראַכט, אָבער ווער וועט פאַרפעסטיקן דעם אַנקער אָפּן דנאָ פון ניעמאַן? מע איז געקומען צום זיידן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט: שוין צו אַלט פאַר אזעלכע זאַכן. ס׳איז אַריבער א טאָג, צוויי: קיין וועג אויף קאָוונע, קיין האַנדל־וואַנדל. צום זיידן זײַנען געקומען דער גאַבע און נאָך א פּאָר „שיינע״

באלעבאטים. זיי האָבן אזוי לאנג ארײַנגעשמועסט אין אים, ביז ער האָט סאָפקאָלסאָף קרעכצנדיק אָנגעהויבן ארופצוציִען די שטיוול.

דאָס גאנצע שטעטל האָט ארויסגעשאָטן צום טײַך. דער זיידע האָט זיך אויסגעטאָן, גענומען דעם אנקער אין די הענט און איז ארײַן אין טײַך. אזוי, מיטן אנקער איןביידע הענט, הויך אופגעהויבן איבערן קאָפּ, איז ער געגאנגען אלץ טיפער און טיפער. אָט איז ער שוין קימאט אין מיטן טײַך, עס זעט זיך בלויז ארויס דער שפּיץ קאָפּ און דער אנקער פון אויבן. ער טאפּט מיט די פיס דעם דנאָ, ער גייט אין איין זײַט, אין א צווייטער, ער זוכט דאָס פּאסיקע אָרט, וואָס איז נאָר אים אליין באקאנט. אָט שטעלט ער זיך אָפּ, לאָזט אראָפּ דעם אנקער, שטייט א ווײַלע אומבאוועגלעך. דאן נעמט ער אָן א פולע ברוסט לופט און טוקט זיך אונטער. דער אוילעם שטייט מיט א פארהאלטענעם אָטעם. בא מיר קלאפּט דאָס הארץ. עס שפּרינגט שיר ניט ארויס פון ברוסט. עס גייט אריבער א מינוט, נאָך איינע... אָט באווײַזט זיך דעם זיידנס קאָפּ, ער זעט זיך קוים־קוים — דער זיידע שטייט אף אן אָרט, ווו דאָס וואסער דערגרייכט ביז צו דער גאָמבע. ער שפּײַט זיך אָפּ, כאפּט אָפּ דעם אָטעם, און אף דער שטומער פראגע פונעם אוילעם שאָקלט ער מיטן קאָפּ אף ביין. ניין, ער האָט נאָך ניט אײַנגעגראָבן דעם אנקער. נאָך א דרײַ צי פיר מאָל טוקט זיך אונטער דער זיידע, קענטיק די ארבעט קומט אים אָן ניט גרינג, נאָך יעדן אופטויכן סאָפעט ער אלץ שווערער. סאָפקאָלסאָף באווײַזט זיך דער קאָפּ, און גלײַכצײַטיק הייבט זיך אוף זײַן האנט מיט א פריילעכן פאָכע. אלע אפן ברעג זיפצן אָפּ פארלײַכטערט.

צוריק איז דער זיידע ניט געגאנגען. ער האָט זיך א וואָרף געטאָן אפן אויבערפלאך פון וואסער, און זײַנע שטארקע געזונטע הענט האָבן געלייגט קלאפּטער.

ארויסגעגאנגען אפן ברעג, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דער זון אין שקיִע, זיך אָפּגעטרייסלט פון וואסער. מענטשן האָבן אים ארומגערינגלט מיט פריידיקע געשרייען. דער זיידע איז געשטאנען אנטקעגן דער זון אומבאוועגלעך, די אויגן צופרידן פארזשמורעט, די פּלייצעס ברייט, דער רוקן יוגנטלעך גלײַך.

די באָבע איז געשטאנען א ציטערדיק־גליקלעכע, מיט א האנטעך אין דער האנט, הינטער די קוסטעס און ניט געוואגט ארויסצוגיין צו דעם, מיט וועמען זי האָט געהאט צען קינדער. ערשט נאָך דעם ווי דער זיידע האָט ארופגעצויגן די גאטקעס, איז זי מיט א שעמעוודיקן שמייכל ארויס צו אים און מיט ליבנדיקע הענט געווישט דאָס שטארקע ווילבאקאנטע לײַב.

צוריק אין שטעטל איז מען געגאנגען אין א גאנצער פּראָצעסיע. דער זיידע מיט דער באָבען פאָרויס, איך, אן איבערגעפולטער מיט שטאָלץ, פעסט צוגעקלאמערט צום זיידן, און נאָך אונדז דאָס גאנצע שטעטל.

אז מיר זײַנען געקומען אהיים, האָט מיר די באָבע געגעבן פינף קאָפּעקעס — גאנצע פינף קאָפּעקעס! — איך זאָל מיר קויפן צוקערקעס.

4

שפּעטער מיט יאָרן האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז דער זיידע איז געווען אַ פּאָעטישע נאַטור. ער האָט געאַרבעט אַלס פּליטניק ניט נאָר דערפֿאַר, וואָס ער האָט געהאַט צען מוידן. ער האָט ליב געהאַט די עצם מלאָכה.

ער האָט ליב געהאַט דעם טײַך, די שטילע זומער־פֿאַרנאַכטן, דעם אויסגעשטערנטן הימל באַנאַכט, די פֿאַרבײַשווימענדיקע דערפֿלעך מיט זייערע נידעריקע כאַטקעס, וואָס האָבן זיך אויסגעלייגט אויפֿן ברעג אונטער דער לעוואָנע, ווי אַ טשערעדע בעהיימעס. אים זײַנען געפֿעלן געווען די נעפּלדיקע פֿרימאָרגנס, ווען דער פּליט שנײַדט זיך אַרײַן אין די מילכיקע ווײַטן, פֿון איין זײַט ברעג שיילן זיך שוין אויס די שפּיצן פֿון די ביימער, פֿון דער אַנדערער זײַט, פֿון ערגעץ אַ פֿאַרבאָרגענעם דאָרף, דערטראָגט זיך פּלוצעם דער קריי פֿון אַ האָן, וואָס אײַלט צו די זון, זי זאָל שוין גיכער צעטרײַבן דעם טוי און באַשײַנען די וועלט. אים איז ניכע געווען, ליגנדיק באַנאַכט אויפֿן פּליט און הערנדיק דאָס פּלוצעמדיקע אויסגעשריי פֿון אַ נאַכט־פֿויגל אין וואַלד, אָפּצוענטפֿערן אים מיט אַ ווילדן געשריי־געזאַנג, וואָס האָט געמיינט: דו לעבסט, אָבער זע, איך לעב אויך און די גאַנצע וועלט איז מײַנע!

און אויך די שווערע אַרבעט זײַנע, די אַרבעט, וואָס האָט אים אָפּגעריסן דרײַ פֿערטל יאָר פֿון ווײַב און קינדער, האָט ער ליב געהאַט, ווײַל ער האָט געקענט אויסלאָדן באַ איר זײַן פֿיזישן קויעך און באַווײַזן זײַן פֿלינקײַט: דער מינדסטער פֿאַלשער טראָט, אַן אומגעלונגענער קער — און דו ליגסט שוין אין וואַסער מיט אַ בערווענע צוגעטשמעליעט פֿון אויבן.

פֿון זײַנע רײַזעס האָט ער אַרויסגעטראָגן אַ שלאַל מײַסעס און געשיכטעס. אין די לאַנגע ווינטער־פֿאַרנאַכטן, ליגנדיק אין דער פּיִנצטער אין שטוב — גאָט באַהיט, מע זאָל אָנצינדן אַ נאַפֿט־לעמפּל, — פֿלעגט דער זיידע דערציילן די געשיכטעס. דאָס זײַנען קיינמאָל ניט געווען מײַסעס וועגן גזלאָנים, וועגן וואַלד־רויבערײַען אָדער ראָצכים. דאָס זײַנען געווען געשיכטעס פֿון אויסטערלישע ליבעס, פֿון טרײַקײַט פֿון צעשיידטע, פֿון אַ גראַפֿסקן זון, וואָס האָט זיך פֿאַרליבט ביז צום טויט אין אַ ייִדישער טאָכטער. זײַן דונערדיקע שטים האָט זיך דאַן אַראָפּגעלאָזן ביז צו אַ שטיל צערטלעך שעפּטשען, און אין דער פּיִנצטער האָט מען געשפּירט, ווי זײַן פּאָנעם לײַכט.

די מײַסע פֿון דער רירנדיקער ליבע צווישן קאַסטוטיס און דער יאַם־פּרינצעסן יוראַטע, וואָס איך האָב שפּעטער געלייענט אין ליטווישן פֿאָלקלאָר, האָב איך פֿריִער געהערט פֿון זיידן. אויך די מײַסע מיט די צוויי פֿירשטלעכע טעכטער, וואָס דער הײַדוק האָט פֿאַרפֿירט, — אַ מײַסע, וואָס איך האָב שפּעטער געלייענט אין וווּנדערלעכע פּערזן באַ קולבאַקן, — האָב איך געהערט פֿון זיידן. דערבײַ האָט דער זיידע אין זײַן טמימעס ניט אונטערשיידט פֿאָלקס־לעגענדעס און פֿאָלקלאָר־שאַפֿונגען פֿון וואָרע געשעענישן.

איך גלייב, אַז אויך די מײַסע מיט זײַן ייִנגסטער טאָכטער — אַ מײַסע, וואָס די מענטשן האָבן געהאַלטן, רעדנדיק מיטן הײַנטיקן לאָשן, פֿאַר אַ

„מעזאליאנס"[1] — האָט דער זיידע אופגענומען ווי עפּעס אַ פּאָעמע און דערפאַר איז זײַן ליבע צו מיר געוועוֹן נאָך שטאַרקער.

פון דעם דאָזיקן קרעפּטיקן געזונטן פּאָלקס־מענטש האָט געשפּאַרט מיט לעבנס־פרייד. דערפון האָבן זיך גענומען אויך זײַנע לייצאָנעס־שטיק, אַף וועלכע ער איז געווען אין די יונגע יאָרן אַ גרויסער מײַדים. מע האָט דערציילט פון אים אַזאַ געשיכטע.

דאָס ווײַב זײַנס איז געווען ניט נאָר מוירעדיק קאַרג, נאָר אויך מוי־רעדיק פרום. איינמאָל, בעשאַס אין שטוב זײַנען די טעכטער שוין גע־וואָרן שיטערער, האָט זי אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרצן: זאָל יאָסל איר אומבאַדינגט קויפן אין פּרײַסן אַ פּאָר לײַכטער אַף ליכט־בענטשן. דער זיידע האָט מאַשמאָעס ניט שטאַרק געהאַלטן פון אַזוינע זאַכן. ווען ער איז נאָכן סעזאָן געקומען אין שטוב און האָט אַראָפּגעוואָרפן פון די פּלייצעס דאָס סונדוקל, האָט זי אים די ערשטע זאַך געפרעגט, צי ער האָט געבראַכט די לײַכטער. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַפן סונדוקל. זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַהין: שמוציק גרעט, טפילן, טאַלעס און פלוימען.

— יאָסל, ווו זײַנען די לײַכטער?

— לײַכטער? אָט, עט, זעסט דאָך: פלוימען... עס אוף די פלוימען, וועט דיר ווערן לײַכטער...

אַף דער עלטער איז שוין פון לייצאָנעס ווייניק פאַרבליבן. זײַן לעבנס־פרייד האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס ער האָט ליב געהאַט כײַעס, געוויקסן, נאַטור.

אין סאַמע עק פון דער באָבעס גאָרטן איז געשטאַנען, ווער ווייסט דורך וועלכע ניסים פאַרוואָגלט אַהער, אַ יונגע שלאַנקע בעריאָזקע. זי האָט אויסגעזען ווי אַ זונטיקדיק־אויסגעפּוצט מיידעלע צווישן טונקעלע אויס־געקרימטע ביימער־האַרעפּאַשניקעס. די באָבע האָט געקוקט קרום אַף אָט דער „דאַרמאָיעדניצע", נאָר דער זיידע איז געווען שטאָל־און־אײַזן פאַר איר און האָט איר אָפּגעהיט דאָס לעבן. אַז מיר פלעגן זײַן אין גאָרטן, פלעגט דער זיידע זיך אָפּט אָפּשטעלן און לאַנג קוקן אַף איר. עפּשער האָט זי אים דערמאָנט עפּעס אַ כאַלעם פון די יונגע יאָרן...

איינמאָל, אין אַ זומערדיקן אָוונט — דער זיידע האָט שוין דעמלט ניט געאַרבעט — נאָך אַ גוסרעגן האָט מיך דער זיידע אַרויסגעפירט אין דרויסן צו באַקוקן די פריש־אויסגעצוואָגענע וועלט. מיר זײַנען צוגעגאַנגען צו דער בעריאָזקע. זי האָט נאָך געציטערט מיט אירע בלעטער פון דעם אָקאָרשט דורכגעגאַנגענעם שטורעם. הינטער איר האָט זיך אויסגעבויגן אַף אַ האַלבן הימל אַ רעגנבויגן, וואָס האָט געמערירט מיט אַלע קאָלירן. אַף אַ ווײַטן שײַער איז געשטאַנען פאַרגליווערט אַף איין פוס אַ בושל. ער האָט, מיסטאָמע, פונקט ווי מיר, באַוווּנדערט די יונגע וועלט.

— זיידע, פונוואַנען נעמען די בושלען די קינדער, וואָס זיי ברענגען אין שטוב?

— פונוואַנען? אָט פון רעגנבויגן. זעסט, ווי שיין ער איז...

— און מיך האָט ער אויך גענומען פון אַ רעגנבויגן?

---

[1] ניט קיין גלײַכער שידעך (פראַנצויזיש).

— אוודע. אָבער ס'איז געווען גאָר, גאָר א שיינער רעגנבויגן, א סאך שענער, ווי דער. און דערפאר, — זײַנע אויגן האָבן אופגעהערט צו לאכן, — דערפאר וועסטו דארפן זיך גוט לערנען, אז דו וועסט גיין אין כיידער.

איך האָב געגלייבט דעם זיידן, און מיר איז געווען קלאָר, אז איך וועל זיך דארפן גוט לערנען, ווען איך וועל גיין אין כיידער.

5

צום כיידער איז עס אָבער ניט געקומען. אינקורצן זײַנען מײַנע עלטערן אריבערגעפאָרן אין א ווײַטער שטאָט אויסער דעם טכום־האמוישעוו, ווײַל מײַן פאָטער, קעמפנדיק קעגן די יאפּאַנער, האָט, עמעס, גאָרניט אויסגע־קעמפט פאר רוסלאנד, אָבער פאר זיך האָט ער אויסגעקעמפט „פראוואָ־זשיטעלסטוואָ".

ווײַנענדיק דאָרטן, איך בין דעמלט אלט געווען א יאָר צוועלף, האָבן מיר דערהאלטן די יעדיע, אז דער זיידע איז געשטאָרבן. געשטאָרבן איז ער מיטאמאָל, קימאט ניט קרענקענדיק.

די באָבע האָט נאָך אים ניט געקענט לעבן. אין קנאפּע דרײַ וואָכן ארום איז זי אויך אויסגעגאנגען. מאמעש אויסגעגאנגען נאָך איר יאָסלען, נאָך וועמען זי פלעגט גאנצענע זומערס בענקען און אין וועמעס שטארקע אָרעמס זי האָט אין די לאנגע ווינטער־נעכט געלאָשן איר בענקשאפט.

מיט יאָרן שפּעטער בין איך געווען אין שטעטל. מע האָט דאָרט נאָך גוט געדענקט די ביידע אלטיטשקע, וועלכע זײַנען געווען אזוי צוגעבונדן איינער צום אנדערן, אז אפילע דער טויט האָט זיי ניט געקאָנט שיידן. מע האָט גערעדט וועגן זיי גוטע ווערטער, דערמאָנט יאָסלס גוורע, שיינע־ראָכלס קלוגשאפט, וואָס האָט פארשטאנען צו צוימען אָט די גוורע און מאכן פון אים א קאָטיקל...

עמעצער האָט דערבײַ אויך ארײַנגעוואָרפן א וואָרט וועגן דער באָבעס מוירעדיקער קארגקײַט. אף דעם האָב איך נאָר געשמייכלט. איך האָב געוווסט, אז ס'איז ניט אזוי. פּאָשעט, זי האָט געהאט צען טעכטער, און דער דאָזיקער שווערער אָל האָט ארופגעלייגט אף איר אָן אכרײַעס, וואָס זי האָט געטראָגן מיט ליבע און מעסירעסנעפעש, ווי אָן עכטע מאמע.

זאַלמענס טעג און נעכט

1. זאַלמען שרײַבט אַ בריוו

באנאכט זײַנען די געדאנקען דרייסטער, געוואגטער און... ראָמאנטישער. זיי באוועגן זיך פרײַ איבער צײַט און רוים, שפרײַזן אריבער מאטעריעלע מעניעס און בויען ווײַטגייענדיקע פלענער.

אין איינער אַ שלאָפלאָזער נאכט איז זאַלמען געלעגן אַף זײַן איינזאמען געלעגער און צוזאמענגעשטעלט אין זײַן מויעך אַ בריוו:

„טײַערע כאַווע! וועסט זיך געוויס פארוווּנדערן, קריגנדיק פון מיר אומגעריכט אַ לאנגן בריוו. די לעצטע יאָרן, זײַט מיר האָבן זיך ווידער געטראָפן, דריקט זיך אויס אונדזער קאָרעספּאָנדענץ אין באגריסונגס־בריוו, וואָס מיר שיקן איינער צום אנדערן צו נײַ־יאָר און צו די יאָמטויווים מײַ און אָקטיאבער. און דאָ פּלוצעם...

איך בין די נאכט געלעגן און געקלערט וועגן דער ווונדערלעכער באַגעגעניש אונדזערער מיט קנאַפּע פופציק יאָר צוריק. אין אונדזער עלטער קערט מען זיך אלץ אָפטער אום צו דער יוגנט, און וואָס קען זײַן נאָך פּאָעטישער, ווי יענע באגעגעניש אונדזערע? איך געדענק זי מיט אלע פּינקטלעכקײַטן, איך האָב זי דורכגעטראָגן אין מײַן באוווסטזײַן דאָס גאַנצע לעבן, נאָר בלויז איצטער, ווען דער פלאם איז שוין אויסגעלאָשן, קען איך אָפּשאצן יענע באגעגעניש אין איר גאנצער לויטערקײַט און דערהויבנקײַט.

מיר איז דעמלט געווען צוואנציק יאָר... כ'גלייב זיך אליין ניט: צי דען בין איך ווען־עס־איז געווען צוואנציק יאָר אלט?..

ווייסט, מײַן ליבלינגס־פּאָעמע איז לעצטנס געוואָרן היינעס „בימיני”. דו געדענקסט די פּאָעמע? דאָרט רעדט זיך וועגן אַ שפּאנישן ריטער, אַ קאָנקוויסטאדאָר, וואָס האָט אין דער דעראָבערטער אמעריקע זיך דערשלאָגן צו אלץ, וואָס זײַן הארץ האָט געגלוסט: גאָלד, זילבער, קנעכט, פּאַלאצן. נאָר אַז ער האָט דאָס שוין אלץ דערוואָרבן, כאַפּט ער זיך, אַז אים פעלט איצט איין קלייניקײַט: יוגנט. און דאָ דערוואכט זיך אין אים אזא

בענקשאפט נאָך דער יוגנט, אז ער וואָלט אַלץ אוועקגעגעבן, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן, אבי צוריקצוקריגן זי, די יוגנט. אַן אינדיאַנער מעכאַ־שייפע רעדט אים איַין, אז דאָס איז מעגלעך: פאַראַן אזא אינדזל בימיני, וואָס דאָרט שטראָמט א קוואַל פון יוגנט. ער וואַרפט זיַין גאָלד, זיַינע פאַ־לאַצן און לאָזט זיך איין וועג זוכן דעם אינדזל בימיני...

איך האָב אויך מיַין בימיני (אגעוו, האָט זיך די וועלט מיט עטלעכע יאָר צוריק דערוווּסט, אז אַן אינדזל מיט קימאַט אזא נאָמען — ביקיני — עקזיסטירט טאַקע אַפּן שטילן אָקעאַן. די אַמעריקאַנער האָבן אים אויסגע־קליבן אַף צו מאַכן דאָרטן אַטאָם־עקספּערימענטן).

מיַין בימיני — איז דאָס ליכטיקע, דאָס נײַנצנטע יאָר. אז ס'ווערט אמאָל שווער אַף דער נעשאָמע, ס'באַפאַלן ספּייקעס, טונק איך מיך אַפּ אין די לויטערע קוואַלן פונעם נײַנצנטן יאָר און איך דערפיל פרישע קויכעס, קוק ווידער האָפערדיק אַף דער צוקונפט.

צוואַנציק יאָר בין איך דעמלט אַלט געווען. די בלי־צײַט פון דעם מענטשן. בא מיר איז זי צונויפגעפאַלן מיט דער בלי־צײַט פון דער מענ־טשהײַט. דער טרומייט האָט געשאַלט, און די מויערן פון דער אַלטער וועלט האָבן זיך געקרישלט און געפאַלן. אַלץ האָט געיובלט, אַלץ האָט געשטרעקט די הענט צו דער נײַער זון, וואָס גייט אוף אין מיזרעך.

פרילינג 1919 איז אונדזער רויטאַרמייִשער טייל אַרײַן אין א שטעטל. דער פראָנט האָט זיך געשלענגלט ערגעץ צווישן ליטע און ווײַסרוסלאַנד. איך האָב געקראָגן קוואַרטיר אין א ייִדישער שטוב. דאָס איז געווען אַײַער שטוב.

דיַין טאַטע האָט ניט גאָר פרײַנטלעך באַקוקט דעם ניט־געבעטענעם אורעך אין דער שינעל פון א רויטאַרמייער. נאָר אז איך האָב אים גע־זאָגט עפּעס א פּאָסעק פון טאַנאַך און דערמאָנט רעב אקיווען, וואָס האָט מיט זײַן גײַסטלעכן אווטאָריטעט געשטיצט דעם קריגסמאַן באַר־קאָכבען, איז דײַן טאַטע געוואָרן א ביסל ווייכער. און עפּשער איז עס געווען ביזכוס פון רעב אקיווען, וואָס מע האָט מיך געלייגט שלאָפן ניט אין קיך, ווי מע איז זיך נויהעג געווען מיט א סאָלדאַט, נאָר אין דער „זאַלע", צווישן דעם ווייכן מעבל, וואָס האָט אָפּגעהיט זײַן קליינשטעטלשע נעגידישקײַט אונ־טער ווײַסע טשעכאָלן. און אין קליינעם צימער לעבן דער „זאַלע" זײַנען געשלאָפן — דו און דײַן ייִנגער שוועסטערל.

אזויאַרום האָבן זיך געטראָפן מײַנע צוואַנציק יאָר מיט דײַנע אכצן...

וואָס פאַר א קישעף איז עס געווען, וואָס האָט אונדז גלײַך פון ערשטן מאָמענט פאַרכאַפּט און געשטויסן אונדז, ווי באַזעסענע, איינס צום אַנ־דערן? אכצן און צוואַנציק? אוודע דאָס אויך. אָבער ניט בלויז דאָס.

ס'איז געווען דאָס נײַנצנטע יאָר, ווען עס האָבן די גלעקער געקלונגען (קולבאַקס אויסדרוק), און דאָס אופוואַכן פון גײַסט איז בא דיר צונויפגע־פאַלן מיטן אופוואַכן פונעם קערפּער. דו האָסט פּלוצעם די ביידע דערפילט מיט אַן אומגעהייערער קראַפט, און ניט אין דײַן נאַטור — די נאַטור פון א שטאַרקן מענטשן — איז עס געווען צו פאַרלייקענען דעם קלאַנג פון די גלאָקן און דעם רוף פון דעם בלוט.

דעם ערשטן אָוונט, אַז מיר זײַנען געבליבן אַליין — איך, דו און דײַן שוועסטערל, — האָב איך געלייענט אַף אויסווייניק פּערעצעס „מאָניש". דאָס איז געווען פאַר אײַך ביידן אַן אַנטפּלעקונג — פון יידישע ביכער זײַנען אין אײַער שטוב געווען בלויז „הייליקע" ספרים. בא דײַן שוועסטערל — איר איז געווען אַ יאָר פופצן — זײַנען די אויגן געוואָרן גרויס, זיי האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט נײַגער און באַוואונדערונג, איר פּאָנעם האָט זיך פאַררויטלט. בא דיר זײַנען די אויגן געוואָרן שמאָל, דער בליק דורכדרינגלעך, די באַקן בלאַס, און דאָס כיין־פינטל אַף דײַן לינקער באַק איז אַרויסגעטראָטן שאַרפער, ווי עס וואָלט עפּעס־וואָס געמאָנט, געפאָדערט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דו מעסט אָן מאָנישעס איבערלעבונגען אַף זיך.

דעם אָוונט האָב איך געלייענט נאָך אַנדערע לידער און גערעדט און גערעדט. איך בין געווען באַרוישט פון דײַן נאָענטקײַט, פון די שטראַלן, וואָס האָבן זיך געצויגן צווישן אונדז, און פון דעם אַלץ, וואָס האָט געיוירט אין מײַן בלוט. שפּעט אין דער נאַכט זײַנען מיר זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. דו מיט דײַן שוועסטערל זײַנען אַוועק אין אײַער צימערל, איך האָב זיך געלייגט שלאָפן, פאַרלאָשן דאָס לעמפּל. טייקעף נאָכדעם איז אויך אײַער לעמפּל פאַרלאָשן געוואָרן.

דער אַנדערער טאָג איז געווען פול מיט האַרצקלאַפּנדיקע באַגעגענישן. די אַנונג, אַז דו לעבסט אין אַ דושנער וועלט מיט ווײַסע טשעכאָלן איבער מעבל און שוואַרצע טשעכאָלן איבער געדאַנקען, האָט שוין פריִער געטליִעט אין דיר. ס'איז גענוג געווען די מינדסטע באַרירונג, אַז די דאָזיקע אַנונג זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ העל־לײַכטנדיקן פלאַם. ביז שפּעט אין דער נאַכט זײַנען מיר ווידער געזעסן אין דער „זאַלע", און ס'האָט דיר געקאָסט אַ סאַך מי זיך אופצוהייבן און, נעמענדיק דאָס האַלב־אײַנגעשלאָפענע שוועסטערל פאַר דער האַנט, אַוועקגיין צו זיך אין צימער.

נאָכדעם ווי איך האָב אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ, האָט אַ פּאַסיקל ליכט אונטער דער טיר פון דײַן צימער נאָך אַלץ געלויכטן און געלויכטן... אָ, אָט דאָס פּאַסיקל ליכט אונטער דער טיר! עס האָט גערעדט וועגן אַ מיידל, וואָס געפינט ניט קיין רו און וואָס האָט פּלוצעם ביז צו ווייטעק דערפילט אין זיך די רײַפקײַט. דאָס פּאַסיקל ליכט האָט גערופן, געצויגן... צי דען ביסטו אין דײַן געוואַגטקײַט אַוועק אַזוי ווײַט, אַז דו נעמסט ניט אין אַכט דאָס שלאָפנדיקע שוועסטערל?! איך בין אַנדרעמלט געוואָרן, זיך אופגעכאַפּט, געקוקט: דאָס פּאַסיקל ליכט אונטער דער טיר האָט אַלץ געלויכטן...

אַף מאָרגן ביסטו געווען בלאַס, אונטער די אויגן שוואַרצע קרײַזן. מיט געפּרעסטע ליפּן האָסטו זיך גענומען אופראַמען די שטוב. אין דײַנע הענט האָט זיך פּלוצעם באַוויזן אַ פלעשעלע מיט עפּעס אַ פליסיקײַט. דו האָסט געטונקען אַהין אַ פעדער און מיט איר געשמירט די זאַוועסעס פון דער טיר... בא מיר איז דאָס האַרץ פאַרטײַעט געוואָרן...

דעם אָוונט האָסטו זיך פרי געזעגנט מיט מיר, גענומען דאָס שוועסטערל פאַר דער האַנט און אַוועק מיט איר צו זיך אין צימער. דאָס ליכטל איז טייקעף אויסגעלאָשן געוואָרן. איך האָב זיך אויך געלייגט שלאָפן, פאַרלאָשן דעם לאָמפּ...

די טיר האָט ניט קיין מינדסטן סקריפּ געגעבן. איך האָב דערפילט אַף זיך אַ לײַכטן הויך. „כּאוועי, דו?" — „איך גיי אין קיך נאָך אַ טרונק וואַסער". — „וואַרט אַ ביסל". איך האָב אויסגעשטרעקט די האַנט און באַלד דערפילט דײַן האַנט אין מײַנער. דו ביסט געווען אין אַ לאַנגער נאַכטהעמד. דײַן לײַב איז געווען קיל. „מע דאַרף ניט", — האָבן דײַנע ליפּן אין פאַרלעגנהייט געשעפּטשעט, נאָר דײַן קערפּער האָט זיך געבויגן אַלץ נידעריקער צו מיר...

אינדערפרי, ווען די טיר פון דײַן צימער האָט זיך געעפנט, בין איך שוין געווען וואַך, דו ביסט אַרויס אַ מונטערע און אַ פרישע. דערזעענדיק מיך, האָסטו ענגער פאַרמאַכט דײַן כאַלאַט און נאָר דער שלייער בליק, וואָס דו האָסט, אַרויסגייענדיק פון צימער, געוואָרפן אַף מיר, האָט מיך איבערצײַגט, אַז דאָס, וואָס עס איז געווען באַנאַכט, איז ניט געווען קיין כאָלעם.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אַרויס דײַן שוועסטערל. זי האָט געוואָרפן אַף מיר אַ מאָדנעם בליק. אין אים איז געווען אי איימע, אי באַוואונדערונג. ווי זי וואָלט אין מיר דערזען אַ מענטשן, וואָס האָט אַנטדעקט פאַר איר אַ נײַ לאַנד, אַ לאַנד מיט זוניקע באַרג־שפּיצן און פינצטערע טהאָמען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי ווייסט אַלץ. „וואָס וועט זײַן מיט דיר, כּאוועי?" — האָב איך אין זיך דערשראָקן געפרעגט. נאָר אַז מיר זײַנען שפּעטער געבליבן אַליין, האָסטו מיך באַרויִקט מיט דײַן בליק: „דו זעסט דען ניט, אַז איך בין שוין מער ניט קיין היגע?"

אין יענעם טאָג האָסטו איבערגעריסן מיט דײַן היים, מיטן שטעטל, מיט דעם גאַנצן ביזאהעריקן לעבן דײַנעם. דו ביסט שוין געווען אין אַן אַנדער וועלט.

ווער ווייסט, ווי ס׳וואָלטן זיך ווײַטער אַנטוויקלט אונדזערע באַציִונגען, ווען אין זעלבן טאָג קומט פּלוצלינג ניט אָן דער באַפעל, אַז אונדזער מיליטער־טייל זאָל אָפּטרעטן. איך האָב ניט באַוויזן זיך אַפילע געזעגענען מיט דיר.

מער האָב איך דיך ניט געזען.

נאָך דער מילכאָמע האָט דײַן שטעטל געהערט צו דעם בורזשואזן פּוילן.

אין אַ פּאָר יאָר אַרום, ווען איך בין שוין געווען דעמאָביליזירט, האָב איך בייס איינער פון מײַנע צאָלרײַכע קאָמאַנדירונגען איבערן לאַנד אָנגעטראָפן אַף אַ מענטשן פון דײַן שטעטל. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אַף דיר. „כּאוועי פריידמאַן? זי איז אַוועק פון שטעטל צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי. זי באַדאַרף איצטער זײַן אין ראַטנפאַרבאַנד. אַ ברען אַ מיידל!"

מער האָב איך דיך ניט געזען און ניט געהערט פון דיר. ס׳זײַנען אַוועק צענדליקער יאָרן. כ׳האָב שוין געווווינט אין מײַן געבורט־שטאָט, וואָס איז ווידער געוואָרן סאָוועטיש. און אָט: מיט עטלעכע יאָר צוריק קלינגט מיר אָן מײַנער אַ באַקאַנטער און בעט מיך, איך זאָל קומען צו אים אין אָוונט. פונוואַנען האָב איך געקאָנט וויסן, אַז דער דאָזיקער מענטש איז דײַנער אַ קאָרעוו און אַז דאָס קלינגט ער לויט דײַן ביטע?

ווען איך בין אַרײַן צו אים, האָב איך געטראָפן אין צימער פיל

מענטשן — סראָוו באקאנטע. איך שטרעק אויס די האַנט איינער אַן אומ־באַקאַנטער דאַמע, רוף אָן מײַן פאַמיליען־נאָמען. זי הייבט אָף מיר אויף א פּאָר לאַכנדיקע אויגן, און אָף דער לינקער באַק — דאָס זעלבע כיינ־פינטל, וואָס אַמאָל...

איך האָב זיך דעמלט דערוווּסט, אַז דו האָסט דורכגעמאַכט א רײַך, ווירדיק לעבן, אַז דו האָסט געהאַט א פײַנעם מאַן, וואָס איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן, און אַז דו האָסט צוויי טעכטער, פון וועלכע איינע איז שוין א כאַסענע־געהאַטע און די אַנדערע שטודירט נאָך.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן איבערשרײַבן. דאָס זײַנען געווען קורצע צוריקגעהאַלטענע בריוו, ווי דאָס פּאַסט פּאַר צוויי סאָלידע עלטערע מענטשן.

מיט א יאָר צוריק האָט דײַן יינגערע טאָכטער אויך כאַסענע געהאַט און איז אַוועקגעפאָרן פון דיר. פון דײַנע קאַרגע שורעס האָב איך אַרויס־געלייענט, אַז דו פילסט זיך איינזאַם אין דער שטאָט, ווו דער גוירל האָט דיך פאַרוואָרפן.

נו, און איך לעב שוין לאַנג אַליין און פיל מיך אויך איינזאַם, כאָטש איך וווין אין מײַן געבורט־שטאָט און האָב כאַווירים...

איז עפּשער...

געדענקסט, וואָס היינע שרײַבט וועגן זײַן שיף, וואָס לאָזט זיך דורך „דאָס בלויע מערכען וועלטמעער" זוכן דעם אינדזל בימיני?

Phantasie sitzt auf dem Ruder,
Gute Stimmung blast in Segel,
Und als Schiffsjung ist der Witz.[1]

איז עפּשער שטעלן מיר אויך אויף אונדזער ראָמאַנטישן זעגל און מיר לאָזן זיך צו אונדזער בימיני, צו יענער מײַ־נאַכט, ווען דאָס יונגע בלוט האָט געזידט אין אונדז, און די וועלט, מיט פּונקט אַזעלכע יונגע זידנ־דיקע בלוטן, ווי בא אונדז, האָט זיך געריסן אַנטקעגן דער אויפגייענדי־קער זון?

באַדענק זיך, כאַווע. יענע נאַכט איז דאָך ניט געווען קיין כאָלעם. א בייזער כאָלעם איז „ביקיני". „בימיני" איז אָבער וואָר, וואָר, ווײַל עס לעבט אין אונדז".

שפּעט באַנאַכט איז זאַלמען אײַנגעשלאָפן. ער איז געשלאָפן בלויז א שאָ דרײַ, נאָר אויפגעשטאַנען איז ער א פרישער און מונטערער. דער טעקסט פונעם בריוו, וואָס ער האָט צוזאַמענגעשטעלט באַנאַכט, איז גע־לעגן פריש אין זיקאָרן. נאָר ער האָט זיך ניט געײַלט אים אָנשרײַבן אָף פּאַפּיר. ער וועט נאָך באַוויַזן.

[1] ס'זיצט פאַנטאַזיע אָף דעם רודער,
גוטע שטימונג בלאָזט אין זעגל,
און אַלס שיפס־יונג איז דער וויץ.
(ה יי נ ע. בימיני).

נאָך פרישטיק איז זאלמען ארויס, ווי זײַן שטייגער איז, זיך א ביסל דורכשפאצירן.

ס'איז געווען א זוניקער שפעטהארבסטיקער טאָג. די אליי פון פארק פול מיט אָפּגעפאלענע געלע בלעטער. די פאריאָסעמטע ביימער האָבן געשטרעקט די נאקעטע צווײַגן אזוי האכנאָעדיק, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: נא, טוט שוין מיט אונדז, וואָס איר ווילט! וויבאלד מיר האָבן שוין פאר־לאָרן די גרינע בלעטער, מעג שוין קומען אפילע דער שניי.

אפּן וועג האָט ער ווידער געטראכט וועגן כאוועז. דאָס לעצטע מאָל — דאָס איז געווען מיט א פּאָר יאָר צוריק, — ווען ער האָט זי געזען, האָבן אירע האָר שוין געכאפּט ווערן גראָוולעך, איצט איז זי שוין מיסטאמע אינגאנצן גראָוו. נאָר זי וועט ניט פארבן אירע האָר. זי וועט שטאָלץ טראָגן איר ווײַסן קאָפּ, פונקט ווי זי האָט שטאָלץ דורכגעטראָגן איר אייגענעם „איך" דורך איר גאַנץ לעבן... ניין, ער וועט איר הײַנט אָנ־שרײַבן, ער (מוז איר הײַנט אָנשרײַבן... נו, פארשטייט זיך, וועגן בימיני וועט ער ניט שרײַבן. דאָס איז צו ייִנגלש. נאָר וועגן אלץ דאָס איבעריקע וועט ער איר אָנשרײַבן.

קומענדיק אהיים, האָט ער אָנגעגרייט פּאפּיר, געזעצט זיך צום טיש און פאררייכערט. ער האָט אויסגערייכערט איין סיגארעט, א צווייטן. ערשט בא דעם דריטן סיגארעט האָט די פעדער אָנגעהויבן זיך צו באוועגן איבערן פּאפּיר. ער האָט געשריבן:

„טײַערע כאוועז!

ס'איז נאָך א דרײַ וואָכן ביז צום אָקטיאבער־יאָמטעוו. נאָר עפּעס האָט זיך מיר פארוואָלט דאָס מאָל דיך באצײַטנס צו באגריסן. בעכיין שיק איך דיר די בעסטע גרוסן צום גרויסן יאָמטעוו און ווינטש דיר אלדאָס בעסטע, דער איקער — געזונט.

בא מיר איז אלץ ווי פריִער. מע ווערט עלטער. (כ'האָב מוירע צו זאָגן, כאָטש דאָס וואָלט געווען ריכטיקער: מע איז שוין אלט!) און וואָס עלטער מע ווערט, אלץ מער גריבלט מען זיך אין דער פארגאנגענהײַט, און אלץ מער שיינס און דערהויבנס געפינט מען דאָרט. עפּשער איז עס ביכלאל די טעווע פון א מענטשן, נאָר — זאָג, וואָס דו ווילסט — עס איז ווירקלעך געווען פיל שיינס און דערהויבנס אין אונדז און ארום אונדז אין יענעם יאָר, ווען מיר איז געווען צוואנציק און דיר אַן ערעך אכצן. זאָל דער באוווסטזײַן פון דעם, אז מיר זײַנען דרייסט און ערלעך דורכ־געגאנגען דאָס לעבן, זײַן אונדזער טרייסט אין אונדזער עלטער.

מיט די בעסטע און אופריכטיקסטע גרוסן

דײַן זאלמען".

פארקלעפּנדיק דעם בריוו, האָט זאלמען א טראכט געטאָן: ווי ניט ענלעך איז אָט דער טאָג־בריוו צו דעם נאכט־בריוו.

נו, יאָ, האָט ער א שמייכל געטאָן, פאראן דאָך א ייִדיש ווערטל: ווי טאָג צו נאכט.

2. זאַלמען וויזירט אַן אַרטיקל

זאַלמען האָט שוין צום צווייטן מאָל געלייענט דאָס אַרטיקל, און דער געפיל פון ניט־באַפרידיקטקײַט האָט אים אַלץ ניט אָפּגעלאָזט, כאָטש אַרויסזאָגן קלאָר, מיט וואָס דאָס אַרטיקל געפעלט אים ניט, וואָלט אים געווען שווער. דאַכט זיך, אַלץ אַף אַן אָרט: געבאָרן... אַרײַנגעטראָטן... זיך באַטייליקט... געשיקט געוואָרן אַהין... געשיקט געוואָרן אַהער... אומעטום, ווו די פּאַרטיי האָט אים געשיקט, געאַרבעט, זיך אויסגעצייכנט... אין דעם און דעם יאָר געוואָרן אַ פּערסאָנעלער פּענסיאָנער... און צום סאָף פונעם אַרטיקל: „אַרויסגייענדיק אַפילע אַף זײַן פאַרדינטער רו, באַטייליקט זיך דער אַלטער רעוואָליוציאָנער אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווײַזנדיק מיט זײַן פּאָליטישער אַקטיווקײַט אַ בײַשפּיל פאַר דער יוגנט".

אַלץ אַף אַן אָרט. די עטלעכע צענדליק שורעס פונעם אַרטיקל שפּיגלען אָבער בלויז אָפּ די אויסערלעכע דאַטעס פון זײַן לעבן.

זאַלמען קוקט אַף דעם מיידל, וועלכע האָט אים געבראַכט דאָס אַרטיקל, ער זאָל עס וויזירן. דאָס מיידל איז נאָך גאָר יונג. אירע פרישע באַקן זײַנען צונטער־רויט. ס'איז ניט די רויטקײַט פון פראָסט, ווי ער האָט לעצאַטכילע אָנגענומען, נאָר טאַקע די רויטקײַט פון יונגע געזונטע בלוטן. איר ברוסט איז שטײַף אַרומגעכאַפּט פון אַ בונט געשטריקטן סוויטער, און דאָס גיט איר צו דעם אויסזען פון אַ ספּאָרטלערן. געוויס פאַרנעמט זי זיך מיט ספּאָרט, און אוואַדע האָט זי אַ קאַטעגאָריע אויך. ניט ווילנדיק פירט זאַלמען דורך אַ פאַרגלײַך מיט די מיידלעך, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די רעדאַקציעס אין זײַנע יונגע יאָרן. נאָר צי דאַרף מען דען אַלץ מעסטן מיט דער מאָס פון פאַר פופציק יאָר? בא יענע זײַנען די גימנאַסטיאָרקעס געווען פאַרצויגן מיט אַ סאָלדאַטישן רימען, די באַקן — אײַנגעפאַלן, און אין די אויגן האָט געברענט אַ שוואַרץ אַקשאָנעסדיק פײַערל. ספּאָרט־קאַטעגאָריעס האָבן זיי ניט געהאַט, ווײַל זיי זײַנען געווען דאַן פאַרנומען מיט גאָר אַנדערע זאַכן. יענע וואָלטן אוואַדע אַנדערש אָנגעשריבן אַזאַ אַרטיקל, ווײַל זיי האָבן אַליין דורכגעמאַכט גײַסטיקע ראַנגלענישן, קאָנפליקטן מיט דער מישפּאָכע, געבורט־ווייען פון אַ נײַער וועלט... וואָס האָט אין זינען געהאַט דאָס דאָזיקע מיידל מיט די בלויע לויטערע אויגן, אָנשרײַבנדיק דאָס וואָרט „אַרײַנגעטראָטן"? אָנגעשריבן אַ מעלדונג און פאַרטיק? אַרויסצורײַסן זיך פון אַן אַלטער וועלט קומט אָן מיט בלוט, און די טרערן פון די אייגענע, ווען מע נעמט אין האַנט אַ ביקס און מע רײַסט איבער מיט דער מישפּאָכע, רופן זיך אָפּ מיט בלוט אין האַרצן...

זאלמען שפירט, אז דאָס מיידל זיצט, ווי אַף שפּילקעס. קענטיק, אז זי האָט ניט קיין גרויסע דערפאַרונג אין שרײַבן אַרטיקלען. מעגלעך, אַז דאָס איז טאַקע איר ערשט אַרטיקל. צוויי אָוונטן איז זי בא אים געזעסן און געצויגן פון אים יעדעס פון זײַן ביאָגראַפיע. איצט ווערט זי אומ־רויק. ווײַל דער דאָזיקער מאַן לייענט און לייענט און זײַן האַנט ציט זיך נאָך אַלץ ניט צו דער פען, קעדיי צו וויזירן דאָס אַרטיקל.

— נאַטאַשאַ, — זאָגט צו איר זאַלמען און ווערט אַנשוויגן, ווײַל אים איז נאָך אַלץ ניט קלאָר, וואָס פאַרא טײַנעס קען ער, אייגנטלעך, האָבן צו איר. „נאַטאַשאַ" רופט ער זי, ווײַל גלײַך דעם ערשטן אָוונט, ווען ער האָט זי אָנגערופן באַם פולן נאָמען און פאָטערס־נאָמען, האָט זי שע־מעוודיק פּראָטעסטירט: „רופט מיך נאַטאַשאַ!" זאַלמענען איז עס געווען ניכע, ווײַל לויט דעם עלטער קען זי זײַן דאָך זײַן אייניקל.

— נאַטאַשאַ, — זאָגט צו איר סאָפּקאָלסאָף זאַלמען, אײַנקוקנדיק זיך אין די קלאָרע אויגן פון זײַן מיטשמועסערן, — זאָגט מיר, איר האָט ווען־ניט־איז דורכגעמאַכט אַ קאָנפליקט? מיט די עלטערן, מיט דער מישפּאָכע, מיט די לערערס? לאָמיר זאָגן, אַ ראַנגלעניש פאַר אײַער געוויסן, פאַר אײַער גײַסטיקן „איך"?

— אַ קאָנפליקט? — רופט זיך לעבעדיק אָפּ נאַטאַשאַ. — יאָ, דורכגע־מאַכט! דאָס איז געווען מיט פיר יאָר צוריק. מיר איז דעמלט געווען זי־בעצן, דאָס אַכצנטע...

— אַכצן יאָר? — זאַלמען דערמאָנט זיך אין אַן אַנדער מיידל, וואָס האָט אינעם זעלבן עלטער געמאַכט דעם געוואַגסטן טראָט אין איר לעבן, איבערײַסנדיק מיט דער היים, מיט איר אַלטער וועלט. — דאָס איז אינ־טערעסאַנט. אַ סאָד עפּשער? ניין?

— אַ סאָד? ניין. איך האָב געענדיקט די מיטלשול, און מײַנע עלטערן האָבן געפאָדערט פון מיר, איך זאָל גיין אָפּן מעדיצינישן, און איך האָב געוואָלט זשורנאַליסטיק. נו, האָט זיך געטאָן בא אונדז...

— יאָ, דאָס איז אויך אַ קאָנפליקט. — זאַלמען פאַרציט זיך מיט דעם סיגאַרעט, באַזינענדיק דעם דאָזיקן „קאָנפליקט". — נו, ווי איך זע, האָט איר אויסגעפירט.

— נו, ווי דען? די עלטערן פאַרשטייען קיינמאָל ניט די יוגנט.

— נו, און די יוגנט פאַרשטייט אַלעמאָל די עלטערע?

— מיר סטאַרען זיך.

„מיר סטאַרען זיך"... פון די אָנגעשריבענע שורעס, וואָס ליגן פאַר אים, איז עס ניט קענטיק. אויב זי וואָלט דעמלט אין איר „קאָנפליקט" מיט די עלטערן ניט אויסגעפירט, וואָלט זי איצטער עפּשער אויך גע־זעסן בא אים און זיך „געסטאַרעט": געטאַפּט אים דעם פּולס און אויס־געהערט זײַן האַרץ... נאָר פאַרשטאַנען וואָלט זי אים פּונקט אַזוי ווייניק, ווי זי פאַרשטייט אים איצט...

זײַנע אויגן גליטשן זיך ווײַטער איבער די עטלעכע צענדליק שורעס, אין וועלכע ס'איז אַרײַנגעפּרעסט זײַן לעבן. אים בליצט פּלוצלינג אויף אַ געדאַנק: אַזוי וועט מיסטאָמע אויסזען זײַן נעקראָלאָג. אָבער מיטן נעקראָלאָג וועט דאָך זײַן לײַכטער: ער וועט דאָך אים ניט דאַרפן וויזירן...

דאָס מיידל זיצט און וואַרפט אַף אים בליקן, וואָס ווערן פון מאָל צו מאָל אומגעדולדיקער. עפשער אײַלט זי זיך צו א באַגעגעניש מיט איר באַ־כער, עפשער וואַרט מען אַף איר אין רעדאַקציע... און זײַן האַנט הייבט זיך ניט אוף צו כאַסמענען די שורעס, ווו אונטער דעם אָנגעהויף פון פאַקטן און דאַטעס פאַרלירט זיך דער איקער — דער מענטש. ער קלערט, ווי זאָגט מען עס דעם יונגן מיידל מיט די רויטע באַקן, נאָר אָנשטאָט דעם רײַסט זיך בא אים אַרויס גאָר א זײַטיקע פראַגע:

— נאַטאַשאַ, איר האָט א קאַטעגאָריע אין ספּאָרט?

—— יאָ, די ערשטע.

— אין וואָס?

— אין באַסקעטבאָל. איר מיינט, אַז דאָס איז א שטערונג אין דער פּראָפעסיע?

— אָ, ניין, בעשום־אויפן ניט.

זײַנע אויגן בלאָנדזשען ווײַטער איבער דעם פאַרשריבענעם זײַטל. פּלוצעם שטויסט ער זיך אָן אַף דער צווייטער שורע פונעם אַרטיקל, און ער רופט זיך מיט א בייזלעכער שטים אָן:

— איך האָב אײַך דאָך געזאָגט, אַז מײַן פּאָטער איז געווען א מעלא־מעד.

— וואָס, וואָס איז ער געווען?

— א מעלאַמעד, — כאַזערט זאַלמען איבער דאָס וואָרט.

— אַנטשולדיקט, — ווערט דאָס מיידל צעמישט, — וואָס איז דאָס אַזוינס?

— א מעלאַמעד? איך האָב עס שוין אײַך דערקלערט. דאָס איז א רעליגיעזער לערער.

— דאָס איז דאָך אָבער אומעגלעך צו שרײַבן, זאַלמען יאָסיפּאָוויטש.

— פאַרוואָס? אַזוי איז עס געווען אינדערעמעסן.

— דער רעדאַקטאָר וועט עס ניט דורכלאָזן. „געבוירן בא אָרעמע עלטערן”. דאָס איז גוט, און דאָס איז דאָך עמעס אויך, ניט?

— א האַלבער עמעס. דער גאַנצער עמעס: „געבוירן בא אַן אָרעמען מעלאַמעד”.

— ווייסט איר וואָס, זאַלמען יאָסיפּאָוויטש, לאָמיר אָנשרײַבן „גע־בוירן בא אַן אָרעמען פאָלקס־לערער”. גוט, האַ? דאָס איז דאָך געווען אַזא מין פאָלקס־לערער, ניט?

זאַלמען גיט א זיפץ. סאָפּקאָלסאָף גייט עס דאָך ניט אין דער פּראַזע. עס גייט אין עפּעס אַנדערש, אָבער ווי זאָל ער עס דערקלערן דעם דאַ־זיקן מיידל מיט די בלויע לויטערע אויגן און רויטע באַקן? ער נעמט פון איר די פּעדער, וואָס זי האַלט אָנגעגרייט, און שרײַבט אונטער דאָס אַרטיקל.

ווי נאָר די טיר פאַרמאַכט זיך הינטער דעם מיידל, גייט זאַלמען צו צום טעלעפאָן:

— שמערל, דאָס ביסטו? גוטמאָרגן!

— גוטמאָרגן, זאַלמען!

— זאָג מיר נאָר, ווי וואָלסטו איבערגעזעצט אַף רוסיש דאָס וואָרט „מעלאַמעד״?

— מעלאַמעד? רעליגיעזער לערער בא יידן.

— און „פאָלקס־לערער״ קען מען ניט זאָגן?

— זאָג מיר, צו וואָס דאַרפסטו עס? א, איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי... ווען איז עס? אין עטלעכע טעג אַרום? נו, געוויס, אין דיין פאַל קען מען מאַכן א קליינעם קאָמפּראָמיס און זאָגן: פאָלקס־לערער.

— א קליינעם קאָמפּראָמיס אַהין, א קליינעם קאָמפּראָמיס אַהער, און דו זעסט זיך גאָרניט אַרום, ווי דו שטייסט שוין פאַר א גרויסן קאָמפּראָמיס, — בורטשעט זאַלמען און לייגט אַוועק דאָס טרייבל.

דערנאָך איז ער אַרויס אַף זיין טעגלעכן שפּאַציר אין פּאַרק.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער אַרויסגענומען פון פּאָסט־קעסטל דעם פרישן נומער צייטונג. אַף דער דריטער זייט איז געווען דאָס אַרטיקל וועגן זיינע זיבעציק יאָר. אים איז עפּעס מאָדנע שווער געוואָרן אַפן האַרצן. אָן כיישעק און אָן נייגער אַפילע האָט ער אָנגעהויבן מיט די אויגן מעכאַניש צו שאַרן איבער די שורעס. גלייך אין אָנהייב איז געשטאַנען: „געבוירן אין אָן אָרעמער פאַמיליע״... ער האָט זיך אַפילע ניט פאַרוווּנדערט, נאָר אים איז געוואָרן נאָך קאַלעמוטנער אַפן האַרצן. ער האָט אָפּגעלייגט די צייטונג אָן א זייט און זיך גענומען צום פרישטיק.

פּלוצעם האָט א קלונג געטאָן דער טעלעפאָן. דאָס איז געווען שמערל. עס האָבן זיך א שאָט געטאָן האַלב־שפּאַסיקע, האַלב־ערנסטע ווערטער פון באַגריסונגען. זאַלמען האָט אין פאַרלעגנהייט געשטאַמלט: „א דאַנק, א דאַנק״.

שפּעטער איז ער געשטאַנען א פאַרטראַכטער אינמיטן צימער און אין פאַרלעגנהייט זיך אַרומגעקוקט. „וואָס, אייגנטלעך, איז געשען?״ — האָט ער זיך געפרעגט. נו, איז וואָס, אויב אינעם אַרטיקל איז ניט געזאָגט, אַז זיין טאַטע איז געווען א מעלאַמעד? וואָס? ס'וועלן זיך געפינען מענטשן, וואָס וועלן אים אופּוואַרפן, לעמײַ ער באַהאַלט עס אויס? אָבער קיינער וועט דאָך אים ניט קאָנען אופּוואַרפן, אַז זיין טאַטע איז ניט געווען קיין קאַפּצן אין זיבן פאָלעס.

אַף יעדן פאַל, טאָמער וועט זיך צווישן זיינע באַקענטע פאַרט געפינען אַזאַ איינער, וואָס וועט אים וועלן אופּוואַרפן, לעמײַ איז אינעם אַרטיקל צו זיין זיבעציקיאָריקן געבורטסטאָג ניט אָנגעוויזן, אַז זיין טאַטע איז געווען א מעלאַמעד, האָט זאַלמען אַרויסגעצויגן פונעם שטעפּסל דעם טעלעפאָן־גאָפּל.

3. שענקט בלומען אײַערע געליבטע

אין זעלבן קווארטאל, ווו עס וווינט זאלמען, האָט זיך ניט לאנג געעפנט א בלומען־מאגאזין. א קלײנער, אָבער א מאָדערן אויסגעשטאטער. אז זאלמען גייט ארײַן אהין, פילט ער א דאָפּלטן עסטעטישן גענוס. „מיסטאמע, — טראכט ער, — האָט עס פּראָיעקטירט א פרוי אן ארכיטעקטאָרן — אזוי אינטים, היימיש ווירקן די זויבער־ראַציאָנעלע ליניעס פונעם אינטעריער". אין דעם מאגאזין — כאָטש ער איז גאָר א נײַער — שטופּן זיך שטענדיק מענטשן, מענער און פרויען, יונגע און אלטע. א יאָמטעוודיקײַט ליגט אף זייערע פּנעמער, אף זייער אָנטועכץ. זאָרגעוודיק ערנסט קלײַבן זיי אויס די בלומען, און עפּעס־וואָס פּײַערלעכס איז דאָ אין זייערע אויגן, בייס זיי נעמען צו פון די פאַרקויפערנס די צארטע סכוירע, אײַנגעוויקלט אין צעלאָפאַן.

אויך זאלמענען קומט אויס לעצטנס אָפט ארײַנצוגיין אהין — לעווײַעס, לעווײַעס...

און אָט גייט ער הײַנט ווידער ארײַן אהין און קויפט א בוקעט טונקל־רויטע רויזן, ווײַל הײַנט איז ווידער א לעווײַע פון א נאָענטן כאַווער.

מיטן אײַנגעוויקלטן בוקעט אין צעלאָפאַן־פּאַפּיר גייט ער ארויס פונעם מאגאזין, און דאָ קומט אים אוף א פּאָשעטער געדאנק: אין די יונגע יאָרן איז ער דאָך קיינמאָל ניט געגאנגען אין אזעלכע מאגאזינען און קיינמאָל ניט געקויפט קיין בלומען...

דער דאָזיקער פּאָשעטער געדאנק דערשיטערט אים אזוי, אז ער בלײַבט א ווײַלע שטיין ווי א פארגליווערטער אפן טראָטואר. איז עס מעגלעך?! יאָ, עס איז טאקע אזוי געווען, כאָטש איצט דערשײַנט עס אומגלייבלעך...

און טייקעף בליצט אוף אין זײַנע געדאנקען א בילדל פון די אמאָליקע יאָרן זײַנע. צוויי קאָמיוגיסטן פון א קעמערל, וואָס ער האָט נאָרוואָס אָרגאניזירט, קומען צו אים צו לויפן צעפּאָלאָשעטע מיט א שרעקלעכער בסורע: זיי האָבן אָקאָרשט געזען זייערן א כאַווער פון קעמערל, וואָס איז געגאנגען מיט א פרײַלן אונטערן אָרעם און אף זײַן האלדז האָט זיך געבאָמבלט א שניפּס!.. דאָס, וואָס ער איז געגאנגען אונטערן אָרעם מיט א מיידל, האָבן זיי נאָך אים געקאָנט מויכל זײַן, אָבער א שניפּס... ווי קאָן א קאָמיוגיסט, וועמענס גאנצע מאכשאָוועס דארפן זײַן ארײַנגעטאָן

אין רעוואָליוציע, אזוי נידעריק פאלן און אָנטאָן, ווי א ליאדער קליינ־בירגער, א שניפּס? זאלמענען איז דאן קוים געלונגען צו באַרויקן די יונגען, אז דאָס פארברעכן איז ניט אזוי גרויס — עפּשער טוט ער עס צוליב קאָנספּיראציע... פונדעסטוועגן איז דער „פארברעכער" אַף דער נעקסטער זיצונג פון קעמערל „אַדורכגעארבעט" געוואָרן, און כאָטש מע האָט אים ניט אויסגעשלאָסן פון קאָמיוג, איז דער כשאד, אז ער איז א קליינבירגער, געבליבן הענגען איבער אים...

אין יענע הארבע קאָנספּיראטיווע צײַטן האָט מען אין די קאָמוניסטישע קעמערלעך ערנסט באהאנדלט די פּראַגע, צי מעג א קאָמוניסט, וואָס געפינט זיך אין אומלעגאלע באדינגונגען, טאנצן, ווער רעדט נאָך גיין אַף א טאנץ־אָוונט...

שענקען בלומען א מיידל... אזוינס האָט גאָר ניט געקאָנט אין קאָפּ קומען.

זשעניעס גרויסע שווארצע אויגן שווימען אוף אין זײַן זיקאָרן. זי האָט געהאט א בלאס אײדל פּאָנעם, וואָס האָט אויסגעזען נאָך בלאסער צוליב דער ראַם געדיכטע שווארצע האָר ארום אים. וואָס פאר א שטארקער אינערלעכער געפיל האָט זיי פארבונדן, און ווי קאַרג, ווי זעלטן זײַנען געווען די אויסערלעכע סימאָנים פון אָט דער ליבע...

זשעניע איז יונג געשטאָרבן. געשטאָרבן פון א נישטיקער קראנקײַט, ווײַל זי איז געווען אין טיפער קאָנספּיראציע און מ'האָט זי ניט געקאָנט ברענגען אין קראנקן־הויז... איר בלאס צאנקענדיק פּאָנעם שטייט אוף פאר זאלמענען אזוי בוילעט, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געווען, און די גרויסע שווארצע אויגן, אָנגעגאָסענע מיט לייד, מאָנען, מאָנען...

זאלמען קוקט אַף דעם פּאקעט אין צעלאָפאן און שטעלט זיך אָפּ א צעמישטער. ווי קומען אָט די רויזן אין זײַן האנט און וואָס דארף זיי יענער מענטש, וואָס ליגט איצט א פארשטארטער אין דעם פּאראדנעם זאל פון יענעם פּאראדנעם הויז?

עס נעמט אים אדורך א מאָדנער געדאנק: ווען ער קאָן כאָטש איין רויז פון די, וואָס ער האָט איצטער אונטערן אָרעם, ברענגען אין יענעם בוידעם־שטיבל און עס אַרײַנלייגן אין די הענט פון יענער, דער צאנקענדיקער... עפּשער וואָלט די לייד אין די גרויסע שווארצע אויגן געלינדערט געוואָרן, און עפּשער, עפּשער... צערטלעכקײַט איז א מיטל, וואָס איז ווירקזאמער פון יעדער רעפוע... און ער האָט דאָך פארמאָגט די צערטלעכקײַט, פארמאָגט זי געוויס ניט אין קיין קלענערער מאָס, ווי די יונגעלײַט, וואָס שטופּן זיך באַם טאָמבאנק פון בלומען־געשעפט, — עס זײַנען נאָר געווען פּאָשעטע באדינגלעכקײַטן, וואָס האָבן געשטערט זי ארויסצוברענגען.

פארוואָס האָט ער ניט געבראכט אזא בוקעט צונטער־רויטע בלומען אַף דעם בוידעם־שטיבל? עפּשער וואָלטן די רויזן אָפּגעגעבן א ביסל פון זייער רויטקײַט יענע בלאסע באקן אונטער די געדיכטע שווארצע האָר?

עפשער וואָלט געשען א ווונדער — ווונדער זײַנען דאָך אויך א געזעצ־מעסיקײַט, מע דארף זיי נאָר גוט צוגרייטן, — און דאָס גאנצע לעבן זײַנס וואָלט אוועק אנדערש...

זאלמען דערנעענטערט זיך צו דעם פאראדנעם זאל, ווו עס ליגט דער פארשטאָרבענער. דאָ איז דער צענטער פון שטאָט. די טראָטוארן זײַנען דאָ ברייטע, און אין דער איצטיקער מיטיקצײַט־שאָ באוועגן זיך אף זיי א סאך מענטשן.

צווישן אָט די אײַליקע באשעפטיקטע מענטשן גייט פאוואָליע א סור־טולער אלטיטשקער מיט א בוקעט בלומען אין דער האנט, און אין זײַן קאָפּ שטויסן זיך געדאנקען, פארשפעטיקטע אף... קימאט פופציק יאָר.

דווירע און ווערא

גאָט פּאָרט אויבן, דער אַדמיניסטראַטאָר פון סאַנאַטאָריע — אונטן.

באַטראַכטנדיק די ניי־אָנגעקומענע קוראָרטניקעס, קעדיי זיי צו פאַרטיילן פּאָרווייז אין צימער, האָט ער באַשלאָסן, אַז דאָס דאָזיקע פּאָרל, דווירע און ווערא, וועט זיין אַ גלייכער „זיווּג”: ביידע שוין עלטערע מענטשן און ביידע פון איין שטאָט. די צוויי פרויען האָבן אַ קוק געגעבן איינע אָף דער אַנדערער און צוגעשטימט. דווירע איז געווען אַפילע צופרידן. די נייע באַקאַנטע האָט געהאַט פאַרטרויליך אָפענע קינדערישע אויגן און אין איר גאַנצער האַלטונג איז געווען עפּעס הילפלאָזעס. אין דווירען, דער געבאָרענער, נאָר ניט געוואָרענער, לערערן האָט זיך אופגעוועקט דאָס געפיל צו זיין אַ וועגווייזערן, די באַשיצערן פון אָט דער פרוי. זיי האָבן צופרידענע גענומען דעם שליסל.

— מיך רופט מען דווירע. און איַיך? — האָט דווירע געפרעגט, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אַ ביסל ארומגעזען אין צימער.

— ווערא.

— מיסטאַמע אויך דווירע? — האָט דווירע פאַרטרויליך אַ שמייכל געטאָן צו איר נייער באַקאַנטער.

— ניין. ווערא... אַזוי בין איך פאַרשריבן אין פּאַס, — און נאָך אַ קורצן שטילשווייַגן: — אָף ייִדיש מיסטאַמע דווירע. אַזוי פלעגט מיך אָן אַנדערשמאָל רופן די מאַמע: דווירעלע.

— איז דאָך אַוואַדע גוט, — האָט אַ צופרידענע געזאָגט דווירע. נאָר גלייַך האָט זיך איר פּאָנעם פאַרצויגן מיט זאָרג, און זי האָט מיט איר אייגנטימלעכער גראָדליניקייט געזאָגט: — איך מוז איַיך אָבער וואָרענען: איך רייכער.

— איך אויך, — האָט ווערא אופגעהויבן אָף דווירען אירע טמימעסדיקע אומשולדיקע אויגן.

זיי האָבן זיך ביידע פאַנאַנדערגעלאַכט.

ס'איז געווען אָנהייב יון. טעג זייַנען געשטאַנען ווארעמע, לויטערע, די צוויי פרויען האָבן אַרייַנגענומען אין זיך אַ סאַך זון, אַ סאַך לופט, אַ סאַך יאַם. דווירען האָט זיך געדוכט, אַז זי וועט קיינמאָל ניט זאַט ווערן פון אָט דער שעפע. איר קליין דאַר צעקאַרבט פּאָנעם איז גיך אָפּגעברענט געוואָרן, אירע טיפע שווארצע אויגן האָבן זשעדנע געשלונגען

די בלויע ווײַטקײַט פון יאַם, די בלענדנדיקע ווײַסקײַט פון זאמד; אירע קורצע גראָווע האָר האָבן געפּלאַטערט אונטער דעם ווינטל. זי איז געווען מונטער און אופגעלייגט און געשריִען צו וועראַן: „זעט, זעט, ווערא, סאַרא מעכײַיִעו!״ נאָר ווערא האָט מיט שרעקעוודיק־פאַרוווּנדערטע אויגן געקוקט אַפן אָרום. זי האָט געוויקלט אירע שווארצע, נאָך ניט אינגאַנצן גראָווו געוואָרענע, האָר אין א שאַל און האָט זיך געהאַלטן ווײַטער פון וואַסער. זי איז געווען העכער פון דווירען, פולבלעכער, אָבער אויך צעפּלאָסענער. זי פלעגט גיך מיד ווערן. אַף אירע בלאַסע אײַנגעפאַלענע באַקן פלעגט אַפּט אַרויסטרעטן א שוואַכע רויטקײַט, און פון אירע גרויסע אָפענע אויגן האָט אַרויסגעקוקט א קינדערשער צאַר.

— כ׳וועל גיין אין צימער זיך א ביסל אָפרוען.

דווירע פלעגט נאָך לאַנג אַרומגיין איבערן פּליאַזש, און די אָנלויפנדיקע כוואַליעלעך האָבן ווי לעבעדיקע באַשעפענישן געלעקט אירע באָרוועסע פיס. זי האָט געקלערט וועגן איר נײַער באַקאַנטער. ניין, קיין גײַסטיקער קאָנטאַקט האָט זיך צווישן זיי ניט באַקומען, כאָטש דווירע האָט מיט אַלע כושים געפילט, אַז יענע, אַן עלנטע, א הילפלאָזע, וואָלט באַדאַרפט זיך אָפרופן אַף איר, דווירעס, גרייטקײַט זי צוטוליען צו זיך.

ווערא איז גאַנצענע טעג געלעגן אַפן בעטל און געלייענט. געלייענט האָט זי פראַנצויזישע ביכלעך. דווירען איז אינגיכן קלאָר געוואָרן, אַז די פיר־פינף ביכלעך, וואָס ווערא האָט געבראַכט אין איר טשעמאָדאַן, לייענט זי צו עטלעכע מאָל. נאָר יעדעס מאָל לעבט זי זיי פונדאָסנײַ איבער, וואָרעם דווירע האָט אָפּטמאָל באַמערקט, ווי פון וועראַס אויגן קײַקלען זיך איבער אירע ווײַסע אויסגעצויגענע באַקן טרערן.

— ס׳איז אַזוי שרעקלעך דאָס, וואָס איר לייענט?

— ניין. סטאַם אַזוי. — ווערא האָט זיך געשעמט צו זאָגן, אַז דאָס וויינט זי, ווײַל עס פאַרקלעמט איר עפּעס דאָס האַרץ, ווען זי לייענט וועגן לעבנסלוסטיקן, זאָרגלאָזן, פּיקאַנטן פּאַריזש.

אַך, פּאַריזש...

ווערעס פּאָנעם ווערט לעבעדיקער. זי לייגט אַוועק דאָס ביכל אין א זײַט.

— איר ווייסט, דווירע... איך קאָן מיך אַלץ ניט צוגעוווינען צו רופן אײַך אַזוי... פאַרוואָס ניט דאָרא אָדער דעבאָראַ?

— און מיט וואָס געפעלט אײַך ניט דווירע?

— נו, גוט. זאָל זײַן דווירע... איר ווייסט, דאָס איינציקע, וואָס איך האָב אַרויסגעטראָגן פון לעבן, דאָס זײַנען די עטלעכע יאָר פּאַריזש, וואָס איך האָב געהאַט... אַך, פּאַריזש...

ביסלעכווײַז ווערט דווירען קלאָר ווערעס לעבן.

אַן איינציקע טאָכטער פון א קרעמער אין א ליטווישן שטעטל, איז זי געוואַקסן א צעבאַלעוועטע און קאַפּריזנע. נאָך דער גימנאַזיע האָט זי זיך אײַנגעעקשנט: פּאַריזש און ניט אַנדערש. פאַרוואָס פּאַריזש? אין קאָוונע איז דאָך אויך דאָ אַן אוניווערסיטעט און מע לערנט זיך דאָך דאָרטן אויך?

נאָר ווערא וואָלט ניט געווען ווערא, אויב זי וואָלט ניט אויסגעפירט בא טאַטע־מאַמען. איז זי געפאָרן קיין פאַריזש „שטודירן ליטעראַטור" אין סאָרבאָנע.

— נו, האָט איר דאָרט פאַרענדיקט?

— אין פאַריזש איז ניט דאָס לערנען געווען דער איקער. און ענדיקן? ווער האָט עס באַדאַרפט? אָט האָט איר, דווירע, זיך געלערנט אין קאָוונע, געוואָלט ווערן א לערערן... קאָוונע איז ניט פאַריזש, אָבער איר האָט דאָך אויך ניט געענדיקט!

— אף דעם זײַנען געווען אַנדערע סיבעס. — דווירעס געדיכטע ברעמען גייען זיך קימאַט צונויף.

— אין קאָוונע זײַנען געווען אַזוינע סיבעס, און אין פאַריזש... מע איז נאָר איין מאָל יונג, דווירע, און ווען זאָל מען לעבן, אויב ניט, ווען מע איז יונג... אָך, פאַריזש.

ווערא הייבט אָן צו דערציילן וועגן די קאַפעען אף סאַן־מישעל, וועגן די נאַכט־קאַבאַרעס אף מאָנמאַרטער, וועגן די לאָקאַלן אף מאָנפאַרנאַס, ווו ס'קומט זיך צונויף די קינסטלערישע באָהעמע... הײַנט די אַלטע האָטעלן אין לאַטײַנישן קוואַרטאַל מיט די הונדערטער צימערן אין זיי, וואָס האָבן אַדורכגעלאָזט דורך זיך ניט איין דאָר פריילעכע, לעבנסלוסטיקע, שטודירנדיקע יוגנט... קימאַט יעדע נאַכט פלעגט מען זיך צונויפקלײַבן דאָ בא איינעם אין צימער, דאָ בא א צווייטן אף א פריילעכן סטודענטישן מאַלצײַט... דווירע שטויסט זיך אָן, אַז ווערא האָט ניט צופיל באַלעסטיקט די פּראָפעסאָרן פון סאָרבאָנע. געווען בילכערע זאַכן... דער באַזוך פון די לעקציעס איז ניט געווען אָבליגאַטאָריש... מע האָט געקאָנט זײַן יאָרן אף איין סעמעסטער... דער איקער, סע זאָל רעכטצײַטיק אָנקומען די געלט־איבערווײַזונג פון ליטווישן שטעטל... האָט מען שוין געקאָנט לעבן... און ווי לעבן...

דווירע הערט צוערשט די דערציילונגען וועגן פאַריזש מיט אינטערעס, און מיטאמאָל פאַרקערן זיך ניט ווילנדיק אירע געדאַנקען צו די אייגענע סטודענטישע יאָרן. די יוגנטלעכע ענערגיע האָט בא זיי אויך געבראַוזט און געשפּרודלט, אָבער גאָר אף אָן אַנדער אופן...

ווערא דערציילט, ווי איינמאָל אין לוקסעמבורגער גאָרטן האָט א שיינער ברוינער יונג, א מאַלאַיער צי אָן אינדוס, זיך פלאַמענדיק דערקלערט איר אין ליבע... ער איז גרייט געווען דאָ פאַר אַלעמען אין די אויגן זיך אַראָפּלאָזן פאַר איר אף די קני און בעטן איר האַנט...

— איר פאַרשטייט, דאָרא, אַנטשולדיקט, דווירע... ער האָט געטײַנעט, אַז היינטער מײַן מאַדאָניש־אומשולדיקן בליק באַהאַלט זיך אויס א גרענעצלאָזע פאַרבאָטענע דערפאַרונג, און אים מוטשעט די דאָזיקע געהיימעניש און ער קאָן גאַנצע נעכט ניט שלאָפן... ער איז געווען א זון פון א מאַהאַראַדזשאַ און עפּשער נאָך העכער...

...און פאַר דווירעס אויגן שווימט אויף אָן אַנדער בילד. זי, א סטודענטקע פון ערשטן קורס, שטייט אפן ראַנד פון וועג מיט איר „מאַהאַראַדזשען", מיט הערשקען. זיי שטייען דאָ און וואַרטן אָפּ די מענטשן,

וואָס ציִען זיך פון שטאָט. ווער עס ווענדט זיך צו זיי מיטן ריכטיקן פּאַראָל, דעם ווײַזן זיי די סטעזשקע אין וואלד צו דעם אָרט, ווו עס קלײַבט זיך די אומלעגאלע מאַיאָווקע צום ערשטן מײַ. ווען די פאַרזאַמלונג האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן זיי, ווי א פאַרליבט פּאָרל, ווײַטער שפּאַצירט אין דער אומגעגנט, טאָמער באַווײַזט זיך עפּעס פאַרדעכטיקס.

ווען האָט זיך אָנגעהויבן זייער עמעסע ליבע, וואָס האָטביידן געבראַכט אַזויפיל פרייד און אַזויפיל לייד? מיסטאמע טאַקע אין יענעם אָוונט, ווען זיי האָבן געשפּילט דאָס פאַרליבטע פּאָרל און ער האָט זי אין א שפּאַס גֿעהאַלטן אַרומגענומען. „דו ווייסט, דוווירקע, — האָט זי געשפּירט זיין הייסן אָטעם לעבן איר אויער, — דו ווייסט, ווי פויגלען, וואָס לאָזן זיך אין ווײַטן וועג איבער יאַמען, פליִען? בייס די קויכעס פּאַרלאָזן זיי, רוען זיי זיך אָפּ אף א הויכן פעלדז און וואַרטן אָפּ דעם ווינט. און מיינסט, דעם מיטווינט? ניין. דער מיטווינט וואָלט זיי מער ניט ווי צעפּאַרשקעט די פעדערן. זיי וואַרטן אָפּ דעם קעגנווינט, און דאַן לאָזן זיי זיך אין פלי און שנײַדן מיט שטאַרקע פליגלען דעם ווינט, וואָס בלאָזט זיי אַנטקעגן...”

אזוי האָט ער גערעדט, הירשקע, און נאָענט פאַר אירע אויגן האָט געפלאַטערט זײַן שוואַרצע טשופּרינע, ווי יענער פליגל, וואָס שנײַדט דעם ווינט, און זי האָט געפילט, ווי עפּעס־וואָס קוועלט און קוועלט אין איר האַרצן...

דוווירע כאַפּט זיך אוף פון אירע געדאַנקען און הערט זיך ווײַטער צו צו וועראַן.

— עסן פלעגן מיר גיין אין רוסישע רעסטאָראַנען. מיר זײַנען געווען א קאָמפּאַניע יִינגלעך און מיידלעך פון ליטע. מיר האָבן אלע גוט גע־קענט רוסיש. סראָוו פלעגן מיר גיין אין איין רעסטאָראַן, וואָס האָט גע־האַלטן א פּאָלקאָווניק. דער קוכער איז בא אים געווען א גענעראַל. מיר פלעגן אַמאָל אומישנע זיך קלאָגן אפּן עסן, פלעגט ער אַרויסגיין צו אונדז, א הויכער, א וואַזשנער. אן עמעסער גענעראַל. פון גרויסן אדל... נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טאָן אין פּאַריזש? האָט ער אָנשטאָט דעם גענעראַלסקן היטל געטראָגן א הייבל פון א קוכער, ער פלעגט העפלעך זיך פאַרנייגן פאַר אונדז און בעטן אַנטשולדיקונג. די אָפיציִאַנטן זײַנען אויך געווען אלע אָפיצערן. איר וואָלט געדאַרפט זען, דוווירע, מיט וואָס פאַר א גראַציע זיי האָבן באַדינט... דאָרט איז געווען איינער, א יונגער, א גראַף... האָט איר באַדאַרפט זען... איך בין אַמאָל געווען אף א יִידישן ספּעקטאַקל, איינער אן אַקטיאָר האָט געשפּילט די ראָל פון א גראַף. האָט ער געטראָגן א פראַק און אויסגעזען ווי אן אָפיציִאַנט. אָבער יענער אָפיציִאַנט האָט אויסגעזען ווי א גראַף. און ער איז טאַקע געווען א גראַף... זײַן באַנעמען זיך... זײַנע מאַנירן... אויגן האָט ער געהאַט העל־בלויע, א ביסל פאַרצויגענע מיט טרויער... נאָר אז ער פלעגט מיך דערזען, פלעגן אין זיי זיך אָנצינדן שוואַרצע ציגײַנערישע פלעמעלעך... איך האָב געדאַרפט נאָר א ריר טאָן מיטן פינגער, וואָלט איך געקאָנט ווערן א גראַפיניע...

ווערא ווערט אנשוויגן. אירע בלויע טמימעסדיקע אויגן פארציִען זיך מיט א טרויער. זי איז, קענטיק, איצט ווײַט, ווײַט אין אירע געדאנקען.

— נו, איז פארוואָס זײַט איר ניט געוואָרן קיין גראפיניע? — דווויירעס שטים קלינגט ניכטער און טרוקן.

— א גראף אָן הויזן, — קערט זיך ווערא אום פון אירע ווײַטע מעקוימעס. — דעמלט, עמעס, האָט ער נאָך געהאַפט, אז ער וועט זיך אומקערן אין זײַן „אימעניע”... ער האָט גערעדט מיט אזא היץ, מיט אזא לײַדנשאפט... ער איז געווען פארליבט אין מיר ביז איבער די אויערן...

...און זי, דווירע, האָט דעמלט געהאט איר הירשקען. זײַן שווארצע טשופרינע איז געלעגן אָף איר קישן, און בייס זי פלעגט אײַנגראָבן אין איר דעם קאָפּ, פלעגט זיך איר דאכטן, אז דאָס קושט זי דעם שווארצן פליגל פון יענעם פויגל, וואָס פליט איבער די יאמען קעגן דעם ווינט... נאָר ליבע פון אונטערערדלער דויערט ניט לאנג. אײַגיכן האָט מען הירשקען ארעסטירט. ס׳זײַנען אוועק כאדאָשים פון ווארטן, פון נאָגנדייקער בענקשאפט. זי האָט געציילט די טעג ביז זײַן באפרײַונג. נאָר אז ס׳זײַנען געבליבן שוין גאָר וויניק טעג ביז זײַן ארויסגיין, האָט מען זי ארעסטירט. דרײַ יאָר האָט זי דעמלט געקראָגן. ווידער פאנאנדערגעשיידט, ווידער נאָגנדיקע בענקשאפט. נאָר די עצעם בענקשאפט איז געווען א פרייד — זי האָט געוווסט: פאראן א יאט, א ברען, וואָס טוט זײַן ארבעט און איר ארבעט און די ארבעט פון נאָך א סאך אנדערע, און דער דאָזיקער יאט איז אירער, אירער...

אזוי האָבן זיך געצויגן כאדאָשים, ביז... ביז יענעם אומגליקלעכן בריוו, וואָס זי האָט געקראָגן אין טורמע. זי האָט קיינעם ניט דערציילט וועגן בריוו, כאָטש באם צענדליק קאמפּס־כאווערטעס, וואָס זײַנען געזעסן אין קאמער, איז ניט געווען קיין סוידעס איינער פון דער אנדערער. אָבער די כאווערטעס האָבן ניט געקאָנט ניט באמערקן, ווי דווירע, די לעבנסלוסטיקע, מונטערע, איז פלוצלינג ארײַנגעפאלן אין א מאָרעשכוירע. סאָפּקאָלסאָף האָט זי געוויזן דעם בריוו די כאווערטעס, און דאן איז אין קאמער אויסגעבראָכן א שטורעם. די צעפּאטלטע פּוללײַביקע בראָניע האָט געשריִען, אז דאָס איז א נידערטרעכטיקײַט, אן עמעסער רעוואָליוציִאָנער טוט ניט אזוי: אויב זײַן כאווערטע איז ארײַנגעפאלן אין טורמע, מוז ער איר בלײַבן טרײַ, פּונקט ווי ער איז טרײַ דער אידיי, וואָרעם איינס פון דאָס אנדערע איז אומאָפּטיילבאר. „אומאָפּטיילבאר, איר הערט?!” — האָט געקלונגען אין קאמער איר הייזעריקלעך קאָל, און אירע אויגן זײַנען געווען גרייט צו פארסארפענען יעדן איינעם, וואָס איז ניט מאסקים מיט איר. די יונגע שווארץ־אויגיקע זשעניע מיט די צוויי צעפּלעך, וואָס באַמבלען זיך אָף איר רוקן, האָט מיט א ציטערדייקער מיידלשער שטים באוויזן, אז געפילן זײַנען דאָס העכסטע בא א מענטשן און איבער זיי טאָר קיינער ניט געוועלטיקן. אנדערע האָבן געהאלטן, אז אויב ס׳האָט שוין יאָ וואָס פאסירט בא הירשקען, האָט ער ניט געטאָרט זײַן אזוי הארצלאָז און טאקטלאָז און אָנשרײַבן וועגן דעם דווירען א בריוו אין טורמע. אנדערע, פארקערט, זײַנען געווען איבער־

צייגט, אז אויב ער וואָלט אזוי געהאנדלט, וואָלט דאָס געווען צוזיעס פון א קליינבירגער — א קאָמוניסט דאַרף זײַן אופריכטיק, און הירשקע האָט געטאָן ריכטיק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן וועגן דעם... דווירקע האָט זיך צוגעהערט צו די אַלע רייד און זיך ניט אַרײַנגעמישט. זי האָט געוווּסט, אז אין איר פּערזענלעכן לעבן איז אַלץ געענדיקט.

— זעט, איר הערט זיך גאָרניט צו! — ווערא האָט אָנגעבלאָזן אירע ליפּן און מיט א קינדערישער אוּלע אופגעהויבן אירע אויגן אף דווירען.

דווירע איז אַרויס אפן באַלקאָן. טאָמער וועט דער קנויל אין האַלדז ניט אָפּלאָזן, וועט מען עס קאָנען דערקלערן מיטן ווינטל, וואָס מאַכט אַמאָל פּײַכט די אויגן.

ווערא האָט זיך ווידער גענומען צו איר פראַנצויזישן ראָמאַן.

די טעג זײַנען איצטער געוואָרן גלײַכגילטיקע און דורכזיכטיקע. בלויז סאַמע באַגינען פלעגט דווירע זײַן אפן פּליאַזש. זי האָט א ביסל שפּאַצירט, זיך אָפּגעבאָדן און אוועק אין וואַלד. דאָרט איז געווען קילבלעך. הויכע סאָסנעס האָבן פּאַרטײַעט געשוויגן, לײַכט באַוועגנדיק זייערע קרוינען. דער מאָך האָט ווייך פּרוזשינעט אונטער אירע פיס. ווען־ניט־ווען פלעגט דורכשפּרינגען א וועווערקע. זי פלעגט ראַפּטאָם זיך אָפּשטעלן און א קוק טאָן מיט קרעלעכלעך־אויגן אפן מענטש. די וועווערקעס זײַנען דאָ געוווינט געווען צו מענטשן און האָבן זיך ניט געשראָקן פאַר זיי.

דווירע פלעגט דאָ פאַרברענגען דעם גאַנצן טאָג, זי האָט זיך ניט געאײַלט אין איר צימער.

איינמאָל קומענדיק שפּעט אין אָוונט אהיים, האָט זי געבראַכט מיט זיך א גאַנצן הויפן פעלד־בלומען. פון לאַנגן וועג זײַנען זיי געווען פאַרוויאַנעט, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּעלעך.

— פעלד־בלומען... — האָט אַנטוישט אויסגערופן ווערא, — און ווי נעבעכדיק זיי זײַנען... כ'האָב ניט האָלט פעלד־בלומען.

— פעלד־בלומען זײַנען שטאַנדהאַפטיק. וואַרט. איר וועט זען, ווי זיי וועלן אויסזען מאָרגן.

דווירע האָט זיי איבערגעקליבן, אַרײַנגעשטעלט אין א קרוג מיט וואַסער און אוועקגעשטעלט אפן טיש.

אף מאָרגן אינדערפרי, ווי נאָר זי האָט געעפנט די אויגן, האָט זי דערזען אפן טיש א פרעכטיקן בוקעט פון קאָלערליי־קאָלירטע בלומען. זי האָט א וואָרף געטאָן א בליק אף וועראס בעט. יענע איז געלעגן מיט אָפענע אויגן.

— ווערא, זעט די בלומען! זיי האָבן זיך אופגעכאַפּט!

ווערא איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט און צוגעגאַנגען צום טיש. זי איז געווען אין א לאַנגער נאַכט־העמד, דאָס פּאָנעם צעקנייטשט, די לאַנגע פאַרוויאַנעטע באַקן נאָך מער אײַנגעפאַלן. זי האָט זיך אײַנגעבויגן איבער די בלומען און א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— זיי שמעקן דאָך ניט אפילו. ניין. איך האָב האָלט גאָרטן־בלומען. רויזן, אָרכידעען...

— טאָ קויפט רויזן, אָרכידעען, — האָט דווירע ניט אײַנגעהאַלטן איר צערייצטקײַט.

— איך האָב איצט ניט די מעגלעכקײַט דערצו, — ווערא האָט זיך אָפּגעקערט.

נאָר איידער זי האָט זיך אָפּגעקערט, האָט דווירע באמערקט איר בליק. ער איז געווען איצט ניט מאָדאָניש און ניט נאַיִוו. ער איז געווען פול מיט סינע. און פּלוצעם האָט אין דווירען אופגעבליצט א מעשונע־דיקער געדאנק: צי האַלט ניט ווערא, אז אין דעם, וואָס זי האָט ניט איצטער די מעגלעכקײַט צו קויפן רויזן און אָרכידעען, איז אויך זי, דווירע, שולדיק?

און נאָך האָט דווירע דערבײַ א קלער געטאָן: „וויפל איז נאָך געבליבן צו וווינען אין אָט דעם צימער? צען צי עלף טעג?" און מיט א ביטערן שמייכל האָט זי פאַרענדיקט דעם געדאנק: „גאָט זיצט אויבן און האָט אויך אָפּטמאָל א טאָעס. הײַנט וואָס פאַרא טײַנעס קאָן זי האָבן צום אדמיניסטראַטאָר, וואָס זיצט אונטן? ער קאָן דאָך אוואַדע א טאָעס האָבן".

די קאָמיוגיסטקע

דומט דער אָוונט, ווערט אין דער דירע אומהיימלעך. זשעניע צינדט לאַנג ניט אָן קיין שײַן. זי זיצט אין ווייכן פאָטעל מיט די הענט, צוגעדריקט צום דאַרן קערפּער, זיי זאָלן ווייניקער ציטערן, און קוקט, ווי די טונקלקײַט גאַנוועט זיך ארײַן אין די ווינקלען, שפּרייט זיך אויס איבערן סופיט, פאַרכאַפּט מיט אַ שאָדנפרייד די שווערע ליוסטרע, לאָזט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ, און אָט בלאָנקען אפן דיל נאָר צעשוומענע ליכט־פּלעקן פון די עלעקטרישע גאַסן־לאָמפּן, וואָס קוקן ארײַן אין צימער. אין דער דאָזיקער האַלב־טונקלקײַט ווערט דאָס מעבל שווערער און דריקנדיקער, און זשעניע וווּנדערט זיך: ווי קומט צו איר אָט דער פאַראַדנער גרויסער צימער מיט דער פינפעקיקער קרישטאָלענער ליוסטרע איבער דעם גרויסן טיש, מיט די הויכע שטרענגע שטולן, אַף וועלכע ס׳האָט זיך שוין לאַנג קיינער ניט געזעצט, מיט די דרעמלענדיקע פאָטעלן אין די ווינקלען און מיטן געשניצטן בופעט, פון וועלכן עס גלאָצן אַרויס מיט אַ טויטן בליק בעכערלעך, טעצעלעך און עפּעס אומנייטיקע קרישטאָלענע קעגנשטאַנדן? וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט זי צו דעם אַלעם, אַז בעסאַכאַקל איז זי ווי פאַרבליבן אַ קאָמיוגיסטקע פון די דרײַסיקער יאָרן, אַ סטודענטקע, וואָס לעבט זאַלבעפערט אין אַ צימער פון אַ צוזאַמענוווינונג? און אין דער דאָזיקער צוזאַמענוווינונג איז דאָ נאָר איין פּאָר לאַק־שיך, וואָס יעדע איינע פון זיי טוט אָן, ווען ס׳טרעפט דאָס גליק, אַז מע כאַפּט ארײַן אַ בילעט אין טעאַטער.

אָפּטער פון אַלעמען האָט די שיך געניצט זי, זשענקע, כאָטש זי האָט מער פון אַלעמען געליטן פון זיי: זיי זײַנען געווען צו ענג פאַר איר. נאָר וואָס האָט עס זי געאַרט, ווען זי איז אַ גליקלעכע געשטאַנען אַף דער גאַליאָרקע, אויפהייבנדיק דאָ איין פוס, דאָ דעם צווייטן, און האָט מיט שײַנענדיקע אויגן געקוקט אַף דער בינע? אַז זי פלעגט זיך אומקערן פון טעאַטער, האָבן דרײַ פּאָר אויגן נײַגעריק און פאָדערנדיק זיך אײַנגעגעסן אין איר: נו, דערצייל! זשענקע, בעעמעס אַ גליקלעכע, ווײַל די שיך האָט זי שוין אַראָפּגעוואָרפן, האָט לעבעדיק דערציילט, נאָכמאַכנדיק די אַרטיסטן, זינגענדיק די אַריעס און צוטאַנצנדיק מיט די פרייליכע באָרוועסע פיס. זי איז געווען אַ גוטע דערציילערן, האָט געקאָנט אַזוי „אָפּשפּילן טעאַטער" שאָענלאַנג. נאָר דאָ כאַפּט זיך עמעצער פון די מיידלעך: „אוי, קינדער, ס׳איז שוין שפּעט, די עקזאַמענעס טרעטן שוין אָן אַף די פּיאַטעס".

זי איז געווען אַ פּייַקע, זשענקע. אין דער צײַט, ווען די אַנדערע מיידלעך האָבן טאָג און נאַכט געשוויצט איבער די לערנביכער און קאָנספּעקטן, האָט זשענקע אַפילו אין די הייסטע צײַטן, פאַר אַן עקזאַמען אָדער סעסיע, ניט דורכגעלאָזט קיין איין ליטעראַרישן אָוונט, געלאָפן אין טעאַטער אָדער גאָר זיך געקאָנט אַרײַנכאַפּן אויף אַ פאַרווײַלונגס־אָוונט און זאָרגלאָז זיך דרייען אין טאַנץ. ניט אומזיסט איז זי די לעצטע יאָרן אין דער מיטלשול געגאַנגען אין אַ קלאַס „פאַר באַזונדערס באַגאַבטע קינדער”. זשעניע געדענקט: בײַס מע האָט געגרינדעט אַזעלכע קלאַסן און מע האָט איר אָנגעזאָגט, אַז זי ווערט אַריבערגעפירט אין אַזאַ קלאַס, האָט זי געעפנט אַ פּאָר גרויסע אויגן. ווי קומט זי, וואָס איז פון זעקס יאָר אָן געוואַקסן אין אַ קינדערהיים און דערצויגן געוואָרן אין אַ כאָפּטע פאַרוואָרלאָזטע היימלאָזע קינדער, צו גיין אין אַזאַ קלאַס? דאָרט וועלן דאָך אַוודאי זײַן לויטער סטאַטעטשנע קינדער, וואָס וואַקסן אונטער די פליגל פון טאַטע־מאַמע און מאַכן זייערע שול־אויפגאַבעס אונטער דער שטרענגער האַשגאָכע פון די עלטערן. ווי פּאַסט זי זיך צו זיי? יאָ, דאָרטן זײַנען טאַקע געווען אַזעלכע קינדער אויך, נאָר זשענקע האָט זיך דאָרטן אויך ניט פאַרלאָרן. זי האָט זיך גיך צוגעפּאַסט צו דער נײַער סוויווע און געווען אויך דאָרטן איינע פון די בעסטע שילערנס. נאָר געכאַוועט האָט זי זיך מיט די אַלטע כאַווערטעס פון קינדערהיים. דאָרט זײַנען געווען קינדער, וועלכע האָבן, פּונקט ווי זי, פאַרלאָרן אין בירגערקריג זייערע עלטערן און האָבן פון דער פריסטער קינדהײַט אָן קיין אַנדער היים ניט געוווּסט.

שפּעטער איז געווען דער אוניווערסיטעט. דאָרט איז זי געווען אַ סטודענטן, ווי אַלע. דער אונטערשייד איז נאָר געווען, וואָס אין דער קאַניקול־צײַט איז זי אין ערגעץ ניט געפאָרן. זי איז געווען אין פאַרייבזאַמטן צימער פון דער צוזאַמענוווינונג אַ באַלעבאָסטע פאַר זיך. די סטיפּענדיע פלעגט זי קימאַט אינגאַנצן אויסגעבן אין דער ערשטער וואָך. דאַן האָט זי קיין זאַך ניט געזשאַלעוועט: געגאַנגען אויף קאָנצערטן, אין טעאַטער, באַזוכט אויסשטעלונגען און, אַ פאַרגאַפטע, מיט שטענדיק שײַנענדיקע אויגן, אַרײַנגעזאַפּט אין זיך דאָס נײַע, וואָס האָט זיך געעפנט פאַר אירע אויגן, אויערן און מויעך. אין יענע טעג האָט זי געגעסן קימאַט דרײַ מאָל אַ טאָג! שפּעטער, אַז אין דער קעשענע איז שוין געווען גאַנץ שיטערלעך, איז זי אָפּגעזעסן גאַנצענע טעג אין די ביבליאָטעקן, זשעדנע געלייענט און אָפּגעקומען דעם גאַנצן טאָג מיט אַ דרײַקאָפּעקענער בולקע. אין אַזוינע אָוונטן, לייגנדיק זיך שלאָפן, פלעגט זי קלערן וועגן די עלטערן. דעם טאַטן, וועלכער איז אומגעקומען בײַסן בירגער־קריג, האָט זי אינגאַנצן ניט געדענקט. זי פלעגט זיך אים פאָרשטעלן אַ הויכן, אַ דאַרן, מיט פריילעכע אויגן און שמאָלע פּלייצעס (ווי זי!). נאָר אויף די שמאָלע, יוגנטלעך־בייגעוודיקע פּלייצעס ליגט אַ קאָמיסאַרסקע טוזשורקע, און די פריילעכע אויגן קאָנען זײַן האַרט און טראָציק, בײַס ער פירט זײַן פּאָלק אין שלאַכט קעגן די ווײַסגוואַרדייצעס. די מאַמע, וועלכע איז געשטאָרבן מיט צוויי יאָר שפּעטער פון טיפוס, האָט זי אַ ביסל געדענקט. לייגנדיק זיך שלאָפן, פלעגט זשענקע טײַנען צו איר:

„מאמולינקע, נו איז וואָס, אז איך האָב זיך געלייגט שלאָפן א הונגע־ריקע? דערפאַר האָב איך דאָך געזען אזויפיל, אריינגעזאפּט אין זיך אזא אשירעס..." און איר האָט זיך געדאַכט, אז זי ביידע, סײַ דער טאטע מיטן הארטן בליק, סײַ די מוטער מיט איר ליבלעכן שמייכל, שטימען צו צו איר ניט־אויסגערעכנטקײַט אין לעבן, צו איר פאַרשווענדערישער לײַכטזיניקײַט. זי האָט געהאַט עפּעס אן אינטויטיווע איבערצײַגונג, אז סײַ דער פאָטער מיט זײַן עמאָציאָנעלער דרייסטקײַט, סײַ די מוטער מיט איר ניט־ערדישער איבערגעגעבנקײַט צו דער ארבעט אין שול, ווו זי איז געווען א דערציִערן, זײַנען אויך ניט געווען צו פּראַקטיש.

אפן לעצטן קורס האָט פּאַסירט דאָס, וואָס האָט געמוזט פּאַסירן. ער איז געווען א מיטלוווקסיקער שיינער מאַנצבל, און זשענקען האָט זיך געדאַכט, אז ארום זײַן פּערעכטיקער שוואַרצער שעוועליורע שײַנט אן אָרעאָל. דער אָרעאָל פון א קעמפער אין בירגערקריג, ארום וועלכן ס'האָבן זיך שוין דאַן געשפּינט לעגענדעס. ס'איז געווען אף א פײַערלעכן אָוונט אין אוניווערסיטעט, ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל דערזען. ער איז געשטאַנען אף דער טריבונע, א קרעפּטיקער, א מענלעך־מוטיקער, און געהאַלטן א פײַערדיקע רעדע. זשענקע האָט געפּאַטשט צוזאַמען מיט אלעמען און מיט אנציקטע אויגן געקוקט אף אים. אין דעם מאָמענט האָט זי גלײַך באַשלאָסן: דאָס איז ער! און אז זשענקע באַשליסט, ווייסט זי פון קיין מעניִעס ניט: זי וועט אויספירן דאָס איריקע.

פריִער זײַנען אויך געווען באַגעגענישן מיט יִינגלעך אין א פּינצטע־רער אליי, הארצקלאַפּעניש און זיסע בענקשאַפט נאָך עפּעס אומבאַוווסטס. נאָר דאָס זײַנען געווען יִינגלעך, ניט אויסגעשטאַנענע נאַטורן, וועמענס שוואַכקײַטן זײַנען פאַר איר געלעגן אָפן און וועלכע זי האָט געלייענט, ווי א דערוואַקסענער לייענט א קינדער־בוך. אָבער דאָ איז פאַר איר געשטאַנען א רײַפער מאַנצבל מיט אן אָרעאָל פון א העלד און מיט א לעגענדאַרער פאַרגאַנגענהײַט, וואָס האָט געלאָקט און געדרייצט איר דימיען.

יאָ, דאָס איז ער. א סאַך עלטער פון איר? זשענקע האָט פּלוצעם אנט־דעקט אין זיך א מאָדנע אייגנשאַפט: עס האָט זי שטענדיק געצויגן צו מענטשן עלטערע פאַר איר, צו מענטשן, באַלאָדענע מיט דערפאַרונג, מיט וויסן, מיט לעבנס־כאָכמע.

נאָך דער אָפיציִעלער טייל פונעם אָוונט זײַנען געווען פאַרווײַלונגען. זשעניע האָט געטאַנצט און געטאַנצט מיט אים. און דאָ האָט זיך, צו איר גרויסער פאַרוווּנדערונג, ארויסגעוויזן, אז זי פאַרמאָגט אין זיך פאַר־באָרגענע פרויִישע קויכעס, מיט וועלכע זי קען באַרוישן, באַצווינגען א מאַנצבל. ער איז געוואָרן געפאַנגען.

שפּעטער, ווען זיי האָבן שוין געלעבט צוזאַמען, האָט זיך ארויסגע־וויזן, אז וולאַדימיר (זי האָט אים קיינמאָל ניט גערופן וואָלאָדיע, נאָר וולאַדימיר; זעלטן ווען, אין די סאַמע אינטימסטע מינוטן, האָט זי אים געקאָנט אָנרופן בא זײַן יִידישן נאָמען: וועלוול), אז וולאַדימיר האָט געהאַט א גרויסע שוואַכקײַט צו פרויען. יעדע פרוי האָט אים געדרייצט, געמאַכט גלאַנצן זײַנע אויגן און אופהייבן שטאָלץ זײַן לייבן־קאָפּ. בייס

זי האָט זיך מיט אים פאַרבונדן, האָט זי אויסגעצייכנט זיך אָפּגעגעבן א דינווּעכעזשבן, אז ביז איר האָט ער געהאט פיל פרויען. נאָר דאָס האָט זי ווייניק געאַרט: אבי ער זאָל זײַן שטאַרק און מוטיק אין אַלע אַנדערע הינזיכטן. און אָט די אייגנשאַפטן האָט זי זיך געסטאַרעט מיט איר גאַנצער פרויִשער קלוגשאַפט אויפצוהאַלטן אין אים און אַנטוויקלען.

נאָך שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער שטעקט אינגאַנצן אין די בראַוזנדיקע טעג פון רעוואָליוציע און בירגערקריג. דאָס איז געווען זײַן דערהויבענע שאָ. פאַר וואָכעדיקער אַרבעט איז ער געווען ווייניק צוגעפּאַסט.

מיט דער ביִאָגראַפיע, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער פאַרנומען הויכע פּאָסטנס. נאָר עפּעס האָט מען אים צו אָפט געריקט פון איין פּאָסטן צום אַנדערן. ער האָט ניט פאַרמאָגט די נייטיקע אָרגאַניזאַציאָנעל־געשעפט־לעכע טיכטיקײַט, וואָס האָט זיך געפאָדערט אינעם פעריאָד פון רע־קאָנסטרוקציע. און עפּשער איז אים צו לאַנגווײַליק געווען די וואָכעדיקע אַרבעט נאָך דעם, ווי ער האָט באַוויזן העלדנטאַטן אין דער רעוואָליוציע, אַרויסגעטראָטן אױף מיטינגען, געפלאַמט אַליין און געמאַכט פלאַמען אַנדערע. וואָס ווײַטער, האָט זיך זשעניע אַלץ מער אַרײַנגעמישט אין זײַנע ענייניאָנים. זי האָט עס געטאָן טאַקטיש און קלוג. ער האָט זיך, געוויינלעך, אָפּגעשאָקלט פון אירע אײַצעס, געשפּרײַזט מיט ברייטע טריט איבערן צימער און שטאָלץ פאַרהויבן זײַן קאָפּ: ער ווייסט אַליין, וואָס ער האָט צו טאָן אױף זײַן אַרבעט. אינדערעמעסן האָט ער זיך אָבער גוט צוגעהערט צו אירע רייד און געסטאַרעט אויסצופילן אירע אײַצעס. און עפּשער אַדאַנק דעם האָט ער זיך געהאַלטן אױף א געוויסן אויבערפלאַך, און יעדער נײַער פּאָסטן, וואָס ער האָט פאַרנומען, איז געווען א בעקאָ־וועדיקער און אָנגעזעענער.

אין יענער צײַט האָט ער באַקומען אָט די גרויסע, געראַמע דירע, וואָס זי פאַרנעמט איצטער, און אויסגעשטאַט זי מיט סאָליד מעבל פון די קאָמיסיאָנע קלייטן. זשעניען איז געווען דערווידער אָט דער פּאָמפּעזער סטיל פון די ראָקאָקאָס און רענעסאַנסן. אין איין פראַט האָט זי אים נאָכגעגעבן: זאָל ער זיך קוויקן מיט זײַן שרײַבטיש פון לוי! דעם פערצנטן אָדער מיטן בופעט, וואָס איז אַמאָל געשטאַנען בא א גרויסן פּאָרעץ אין הויף.

אַרום אָט דעם דעמבענעם אָוואַלן טיש מיט די קונציק געשניצטע פיס פלעגן זיך אַמאָל צוזאַמענקלײַבן גרויסע קאָמפּאַניעס, פאַרשיידענערליי מענטשן, עלטערע און ייִנגערע, הויכע אָנגעשטעלטע און אינטעלעקטואַלן. וולאַדימיר האָט האָלט געהאַט אַזוינע געזעלשאַפטן. דאָ האָט ער גע־גלאַנצט, דערציילט פאַרשיידענע געשיכטעס און געווען דערפינדעריש אין צוצוקלערן נײַע טאָסטן. איבערהויפּט איז ער געווען גײַסטרײַך, ווען אַרום זײַנען געווען פרויען. זײַן לייבן־קאָפּ, אפילע ווען די שעוועליורע האָבן שוין דורכגעוועבט ווײַסע פעדעם, איז נאָך אַלץ געווען אימפּאָ־זאַנט, און פרויען האָבן אױף אים געקוקט מיט אַנציקונג.

פרויען... אין זשעניעס ברוסט הייבט זיך א כוואַליע פון צאָרן, ווען זי קלערט וועגן דעם. ניין, ניט קעגן די מאַנצבלען, נאָר קעגן די פרויען.

וואָס איז א מאנצבל? יעדע געשיקטע פרוי, מעג זי זײַן מיִעס אָדער שיין, קאָן דרייען מיט אים, ווי זי וויל. אירע געדאנקען שפרינגען איבער אף איר זון. ער איז א פיזיקער און ארבעט אין וויסנשאפט־צענטער אין אן אקאדעמישן שטעטל. הײַנט האָט זי געקראָגן פון אים א בריוו, און פון די איינצלנע נעפּלהאפטע פראזן דאָרטן און איבערהויפּט פון דעם, וואָס ער גיט אָן א נײַעם אדרעס, פארשטייט זי, אז ער איז אוועק פון זײַן פאמיליע. שוין צום צווייטן מאָל. געוואָרפן די ערשטע פרוי מיט א קינד און איצטער די צווייטע, אויך מיט א קינד... מיילע, ער ווי ער, אָבער די פרויען זײַנע, די פרויען! נארישע קוקלעס, וואָס פארשטייען ניט, ווו איַין, ווו אויס...

זי, אז זי האָט דערזען, אז איר וולאדימיר רײַסט זיך פון שפּאָן, — און דאָס איז ניט איין מאָל געווען, — האָט זי פארשטאנען צו האנדלען קלוג און טאקטיש. ווי נאָר זי פלעגט באמערקן, אז ער ווערט באזונדערס אופמערקזאם צו א פרוי, אז זײַנע אויגן פארציִען זיך מיט א שווארצן גלאנץ, פלעגט זי וויסן, וואָס זי האָט צו טאָן. זי פלעגט זיך דערנעענטערן צו אָט דער פרוי, אײַנלאדן זי צו זיך איין מאָל און א צווייט מאָל, קעדיי קוידעמקאָל פעסטצושטעלן די גרייס פון דער געפאר, וואָס לויערט דאָ. אָפּהענגיק פון דעם האָט זי באשטימט איר טאקטיק: אָדער ארויסשטעלן די פרוי אין א לעכערלעכער שײַן, אזוי אז וולאדימיר זאָל זען איר נישטיקײַט און שוואכע זײַטן, אָדער אָפּגיסן זי מיט א צעבער פארׂאכטונג, אז זי זאָל זיך אָפּטראָגן וואָס ווײַטער. און דעם זונס פרויען? די ערשטע איז מיט א ווייכן שוואכן כאראקטער. די צווייטע — א פיזיקער, שטאָלץ מיט איר זעלבשטענדיקײַט, א גראָדליניקע, מיט אן אומבייגזאמען כאראקטער. ביידע זײַנע געוועזענע פרויען האָבן ניט פארשטאנען אײַנצוהאלטן די פאמיליע... און בעסאכאקל איז עס דאָך גאָרניט אזוי שווער געווען. דער זון אירער — א לײַכט אופלאמענדיקע נאטור, אָבער א לײַכט באהערשבארער, אין גרונט גענומען א ווילער יאט. צו זײַן שוואכקײַט לעגאבע דעם שיינעם מין... א קאפּעטשקע טאקט, און אלץ וואָלט געווען אין אָרדענונג.

א ביסל ווערט זשעניע אומרויִק, ווען זי פאָלגט ווײַטער נאָך אירע געדאנקען. דער זון שרײַבט ניט אָפן וועגן דעם (שעמט זיך אוואדע!), נאָר פונעם גאנצן בריוו, איבערהויפּט פון דעם, וואָס ער גיט אָן א נײַעם אדרעס, איז צו זען, אז ער איז אוועק פון זײַן פאמיליע. צי וועט עס זיך ניט אָפּרופן אף זײַן ארבעט? צי וועט עס ניט באטראכט ווערן אלס מאָראלישע צעלייגונג? נאָר זשעניע טרייסלט זיך גיך אָפּ פון די שלעכטע געדאנקען. אָן אָפּענעם מויעך האָט ער, זײַן פּראָפעסיע האָט ער ליב, און אז ער ארבעט, ארבעט ער מיט ברען. מע וועט זיך מאכן ניט וויסנדיק, און אויב ניט — אויך א דײַגע! זאָל מען אים ווי געהעריק אָפּשמײַסן. כלעבן, ס'וועט אים ניט שאטן. זאָל ער זיך שלאָגן, זאָל ער קעמפן מיט שוועריקײַטן. ער וועט נאָר פון דעם פארהארטעוועט ווערן. א קינדהײַט און יוגנט האָט ער געהאט וואָלקנלאָזע, עפּשער צו לײַכטע... גאָר ניט צו פארגלײַכן מיט איר קינדהײַט, מיט איר יוגנט...

איר יוגנט... א הייסע כוואליע גייט דורך איר הארץ, ווען זי

קלערט וועגן איר יוגנט. יאָרן פון נויט, פון קאַמף, פון לײַכטן אריבער־שפרײַזן איבער שוועריקײַטן... יאָרן פון איר גאָלדענעם, פריילעכן און ראָמאַנטישן קאָמיוג.

מע זאָגט, אַז דערינערונגען איז דער גורל פון אומגליקלעכע. זי אָבער, אַז זי פאַרטיפט זיך אין זיי, איז זי ווי זי וואָלט זיך אָפּגעטונקט אין אַ קוואַל פון פרישער לעבעדיקער וואַסער. זי פאַרגעסט דאָן, אַז אירע פאַטלעס זײַנען גראָוו, אַז אירע הענט טרייסלען זיך און אַז אין אָט דעם גרויסן צימער שטייט אומגעלומפּערט מעבל, איידעס פון אַ זאַט, אָבער ניט אײַנגאַנצן געראָטן לעבן.

— נו, געווגו! — זאָגט זי צו זיך אַליין. זי הייבט זיך אויף, צינדט אָבער ניט אָן דאָס ליכט און גייט אַריבער אין איר קליין צימערל, וווּ עס שטייט אַ נידעריקע טאַכטאַ אויף צום שלאָפן, אַ שאַפע מיט ביכער און אַ קליין שרײַבטישל באַם פענצטער. זי זעצט זיך צו צום טישל, צינדט אָן דאָס ליכט אונטער דעם גרינעם אַבאַזשור. זי וועט פּרוּוון עפּעס־וואָס טאָן. כאָטש זי אַרבעט מער ניט אין אינסטיטוט, איז זי אָבער ענג פאַר־בונדן מיט אים און מאַכט געוויסע אַרבעטן פאַר איר קאַטעדרע. נאָר די הענט טרייסלען זיך, די געדאַנקען לויפן זיך פאַנאַנדער, און זי זיצט, אַ באַוועגלאָזע, פאַרן ווײַסן בויגן פּאַפּיר. זי מינטערט זיך אויף, בייס פון פּירהויז דערהערט זיך אַ קלונג. „לענע!" — שפּרינגט זי אויף אַ דער־פרייטע.

דאָס איזווירקלעך לענע וואַסיליעוונע. זיי צעקושן זיך, גייען דורך דעם פינצטערן גרויסן צימער און זעצן זיך אין קלײנעם צימער, וואָס איז געמיטלעך באַלויכטן פון דעם גרינעם טיש־לאָמפּ.

— נו, דערציילַ, וואָס הערט זיך? — פרעגט זשעניע אומגעדולדיק. מיט לענען האָט זי לאַנגע יאָרן געאַרבעט אויף דער זעלבער קאַטעדרע. לענע, וועלכע איז מיט אַ יאָר צען ייִנגער, אַרבעט נאָך איצטער דאָרטן, און פאַר זשעניען איז עס אַ לעבנסנויטווענדיקײַט צו וויסן אַלץ, וואָס דאָרט קומט פאָר.

לענע פאַרמאָגט אַ סאַך הומאָר, נאָר איר הומאָר איז אַ בייזער. זי שטעלט זיך מער אָפּ אויף די ניט־באַליבטע פּראָפעסאָרן, אויף זייערע אומ־געלונגענע אַרויסזאָגונגען, אויף זייערע ניט־פּרינציפּיעלע האַנדלונגען. ווען זי דערציילט וועגן זיי, מאַכט זי נאָך זייערע טנועס, זייער שטים. זשעניע לאַכט, זי שאָקלט צושטימענדיק מיטן קאָפּ, שאָקלט ענערגיש און אָפּט, עפּשער דערפאַר, מע זאָל ווייניקער מערקן, ווי איר קאָפּ טרייסלט זיך.

— נאָך, נאָך! — פאָדערט זי און קוקט אויף לענען מיט פאַרליבטע אויגן.

זיי זײַנען איין נעשאָמע, נאָר אויסערלעך זײַנען זיי פּונקט דער היי־פעך אײנס פון אַנדערן. זשעניע איז הויך און דאַר, זי האָט אַ העל־הויטיק, מאָגער פּאָנעם, אירע באַקן זײַנען אײַנגעפאַלן און באַדעקט מיט אַ געדיכ־טער נעץ פון דינע קנייטשן. אָבער אויך אין די קנייטשן זעען זיך נאָך די שפּורן פון געלע גרײַפּעלעך, מיט וועלכע זי איז אַמאָל געווען באַשאָטן און וואָס האָבן צוגעגעבן איר אַ יוגנטלעך־פרישן כיין. לענע איז מיטל־ווּקסיק און געפּאַקט, זי האָט אַ ברייט פּאָנעם, וואָס איז טונקלהויטיק און גלאַט. ליפּן האָט זי פולע און אויסדריקלעכע, אויף דער אייבערשטער ליפּ —

א שוואַרצער דינער פּוך. אין איר בליק, בייס זי קוקט אַף א מענטשן, פילט זיך צוגלײַך נײַגער און אַפּשפּאַטישקײַט, ווי ער וואָלט געזאָגט: אנו, אַט וועלן מיר באלד זען, צי דו ביסט טאקע אזא, פאר וועלכן דו שטעלסט זיך ארויס...

לענע איז געווען אפן ערשטן קורס פון פילאָלאָגישן פאקולטעט, ווען די מילכאָמע האָט אויסגעבראָכן. זי האָט קיין איין מינוט ניט געקווענקלט און ארײַנגעטראָטן אלס פרײַוויליקע אין ארמיי. דורכגעמאכט די גאנצע מילכאָמע אפן פראָנט. עפּשער דערפאר איז איר אופירונג א ביסל א מענערישע. זי טראָגט שטרענגע קאָסטיומען קימאט פון א מענערישן שניט. איר בילדונג האָט זי פארענדיקט שוין נאָך דער מילכאָמע, גלײַך נאָכדעם זיך געלערנט אין דער אספיראנטור, געוואָרן קאנדידאט, און שפּעטער, שוין ארבעטנדיק, געמאכט איר דאָקטאָראט. קיין מאן האָט זי קיינמאָל ניט געהאט, און פון איר גאנצן באנעמען איז צו דרינגען, אז דאָס ארט זי זייער וויניק.

מיט זשעניען איז זי זייער באפרײַנדעט, עס גייט קימאט ניט דורך די וואָך, זיי זאָלן זיך ניט טרעפן. זשעניע האָט שוין וויפל מאָל איר פאָר־געלייגט, זי זאָל אוועקווארפן איר איינזאמען צימער און אריבערקלײַבן זיך צו איר אין דער געראמער דירע, נאָר לענע שעצט זייער איר זעלב־שטענדיקײַט און זאָגט זיך מיט א געלעכטערל אָפּ.

אָנגערעדט זיך, איבערגעציילט אלע ביינדלעך פון די קאָלעגן, סײַ פון די, וועלכע זײַנען זיי צום הארצן, און איבערהויפּט פון די, וועלכע זיי האָבן ביידע פײַנט, שווײַגט מען א ביסל.

— נו, און בא דיר וואָס הערט זיך? — פרעגט לענע מיט איר נידעריי־קער שטים.

— בא מיר? געוואָלט וואָס טאָן, נאָר די הענט... פאסקודנע הענט... כ'וועל זיך נעמען אמאָל צו זיי, אָפּהאקן און ארויסוואַרפן.

— נו, נו, — פארגייט זיך לענע אין איר נידעריקן, קימאט באסאָוון געלעכטערל, — דאָס וועסטו נאָך באווײַזן. בריוו פונעם זון זײַנען ניט געווען?

— געווען, הײַנט געקראָגן.

— ווידער נײַס?

— ווידער נײַס. פארשטייסט, לענע, מיר דוכט זיך, ער האָט שוין אוועקגעוואָרפן זײַן צווייט ווײַב אויך.

— נו? — אין לענעס דריבנעם באסאָוון געלעכטערל איז עפּשער מער האנאָע, ווי שטוינונג. — אָט א בעריע!

— יאָ, ער גייט שוין אָן א נײַעם אדרעס, און דאָס איז דער בעסטער סימען. כ'האָב קיישעק צופאָרן צו אים און זען, ווו ער וווינט איצט. כ'האָב דאָך דיר דערציילט, לענע. אין יענעם אקאדעמישן שטעטל, ווו ער לעבט, איז דאָ א שטרענגע פאנאנדערטיילונג. ס'זײַנען דאָ קאָטעדזשן, ווו עס לעבן די קאָרפּן־קעפּ פון דער וויסנשאפט, און ס'זײַנען דאָ געוויינלעכע פּילעטאַזשיקע הײַזער, ווו עס לעבן די געוויינלעכע מיטארבעטער. מיר איז אזא מײַסע לאכלוטן ניט געפעלן געוואָרן. וואָסי? די גרויסע געלערנ־טע קענען עס ניט וווינען אין א געוויינלעכער גוטער דירע? אז איך בין

געקומען צו אים דאָס ערשטע מאָל צוגאסט, האָט ער געלעבט אין א קאַטעדזש. מיילע, אין א קאַטעדזש איז אין א קאַטעדזש. כ׳וועל אים דאָך ניט גיין ארויסווארפן, נאָר אז ער איז אוועק פון דער פאמיליע, האָט ער איר איבערגעלאָזט דעם קאַטעדזש. אז איך בין דאָס צווייטע מאָל געקו־מען צו אים צוגאסט, האָט ער שוין געלעבט מיט דער נײַער פרוי אין א געוויינלעכער דירע. בין איך איצטער א באלן צו וויסן, ווו לעבט ער איצטער. מיסטאמע אין א באראק, אין א צוזאמענוווינונג זאלבעצענט.

— נו, נו. באראקן זײַנען איצטער ניטאָ. און אין א צוזאמענוווינונג זאלבעצענט האָסטו אפילע ניט געלעבט, בייס דו ביסט געווען א סטודענט־קע.

— א שאָד, א שאָד. אזעלכע גאָרנישטן וואָלטן באדארפט ווינען טאַ־קע זאלבעצענט. וועלן זיי עפשער א ביסל קליגער ווערן. אָט וועל איך קומען צו אים און טאקע אים גוט אָפשמײַסן.

— מיט קראָפּעווע?

— מיט קראָפּעווע! מיט דער סאמע שטעכיקער! — זשעניע האָט זיך צעהיצט און אפילע געמאכט א באוועגונג, ווי זי פארקאטשעט די ארבל.

— וואָס קאָן מען מאכן, זשעניע, אזעלכע צײַטן. מיר האָבן דעם לעצטן סעמעסטער באהאנדלט עפשער א צען פאלן פון אמאָראלישער אופירונג.

— און זיי אָפּגעשמיסן? מיט קראָפּעווע?

— ווו נעמט מען אזויפיל קראָפּעווע...

א ווײַלע זיצט מען שווײַגנדיק אין דעם קליינעם, קימאט אסקעטיש־סטודענטישן צימערל. ס׳איז שטיל. דער דרויסנדיקער געפילדער פון דער גאס איז אויך אײַנגעשטילט. ס׳איז שוין שפעט. דאן זאָגט זשעניע מיט איר קלינגעוודיק קאָל:

— לאָמיר זינגען, לענע.

— לאָמיר זינגען.

לענע איז א קנאפע זינגערן, נאָר זי האָט האָלט צו הערן, ווי איר כאווערטע זינגט. בא זשעניען איז אלץ פארלאָרן געגאנגען, נאָר איר שטים, איר זינגעוודיקע קלינגענדיקע שטים, האָט זיך פארהיט. זי זינגט, און לענע פלעכט ארײַן פון צײַט צו צײַט איר באסאָווע נידעריקע שטים אין געזאנג.

זיי זינגען די לידער פון זשעניעס קאָמיוגישע יאָרן, וועגן קאכאָווקע, וועגן ווײַטן מיזרעך, וועגן קאָמסאָמאָלצעס, וואָס גייען אין בירגערקריג...

זשעניע זינגט און זינגט. זי זינגט מיט הארץ, מיט נעשאָמע, מיט איר גאנצער קאָמיוגישער יונגאטשישקײַט. זי פארגעסט אין די זאָרגן וועגן דעם זון, אין די זיך טרייסלענדיקע הענט, אין דעם שווערן מעבל פון דערבײַיקן צימער. זי איז ווידער די יונגע, ראָמאנטישע קאָמיוגיסטקע.

שקיִע

1

אין לעבן פֿון יעדן מענטשן קומט אַ טאָג, וואָס איז פֿאַר אים אַזוי ווי דער טאָג פֿון איבערבראָך: ביז יענעם טאָג האָט ער געהאַלטן, אַז אַלץ שטייט נאָך פֿאָר, נאָר אָט קומט דער טאָג, ווען מע מאַכט אַ כעזשבן־האַנעפּעש און דאָ כאַפּט מען זיך, אַז דער ווענדפּונקט איז שוין געווען, דער וועג גייט שוין באַרג־אַראָפּ. אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט, האָט ער שוין דערגרייכט.

באַ הערמאַן באַנדן איז דער טאָג אָנגעקומען, ווען ער האָט געהאַלטן באַ די זעכציקער.

עס איז דאַפֿקע געווען אַ גוטער טאָג. דער טעכנישער ראַט פֿונעם אינסטיטוט האָט באַטראַכט דעם פּראָיעקט פֿון דעם מיקראָ־ראַיאָן, וואָס ער, באַנד, דער אָנפֿירער פֿון אַ גרופּע אַרכיטעקטאָרן און אינזשעניערן, האָט אָקאָרשט פֿאַרענדיקט. דער פּראָיעקט האָט אויסגענומען. די באַזונדערע קריטישע באַמערקונגען, וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן, האָט באַנד אָפּגעשלאָגן מיט דעם אים אייגנטימלעכן שאַרפֿזין און פּאָלעמישער געניטקייט. דער פּראָיעקט איז באַשטעטיקט געוואָרן. אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט זײַן. באַנד האָט געהאַט אין אינסטיטוט אַ נאָמען אַלס איינער פֿון די פֿײַיִקסטע גרופּן־אָנפֿירער, אַלס אַן אַרבעטזאַמער טאַלענטירטער אַרכיטעקטאָר, אַלס מענטש, וואָס איז ניט געבליבן שטעקן אין די אַלטע אַרכיטעקטורישע קאַנאָנען, נאָר האָט אַן אָפֿן אויג און אויער פֿאַר דעם נײַעם און פּראָגרעסיוון. און אויב ער שטעלט צו אַ פּראָיעקט, אַף וועלכן ער מיט זײַן גרופּע האָבן געאַרבעט קימאַט אַ יאָר צײַט, איז עס אַ הײַנטצײַטיקער פּראָיעקט, אין וועלכן עס זײַנען גענומען געוואָרן אין אַכט די לעצטע אורבאַניסטישע דערגרייכונגען און אַלע פּראָבלעמען זײַנען געלייזט געוואָרן אַף אַ געהעריקן עסטעטיש־אינדוסטריעלן אויפֿן.

ווײַטער איז דער טאָג געגאַנגען, ווי ס'איז אָנגענומען אין אַזוינע פֿאַלן. די אַנדערע העלפֿט פֿונעם אַרבעטס־טאָג האָט באַנדס גרופּע שוין ניט געאַרבעט. אין גרויסן צימער זײַנען צוזאַמענגערוקט געוואָרן די טישן — זיי זײַנען פֿאַרשפּרייט געוואָרן מיט פֿרישע וואַטמאַנס. ווי מיט עפּעס אַ קישעף האָבן זיך באַוויזן אַף זיי גלעזער און בעכערס, טאַצן און טעלערלעך, פֿלעשער און גראַפֿינען. באַנד איז געוואָרן אויס באַלעבאָס אין זײַן גרופּע. די באַלעבאַטים זײַנען געוואָרן די עטלעכע מיידלעך פֿון דער גרופּע, די קאָפּיראָוושטשיצעס און טעכניקערנס. זיי האָבן עס קאָמאַנדע־

וועט, געשיקט די אַרכיטעקטאָרן און אינזשעניערן עפּעס־וואָס ברענגען, געגרייט בוטערבראָדן, געפּוצט און סערווירט דעם אימפּראָוויזירטן טיש. באַנד האָט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל געלאָזט קאָמאַנדעווען איבער זיך און זײַנע נאָענטסטע מיטאַרבעטער. שפּעטער איז ער געזעסן אויבנאָן פונעם טיש, עפּעס־וואָס גערעדט האַלב־ערנסט, האַלב־שפּאַסיק, אויסגעהערט באַ־גײַסטערטע טאָסטן און אים איז געווען גוט אַף דער נעשאָמע. מיט אַזאַ קאָלעקטיוו קאָן מען בערג איבערקערן.

אין דער היים איז אויך געווען פֿײַערלעך־דערהויבן. אַפן טיש זײַנען געשטאַנען בלומען, ס׳האָבן געפינקלט בעכערלעך און קויסעס און דאָס געשיר אַפן טיש איז געווען פונעם נײַעם סערוויז (הערמאַן האָט אים אין שפּאַס גערופן „דער פּייסעכדיקער סערוויז״, ווײַל ער האָט זיך באַוויזן אַפן טיש נאָר אין געהויבענע פאַלן). עס זײַנען געקומען די טאָכטער מיטן איידעם, דער זון מיט דער שנור, ס׳איז געווען פריילעך און היימיש, מע האָט זיך געוויצלט, געשפּאַסט, געטרונקען טאָסטן פאַרן הײַנטיקן דערפּאָלג און זיך קעגנזײַטיק געוווּנטשן נײַע אופטוען.

פונקט ווען מע האָט געהאַלטן אין פאַנאַנדערגיין זיך — ס׳איז געווען ניט גאָר שפּעט, ווײַל דער טאָג איז אַ וואָכעדיקער און מאָרגן דאַרפן אַלע גיין צו דער אַרבעט, — איז אָנגעקומען אַ נײַער גאַסט: פּײַוול וועסעליצקי, הערמאַנס יוגנט־כאַווער, איצט אַ מיטאַרבעטער אין דער רעפּובליקאַנישער צײַטונג. פּײַוולס בלאַס אומרויִק פּאָנעם איז געוואָרן נאָך אומרויִקער, בײַס הערמאַן, אַ דערפרייטער, האָט אים מיט אַ ברייטן זשעסט גערופן צום טיש. ניין, ניין, ער איז ניט געקומען הוליען, ער איז געקומען געשעפטלעך: נעמען אַן אינטערוויו.

— אַן אינטערוויו? — הערמאַנס ברעמען האָבן זיך אופגעהויבן און אַפן שטערן האָבן זיך אויסגעלייגט טיפע פּאַראַלעלע קנייטשן. נאָר אין אַ סע־קונדע אַרום האָבן זיך די קנייטשן אויסגעגלײַכט. פאַרוואָס טאַקע ניט? אין אַ צוויי־דרײַ יאָר אַרום וועלן פערציק טויזנט מישפּאָכעס פּײַערן זייער כאַנוקאַס־האַבאַיִס. פערציק טויזנט מישפּאָכעס, וואָס לעבן איצטער אין ענגשאַפט, אין קאָמונאַלע וווינונגען, וועלן זיך אַרײַנציִען אין אייגענע ראַכוועסדיקע דירעס, קעדיי צו לעבן אין קאָמפאָרט און געניסן פון די אַלע באַקוועמלעכקײַטן, וועלכע דער פּראָיעקט האָט זאָרגעוודיק פאָרויס־געזען פאַר זיי. זאָל מען טאַקע וויסן דערפון.

זיי זײַנען אַרײַן אין קאַבינעט. הערמאַן האָט אָנגעצונדן די שײַן, זיך געזעצט צום שרײַבטיש, און זײַן האַנט האָט זיך טייקעף אַ צי געטאָן צו אַ ווײַסן בויגן פּאַפּיר און בלײַער. פּײַוול האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אין ווייכן לעדערנעם פאָטעל, אַרויסגענומען דעם בלאָקנאָט און, אַזוי ווי פאַרענטפערנדיק זיך, אַ מורמל געטאָן:

— פאַרשטייסט, הערמאַן, אייגנטלעך האָב איך געדאַרפט שיקן אַ רע־פּאָרטער, נאָר אַז איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דער אווטאָר פונעם פּראָיעקט ביסטו...

— גוט, גוט, — האָט צעשטרייט געזאָגט הערמאַן. זײַנע געדאַנקען האָבן שוין אינגאַנצן געשוועבט אַרום דעם פּראָיעקט.

קימאט צוויי שאָ זײַנען זיי געזעסן איינער אנטקעגן דעם אנדערן. הער־
מאן האָט געצייכנט, גערעדט, דערקלערט. ער האָט זיך ווייניקער אָפּגע־
שטעלט אַף דער טעכנישער זײַט פונעם פּראָיעקט, נאָר מער אַף דער שטיי־
גערישער, אַף דער אײַנריכטונג פון די דירעס, אַף די אינדוסטריִאליזי־
רונגס־מעטאָדן פונעם בוי־פּראָצעס, וואָס מאכן מעגלעך צו פארווירקלעכן
דעם פּראָיעקט אַף א ביליקן אופן און אין דער מינימאלסטער צײַט. רעדנ־
דיק וועגן די שולן און קינדער־אנשטאלטן, האָט ער אונטערגעשטראָכן, אז
זיי זײַנען פארטיילט אזוי, אז דאָס קינד, גייענדיק אין דער שול אָדער פון
דער שול, דארף ניט דורכקרייצן קיין איין גאס מיט אן אינטענסיווער אוי־
טאָמאָביל־באוועגונג, אזוי אז די עלטערן קאָנען רויִק זיצן און ווארטן
אַף זייער קינד. פּײַוול האָט אופגעצאפּלט: „ווי איז דאָס מעגלעך?“ —
„מעגלעך“, — האָט מיט א שמייכל געזאָגט הערמאן. ער האָט אָנגעצייכנט
אן עליפּס, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די הויפּט־מאגיסטראל פונעם מיקראָ־
ראיאָן און וואָס כאפּט אים ארום אזוי ווי מיט א גארטל. די באוועגונג
פון לאסט־ און פּאסאזשיר־אווטאָמאָבילן קומט פאָר אַף דעם דאָזיקן עליפּס,
און די הײַזער, די שולן, די קינדער־אנשטאלטן געפינען זיך אינווייניק פר־
נעם עליפּס. פּײַוולס אויגן האָבן אופגעבליצט, זײַן בלאָקנאָט איז פול גע־
וואָרן מיט דריבנינקע אויסיִעלעך און אָפּגעהאקטע ווערטער.

צום סאָף פונעם געשפּרעך איז דער בלאָקנאָט געווען היפּש פארפּילט
און בא פּײַוולען אין קאָפּ האָבן זיך געשטויסן פארטיקע פראזעס פון זײַן
מאָרגנדיקן ארטיקל.

הערמאן האָט ארויסבאגלייט דעם גאסט און איז צוריק ארײַן אין קאבי־
נעט. אין צימער איז געווען שטארק אָנגערייכערט. ער איז צוגעגאנגען צום
פענצטער און עס געעפנט. ס'איז געווען א שטילע נאכט. דער הימל איז
געווען אויסגעשטערנט, אין לינקן עק פונעם פענצטער איז געהאנגען די
לעוואָנע, א שפּיציקע און עפּעס א טראָציקע. און דאָ האָט הערמאן דער־
פילט, אז ער איז מיד, שטארק מיד.

צי ס'איז געווען א נערוון־רעאקציע אַף דעם אָנגעשטרענגטן טאָג מיט
די צוויי רעפּעראטן און די צוויי באנקעטן, וואָס ער האָט דורכגעמאכט, צי
ס'איז געווען די אָנוועזנהײַט פונעם יוגנט־כאווער, וואָס האָט אופגעוועקט
אין אים די דערינערונגען פון די אמאָליקע יאָרן, נאָר ער האָט זיך טיף
פארטראכט. שווערע געדאנקען זײַנען געקראָכן אין קאָפּ.

אייגנטלעך זײַנען עס געווען ניט קיין נײַע געדאנקען. פארטײַעטער־
הייט זײַנען זיי שוין לאנג געלעגן ערגעץ אין היינטערבאוווסטזײַן. נאָר
הײַנט זײַנען זיי מיט א באזונדערער שארפקײַט ארויסגעקראָכן.

וואָס האָט ער ביז איצט אופגעטאָן? ווו זײַנען געבליבן די יוגנט־כאלוי־
מעס, ווען ער האָט געקלערט, אז ער וועט אײַנעמען א וועלט? ביז הײַנט
האָט ער געטאָן וואָכעדיקע ארבעטן, נאָר אין אים האָט נאָך אלץ געגליט
דער פונק פון האָפענונג, אז ס'וועט נאָך קומען זײַן געבענטשטע שאָ, זײַן
יאָמטעוו, ווען ער וועט באשאפן עפּעס־וואָס גראנדיִעזעס, אזא ווערק,
וואָס וועט טראָגן אַף זיך דעם שטעמפּל „הערמאן באנד“ און וואָס וועט
פארבלײַבן אַף דוירעס. איצט, שטייענדיק באם אָפענעם פענצטער און
ארײַנזאפּנדיק אין זיך די קילע לופט, האָט ער מיט אומראכמאָנעסדיקער

קלאָרקײַט דערזען, אַז דאָס זײַנען אַלץ טרוימען. הײַנט האָט ער פאַרענדיקט איין וואָכעדיקע, נאָמענלאָזע אַרבעט, מאָרגן וועט ער מיט זײַן קאָלעקטיוו אָנהייבן אַן אַנדער אַרבעט, אויך אַ וואָכעדיקע און אויך אַ נאָמענלאָזע, און דער יאָמטעוו פון זײַן, הערמאַן באַנדס, שאַפן וועט קיינמאָל ניט אָנקומען. אין שעפערישקײַט האָט ער שוין אַריבערגעשטיגן זײַן הויכפּונקט, דאָס לעבן גייט שוין באַרג־אַראָפּ. פון הײַנט אָן האָט ער שוין ניט וואָס צו קוקן מיט ערגײַציקער האָפענונג אויף דער צוקונפט, אים בלײַבט בלויז די שטילע באַפרידיקונג צו קוקן אויף הינטן, אויף דעם, וואָס ער האָט ביז איצט אופגעטאָן.

ער האָט פאַררייכערט אַ נײַעם סיגאַרעט, כאָטש ער האָט זיך שוין הײַנט אָנגערייכערט איבערגענוג, געבלאָזן דעם רויך אין אָפענעם פענצטער און געקוקט אויפן באַנאַכטיקן הימל. די שטערן האָבן שעלמיש געפינטלט, די לעוואָנע האָט מיט איר שפּיץ געשטאָכן ווי מיט אַ מעסער אין האַרצן...

אַזוי האָט אויסגעזען דער איבערבראָך־טאָג בײַ הערמאַן באַנדן.

2

פּײַוול וועסעליצקי איז ניט נאָר געווען זײַן בעסטער יוגנט־כאַווער, וועסעליצקיס שטוב איז געווען פאַר אים, הערשקען, דעם באָכער פון פּראָווינץ, וואָס האָט זיך געלערנט אין דער גרויסער שטאָט, קימאַט ווי אַן אייגענע. וועסעליצקיס מישפּאָכע איז באַשטאַנען פון פינף מענטשן: די עלטערן, יודקע, פּײַווקע און די מיזיניצע עסטערקע. צו יעדן פון די פינף האָט הערמאַן, דעמאָלט נאָך הערשקע, געהאַט אַ באַזונדערע באַציִונג.

צו פּײַווקעס עלטערן ברודער, צו יודקען, האָט ער זיך באַצויגן מיט אָפּשײַ און באַוווּנדערונג. יודקע איז געווען אַ „פּאָליטישער". זײַענדיק נאָך אין דער גימנאַזיע, איז ער אַרעסטירט געוואָרן און אָפּגעזעסן אַ יאָר אין טורמע. אין דער היים איז ער געווען זעלטן, און אויב ער איז יאָ געווען, איז ער אַרומגעגאַנגען אַ שווײַגנדיקער. אין די היימישע זאַכן זיך ניט אַרײַנגעמישט, און קיינער האָט ניט געוווּסט, מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך. אויף פּײַווקען און הערשקען האָט ער געקוקט ווי אַ דערוואַקסענער אויף קינדער, כאָטש ער איז געווען עלטער פון זיי בעסאַכאַקל מיט אַ פּאָר יאָר. זײַן פּול, עטוואָס געלבלעך פּאָנעם האָט צײַטנווײַז באַוועגט אַ דינער שמייכל, און הערשלען האָט זיך געדאַכט, אַז הינטער אָט דעם שמייכל ליגט אַ געהיימניספולע וועלט מיט סודעס און דרייסטע געפערלעכע טאַטן.

צו פּײַווקען, כאָטש זיי זײַנען געווען פון איין עלטער און געגאַנגען אין איין קלאַס, האָט הערשקע זיך באַצויגן ווי צו אַ ייִנגערן, ווערמען מע דאַרף צוימען, מאַדריִעך זײַן. פּײַווקע איז געווען זייער אַ פײַיִקער, נאָר געלערנט האָט ער זיך שלעכט. ער איז געווען אַ לײַכט אופלאַמענדיקער, נאָר זיך גיך אויסגעלאָשן. ער האָט זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט איידייען, פּראָיעקטן, נאָר קיינמאָל קיין זאַך ניט דערפירט צום סאָף. הערשל,

א סיסטעמאטישער און פראקטישער, האָט שטארק ליב געהאט זײַן כאווער, וואָס האָט געשוועבט אין די הימלען, און געווירקט אף אים אויסניכטערנדיק. אויב פּײַווקע האָט ווי־ניט־איז פארענדיקט די גימנאזיע, איז עס אין א גרויסער מאָס געווען אדאנק הערשקען.

צו עסטערקען האָט הערשל זיך באצויגן איראָניש און אָפּשפּאָטעריש, גערופן זי „ציגעלע”, געצופּט זי פאר די צעפּלעך און געגעבן פארשטיין אלעמען — און קוידעמקאָל זיך אליין, — אז זי איז פאר אים ניט מער ווי א שטיפעריש, ליב קעצעלע.

עכט כאוועריש און ווי צו זײַנס א גלײַכן — ווי דאָס זאָל ניט מאָדנע זײַן — האָט הערשל זיך באצויגן צו דעם פאָטער פון דער מישפּאָכע. איציק איז געווען אן אײַנבינדער, געהאלטן א ווארשטאטל מיט א פּאָר לערנײַנגלעך, און די ביכער, וואָס זײַנען דורכגעגאנגען דורך זײַן ווארשטאט, האָט ער מער געשלונגען, ווי געבונדן. ער איז געווען א פריילעך טמימעסדיק מענטשל מיט א לויטערער קינדערישער נעשאָמע. געווען קאָפּאבל, נאָכדעם ווי ער האָט ארײַנגעשלונגען א בוך וועגן אסטראָנאָמיע, זיך צוצוזעצן צו די קינדער און מיט א טמימעסדיקער היספּײַלעס דערציילן זיי וועגן די וואונדער פון קאָסמאָס. אָנטיילגענומען אין זייערע שפּילן, זיך געפרייט צוזאמען מיט זיי און איבערגעלעבט, ווי א גלײַכער, זייערע פריידן און פארדראָסן. פאר הערשלען איז אזא פאָטער געווען א כידעש. זײַן אייגענער טאטע איז געווען שטענדיק א פארכוישעכטער און א פארדײַגעטער אין די איניאָנים פון פּארנאָסע, און איידער הערשל האָט זיך באקאנט מיט די וועסעליצקיס, האָט ער זיך גאָרניט געקאָנט פאָרשטעלן, אז עס קאָן זײַן א טאטע פון אן אנדער מין. דעריבער איז ער געווען צוגעבונדן צו וועסעליצקין דעם פאָטער מיט זײַן גאנצער נעשאָמע.

צו דער מאמע פון דער מישפּאָכע האָט ער ביכלאל קיין באציִונג ניט געהאט. כײַע־לייע איז געווען א שטילע פרוי, א שטענדיק פארהאוועטע אין דער שטוב־ווירטשאפט.

פאר הערשלען, פריִער דעם גימנאזיסט און דערנאָך דעם סטודענט, איז וועסעליצקיס שטוב געווען זײַן צווייטע היים, וואָס איז אים אין א סאך פּראָטים געווען נעענטער, ווי די אייגענע.

ער האָט ליב געהאט צו צייכענען עסטערקען. דאָס איז אים אָנגעקומען ניט לײַכט. עסטערקע איז געווען הוילער אימפּעט און באוועגונג. קעדיי ריכטיק אָפּצושפּיגלען איר נאטור, האָט מען געדארפט ווײַזן איר דינמיידלשע פיגור אין א ספּאָנטאנער באוועגונג, ווען זי גרייט זיך צו טאָן עפּעס אומגעריכטס, עפּעס אזוינס, וואָס וועט ארײַנווארפן אין פארוווּנדערונג אלע ארומיקע און זי עפּשער מער פון אלעמען. דאָס איז געווען שווער, אָבער נאָך שווערער איז געווען, ווען ער האָט זי געמאָלט אין גרויסן פלאַן, בלויז דעם קאָפּ. עסטערקע האָט געהאט א קליין פּענעמל מיט ניט־אויסדריקלעכע געזיכט־שטריכן. דאָס פּענעמל וואָלט זיך מיט גאָרניט אויסגעטיילט, ווען ניט אירע גרויסע שווארצע אויגן: זיי האָבן געגלאנצט, געלויכטן, באהויכט דאָס פּאָנעם מיט אן אינווייניקסטער שײַן. אָט די

שטראַלנדיקע שײַן האָט זיך ניט אונטערגעגעבן הערמאַנען, און ער האָט זיך געבייזערט:

— ציג, דו קוק ניט אױף מיר מיט אַזעלכע קעלבערנע אױגן. קוק פּאַשעט, נאַטירלעך...

נאָר דאַפקע דאָס האָט עסטערקע ניט געקאָנט טאָן — זי האָט געקוקט אױף אים מיט פאַרליבטע אױגן.

זי האָט גרענעצלאָז געגלייבט אין אים, אין זײַנע פייִקײַטן, אין זײַן טאַלאַנט, געגלייבט, אַז ער וועט ווערן אַ קינסטלער, וועט אײַנעמען די וועלט. אין די גאָר יונגע יאָרן האָט הערשל אויך געגלייבט אין דעם. ער האָט געהאַט אַ באַדערפעניש צו צייכענען, געפילט אין זיך דעם גאָט־געגעבענעם טאַלאַנט מאָלער. דער צייכן־לערער אין דער גימנאַזיע האָט געהאַלטן, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ באַגאַבטן שילער ניט געהאַט, די באַקאַנטע האָבן אים אויך באַטראַכט אַלס צוקינפטיקן קינסטלער. פאַר זײַנע אויגן האָט געשוועבט אַ מאַנסאַרדע ערגעץ־ווו אין פּאַריזש, ער, אַ הונגעריקער אומבאַקאַנטער קינסטלער, שאַפט ווערק פון אַ צויבער־קראַפט, און אָט פּראַלן זיך פאַר אים אויף די טויערן פון באַרימטקײַט, ער האָט אַן אויס־שטעלונג, וועגן אים שרײַבן די צײַטונגען, אַנשטאָט דער מאַנסאַרדע איז שוין דאָ אַן אַטעליע, אין וועלכער עס קומען קונסט־קריטיקער, צײַטונגס־מענטשן, מעווינים און... מעצענאַטן. אין יענער צײַט האָט ער עס פאַרביטן דעם הערשל אױף הערמאַנען. הערמאַן באַנד — דאָס קלינגט.

ווען ער האָט געענדיקט די גימנאַזיע און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים צו זיך אין שטעטל, איז ער נאָך געווען באַהערשט פון די כאַלוימעס. נאָר אַז ער איז אַ פּאָר כאָדאָשים שפּעטער געקומען צוריק אין שטאָט, האָט ער — צו אַלעמענס פאַרווּנדערונג און עפּשער אױף צולאָכעס זיך אַליין — אָנגעגעבן די פּאַפּירן אָפּן אַרכיטעקטור־פאַקולטעט. פאַר די באַקאַנטע האָט ער געהאַט אַן אויסרייד: אין ליטע איז ניטאָ קיין קונסט־אַקאַדעמיע און אַרכי־טעקטור איז אויך קונסט. אױף אים האָבן געדריקט דווירעס ליטוואַקעס, קאַלטע ניכטערע ייִדן, פאַר וועמען טאַכלעס איז אַ גאָט. די צוויי כאָדאָשים אין דער היים, די אומראַכמאָנעסדיק־שטרענגע געשפּרעכן מיט טאַטע־מאַמע, מיט די פעטערס און מומעס האָבן אים אײַנגעבראָכן.

ווען ער איז צום ערשטן מאָל נאָך זײַן אָנקומען אָפּן אַרכיטעקטור־פאַ־קולטעט אַרײַן צו די וועסעליצקיס, האָט ער זיך געסטאַרעט צו האַלטן זאָרגלאָז און פרייליך. מע האָט אים באַגריסט, געווונטשן דערפאָלגן. ער האָט געשמייכלט, געדאַנקט, נאָר אַז ער האָט זיך אָנגעשטויסן אױף עסטער־קעס בליק, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן. עסטערקע האָט פאַרשטאַנען זײַן עמעסע שטימונג.

— הערשעלע, — האָט זי געזאָגט צו אים, ווען דער ערשטער טומל פון דער באַגעגעניש איז פאַרבײַ, — הערשעלע, ווען מיר וואָלטן געלעבט אין ראַטנפאַרבאַנד...

— ווען... ווען... — האָט ער זי איבערגעריסן מיט אַ ביטערן אָפּשפּאָטנ־דיקן טאָן.

עסטערקע איז אַ פאַרשעמטע אַנשוויגן געוואָרן, קוקנדיק אױף אים מיט טרויעריקע ליבנדיקע אויגן.

איצטער איז ער שוין זעלטענער געקומען צו די וועסעליצקיס, און אַז ער פלעגט קומען, האָט זיך זײַן האַנט ניט געצויגן צום בלײַער און פּאַפּיר. ער האָט זיך געהאַלטן סטאַטעטשנער, סאָלידער, און דאָס האָט אַרויסגערופן אָפּשײַ. דער פאָטער פון דער מישפּאָכע האָט זיך שוין אויך געהאַלטן פון אים אָף אַ געוויסער דיסטאַנץ, און די באַציִונגען מיט פּײַוולען זײַנען אויך געוואָרן קילבלעכער.

אויב ער איז איצטער נאָך געקומען צו די וועסעליצקיס, איז עס געווען מער צוליב עסטערקען. ער האָט מיט דערשטוינונג דערזען, אַז זי איז אויסגעוואַקסן, איר דינע פיגור האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַ פולבלעכקײַט, זי איז געוואָרן רײַפער, פרויִשער. דער איראָניש־אָפּשפּאָטערישער טאָן לעגאַבע איר האָט זיך אים איצטער שווערער געגעבן.

— עסטערקע, זע, דו ביסט דאָך געוואָרן אויס ציגעלע, דו ביסט דאָך שוין אַ גאַנצע ציג...

עסטערקע האָט שטאַרק איבערגעלעבט, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן אַ קינסטלער. דאָס געשטאַלט פון דעם קינסטלער, וואָס לעבט אין אַ מאַנסאַרדע, הונגערט און שאַפט, איז איר געווען ליבער, איידער דאָס געשטאַלט פונעם זאַטן סאָלידן אַרכיטעקטאָר, וואָס זיצט אין זײַן ווילאײַנגעאָרדנטער אַטעליע און אָרודעוועט מיט דער רייסשינע און צירקל. נאָר אַלציינס האָט זי געגלייבט אין אים, געליבט אים, און אין אירע דרייסטסטע וויזיעס האָט זי געזען, ווי זי ברענגט פאַר אים קאָרבאָנעס, כּדי ער זאָל דערגרייכן זײַנע געהויבענע צילן. אין איר גרייטקײַט צו קאָרבאָנעס איז זי ענלעך געווען אָף איר עלטערן ברודער יודקע, וועלכער איז איצט שוין צום צווייטן מאָל געזעסן.

הערמאַן האָט מיט איר פאַרפירט איצט ערנסטע שמועסן, פאַרטרויט איר זײַנע ערגײַציקע פלענער. שוין אויפן ערשטן קורס איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ גראַנדיִעזער אידיי: ער וועט רעקאָנסטרויִרן אויפן פּאַפּיר דעם בייס־האַמיקדעש! עסטערקע איז אָנגעצונדן געוואָרן פון דער אידיי.

— הערשקע, דאָס איז געניִאַל! איך וועל טאָן אַלץ, וואָס דו דאַרפסט! איך וועל מיט דיר גייִן אין עק וועלט!

הערמאַן האָט זי באַרויִקט: אין עק וועלט דאַרף זי ניט גייִן. נאָר אויב זי וויל אים העלפן, זאָל זי אויסזוכן פאַר אים די אַלע אָנגאַבן, וואָס זײַנען נעגייע דעם היסטאָרישן ייִדישן טעמפּל. זי האָט זיך פלײַסיק גענומען צו דער אַרבעט, גענישטערט אין די ביבליאָטעקן, געלייענט די ביכער פון די אַלטע היסטאָריקער און אײַנגיכן אים צוגעשטעלט די אַלע נייטיקע טעכנישע געגעבענע.

הערמאַן האָט זיך מיט ברען גענומען צו דער אַרבעט. נאָר איידער ער האָט זי נאָך פאַרענדיקט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ פּוסטע זאַך. דער אַלטער היסטאָרישער בייס־האַמיקדעש מיט זײַן פּאָרטאַל, מיט זײַנע קאָלאָנעס און גראָבע ווענט האָט אויסגעזען אומגעלומפּערט און לעכערלעך קליין. צו די אַנטיקע גריכישע טעמפּלען קומט ער ניט, און אויב רעדן פון הײַנטצײַטיקן שטאַנדפּונקט, איז ער אַפילע פאַר אַ קינאָ פון אַ

ראַיאָנעם שטעטל צו קלײן און מיזערנע. מיט אזא ארבעט וועט ער די וועלט ניט פארוואונדערן.

דעם דורכפאַל האָבן זיי ביידע שטיל איבערגעלעבט. זי איז באַשטאַנען, ער זאָל זיך פּאַרשרײַבן אַף אָוונט־קורסן פון מאָלערײַ. ער האָט זיך פאַר־שריבן. אייניקע כאַדאָשים געגאַנגען אַף די קורסן און שפּעטער פארשטאַ־נען, אַז פון דעם וועט קיין זאַך ניט אַרויסקומען. מאַדאַם קונסט איז אַן אייפערזיכטיקע פרוי, זי פאָדערט דעם מענטשן אינגאַנצן, מיט אַ טייל פון אים באַפרידיקט זי זיך ניט.

פון יענער צײַט האָט זיך הערמאַנען פּאַרגעדענקט אַן אָוונט־שפּאַציר מיט עסטערקען. ס׳איז געווען שפּעט־האַרבסט, ס׳האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט, עסטערקע האָט געפראָרן אין איר דינן מאַנטעלע און זיך געטוליעט צו אים. זיי זײַנען אַרויס צום ברעג ניעמאַן, דאָרט, ווו עס פאַלט אַרײַן אין אים די ווילע. אַמאָל איז דאָ געשטאַנען אַ שטאָלצער שלאָס, הײַנט זײַנען דאָ בלויז רוינען. זיי האָבן גערעדט וועגן דער פאַרגאַנגענהײַט, וועגן די מעכטיקע לײַדנשאַפטן, וואָס האָבן דאָ אַמאָל געבושעוועט און — אָפּגע־בושעוועט. די לעוואָנע האָט שוואַך באַלויכטן אָט די שפּליטערס פון דער פאַרגאַנגענהײַט און בלאַס אויסגעטיילט עסטערקעס פּאָנעם מיט אירע גרויסע אויגן. הערמאַנען איז באַפאַלן אַ טרויעריק־פילאָסאָפישע שטימונג: אַלץ פאַרגייט, און אָט די שטימונג האָט מערקווירדיק אים נאָך מער דער־נעענטערט צום מיידל, וואָס האָט זיך געטוליעט צו אים. זיי זײַנען אַרויס אַפן ברעג. די לעוואָנע האָט אָנגעצייכנט אַ ציטעריק־זילבערנעם פּאַס אַף דעם אָרט, ווו די ביידע טײַכן גיסן זיך צוזאַמען.

— אָט דאָס אָרט האָט קולבאַק פאַרייביקט אין זײַן ליד. געדענקסט, עסטערקע? — און מיטן פּאָנעם צו די שוואַרצע וואַסערן האָט ער אָפּגעדע־קלאַמירט:

בײַס די לעוואָנע צעשפּרייט זיך אין לאַנד, ווי אַ זילבערנער רעגן,
דאַן הייבט זיך אַ שטײַפע געשטאַלט פון אַ ליטווין אַרויס פון דעם ניעמאַן
און ס׳שווימט ניט געהערט פון ווילע אַ טונקעלע פרוי אים אַנטקעגן,
צעוואָרפן די לאָקן די נאַסע, מיט לאַנגע און גרינלעכע ברעמען.
באַווײַזט זיך איר גליטשיקער קערפּער אַרויס פון די כוואַליעס...
עס בייגט זיך אַריבער דער ניעמאַן און נעמט זי אַרומעט,
און טוט איר אַ קוש אין די אויגן, וואָס לײַכטן פון אומעט,
און נעמט זי אַראָפּ אַפן גרונט אין די בלויע קרישטאָלענע סאַליעס...

— אַ וווּנדערבאַר בילד, ניט עמעס? מע וואָלט עס געקאָנט אַריבער־טראָגן אַפן לײַוונט: קולבאַקס אידיי און די פאַרבן עכט טשורליאָנישע, גרינלעכע, בלויע, צעשוווּמענע...

— טאָ מאַך עס, מאַך עס! — אירע גרויסע אויגן האָבן אין אַ האָפּע־נונגספולער דערוואַרטונג געקוקט אַף זײַן באַגײַסטערט פּאָנעם.

— און ווייסטו, וואָס פאַר אַ געזיכט איך וואָלט געגעבן דעם מיידל? דײַנס, עסטערקע, דײַנס! דײַן עקזאַלטירט פּאָנעם, דײַנע פאַרבענקטע אויגן...

עסטערקע איז געשטאַנען א פּאַרכאַפּטע פון א זיסער מאַטערניש, נאָר אין דעם זעלבן אויגנבליק איז שוין הערמאַנס בליק געוואָרן ניכטער. ער האָט מיט א וואָכעדיקער שטים צוגעגעבן:

— נאָר אָט די שוואַרצע האָר דײַנע טויגן ניט צום בילד. איך וואָלט זיי געמאַכט בלאָנד...

. . . .

מיט יאָרן שפּעטער האָט הערמאַן פאַרשטאַנען, אַז יענער אָוונט איז געווען גורלדיק פאַר אים. וואָלט ער דאַן אָפּגערופן זיך אָף עסטערקעס אימפּעט און געעפנט פאַר איר זײַן האַרץ, וואָלט זײַן גאַנץ ווײַטערדיק לעבן געווען אַנדערש... נאָר דעמלט, ווען ער האָט עס פאַרשטאַנען, איז שוין געווען שפּעט. די מילכאָמע האָט אָפּגעבושעוועט, עסטערקע, ווי אויך אירע עלטערן צוזאַמען מיט נאָך טויזנטער און טויזנטער מענטשן, זײַנען געלעגן אין ריוו פונעם נײַנטן פאָרט. דאָס כאַרעווע לאַנד האָט געפּאָדערט ווינהײַזער, די בויונג איז אַריבער אָף דעם אינדוסטריעלן אויפן: גאַנצע ווענט, אָפּטמאָל אויך גאַנצע טיילן פון דער געבײַדע, זײַנען אויסגעפּאַר־טיקט געוואָרן אָף די זאַוואָדן, די בויערס איז געבליבן מער ניט ווי זיי צו מאָנטירן. דאָס האָט געשאַפן ריזיקע מעגלעכקײַטן, אָבער געצוימט די פאַנטאַזיע פונעם אַרכיטעקטאָר. די אַרכיטעקטאָרן האָבן געזידלט די אינ־דוסטריאַליזאַציע און געשאַפן, געזידלט און געבויט נײַע און נײַע קוואַר־טאַלן.

3

אויפן אַנדערן טאָג נאָך דער זיצונג פונעם טעכנישן ראַט איז הערמאַן באַנד, ווי שטענדיק, געקומען אָף זײַן אַרבעט. דער גרויסער צימער האָט שוין ווידער אַן אויסזען, ווי געוויינלעך, די טישן זײַנען געשטאַנען אָף זייערע ערטער, און די מיידלעך, וואָס האָבן נעכטן געקאָמאַנדעוועט, זײַ־נען געזעסן שטילינקע און באַשיידענע אָף זייערע אַרבעטס־ערטער. ס'האָט זיך אָנגעהויבן א נײַער וואָכעדיקער אַרבעטס־טאָג.

הערמאַן איז אַרײַן אין זײַן צימער, זיך אָוועקגעזעצט באַם שרײַבטיש און זיך פאַרטראַכט. דאַן האָט ער אָנגעקלונגען אין דער רעדאַקציע און געבעטן צום טעלעפאָן פּאַוועל איסאַקאָוויטשן.

— פּײַוול, דאָס ביסטו? נו, ווי גייט עס?

— אויסגעצייכנט, הערמאַן, אויסגעצייכנט...

— דו האָסט שוין אָנגעהויבן דעם אינטערוויו?

— וואָס אָנגעהויבן,— האָט ער דערהערט פּײַוולס שטים,— כ'ענדיק שוין! אַן אויסגעצייכנטער אינטערוויו! וועסט לעקן די פינגער.

— האַלט אָפּ. מיר'ן איצט צופאָרן אָף איינעם אַן אָרט.

— וואָס צופאָרן? וווהין? אַז איך האַלט שוין באַם ענדיקן...

— מע דאַרף צופאָרן!— הערמאַנס שטים האָט געקלונגען באַפעלע־ריש, ווי אַמאָל אין די גימנאַזיסטישע יאָרן. — מיר וועלן ערשט צו־פאָרן, און דאַן וועסטו פאַרענדיקן.

אין א האלבער שאָ ארום איז שוין הערמאַנס מאַשין געפֿאָרן אין עק שטאָט, דאָרט, וווּ עס בויען זיך נײַע הײַזער. אַפֿן וועג האָט הערמאַן דערציילט פּײַוולען, אַז נעכטן האָט מען אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג פאַרטיילט דרײַ הונדערט זעכציק אָרדערס אַף צוויי הײַזער, וואָס זײַנען אָקאָרשט פאַרענדיקט געוואָרן. הײַנט וועלן די גליקלעכע באַזיצער פֿון די אָרדערס זיך אַרײַנציִען אין זייערע נײַע דירעס. פּײַוול דאַרף עס צוזען, עס וועט אים צוניץ קומען פאַר זײַן שרײַבן.

— וואָס האָט עס צום אינטערוויו? — האָט פּײַוול אומצופרידן גע־בורטשעט.

— עס האָט! — האָט הערמאַן קורץ אָפּגעשניטן און ווײַטער געפֿירט די מאַשין.

פונדערווײַטנס האָבן זיך שוין געזען די הייבקראַנען. זייערע אַזשורנע סקעלעטן האָבן זיך שאַרף אויסגעטיילט אַפֿן פאָן פון דעם העל־בלויען הימל.

אַפֿן בוי־פּלאַץ איז געווען לעבעדיק. לאַסט־אויטאָס זײַנען געלאָפֿן הין און צוריק. שווערע מאַשינעס מיט בעטאָנענע איינצל־טיילן זײַנען מאַיעסטעטיש געשוווּמען צו די האַלב־פאַרטיקע קאָרפּוסן. קראַנען האָבן געהויבן גאַנצע ווענט, און די פענצטער־ראַמען אַף זיי האָבן אויסגעזען מאָדנע אומנאַטירלעך: ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי בענקען נאָך דער שאָ, ווען זיי וועלן שוין שטיין אַף זייער אָרט, אָנגעגלאָזטע און באַפּוצטע מיט געמיטלעכע גאַרדינען.

הערמאַן באַנד איז אַרײַן אין איין האַלב־פאַרטיק הויז, אין אַ צווייט. די אַרבעטער האָבן אים באַגלייט מיט אָפּשײַ־בליקן. צו אים איז טיי־קעף צוגעגאַנגען דער בריגאַדיר. זיי זײַנען געגאַנגען פון איין עטאַזש צום צווייטן, הערמאַן האָט מײַסע אויטאָר פונעם פּראָיעקט געמאַכט באַמערקונגען, געגעבן אָנווײַזונגען. פּײַוול איז נאָכגעגאַנגען נאָך זיי אַ פאַרכמורעטער: אים האָט נאָך אַלץ באַנק געטאָן, וואָס מ'האָט אים אָפּגע־ריסן פון זײַן אַרבעט.

שפּעטער זײַנען זיי אַרויס פון די זיך בויענדיקע קאָרפּוסן און אַוועק צו די פאַרטיקע. דער בריגאַדיר האָט אים געוואָלט באַגלייטן, נאָר באַנד האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: מע דאַרף ניט.

די צוויי פאַרטיקע הײַזער זײַנען געשטאַנען אין זייער שפּאָגל־נײַער אומבאַפלעקטער פּראַכט, ווי שעמעוודיקע קאַלעס, וואָס וואַרטן אַף זייערע כאַסאַנים. אַרום זיי האָט זיך געקאָכט. לאַסט־מאַשינעס מיט אָנגעלאָדענע איבער די באָרטן בעבעכעס זײַנען אומופהערלעך צוגעפאָרן. אַרום האָבן געטומלט מענטשן, פריידיק־אופגערודערטע און גליקלעך־פאַרשמײַע־טע.

אַן אַלטיטשקע איז געשטאַנען אַפֿן טראָטואַר לעבן איר גראָב־בײַכיקן אַלמער און הילפלאָז געמורמלט: „אַז ער וועט גאָרניט דורכגיין דורך דער טיר..." אַן אַרבעטער האָט זי געטרייסט: „ניט געדײַגעט, באָבעשי, ער וועט דורכגיין, מע דאַרף אים נאָר באַנעצן" — שעלמיש צוגעפּינטלט מיטן אויג. איין מישפּאָכע, וואָס איז באַשטאַנען פון לויטער יונגע, האָט שווײַגנ־דיק געאַרבעט און מיט אַזאַ געשווינדקײַט געשלעפּט די זאַכן אַף אַרוף,

ווי זיי וואָלטן מוירע געהאַט, עמעצער זאָל ניט פאַרכאַפּן זייער דירע. אַ קליין מיידעלע מיט אַ פּליושענעם בער, צוגעדריקט צום בויך, האָט וואַזשנע געשפּרײַזט איבער די טרעפּ, זיך געפּלאָנטערט אַלעמען אונטער די פיס. אויף די טרעפּ האָט מען זיך געטראָפן, צוזאַמענגעשטויסן, העפלעך זיך אַנטשולדיקט און ניט געבעטענערהייט געהאָלפן איינער דעם אַנדערן. ס׳האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען: „ווער איר, הייסט עס, זײַן אונדזערע שכיינים! נו, לאָמיר זיך באַקענען!” מע האָט געדריקט איינער דעם אַנדערן די הענט און שיר ניט געפאַלן אויפן האַלדז זיך קושן.

הערמאַן און פּײַוול זײַנען געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צו דעם פריידיקן האַרמידער. הערמאַן האָט דערפילט, ווי זײַן האַרץ טײַעט ביסלעכווײַז אויף פון די נעכטיקע בייזע געדאַנקען. פּײַוולס אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט, זײַן געזיכט איז געוואָרן אָנגעשטרענגט, און דאָס האָט באַטײַט, אַז אין אים אַרבעט אַ געדאַנק, וואָס וועט זיך שפּעטער אויסגיסן אויפן פּאַפּיר.

איינער אַ מאַנצבל האָט דערקענט הערמאַנען.

— כאַווער אַרכיטעקטאָר, קומט אַרויף צו מיר. זעט, ווי מיר אָרדענען זיך אײַן.

ער איז אַרופגעגאַנגען, טוענדיק אַ ווונק פּײַוולען, ער זאָל נאָכפאָלגן. די דירע איז געווען אויפן זעכסטן, פינפטן עטאַזש. דער מאַנצבל האָט געסאָפּעט, נאָר אין זײַן פאַרהאַוועטקײַט ניט געלייגט קיין אַכט דערויף. ער האָט פיבערהאַפט אָנגעהויבן צו דערקלערן, ווי זיי וועלן פאַנאַנדערשטעלן דאָס מעבל, ווו זיי וועלן אויפהענגען די בילדער. ער האָט אַפילע געכאַפּט אַ בילד, וואָס איז געשטאַנען אויפן דיל, און אָנגעמאָסטן עס אויף דער וואַנט. „גוט, כאַווער אַרכיטעקטאָר?”. הערמאַן האָט אויסגעהערט, אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג. מיט אומהערבאַרע טריט איז פון ערגעץ אַרויס אַ פרוי, זי האָט מיט אַ שמייכל זיך צוגעקוקט צו די מאַנצבלען.

די ידיעה, אַז דאָ איז פאַראַן דער אַרכיטעקטאָר, וואָס האָט פּראָיעקטירט דאָס הויז, האָט זיך גיך פאַרשפּרייט. מע האָט אים גערופן אין די דירעס, געוויזן, געפרעגט אייצעס, געהאַט טײַנעס. הערמאַן אין דער באַגלייטונג פון פּײַוולען (ווערמען מ׳האָט אויך אָנגענומען פאַר אַן אַרכיטעקטאָר) איז געגאַנגען פון איין דירע אין דער אַנדערער. אין די האַלב־פּוסטע, הילכיקע צימערן האָט געשמעקט מיט קאַלך, מיט פאַרב, מיט פריש געהובלטע ברעטער. אומעטום האָט געהערשט דער אורשפּרינגלעכער טויהו־וואָוויהו, נאָר די פאַרשוויצטע פּענעמער האָבן געשײַנט: פון דער אומאָרדענונג וועט שפּעטער געשאַפן ווערן די וווינונגס־געמיטלעכקײַט. הערמאַן האָט געגעבן אייצעס, דערקלערט, ווי מע דאַרף אויסנוצן יעדעס ווינקל.

ס׳זײַנען געווען אויך טײַנעס. איינע אַ פרוי האָט אַרײַנגעשלעפּט הערמאַנען אין קיך און געטײַנעט, אַז דאָס מעבל, וואָס זי האָט געבראַכט, שטעלט זיך ניט אויס. הערמאַן האָט דערווידערט: דאָס קיך־מעבל, וואָס זי האָט געבראַכט פון דער אַלטער דירע, טויג ניט פאַר דער נײַער, מע דאַרף זיך אײַנשאַפן נײַ מעבל, וואָס איז אַ סאַך באַקוועמער און שרײַבט זיך אײַן אויסגעצייכנט אין די גאַבאַריטן. אין האַרצן האָט ער דערבײַ אַ טראַכט געטאָן, אַז די קיך וואָלט מען באַדאַרפט מאַכן טאַקע אַ קאַפּעטשקע

גרעסער. די געגעבענע גאבאריטן פון דער דירע טאָר ער ניט איבער־שטײַגן, נאָר אויב מע זאָל א קאפעטשקע א רוק טאָן די וואנט, קאָן מען אפן כעזשבן פונעם גרויסן צימער פארגרעסערן א ביסל די קיך.

אין איינער א דירע, ווּהין מע האָט אים ארײַנגערופן, האָט ער דער־זען א בײַכיקן קאָמאָד און א הויכן געשניצטן בופעט, וואָס זײַנען געווען אין שרײַענדיקער סטירע צו די נײַע העל־גרינע ווענט מיט דער נידעריי־קער סטעליע. ער האָט שטיל באמערקט, אז זיי פאסן ווייניק צו א הײַנ־טיקן אינטעריער.

— הא, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? וואָס האָב איך געזאָגט? — איז דער מאַן אָנגעפאלן אף דער פרוי. — אז זי קלאַמערט זיך אלץ אין איר באָבעס זאכן... וואָס טויג מיר, אז דײַן באָבע איז געווען א שליאכטיטשקע, מיר זײַנען ארבעטער. מירן קויפן א נײַעם גארניטור. וואָסי, מיר קענען זיך עס ניט דערלויבן?

אף די טרעפּ האָט אים איבערגעכאפּט א צעהיצטע פרוי און אים ארײַנ־געשלעפּט אין איר דירע. אין גרויסן צימער איז געווען א פולשטענדיקע אומאָרדענונג. אין שלאָפצימער איז געשטאנען א נאקעט בעט, אף די פּרו־זשינעס איז געזעסן א מאנצבל און געררייכערט א ליולקע.

— איר זײַט עס דער ארכיטעקטאָר? — האָט ער אָפּגעמאָסטן הערמאנען פון קאָפּ ביז די פיס. — די דירע טויג אף קאפּאָרעס. אין א מאָדערנע די־רע דארפן זײַן אײַנגעמויערטע שאפעס. פארשפּאָרט מען צו שטעלן אל־מערס, און דער צימער זעט אויס גרעסער.

— און אז ניט? אז ניט? — איז אָנגעפאלן אף אים די פרוי. — אז ניט, דארפסטו זיצן אפן בעט מיט פארלייגטע הענט און פּיפּקענען דײַן ליולקע?! אז איך קען שוין ניט אויסהאלטן פון אים, — האָט זי זיך געווענדט צו הערמאנען, — מאָרגן וועל איך אופהענגען א גארדין, און איבערמאָרגן וועט זי שוין שווארץ זײַן פון רויך!

הערמאן האָט געעפנט די באלקאָן־טיר און איז ארויס אפן זוניקן באל־קאָן.

— אָט דאָ איז א פּאסיק אָרט אף צו רייכערן די ליולקע. און וואָס שײַעך אײַער באמערקונג וועגן אײַנגעמויערטע שאפעס, זײַט איר טייל־ווײַז גערעכט. מיר וועלן עס נעמען אין אכט.

דער מאנצבל האָט זיך אופגעהויבן — ער איז געווען א גרויסער און מעגושעמדיקער. ער איז ארויס אפן באלקאָן און אויסגעטרייסלט זײַן ליולקע. איצט האָט ער פרײַנטלעכער א קוק געטאָן אף הערמאנען. קענ־טיק, אז נאָכן ארײַנזאָגן דעם ארכיטעקטאָר איז אים לײַכטער גע־וואָרן אפן הארצן. ער איז שוין גרייט געווען זיך צו פארנעמען מיט זײַן מעבל.

ס׳איז שוין געווען גאנץ שפּעטלעך, ווען זיי האָבן פארלאָזט די הײַ־זער. גייענדיק צו דער מאשין, האָט הערמאן געזאָגט:

— נו, איצטער האָסטו געזען, דערפילט, אז מע דארף שרײַבן ניט קיין אינטערוויו? מע דארף שרײַבן וועגן די מענטשן, וועגן זייער פרייד, זייע־

רע איבערלעבונגען, זייערע טײַנעס... די טײַנעס זײַנען עפּשער דער אי־קער. פון זיי לערנען מיר זיך.

— אָבער דער פּראָיעקט, וואָס איז נעכטן באַשטעטיקט געוואָרן, איז דאָך אויך צוקינפטיקע פרייד, צוקינפטיקע איבערלעבונגען...

— וועסטו טאַקע וועגן דעם שרײַבן אין דער צוקונפט. נאָר אָן אינ־טערוויו... דאָס דאַרף מען ניט.

זיי האָבן שווײַגנדיק זיך געזעצט אין דער מאַשין. פּיַוולס פּאָנעם איז געווען אָנגעשטרענגט. פאַר זײַנע אויגן האָבן געשוועבט די בילדלעך און סצענעס, וואָס ער האָט אָקאָרשט געזען, און אין קאָפּ האָבן געריַיפט נײַע געדאַנקען פאַרן נײַעם אַרטיקל.

הערמאַן באַנד האָט געפירט די מאַשין און זיך אויסגעטײַנעט מיט זיך אַליין. „אַלטער טערעך, וואָס דו ביסט! אין דעם טאָג, ווען דער מענטש דערשפּירט, אַז די שאָ פון דער שקיִע קומט אָן, דאַרף ער דען זוכן די גאָלדענע אויסיִעס, מיט וועלכע זײַן נאָמען איז אויסגעקריצט אויף אַ מירמל־נעם טאָוול? האָסט ערלעך געאַרבעט, פאַרשאַפן פרייד מענטשן און עפּעס וואָס איבערגעלאָזט אויף דער ערד, וואָס דו האָסט באַטראַכטן... איז וואָס דאַרפסטו נאָך?״

די רײַזע קיין האמבורג

1

דער לופט־לײַנער װלאַדיװאָסטאָק — קאָפּענהאגען האָט געהאלטן אין פֿארשפּעטיקן אף צװײ שאָ. אזױ האָט מען געמאָלדן אפֿן מאָסקװער אעראָדראָם, און דאָס האָט ארױסגערופֿן בא ליובען איבעריקן אומרו. זי האָט זיך שױן אזױ אױך נערװירט, און דאָ נאָך די פֿארשפּעטיקונג, װאָס קאָן ארױסרופֿן נײַע קאָמפּליקאציעס. צי װעט מען אף איר װארטן אין קאָפּענהאגען? צי װעט זי ניט דארפֿן דאָרט נעכטיקן, װײַל דער אעראָפּלאן אף האמבורג װעט שױן זײַן אָפּגעגאנגען? און אױב יאָ, איז װוּ װעט זי דאָרט נעכטיקן? און, לעצטנס, צי װעט זי ניט פֿארשפּעטיקן אפֿן פּראָצעס, װאָס דארף זיך מאָרגן אָנהײבן און װוּ זי װעט זײַן דער ערשטער אײדעס (דאָס האָט מען איר געזאָגט)?

דער אעראָװאָקזאל האָט דערװײַל געלעבט מיט זײַן געװײנלעכן לעבן, א פּולבלוטיק־אינטענסיװ לעבן פֿון אן אעראָװאָקזאל אין אײנעם פֿון די גרעסטע װעלט־צענטרען. אעראָפּלאנען זײַנען געקומען, אעראָפּלאנען זײַנען אװעקגעפֿלױגן. דער הױכרײדער האָט געהאלטן אין אײן אָנרופֿן שטעט און ריכטונגען. אָט האָט מען אױסגערופֿן א שטאָט, װוּהין דער אעראָפּלאן פֿליט אָפּ, און מענטשן האָבן זיך א כאַפּ געטאָן, אײַליק זיך געזעגנט מיט זײערע באגלײטער, געקושט זיך און געשפּרײַזט צום פֿלי־פֿעלד, װארפֿנדיק א לעצטן שמײכלענדיקן בליק אף די באגלײטער. טײקעף נאָך דעם האָט שױן דער הױכרײדער געמאָלדן װעגן אן אָנגעקומענעם אעראָפּלאן, און אָט גײט שױן א הײַפֿל מענטשן איבערן פֿלי־פֿעלד צום װאָקזאל. זײ בלישטערן מיט די אױגן, אנדערע ניט־זיכער און שרעקעװדיק: זײ װײסן ניט, װי די הױפּטשטאָט װעט זײ אױפֿנעמען. אנדערע זיכערע און צופֿרידענע: זײ קערן זיך אום אין זײערע הײמען. אָט גײט א יונגע פֿרױ מיט א לײַכטן סאקװאָיאזשל אין האנט. אירע אױגן בליצן, די באקן צינדן זיך צונטער־רױט אָן — זי האָט דערזען דעם, װאָס װארט אף איר. יענער לױפֿט איר אנטקעגן, און אָט װערן זײ פֿארגליװערט אין א דױערנדיקן קוש. װער זײַנען זײ? א יונג פּאָרל, װאָס האָט געמוזט אף ניט־לאנג זיך צעשײדן צוליב עפּעס א קאָמאנדירונג אָדער א פֿאמיליען־אָנגעלעגנהײַט? א כאָסן, װאָס האָט זיך אױסגעבענקט נאָך זײַן קאלע?

ליובע האָט פֿארמאָגט א רײַכע פֿאנטאזיע, זי האָט ליב געהאט אין אזױנע פֿאלן זיך צו פֿארטראכטן איבערן גורל פֿון די מענטשן, פּרוּװן טרעפֿן זײער בארוף, זײער פֿארבינדונג אײנס מיטן אנדערן. אָפֿט האָט זי

געהאט די מעגלעכקייט געווירע צו ווערן, צי זי האָט ריכטיק געטראָפן. נאָר סאָפקאָלסאָף איז געווען אלציינס, צי געטראָפן, צי ניט — אבי די פאַנטאזיע שפּינט פאַרביקע געוועבן.

אָבער איצטער איז די שפּיל ניט אָנגעגאַנגען — זי איז געווען צופיל אָנגעשטרענגט. ניין, בעסער אַרײַנגיין אין וואָקזאַל, זיך אײַנמאָסטענען אין ווייכן פאָטעל און רויק אָפּוואַרטן די צוויי שאָ. נאָר אַרײַנגייענדיק אין וואָקזאַל, האָט זי פאָרט ניט אויסגעהאלטן, צוגעגאַנגען צום פענצטערל פון אינפאָרמאַציע און זיך נאָכאַמאָל נאָכגעפרעגט. דאָס מיידל פון דער אינפאָרמאַציע האָט איר זאכלעך און געדולדיק דערקלערט: דער לײַנער פאַרשפּעטיקט אף צוויי שאָ. זאָל די פּאַסאַזשירקע זײַן רויק און געדולדיק איבערוואַרטן די צוויי שאָ. ס'איז ניט שרעקלעך.

ניין, ס'איז יאָ שרעקלעך. ווי נאָר זי האָט זיך אײַנגעניורעט אין ווייכן פאָטעל, האָבן אין איר מויעך אָנגעהויבן אופצוטויכן די שרעקלעכע בילדער פונעם לאַנג פאַרגאַנגענעם אָוואַר. אָט שווימט אוף פאַר אירע אויגן די פיגור פונעם גאָליִיטער, „דער לאַנגער מאַלעכהאַמאָוועס" האָט מען אים גערופן. ער שפּרײַזט מיט זײַנע לאַנגע, זיך ניט בייגנדיקע פיס, מיט דעם גרויסן עסעס־היטל, אַרופגערוקט אף דעם קליינעם שמאָלן קאָפּ אַזוי, אַז פונדערווײַטן האָט זיך געדאַכט: עס גייט אַ מענטש אָן אַ קאָפּ, מער ניט מיט אַ גרויס, איימעדיק באַקאָקאַרדעט היטל. אָט שטייען אוף פאַר אירע אויגן צענדליקער פּענעמער, אייגענע און פרעמדע, באַקענטע און אומבאַקענטע, פאַרשאָטענע אין ריוו. זיי פאָדערן, זיי מאָנען, זי איז דאָך די איינציקע לעבן געבליבענע פון אַ שטאָט ייִדן. דער איינציקער איידעס.

זי האָט זיך הילפלאָז ארומגעקוקט. קיינער, קיינער פון אָט די אײַלנדיקע, זיך געזעגענענדיקע, זיך קושנדיקע מענטשן, פון די, וואָס טראָגן לײַכטע סאַקוואַיאַזשלעך אָדער שווערע קאָמאַנדירונג־פּאָרטפעלן, האָט דאָך ניט אַזאַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכע מיסיע, ווי זי. צי וועט זי זיך ספּראַווען?.. דער ווייכער פאָטעל אונטער איר ווערט האַרט, שטעכיק.

אין דעם מאָמענט האָט זי כאַראָטע געקראַגן, וואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט, דער מאַן זאָל זי באַגלייטן ביז מאָסקווע. עמעס, בא אים איז געווען אַ סעסיע, ער האָט געדאַרפט אופנעמען עקזאַמענעס בא סטודענטן. נאָר ער וואָלט געקאָנט איבערטראָגן די עקזאַמענעס אף אַ פּאָר טעג שפּעטער. ער האָט עס איר פאָרגעלייגט, נאָר זי האָט זיך שטאָלץ אָפּגעזאָגט — וואָס, זי וועט זיך ניט ספּראַווען אין מאָסקווע — נעמען אַ טאַקסי, צופאָרן ביז שערעמעטיעוואָ און זיך זעצן אין לײַנער? ווײַטער ווי ביז מאָסקווע וואָלט ער דאָך זי סײַווי ניט געקאָנט באַגלייטן.

ליובע באַמיט זיך איבערצושליסן די געדאַנקען. זי הייבט אָן צו טראַכטן וועגן מאַן. וואָס טוט ער איצטער? זיצט אין אאודיטאָריע און נעמט אוף דעם עקזאַמען בא אַ סטודענט. זי קען זײַן מאַניר. אַז אַ סטודענט ענטפערט פאַלש, וועט ער ניט אָפּלייקענען דעם ענטפער. ער וועט, פאַרבאַהאַלטנדיק דעם איראָנישן שמייכל אף די דינע ליפּן, אַנטוויקלען ווײַטער דעם סטודענטס געדאַנק. אַנטוויקלען אַזוי לאַנג, ביז דער סטודענט וועט אַליין ניט אײַנזען, אַז ער איז געקומען צו אַן אַבסורד, און אין פאַרלעגנהייט אַנשוויגן ווערן. אַזאַ איז ער אויך געווען אין אַ געזעלשאַפט. ליובע

האָט האָלט געהאַט אָט די איראָנישע מאַניר פונעם מאַן, אָבער נאָר דאַן, ווען ער האָט זי אַנגעווענדט לעגאַבע אַנדערע, ניט לעגאַבע איר.

איצט וואָלט זי מאַסקים געווען, ער זאָל א ביסל איראָניזירן איבער איר אופגעשרויפּטקייט. נאָר ער זאָל זיצן דערבײַ. אַך, ווען זי ווייסט פריִער וועגן די דאָזיקע צוויי שאָ!

זי וואַרפט באַהאַלטענערהייט א בליק אפן זייגער: נאָך גאַנצע אַנדער־האַלבן שאָ. „רויק, ליובע, רויק. דו דאַרפסט זיך באַהערשן. פּונקט ווי אַמאָל, ווי דעמאָלט, ווען דו ביסט געווען א געטאָ־קעמפּערן. ווי דעמאָלט, ווען דו ביסט געווען א פּאַרטיזאַנקע אין וואַלד און דו האָסט אין א ווינטער־נאַכט מיט א פולן רוקזאַק אופרײַס־מאַטעריאַלן אף דער פּלייצע געשלײַכט זיך צו דער אײַזנבאַן־ליניע, קעדיי זי אופצורײַסן. די אַנדערהאַלבן שאָ וועלן פאַרבײַגיין".

פון דער זײַט קוקנדיק — א מיטליאָריקע וווּקסיקע פרוי מיט אַן ענער־גיש אינטעליגענט פּאָנעם, גוט אָנגעטאָן, זיצט אין א ווייכן פאָטעל אפן אַעראָדראָם און וואַרט אף איר אַעראָפּלאַן, קעדיי צו פליִען קיין סאָטשי אָדער קרים. מאָרגן וועט זי, א זאָרגלאָזע, א סאָלידע, שפּאַצירן אין באָד־קאָסטיום איבערן פּליאַזש, מענער וועלן נאָכפּאָלגן נאָך איר מיט הייסע בליקן... קיינעם אפן אַעראָדראָם קאָן גאָרניט אײַנפאַלן, אז דאָ זיצט א פרוי מיט פאַרשטשעמעטע ציין, וואָס שטרענגט אָן איר גאַנצן קויעך אף צו זײַן מאָביליזירט, קעדיי אויסצופילן מיט ווירדע די שליכעס, וואָס הונדערטער, טויזנטער און עפּשער מיליאָנען דערמאָרדעטע האָבן איר אָנפאַרטרויט.

2

אין קאָפּענהאַגען האָט מען זי אָפּגעוואַרט.

אַן עלעגאַנטער יונגערמאַן אין א העלן קאָסטיום, וואָס איז געלעגן אף אים, ווי אויסגעגאָסן, האָט מיט זײַן גענייט אויג אויסגעטיילט זי פון אַלע פּאַסאַזשירן און, העפלעך צולייגנדיק די האַנט צו דעם הוט, געפרעגט זי, צי איז זי ניט די און די. ליובע האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. דאַן האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אין א נישקאָשעדיקן רוסיש: ער איז אַן אָנגעשטעל־טער פון דער סקאַנדינאַווישער לופט־קאָמפּאַניע. ער האָט די אופגאַבע זי צו באַזאָרגן מיט אַלדאָס נייטיקע... יאָ, דעם אַעראָפּלאַן אף האַמבורג האָט זי פאַרשפּעטיקט, מאָרגן אינדערפרי וועט זי קאָנען ווײַטער פליִען. די רעשט נאַכט וועט זי שלאָפן אינעם האָטעל פון דער קאָמפּאַניע, פאַר איר איז רעזערווירט א צימער.

— ס'איז אַן ערשטקלאַסיקער האָטעל. די מאַדאַם וועט זײַן צופרידן.

— ווען קום איך אָן אין האַמבורג?

— רעכטצײַטיק, מאַדאַם. איך בין אין קורס. דער פּראָצעס הייבט זיך מאָרגן אָן, מאַדאַם וועט אַקוראַט באַוויַזן.

ער האָט באַזאָרגט איר טשעמאָדאַנטשיקל, צוגערופן א טאַקסי.

דער נאַכטיקער קאָפּענהאַגען האָט זיך פאַר ליובען אַנטפּלעקט מיט ברייטע העל־באַלויכטענע גאַסן, וואָס האָבן אויסגעזען נאָך ברייטער, ווײַל זיי זײַנען געווען פּוסט, מיט גרויע הײַזער־מאַסיוון, וואָס האָבן זיך פאַר־

לאָרן אין דער פינצטערער הייך, מיט פינקלדיקע קאָליריקע ליכט־רעקלאַ־מעס, וואָס האָבן געפינטלט און געמאַניעט דאָס אויג פון אומעטום און מיט בונטע ליכט־פלעקן ארום די נאכט־לאָקאלן און פארוויַילונגס־ערטער.

דער האָטעל איז ווירקלעך געווען אן ערשטקלאסיקער. דער יונגער־מאַן האָט זיך צעשיידט מיט איר אין האָל, נאָכאמאָל אָנזאָגנדיק איר, אַז מאָרגן פונקט זיבן אַזייגער אינדערפרי וועט ער זי אָפּפירן פונדאַנען צום האמבורגער אעראָפּלאַן.

— מאָרגן? — האָט א שמייכל געטאָן ליובע. — דער מאָרגן איז דאָך היינט.

— יאָ, יאָ, — האָט זיך געכאַפּט דער יונגערמאַן. — אָבער עטלעכע שאָ אָפּ אויסצושלאָפן זיך האָט איר נאָך. א גוטע נאכט, מאַדאַם.

ס'איז געווען די שפּעטע שאָ אין דער נאכט, ווען פון די פאַרוויַילונגס־לאָקאלן קערן זיך אום די הוליאַקעס. מיט איר אין ליפט איז געשטאַנען א מאַנצבל מיט צעשויבערטע האָר און מוטנע אויגן. זיַינע אומרוּיִקע הענט האָבן אַלץ געזוכט צו פאַריכטן דעם שניפּס, וואָס איז בא אים פאַרפאָרן אין א זיַיט. זיַין צונג האָט געפּלאָנטערט אָף אן אומבאַקאַנטן לאָשן — ליו־בע האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס זיַינען אַנטשולדיקונגען לעגאַבע דער מאַדאַם, דאָס הייסט לעגאַבע איר. אַז זיי זיַינען ארויס פון ליפט, האָט ער זיך שטאַרק א וואַקל געטאָן, געמאַכט אן אומזיכערן טראָט און פלוצעם זיך איַינגעבויגן און אויסגעבראָכן אָף אן עקלהאַפטיקן אופן. דאָס מיידל פון האָטעל האָט גיך אָפּגעפירט ליובען אין איר צימער.

אין נומער האָט ליובע זיך מיט אומצוטרוי ארומגעקוקט: ס'איז גע־ווען א לוקסוס־נומער. אָט אָ־דער נומער, אָט די רייַזעס אָף אעראָפּלאַנען, איר אויסקומעניש אין האמבורג אין געוויס ניט קיין ערגערן האָטעל און אפילע די טעג, וואָס זי גייט ניט אָף דער ארבעט אין איר סאָוועטישן אַנשטאַלט, — דאָס אַלץ ווערט באַצאָלט דורכן דיַיטשישן געריכט. מיט וואָס פאַר א ציל? זי אונטערצוקויפן? זי לינדער צו מאַכן? ניין, האָט ליובע גע־דראָעט עמעצן, וואָס האָט זיך באַהאַלטן הינטער דער הימלפאַרב־בלויער וואַנע אין דעם גלאַנצנדיק אויסגעשטאַטן באָד־צימער, ניין, מיַינע הערן, דאָס וועט אייַך ניט געלינגען. ניט אָף אַזעלכע אָנגעטראָפן...

זי האָט ארויסגעקוקט אין קאָרידאָר. איבערן ווייכן טעפּיך איז גע־גאַנגען אן אַלטע פרוי מיט אַן איין האַנט און א בעזעמל אין דער צווייטער. פון איר סוטולער פלייצע האָט געווייעט מיט יאָרנלאַנגער מי און האַכנאָעדיקייַט. זי האָט, קענטיק, אופגערומט די כאַזאָרע, וואָס דער הולטיַי האָט איבערגעלאָזט. זי איז געגאַנגען ניט צום ליפט, נאָר צו די הינטערשטע טרעפּ, וואָס האָבן זיך געפונען מאַשמאָעס אין ווייַטן עק פונעם קאָרידאָר.

אין ליובען האָט זיך פלוצעם אופגעוועקט די קאָמיוגיסטן פון מיט דריַיסיק יאָר צוריק אין די אומלעגאַלע פוילישע ציַיטן. זי האָט כיישעק געקראָגן צוצוגיין צו דער פרוי, ארומנעמען זי, זיך דורכריידן מיט איר. ווי לעבט זיך איר און איר מישפּאָכע אין איר קליין הייַזל ערגעץ אין א פאַרוואָרפענעם ווינקל פון דער גרויסער שטאָט? ווען האַלט זי אויס מיט איר אומדאַנקבארער ארבעט? און דעריקער, דעריקער... פאַר ווען

שטימט זי בייס די וואלן? צי דען פאר די יעניקע, וועמענס כאזאָרע זי קלײַבט אוף בייס איר נאכטיקער ארבעט אין דעם לוקסוס־האָטעל?

זי האָט לאנג נאָכגעקוקט נאָך דער זיך דערווײַטערנדיקער, סטולער פלייצע, וואָס האָט אזוי ניט געפאסט צו דעם לוקסוסדיקן ארום און איז דאָך געווען א נויטוועגדיקער באשטאנדטייל פון אים.

דערנאָך איז ליובע ארײַן אין איר צימער, גענומען א קאלטן דוש און זיך צוגעלייגט אף די פאָר שאָ, וואָס זײַנען איר פארבליבן.

פונקט זיבן האָט זי זיך אראָפּגעלאָזט אין האָל. דער יונגערמאן האָט שוין געווארט אף איר.

אין א האלבער שאָ ארום האָט זי זיך געזעצט אין דעם עראָפּלאן אף האמבורג.

באם צעשיידן זיך האָט דער יונגערמאן געזאָגט:

— זײַט רויק. די פירמע וועט אָנקלינגען אין האמבורג, ווהין מע דארף, און מע וועט אײַך אפן עראָדראָם אָפּווארטן.

זי האָט אויסגעשטרעקט אים די האנט. דער יונגערמאן האָט זיך פלוצעם פארנייגט און, פארלירנדיק יעדע אָפיציעלקײַט, צוגעטראָגן איר האנט צו זײַנע ליפּן.

— איך ווייס, צוליב וואָס איר פאָרט, מאדאם, — האָט ער מיט א טיף געריהרטער שטים געזאָגט, — גלייבט מיר, איך בין מיטן גאנצן הארץ מיט אײַך. א הייליקע מיסיע, מאדאם, א הייליקע.

3

אין האמבורג איז זי אראָפּגעשטיגן פונעם עראָפּלאן און, אָפּטיילנדיק זיך פונעם האמוין פאסאזשירן, זיך געשטעלט אין דער זײַט.

טייקעף איז צו איר צוגעגאנגען א מיטליאָריקע שווארצהאָריקע פרוי אין א לײַכט זומער־קלייד און, אויסשטרעקנדיק איר די האנט, געזאָגט אין א גוטן רוסיש:

— איך האָב אײַך גלײַך דערקענט. אײַער פאָטאָגראפיע געפינט זיך דאָך אין דער פאפקע וועגן באשולדיקטן. איך בין אײַער איבערזעצערן אפן גע־ריכט. איר נייטיקט זיך דאָך אין אן איבערזעצערן?

ליובע האָט גאנץ גוט געקענט דײַטש. נאָר לעשעם פּינקטלעכקײַט פון אויסדרוקן און קעדיי האָבן מער צײַט אף ענטפערן, האָט זי שוין פון פריער באשלאָסן צו פאָדערן אן איבערזעצער.

— אוואדע, אוואדע. מיר וועט זײַן זייער אָנגענעם...

גייענדיק דורכן וואָקזאל, האָט די פרוי גערעדט:

— איך בין אויך א יידישע. איך שטאם פון ריגע, נאָר וווין שוין היפּ־שע יאָרן אין האמבורג. ארבעט אין גערעכט, טאקע אלס איבערזעצערן.

ליובע האָט א קרומען בליק געוואָרפן אף איר: אן עמיגראנטקע? נאָר ווי ס'זאָל ניט זײַן, איז זי דאָך א יידישקע, און אין דעם איניען, אין וועלכן ליובע איז געקומען אהער, וועט דאָך די דאָזיקע פרוי זײַן מינדסטנס לאָיאל, און מער פאָדערט זיך ניט פון איר.

— שרעקט זיך ניט אפן געריכט, — האָט די איבערזעצערן געזאָגט, — פאַרלירט זיך ניט. אָ, איך ווייס, איך קען דאָך א ביסל אײַער ביאָגראַפיע, איר זײַט א מוטיקע, דרייסטע פרוי.

ארויס פון וואָקזאַל, האָבן זיי גענומען א טאַקסי. די פרוי האָט אָנגעגערופן דעם אדרעס, און די טאַקסי האָט זיך גערירט.

ערשט איצט האָט די פרוי אויסגעדרייט איר מאָגער פּאָנעם מיט צוויי גרויסע שווארצע אויגן און מיט העל־רויט אָנגעפארבטע ליפּן און געזאָגט:

— איר ווייסט, וווּהין מיר פאָרן? גלײַך אין געריכט. אָ, זאָרגט זיך ניט! א צימער איז פאַר אײַך רעזערווירט, און טאַקע אין א פּרעכטיקן האָטעל. מיר האָבן דאָך געמיינט, אז איר וועט אָנקומען נעכטן. דאַן וואָלט איר געקאָנט זיך גוט אויסשלאָפן און קומען אן אויסגערוטע צום געריכט. און איצט איז שוין קיין צײַט ניטאָ. אין עטלעכע מינוט ארום הייבט זיך אָן דער געריכט. און איר זײַט דער ערשטער איידעס.

ליובע איז געווען געפּלעפט. אָט אזוי, ניט ארומגעוואַשן, ניט אָפּגערוט פון דער רײַזע, און גלײַך אין געריכט! אָבער פון דער אנדערער זײַט, איז עס עפּשער בעסער. ווייניקער געדאנקען, ווייניקער איבערלעבונגען. אין געטאָ, אין וואַלד האָט מען דען גערוט, גענומען א דוש פאַרן קאַמף? ווען ס'איז נייטיק געווען, האָט מען געקעמפט. און דאָס איז דאָך די פאָרזעצונג פון יענעם קאַמף...

— אין געריכט, איז אין געריכט, — האָט זי געזאָגט מיט א מונטערער שטים. — איך בין גרייט!

4

און אָט שטייט זי פאַרן געריכט.

דער זאַל איז ניט קיין גרויסער. קענטיק, אין אָט דער ריזן־געבײַדע זײַנען פאַראַן נאָך זאַלן, צווישן זיי מיסטאָמע פאַר גרויסע פּראָצעסן. נאָר — ס'איז שוין קימאַט דרײַסיק יאָר נאָך דער מילכאָמע, די סענסאַציע פון אזוינע פּראָצעסן איז שוין לאַנג פאַרבײַ; אויסער דעם, ציִען זיי זיך נודנע און לאַנג, א האַלב יאָר, א יאָר און נאָך מער, און ניט דער ברייטער עולעם, ניט די צײַטונגס־קאָרעספּאָנדענטן ווײַזן ניט ארויס קיין איבעריקן אינטערעס. דער זאַל איז א קליינער, נאָר אַלע אטריבוטן פון א געריכט־זאַל זײַנען דאָ פאַראַן: דער ביוסט פון דער פעמידאַ מיט פאַרבונדענע אויגן, רייען שטולן פאַרן פּובליקום (אגעוו, שיטערלעך באזעצטע), דער טיש מיט דרײַ ריכטער אויבנאָן, צוויי רייען שטולן אין א זײַט, וווּ עס זיצן די צוועלף געשוואָרענע (מערסטנס פרויען און דאַפּקע עלטערע, ווי ליובע האָט באַמערקט), די ערטער פאַר דער פאַרטיידיקונג (גאַנצע דרײַ!) און א באַזונדער אָרט פאַרן פּראָקוראָר — פון דער אנדערער זײַט, אונטער זיי — די באַשולדיקונגס־באַנק. דאָרט זיצן צווייען — ליובע האָט זיי טייקעף דערקענט — דער גאָולייטער בערענדט און דער זשאַנדאַרם שולץ. לויט דעם, ווי עס גיבן באַ שולצן א בליץ די אויגן, ווען ער דערזעט זי, פאַרשטייט ליובע, אז ער האָט זי אויך דערקענט. בערענדט גיט א גלײַכגילטיקן בליק

אפן איידעס און טוט זיך קיין ריר ניט. פארשטייט זיך, ער האָט זי ניט דערקענט.

נאָך די געוויינלעכע פאָרמאַליטעט־פראַגן הייבט זיך אָן דער פאַרהער.

— איידעס, איר קענט די מענטשן, וואָס זיצן אַף דער באַשולדיקונגס־באַנק?

— יאָ.

— ווער זײַנען זיי?

— דער געוועזענער גאולייטער אין אונדזער שטאָט בערענדט און דער זשאַנדאַרם שולץ.

— איר זײַט זיכער, אַז איר דערקענט זיי נאָך אַזויפיל יאָרן?

— זיכער.

— די מאַדאַם האָט אָדער אַן אויסערגעוויינלעכן זיקאָרן, אָדער זי איז געווען אינטים באַקענט מיט זיי, — טוט אַ בורטשע איינער פון די פאַרטיי־דיקער.

דער פּראָקוראָר רעאַגירט טייקעף:

— איך פּראָטעסטיר קעגן דער באַליידיקנדיקער פאָרם פון דער פראַגע.

דער פּאָרזיצער נייגט זיך צו צוערשט צו זײַן געהילף פון לינקס, דאַן צו דעם פון רעכטס און מעלדעט:

— דער פּראָטעסט איז אָנגענומען.

ער ווענדט זיך דאַן צו די באַשולדיקטע:

— איר קענט די פרוי?

— ניין, — גיט אַ וואָרף דער געוועזענער גאולייטער, ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ.

— ניין, — שטעלט זיך אוף און ראַפּאָרטירט אָפּ דער געוועזענער זשאַנ־דאַרם.

— דערציילט, איידעס, פונוואַנען איר קענט זיי.

— פון מײַן אַרבעט אין קעלער פון דעם הויז, ווו דער גאולייטער האָט אַמטירט.

— דערציילט פון אײַער אַרבעט אין קעלער.

איר אַרבעט אין קעלער... אין קעלער פון דעם הויז איז געווען אַן אַרסענאַל פון געווער. די ערשטע צײַט האָבן אין קעלער געאַרבעט אַנדע־רע מענטשן פון געטאָ. דאַן האָט די אונטערערדישע קאַמפּס־גרופּע אין געטאָ, וואָס איז באַשטאַנען דעריקער פון קאָמיוניסטן, אונטערגענומען געוויסע טריט, און אַף דער אַרבעט אין קעלער האָבן אָנגעהויבן צו גיין זי, ליובע, און נאָך איינער אַ קאָמיוניסט. וויפל גראַנאַטן, וויפל רעוואָלווערן זיי האָבן פון דאָרטן אַרויסגעשמוגלט, איז ניט איבערצוציילן. נאָר וועגן דעם וועט זי איצט ניט ריידן.

זי דערציילט גענוי וועגן דעם קעלער, וועגן דעם געווער און וועגן איר אַרבעט דאָרטן אַף צו רייניקן דאָס געווער, שמירן עס, סאָרטירן, מיט איין וואָרט — האַלטן עס אין אָרדענונג.

— אַרבעטנדיק אין קעלער, האָב איך אָפט געזען אפן הויף דעם גאוליי־טער. ער איז אָפט אַרויסגעגאַנגען, זיך געזעצט דאָרט אין מאַשין.

— זײַענדיק אין קעלער, קאָן מען ניט זען דעם הויף! — רופט אויס דער פּאַרטיידיקער. — אָט איז דער פּלאַן פון יענעם הויז!

דער פּלאַן גייט ארום איבער די הענט. עס באַקוקן אים די ריכטער, דער פּראָקוראָר, די געשוואָרענע.

עס פאַרבינדט זיך א וויקועך.

— דער פּלאַן איז אראָפּגענומען א סאַך יאָרן שפּעטער. איצטער איז דאָרטן א סקלאַד. געוויס האָט מען פאַרמויערט די פענצטער, — זאָגט דער פּראָקוראָר.

— איידעס, איר געדענקט גוט די פענצטער? — פרעגט דער פּאָרזיצער.

— גוט. זיי זײַנען געווען קליינע, סאַמע אונטער דעם סופיט. איך האָב געאַרבעט בא אזא פענצטער. עלעקטרישע ליכט איז ניט שטענדיק געווען בא אונדז.

— דערציילט ווײַטער.

— אויסער דעם, איז איינמאָל בא אונדז געווען אזא פאַל. ערגעץ־ווו האָבן געפּלאַצט טרויבן. דער קעלער איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט וואַסער, און מיר האָבן ניט געקאָנט אַרבעטן. דאַן איז דער גאַולייטער אליין געקו־מען צו אונדז צו זען, פאַרוואָס מיר אַרבעטן ניט.

— ווי הויך איז געווען דאָס וואַסער? — דאָס פרעגט איינער פון די פאַרטיידיקער.

— אומגעפער ביז די קני.

— גענויער! וויפל סאַנטימעטער? — באַשטייט דער פאַרטיידיקער.

ליובע פאַרקלערט זיך. אין ציפער איז זי שטענדיק געווען שוואַך. אויב זי וועט אָנרופן א צאָל און דאָס וועט ניט שטימען אַף א פּאָר סאַנטי־מעטער, וועט עס זײַן לעטויוועס דעם הענקער. זי זאָגט זיך אָפּ אָנצורופן די ציפער.

— אויב דאָס וואַסער איז געווען אזוי הויך, ווי האָט דער גאַולייטער געקאָנט אַרײַנקומען אין קעלער? וואָס, ער איז געקראָכן אין וואַסער? — פּרוווט דער פאַרטיידיקער שטעלן אונטער א סאָפּעק די גאַנצע מײַסע.

— מיר האָבן אויסגעלייגט פאַר אים בא דער שוועל ציגל.

— וואָס פאַר א פאָרם האָט געטראָגן דער גאַולייטער?

— די פאָרם פון א דײַטשישן אָפיצער.

— פון וואָס פאַר א פאַרב?

— א גרינבלעכע.

— גענויער! — פאָדערט דער פאַרטיידיקער. — אָט האָט איר איין פאַרב, — ער ווײַזט א גרינע פאַפּקע, — און אָט א צווייטע, — ער ווײַזט א גרינבלעך־ברוינע. — וועלכע?

ליובע פאַרקלערט זיך. אין זאַל הערשט א שטילקייט. דער פּראָקוראָר קוקט אַף איר געשפּאַנט.

— ניין, — זאָגט זי ענדלעך. — ניט אזא און ניט אזא. זי איז געווען מער אין געלב.

דעם פּראָקוראָרס פּאָנעם לײַכט אויף. דער פאַרטיידיקער זעצט זיך.

— וואָס קאָנט איר דערציילן וועגן דער טעטיקייט פונעם געוועזענעם גאַולייטער? — דאָס פרעגט דער פּאָרזיצער.

ליובע ווייסט די קלאָלים פון דער שפּיל. דעם געוועזענעם גאָולייטער מישפּעט מען ניט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ גאָולייטער, און ניט פאַר דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אַלס גאָולייטער. מע קאָן אים מישפּעטן נאָר, אויב ער האָט פּערזענלעך געמאָרדעט, פּערזענלעך געשלאָגן, געווילדעוועט.

— איך קאָן ניט אורטיילן וועגן דער גאַנצער טעטיקײַט פונעם באַשולדיקטן אַלס גאָולייטער. איך קאָן נאָר זאָגן, וואָס איך האָב אַליין געזען. מײַן ערשטע באַגעגעניש מיטן גאָולייטער איז געווען, נאָך איידער איך האָב געאַרבעט אין קעלער. דאָס איז געווען, ווען מע האָט אונדז, די ייִדן פון דער שטאָט, אַרויסגעטריבן פון אונדזערע דירעס און פאַרזאַמלט מיטן געפּעק אויף אַ גרויסן פּלאַץ. דער גאָולייטער איז דעמלט אָנגעקומען, וואַרשײַנלעך צו קאָנטראָלירן, ווי דער באַפעל ווערט אויסגעפילט. ער איז געגאַנגען מיטן קאַנטשיק אין דער האַנט לענגאויס די פאַרטריבענע, זיך אָפּטמאָל אָפּגעשטעלט און אָן אַ שום פאַרוואָס געשמיסן דעם אָדער יענעם מיטן קאַנטשיק. לעבן אונדזער מישפּאָכע האָט ער זיך אויך אָפּגעשטעלט, שפּאָטיש באַקוקט אונדז און ראַפּטום אַ שמיס געטאָן מיטן גאַנצן קויעך מײַן פאָטער אין פּאָנעם. דערנעבן איז געשטאַנען מײַן זיידע, אַ גרײַזגרויער זאָקן מיט אַ באָרד. דער גאָולייטער האָט זיך אײַנגעבויגן, אָרײַנגעכאַפּט די באָרד אין דער האַנט און זי אַ ריס געטאָן. איך ווייס, עמעס, ניט, צי דאָס אַ ריס טאָן אַ באָרד בײַ אַ גרײַז־גרויען מענטשן ווערט באַטראַכט אַלס פאַרברעכן דורך די דײַטשישע געזעצן.

די פּראָזע מאַכט אַ רוישעם. צווישן פּובליקום אַנטשטייט אַ שושקערײַ. די געשוואָרענע קוקן זיך איבער מיט פילבאַדײַטנדיקע בליקן. דער פּראָקוראָר איז צופרידן.

— אַלס איידעס, — גיט ווײַטער ליובע צו, — קענט איר די מיטגלידער פון מײַן מישפּאָכע ניט אַרויסרופן. זיי זײַנען אַלע אומגעקומען.

דער געוועזענער גאָולייטער הייבט אַפילע ניט אויף דעם קאָפּ. ער זיצט מיט דער מינע פון אַ מענטשן, וואָס איז צופעליק אַהער געקומען, ער לאַנגווײַליקט זיך און וואַרט, ביז די פאַרדריסלעכע מיספאַרשטייעניש וועט זיך אויפקלערן און דאַן וועט ער גיין אַהיים.

— דערציילט ווײַטער.

ווײַטער... ליובעס פּאָנעם ווערט טונקל. זי שלינגט אַראָפּ אַ קנויל, וואָס האָט זיך איר געשטעלט אין האַלדז.

— ווײַטער בין איך געווען איידעס פון אַזאַ פאַל. מע האָט אונדז צוזאַמענגעקליבן איינמאָל אויף דעם אומשלאַג־פּלאַץ. מע האָט געוואַרט אויף עפּעס אַן אַקציע. און דאָ האָט אַ ייִנגל געמאַכט אַ פּרווו צו אַנטלויפן. די וואַכלײַט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים. נאָר דאָ האָט דער גאָולייטער מיט אַ באַפעלערישן זשעסט זיי אָפּגעשטעלט. ער האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער, קאַלטבלוטיק זיך אָנגעצילט, און דאָס ייִנגל איז געפאַלן. דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעקוקט מײַסע זיגער, ווי איינער זאָגט: זעט, סאַראַ גוטער שיסער איך בין!

— געפאַלן אַ טויטער אָדער עפּשער בלויז פאַרוווּנדעט?

— אויב די קויל פונעם גאולייטער האָט אים ניט אוועקגעלייגט אַף אָן אָרט, האָט ער געמוזט אָפּגיין מיט בלוט, ווײַל דער גאולייטער האָט קיינעם ניט דערלויבט זיך צו אים דערנעענטערן.

— ווי האָט מען גערופֿן דאָס יינגל? — פֿרעגט מיט א דראָענדיקער שטים דער פּאַרטיידיקער.

— איך ווייס ניט.

— אָך, איר ווייסט ניט... און עפּשער איז עס גאָרניט געווען קיין יינגל? עפּשער איז עס געווען א מיידל? עפּשער א דערוואַקסענער? און עפּשער האָט עס גאָר אָן אַנדערער געשאָסן? ס׳האָט זיך דאָך אײַך געקאָנט אויסדאַכטן, איר זײַט דאָך דעמלט געווען אין א דערשראָקענעם, געדריקטן צושטאַנד.

דער פּראָקוראָר פּראָטעסטירט און ווײַזט אָן דעם איידעס, אז אַף א פֿראַגע, געשטעלט אין אזא שפּאָטישן טאָן, מעג זי ניט ענטפֿערן. אָבער ליובע ענטפֿערט:

— אין א דערדריקטן צושטאַנד בין איך טאַקע געווען, אָבער פֿון האַליוציִנאַציעס האָב איך קיינמאָל ניט געליטן. איך האָב עס געזען מיט מײַנע אייגענע אויגן.

— באַשולדיקטער בערענדט, איר אַנערקענט דעם פֿאַקט?

— ניין, — פֿאַלט א קורצער ביל אין זאַל.

די געשוואָרענע קוקן זיך איבער.

— איידעס, וואָס נאָך קענט איר דערציילן וועגן דער טעטיקײַט פֿו־נעם געוועזענעם גאולייטער?

א הייסע כוואַליע פֿון צאָרן הייבט זיך פּלוצלינג אוף אין ליובעס ברוסט. דאָ זיצט איינער פֿון די, וואָס זײַנען באַגאַנגען די שוידערלעכסטע טאַטן, דאָס גרעסטע פֿאַרברעכן, וואָס די געשיכטע האָט ווען־עס־איז גע־קענט. די אידענטיטעט פֿונעם פֿאַרברעכער שטייט אויסער שום ספֿק. הייב אוף, פֿעמידאַ, דײַן גרויזאַמע שווערד איבער דעם מענוול און האַק אָפּ דעם קאָפּ, אין וועלכן עס צישן גיפֿטיקע שלאַנגען. נאָר מאַדאַם פֿע־מידאַ טראָגט א טיכל איבער די אויגן. דאָ פּילפּלט מען זיך איבער דעם, וואָס פֿאַר א פֿאַרב עס האָט געהאַט זײַן מונדיר, ווי הויך איז געווען דאָס וואַסער... די הייסע כוואַליע פֿאַרכאַפּט זי, ליובע פֿאַרלירט אַף א ווײַלע דאָס לאָשן.

„רויִק, ליובע, — זאָגט זי צו זיך, — רויִק. נעם זיך אין די הענט. דו האָסט דורכגעמאַכט יענע טראַגעדיע, דאַרפֿסטו דורכמאַכן אויך אָט די קאָמעדיע".

וואָס נאָך ווייסט זי וועגן דעם געוועזענעם גאולייטער? אין איר מויעך בליצט אוף דאָס געשטאַלט פֿון כאַימקע לייבאָוויטש, וועמען בע־רענדט האָט דערשאָסן מיט זײַן אייגענער האַנט.

כאַימקע איז געווען א יעשיוועבאָכער ביז סאַמע דער מילכאָמע. אין זייער שטאָט איז געווען אָן אַלטע יעשיווע, וואָס האָט געהאַט א שעם אין מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד. דער אומגליק האָט אַרויסגעריסן כאַימקען פֿון זײַן איליוזאָרישער וועלט. ער האָט אָנגעהויבן אויסטשוכען זיך. ליובע האָט אים אָנגערופֿן „גאָט־פֿון־אַוראָהאָם־פֿון־ייִצכאָק־און־פֿון־יאַנקעוו". די

צונעמעניש איז געווען א ביסל צו לאנג, נאָר זי האָט אויסגעצייכנט געפּאסט צו אים. בא יעדער נייַער צאָרע פלעגט ער שעפּטשען: גאָט פון אווראָהאָם, פון ייִצכאָק און פון יאנקעוו! אין די דאָזיקע ווערטער איז געווען אי ביטל, אי פארביטערונג, אי אנטוישונג. אנטוישונג אין דעם גאָט, אין וועלכן ער האָט ביז איצט בלינד געגלייבט. אינגיכן איז ער אנטלאָפן פון געטאָ און געוואָרן א קעמפער אין וואלד. און א קעמפער ניט קיין שלעכטער. מיסטאמע איז ער געווען אויך א ביסל פארליבט אין איר. אין א פרייַער מינוט פלעגט ער זיך צוזעצן לעבן איר און מאָנען: „דערצייל מיר, ליובע, פון דאָרטן”. דאָרטן — דאָס איז געווען דער ראטנפארבאנד, זייַן נייַער אָמוד־האָייש. אין איינער א שלאכט איז ער פארוווּנדעט געוואָרן און אריַינגעפאלן צו די דייַטשן. מ'האָט אים א פארוווּנדעטן געבראכט אין געסטאפּאָ־הויף, און דאָרט האָט אים דער גאולייטער מיט זייַנע אייגענע הענט דערשאָסן, נאָך דעם ווי ער האָט זיך איבערצייַגט, אז ער וועט פון אים גאָרניט ארויסקריגן.

ניט אלץ אין דער דאָזיקער געשיכטע מעג זי דערציילן. כאַימקע איז געווען א קעמפער, און זייַן טויט — דאָס איז א קאמפּס־עפּיזאָד. כאָטש, מישטיינסגעזאָגט, וואָס פארא גלייַכע קעמפער דאָס זייַנען געווען: דער גאולייטער און דער נעכטיקער יעשיוועבאָכער גאָט־פון־אווראָהאָם־פון־ייִצכאָק־און־פון־יאנקעוו...

— גאולייטער בערענדט האָט מיט זייַנע אייגענע הענט פון זייַן רעוואָלווער דערשאָסן מייַנעם א כאווער, כאַים לייבאָוויטש. דאָס איז געווען אין הויף פון געסטאפּאָ.

— איר האָט עס אליין געזען?

— ניין. נאָר זיכערע מענטשן האָבן עס מיר דערציילט.

— און די דאָזיקע „זיכערע מענטשן”, — מאכט מיט איראָניע דער פארטיידיקער, — קאָן מען ניט אויספרעגן, ווייַל זיי זייַנען טויט?

— איר זייַט פולשטענדיק גערעכט, הער יוסטיץ־ראט. די דאָזיקע מענטשן זייַנען אומגעקומען. ניט אָן דעם אָנטייל פון דעם הער גאולייטער.

ווידער א שושקערייַ אין זאל. די געשוואָרענע קוקן זיך איבער. איינע פון זיי, אן עלטערע פרוי אין שווארצן, פלעסקעט א דערשיטערטע מיט די הענט.

נאָך א קליינער פּאוזע שטעלט דער פאָרזיצער די ווייַטערדיקע פראגע:
— וואָס קאָנט איר זאָגן וועגן דעם באשולדיקטן שולץ?

וואָס זי קאָן זאָגן?.. שולצן האָט זי בעסער געקענט. דער דאָזיקער מיטלוווּקסיקער, קרעפּטיקער, רויטהאָריקער יונג איז אייגנטלעך געווען א פריילעכער לונג־און־לעבער. נאָר דאָס האָט אים לאכלוטן ניט געשטערט אויסצופילן זייַנע הענקערישע פליכטן מיט אן איבערגעטריבענער פּינקטלעכקייַט. ער האָט זיך ווי א מארעווּיכער ארומגעטראָגן איבער דער געבייַדע, אָפט אריַינגעקומען אין קעלער. קיין קאנטשיק האָט ער ניט געטראָגן, נאָר זייַנע שווערע פויסטן האָבן געארבעט אומופהערלעך. פּלוצעם טויכט אוף אין איר א דערמאָנונג. איינמאָל איז זי געגאנגען פון איר אר־

בעט אין קעלער מיט איר בריגאַדע אין געטאָ. אין קוישל האָט זי געטראָגן גראַנאַטעס אָן אופּרײַסערס. די אופּרײַסערס האָט זי געדאַרפט ברענגען מאָרגן. די גראַנאַטעס זײַנען געווען צוגעדעקט מיט שמוציק פּרויען־וועש און טראַנטעס. פּלוצעם, באַם ארײַנגאַנג — א מעהומע. שולץ אליין שטייט באַם טויער און אונטערזוכט אַלע ארײַנגייענדיקע, טאָמער טראָגט מען שפּײַז. און דאָ — גראַנאַטעס! זי האָט זיך פאַרלאָרן. זי זעט די כאַווײרים הינטערן טויער, וואָס וואַרטן אָף איר. זיי זײַנען מער טויט ווי לעבעדיק. וואָס טוט מען? אַרויסוואַרפן די גראַנאַטעס פאַר די אויגן פון דער וואַך און שולצן — דאָס איז א זיכערער דורכפאַל. גיין אָף צוריק — אוממעגלעך. איר ריי דערנעענטערט זיך. אָט שטייט זי שוין פאַר שולצן. און דאָ באַווײַזט זיך אָף איר פּאָנעם א בלענדנדיקער פריילעך־שטיפערישער שמייכל. זי האָט געוווּסט דעם קויעך פון איר שמייכל. זי עפנט ראַפּטום דאָס קוישל: „קוקט, הער יעפרייטאָר! שמוציק פּרויען־וועש!". שולץ גיט א שמייכל: „גיי שוין, גיי מיט דײַן שמוציק וועש!" דער שמייכל האַלט זיך נאָך אָף איר פּאָנעם, בייס זי קומט צו צו די יאַטן. נאָר אַז זיי פירן זי ארײַן אין צימער, באַפאַלט זי ערשט א ציטער. זי פלאַטערט ווי א בלאַט און קאָן קוים אַראָפּשלינגען א ביסל וואַסער, וואָס די כאַווײרים טראָגן איר צו.

מיסטאַמע האָבן די פּאַרטיידיקער באַמערקט עפּעס־וואָס ווייכס אָף איר פּאָנעם. זיי קוקן אָף איר מיט נײַגער און האָפענונג.

נאָר ליובע האָט זיך שוין גענומען אין די הענט.

— וואָס איך ווייס וועגן שולצן? — איר שטים קלינגט דראָענדיק און האַרט. — קוידעמקאָל אָט די געשיכטע. גלײַך ווי ס׳איז געשאַפן געוואָרן די געטאָ, האָט שולץ זיך אויסגעזוכט דאָרט א מיידל. דאָס איז געווען די יונגע און בילד־שיינע מיריאַם פינקלשטיין. ער האָט זי געמאַכט פאַר זײַן געליבטער און צוגעזאָגט איר, אַז עס וועט פון איר קיין האָר ניט פאַלן. נאָר גלײַך באַ דער ערשטער אַקציע האָט ער זי אייגנהענטיק דערשאָסן, קעדיי זי זאָל ניט ארײַנפאַלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ און קענען דערציילן וועגן אים.

שולץ שפּרינגט אוף א צעפּאַלאָשעטער.

— פאַר דעם פאַקט האָט מען מיך שוין געמישפּעט און איך בין אָפּגעקומען מײַן שטראָף! — שרײַט ער אויס היסטעריש.

דער פאָרזיצער בלעטערט די פּאַפּקע.

— ריכטיק. פאַר אָט דעם פאַרברעכן איז שוין דער באַשולדיקטער שולץ אָפּגעקומען זײַן שטראָף.

דער פּראָקוראָר הייבט זיך אוף און מאַכט א באַמערקונג:

— איך וויל, דער געריכט זאָל נעמען אין אַכט דעם פאַקט. ער באַווײַזט העכן דאָס מאָראַלישע פּאָנעם פונעם באַשולדיקטן, העכן די קאָמפּעטענץ פון דער איידעסזאָגערן.

ליובע רעדט ווײַטער. זי דערציילט, ווי שולצן האָט זיך איינמאָל אויסגעדאַכט, אַז א קוילנוואַרפער איז ניט גוט באַשמירט, האָט ער זיך צערעוועט אַפּן גאַנצן קעלער און אָנגעפאַלן מיט די קולעקעס אַפּן באָכער, וואָס האָט געאַרבעט מיט איר, אַזוי אַז יענער, אַן אָפּגעגאָסענער מיט בלוט,

האָט זיך ניט געקענט אופהייבן. זי דערציילט וועגן אנדערע אכזאָריעס־דיקע פאַקטן, וואָס זי האָט אליין געזען אָדער מיטגעמאַכט.

זי רעדט מיט א מידן טאָן. אין א געוויסן מאָמענט דאַכט זיך איר, אַז זי רעדט ניט געננוג איבערצײַגעוודיק. זי איז דאָך געפאָרן אפן פּראָצעס פונעם גאולייטער, צו דעם זיך געגרייט. שולצן האָט זי זיך ניט געריכט צו טרעפן אף דער באשולדיקונגס־באַנק.

זי וואַרפט א בליק אפן פּראָקוראָר. זײַן דערמונטערנדיקער בליק זאָגט: רעד, ליובע, רעד. זי דערמאָנט זיך נײַע פאַקטן און רעדט ווײַטער. דאָ קומט איר צוניץ די איבערזעצערן. קאַלזמאַן יענע איבערזעצט, שווימען אין ליובעס זיקאָרן אוף נײַע פאַקטן. יענע יאָרן זײַנען דאָך אײַנגעקריצט אין איר אף ניט אָפּצומעקן.

אַז ליובע ווערט אנשוויגן, מעלדעט דער פאָרזיצער, אַז דער געריכט גייט אף א באַראַטונג. ליובעווישט אָפּ דעם שווייס פון שטערן און זעצט זיך צו. זי וואַרפט א פרעגנדיקן בליק אפן פּראָקוראָר: עפשער איז איר מיסיע שוין פאַרענדיקט? יענער גיט איר מיט צייכנס צו פאַרשטיין, אַז זי דאַרף וואַרטן.

אין א פּאָר מינוט אַרום קומט דער געריכט צוריק. דער פאָרזיצער מעלדעט דעם באַשלוס: די איידעס־זאָגערן ווערט צוגעלאָזט צו דער שוווּע. איצט מעלדעט ער א האַפּסאָקע אף מיטיק און נאָך מיטיק וועט זיך אָנ־הייבן דער אָפיציעלער פאַרהער.

דאָס איז פאַר ליובען א נײַס. זי דערמאָנט זיך, אַז באַם אָנהייב פון פאַרהער האָט זי טאַקע ניט אָפּגעגעבן קיין שווּע. הייסט עס, אַז דאָס, וואָס איז ביז איצט געווען, איז מער ניט א רעפּעטיציע. נאָך מיטיק — אַלץ פונדאָסנײַ.

5

צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם פאַרלאָזט זי דעם זאַל. עטלעכע מינוט גייט זי אַרום אף דער גאַס א צעטומלטע פון די איבערלעבונגען און פונעם גערויש פון דער פרעמדער שטאָט, ניט באַמערקנדיק גאָרנישט אַרום זיך. דאַן גייט זי אַרײַן אין א קאַפע, זעצט זיך צו צו א טישל און באַשטעלט קאַווע מיט זעמעלעך. זי האָט דאָך פון נעכטן באַטאָג גאָרניט געהאַט אין מויל. דער קעלנער ברענגט דאָס באַשטעלטע. אין אַנדערע אומשטענדן וואָלט זי זיך פאַרכידעשט איבער די פיטשעמאָנטשינקע דײַטשישע זעמע־לעך, נאָר איצטער ליגט דאָס איר ניט אין זינען. זי נעמט זיך צום צובײַסן.

פּלוצעם פאַלט א שאָטן אף איר טישל. עמעצער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן איר. זי הייבט אוף די אויגן. ס'איז דער פּראָקוראָר.

— איר דערלויבט, גנעדיקע פרוי?

ליובע שאָקלט מיטן קאָפּ. דער פּראָקוראָר זעצט זיך, גיט א וואָרף איבער דער פּלייצע: „אָבער! אײַן קלײַנעס העלעס!"[1] און רוקט זיך נעענ־טער צו צו ליובען.

---

[1] אָפיציאַנט! א קליינעם קופל העלן ביר! (דײַטש).

— איך האָב דעם אײַנדרוק, אַז די גנעדיקע פרוי פאַרשטייט דײַטש? ריכטיק? אויסגעצייכנט. איך האָב עס געזען לויט דעם, ווי איר האָט אויפגענומען די פּראָגעס, ניט וואַרטנדיק אַף דער איבערזעצונג. איר האָט זיך אויסגעצייכנט געהאַלטן, און אײַערע אַרויסזאָגונגען האָבן דעם גרעסטן ווערט פאַר דער באַשולדיקונג.

— זאָגט מיר, וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדנע פּראָצעדור: פון אָנפאַנג אויסהערן דעם איידעס און דאַן ברענגען אים צו שוווּע?

— אַזוי איז עס באַ אונדז אָנגענומען אין ענלעכע פאַלן. צוערשט דאַרף זיך דער געריכט איבערצײַגן, צי דער איידעס איז קאָמפּעטענט. איר פאַרשטייט? אַף אַזוינע פּראָצעסן קומען אָפּט מענטשן, וואָס זײַנען אופריכטיק באַהערשט פון ווילן צו באַשולדיקן די ברוינע בעסטיעס, אָבער שפּעטער ווײַזט זיך אַרויס, אַז זיי אַליין האָבן ווינציק געזען. גאָרניט דורכגעמאַכט. די, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט... איר ווייסט דאָך אַליין. איר זײַט אַן אויסנאַם.

— הייסט עס, נאָך מיטיק די שוווּע און אַלץ אָפּסנײַ?

— יאָ, גנעדיקע פרוי. שרעקט זיך ניט און נערווירט זיך ניט. האַלט זיך, ווי איר האָט זיך ביז איצט געהאַלטן. דאָס איז געווען אויסגעצייכנט! העכער אַלע מײַנע דערוואַרטונגען! אַלץ וועט זײַן גוט. דאָס, וואָס מ׳האָט אײַך צוגעלאָזט צו דער שוווּע, דאָס איז אונדזער ערשטער זיג. ניט אַלעמען, אַפילו גאָר גוטע איידעס, געלינגט עס. איר מעגט שטאָלץ זײַן.

— און די אויסזיכטן?

דער קעלנער האָט געבראַכט ביר. דער פּראָקוראָר זופּט אָפּ פאַרקלערטערהייט און זאָגט:

— די אויסזיכטן זײַנען, דעם עמעס געזאָגט, זייער נעפּלהאַפטע. דער הער געוועזענער גאַולייטער האָט גוטע פאַרבינדונגען. ניט לאַנג צוריק האָט זײַן טאָכטער געהייראַט מיט אַ הויכן באַאמטן. זי איז אַרײַן אין דער פאַמיליע פון אַן אײַנפלוסרײַכן מענטשן פון באָן. אויסער דעם, האָט ער צוויי אַדוואָקאַטן...

— דרײַ, — פּרוווט ליובע פאַריכטן.

— ניין, צוויי. דער דריטער — דאָס איז שולצס. דער איז אַ גאָר פּראָסטער אַדוואָקאַט. אָבער יענע צוויי... דאָס זײַנען די עמעסע זובערן פון דער יוסטיץ־וועלט. און זיי האָבן אויך פאַרבינדונגען. מײַסטערס אַף צו פאַרציִען אַ פּראָצעס. באַ אונדז ציט ער זיך שוין דאָס דריטע יאָר, און ווער ווייסט, וויפל עס קאָן נאָך דויערן... אָט הייבט זיך אָן דער פּראָצעס, און אין אַ פּאָר טעג אַרום קליגן זיי זיך אויסצוגעפינען אַ טריוק אַף אָפּצולייגן אים ווידער אַף אַ פּאָר כאָדאָשים. באַ אַזאַ טעמפּ קאָן זיך דער פּראָצעס ציִען נאָך אַ יאָר, און עפּשער נאָך מער... איר האָט אונדז גוט, זייער גוט צוגעהאָלפן.

— זאָגט מיר, ער איז געזעסן?

— אַ פּאָר כאָדאָשים אין סאַמע אָנהייב. נאָר אַלץ הייסט געזעסן, — דער פּראָקוראָר טוט אַ ביטערן שמייכל, — אין די פּריווילעגירטסטע באַ־

דינגונגען. עסן פונעם בעסטן רעסטאָראַן. אַף שאַבעס און זונטיק פלעגט מען אים אָפּלאָזן אהיים.

דער פּראָקוראָר איז א פאַרהעלטנסמעסיק יונגער מענטש, בא די פער־ציקער. אין דער צײַט פון מילכאָמע איז ער געווען א קינד. ער האָט א שמאָל, ענערגיש פּאָנעם מיט א הויכן שטערן, וואָס זעט אויס נאָך העכער צוליב די שיטערע בלאָנדע האָר, פאַרקעמט אַף הינטן. אויגן האָט ער העל־גרויע, ערנסטע און א ביסל טרויעריקע. אַף ליובען מאַכט ער דעם אײַנדרוק פון אן ערלעכן מענטשן, וואָס טוט זײַן ארבעט אופריכטיק און מיט איבערצײַגונג.

— אינטערעסאַנט, וואָס איז די באַשעפטיקונג פון דעם פאַרשוין? — פרעגט ליובע, א דורכגעדרונגענע מיט צוטרוי צו איר מיטשמועסער.

— בערענדטס באַשעפטיקונג? — דער פּראָקוראָר טוט א לאַנגן בליק אַף ליובען, ניט וואַגנדיק ארויסצוברענגען דאָס וואָרט. — לערער פון גע־שיכטע אין א הויכשול!

ליובע איז געפּלעפט:

— לערער? פון געשיכטע? אומגלייבלעך!

— יאָ, יאָ, — שאָקלט טרויעריק דער פּראָקוראָר מיטן קאָפּ.

— אָך איז דער געשיכטע, וואָס איז ארײַנגעפאַלן אין אזוינע הענט! און ווי איז צו די שילער, וואָס דאַרפן פאַרדײַען אזא געשיכטע!

דער פּראָקוראָר זיצט א פאַרשעמטער. דערנאָך נעמט ער זיך צו זײַן ביר. ליובע האָט גאָרניט באַמערקט, ווי ס'זײַנען פאַרשוווּנדן געוואָרן אירע בולקעלעך.

— איצט פאַרשטיי איך, — זאָגט ליובע נאָך א געוויסן שטילשווײַגן, — פאַרוואָס דער פּראָצעס פירט זיך אַף אזא עקלהאַפטן אויפן. מע רעדט ניט וועגן דער הויפּט־פראַגע, וועגן דער מענטשנפאַרעסערישער אידעאָלאָגיע פון דעם פאַרשוין, וועגן זײַנע הימלשרײַענדיקע טאַטן. מע רעדט וועגן קליי־ניקײַטן, מע טשעפּעט זיך צו מינדערווערטיקע דעטאַלן.

— יאָ, גנעדיקע פרוי, איך פאַרשטיי אײַך זייער גוט. מיר וואָלט אויך ליבער געווען צו פירן דעם פּראָצעס אַף די רעלסן, וועלכע איר לייגט פאָר. איך בין א הייסער אנטינאַציסט, און איך האָס אָט די פּעסט, וואָס האָט פאַרשמוצט דאָס דײַטשישע פאָלק און אזויפיל אומגליקן געבראַכט. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? דאָס איז יוריספּרודענץ... א כיטרע שפּיל צו פאַרטונקלען דאָס וואַרשײַנלעכע. אײַך איז עס שווער צו פאַרשטיין. איר קומט פון אן אנדער לאַנד.

ליובע וואָלט אים געקאָנט דערווידערן, אז זי פאַרשטייט יאָ א ביסל, וואָס דאָס איז יוריספּרודענץ. ערשטנס, האָט זי אליין העכערע הומאַניטאַרע בילדונג, און, צווייטנס, איז איר מאַן א פּראָפעסאָר פון יוריספּרודענץ. נאָר די יוריספּרודענץ, וואָס איר מאַן אונטעריכט זײַנע סטודענטן, איז אן אנדערע.

זי זאָגט עס ניט. צו וואָס מעצאַער זײַן א מענטשן, וואָס טוט ערלעך אַלץ, וואָס ער קאָן. נאָר ער קאָן דאָך אזוי ווייניק אופטאָן.

6

נאָך מיטיק איז ליובע ווידער געשטאַנען אַף איר אָרט אַלס איידעס. זי האָט שוין אָפּגעגעבן די שוווּע. פֿאַרשטייט זיך, אַ ציווילע. פֿון דער רעליגיעזער האָט זי זיך אָפּגעזאָגט, כאָטש דער געריכט האָט שוין געהאַט צוגעגרייט עפּעס אַ ראַבינער.

ווידער די זעלבע פֿראַגעס. זי פֿאַרשטייט די פֿראַגע גלײַך, ווי מע פֿאַרגיט זי. נאָר זי אײַלט זיך ניט צו ענטפֿערן. זי וואַרט אָפּ, ביז די איבערזעצערן כאַזערט איבער די פֿראַגע אַף רוסיש. דערווײַל באַקלערט זי. יעדעס וואָרט איריס איז געוויכן און געמאָסטן. אַ סטענאָגראַפּיסטקע, וואָס זיצט בײַ אַ באַזונדער טישל, פֿיקסירט אַלץ, וואָס ווערט גערעדט.

די אַדוואָקאַטן סטאַרען זיך זי צו פֿאַרפּלאָנטערן. אַמאָל פּרוּוון זיי אַרײַנציִען זי אין אַ לײַדנשאַפֿטלעכער דיסקוסיע, אין וועלכער זי זאָל פֿאַרלירן איר גלײַכגעוויכט. אַמאָל מאַכן זיי איראָנישע באַמערקונגען, וואָס דאַרפֿן אָפּשוואַכן, צונישט מאַכן אירע אַרויסזאָגונגען. אין שווערע מאָמענטן, ווען ליובע שפּירט, אַז אָט־אָט פּלאַצט איר געדולד, קומט פֿלינק צוהילף דער פּראָקוראָר. דאָ שטעלט ער אָפּ אַ צו גראָבן אָנפֿאַל פֿון דער פֿאַרטיידיקונג, דאָ מישט ער זיך געשיקט אַרײַן אין די דיסקוסיעס, כּדי ליובע זאָל קאָנען אָפּכאַפּן דעם אָטעם און קומען צו־זיך, דאָ שטרײַכט ער אונטער אַ מאָמענט, וואָס איז באַזונדערס גינסטיק פֿאַר דער באַשולדיקונג.

אַזוי שטייט זי מיטן פּאָנעם צום געריכט, אַ וווּקסיקע, שטאַלטנע פֿרוי, מיט אַ שטאָלץ אויפֿגעהויבענעם קאָפּ. זי איז שוין אין דעם עלטער, ווען אַ מענטש פֿאַרלירט זײַן שטאַלטנעקײַט און הייבט אָן צו ווערן פּולבלעכער. נאָר דאָס גיט צו איר פֿיגור נאָך מער סאָלידקײַט און געזעצטקײַט. פֿון די בענק, אַף וועלכע עס זיצן די געשוואָרענע, כאַפּט זי אָפּט אויף מיטפֿילנדיקע בליקן.

ס'איז אַ שווערע אַרבעט. זי ווישט אָפּ דעם שווייס פֿון פּאָנעם, אירע פֿיס גיסן זיך אָן מיט בלײַ. „שטאַרק זיך, ליובע, שטאַרק זיך. ניט ווײַט פֿון דיר זיצט אַן אויסוווּרף. די באַנק, אַף וועלכער ער זיצט, מוז ווערן די עמעסע באַשולדיקונגס־באַנק. דו מוזסט אויסהאַלטן ביז צום סאָף!"

דער טאָג נייגט זיך שוין צום אָוונט, ווען דער פֿאַרהער קומט, ענדלעך, צום סאָף. דער פֿאָרזיצער באַדאַנקט זי, די פֿאַרטיידיקער דרייען זיך אָפּ, דער פּראָקוראָר קוקט אַף איר מיט אַן אויפֿגעלויכטן פּאָנעם, דער לעצטער בליק, וואָס ער וואַרפֿט אַף איר, זאָגט: ס'איז אַ זיג!

אין דער באַגלייטונג פֿון דער איבערזעצערן פֿאַרלאָזט ליובע דעם יוסטיץ־פּאַלאַץ. זי הערט ניט די פֿריילעכע פּלאַפּלערײַ פֿון דער איבערזעצערן, די קאָמפּלימענטן, מיט וועלכע זי שיט. ליובע איז פֿולשטענדיק מיד, אויסגעשעפּט, אויסגעליידיקט.

די איבערזעצערן זוכט אויף אַ טאַקסי, זי זאָגט דעם שאָפֿער דעם אַדרעס, און ליובע פֿאָרט צו איר האָטעל, ווו אַ צימער שטייט שוין פֿאַר איר רעזערווירט צוויי טעג און ווו זי איז נאָך ביז איצט ניט געווען.

7

דער האָטעל איז ווידער אַן ערשטקלאַסיקער, און איר צימער — אַ לוקסוס־נומער. נאָר איצט איז איר דער לוקסוס ניט פריקרע, ער רופט בא איר קיין שום אסאָציאַציעס ניט ארויס. זי האָט שוין איר ארבעט אָפּגעטאָן, און, דאכט זיך, ניט שלעכט אָפּגעטאָן. אפּצולאָכעס די, וועלכע האָבן זי באַזאָרגט מיט אזא לוקסוס־נומער.

זי ווארפט זיך אפן בעט. אָפּרוען זיך, אָפּרוען, אָפּרוען. שפּעטער וועט זי נעמען אַ קאַלטן דוש, ארויסגיין אַ ביסל אַף דער גאַס, עפּשער וועט זי ארײַנגיין אין אַ קאַפע עפּעס צובײַסן, כאָטש עס ווילט זיך איר ניט עסן.

מאָרגן אינדערפרי פאָרט זי אָפּ. זי וואָלט נאָך געקאָנט בלײַבן דאָ אַ טאָג צי צוויי, נאָר די פרעמדע שטאָט איז איר אומהיימלעך.

זי האָט שוין געענדיקט זיך אָנטאָן נאָכן דוש, ווען זי האָט דערהערט, ווי מע קלאַפּט אין טיר. זי עפנט די טיר: צוויי אומבאַקאַנטע פרויען, איינע אַן עלטערע, די אַנדערע אַ גאָר יונגע. ליובע איז זיכער, אַז דאָס איז אַ טאָעס, נאָר די פרויען קוקן אַף איר מיט אזא פארטרויליכן און וואַרעמען בליק, אַז זי לאַדט זיי אײַן אין צימער.

— ערנאַ, — שטעלט זיך די עלטערע פאָר.

— ליזעלאָטע, — זאָגט די יונגע מיט אַ קלינגענדיקער שטים און דריקט פעסט די האַנט ליובען.

— מיר זײַנען הײַנט געווען אפן פּראָצעס, — זאָגט די יונגע, — און מיר זײַנען געקומען אײַך אויסדריקן אונדזער באַוווּנדערונג און אַנערקענונג.

— און אויך אונדזער מיטגעפיל און אַנטשולדיקונג פאַר אַלדאָס שלעכטס, וואָס איר און די אײַערע האָבן געהאַט אויסצושטיין, — זאָגט די עלטערע.

ליובע פארבעט זיי זיך צו זעצן, און עס פארבינדט זיך אַ שמועס.

פונעם שמועס ווערט קלאָר, אַז די ביידע זײַנען אַקטיוויסטקעס אין דער באַוועגונג אַף אויסצוגעפינען און שטעלן צו געריכט די נאַצי־פאַרברעכער פון דער מילכאָמע־צײַט. אלס אַקטיוויסטקעס שטייען זיי אין פארבינדונג מיט אַנדערע אַזעלכע קרײַזלעך אין גאַנץ דײַטשלאַנד. זיי פירן אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט אויסלאַנד: זיי נישטערן אין די אַרכיוון, פירן רעשימעס פון די פאַרברעכער און געפינען, געפינען, געפינען. אין בוענאָס־אײַרעס און ניו־יאָרק, אין קאַסעל און באָן — אומעטום, ווו יענע זײַנען, ווי וואַנצן, פאַרקראָכן אין זייערע לעכער, געפינען זיי אָפּטמאָל אויך דאָן, ווען זיי לעבן מיט פאַלשע פּעסער. אין דעם פּראָצעס פון בערענדט האָבן זיי אויך אַ באַדײַטנדיקן כיילעק.

ליובע באַדאַנקט זיי פאַר אַלץ.

ערנאַ איז אַ דערציִערן אין אַ קינדערהיים בא אַ קירך. זי איז אַליין אויך אַ רעליגיעזע. זי האָט אַ בלאַס לענגלעך פּאָנעם. איר טונקל־קאַשטאַנענער קאָפּ האָר איז געפאַרבט, אָדער דאָס איז גאָר אַ פּאַריק, וואָס מאַכט

זי יונג, נאָר אז מע קוקט זיך צו צו איר הויט, צו די פיל קנייטשעלעך אף איר פּאָנעם, זעט מען, אז זי איז שוין אין די הויכע פופציקער. ליזע־לאָטע — בלוט און מילך, רויטע פרישע באַקן, א געלאָקטער העל־בלאָנדער קאָפּ און בלויע, טיפע, טיפע אויגן, וואָס בליצן מיט סייכל און יוגנט־לעכן מוט. ליובע פאַרשטייט ערנאן, אפילע איר רעליגיעזקייט, זי האָט דאָך דורכגעמאַכט דעם גאַנצן שמוץ, די גאַנצע טיף פון דער ברוינער פּעסט. ליזעלאָטע איז דערווייל פאַר איר א רעטעניש.

אינעם געשפּרעך רופט ערנא פלוצעם אויס:

— אָבער, פרוי ליובע, איר רעדט דאָך זייער גוט דייטש! אפן פּראָצעס האָבן מיר געמיינט, אז איר פאַרשטייט קיין איין וואָרט ניט!

— איך האָב געלערנט דייטש. די דייטשישע שפּראַך איז די שפּראַך פון א גרויס קולטורעל פאָלק מיט דיכטער, דענקער, מוזיקער, פילאָסאָפן...

— אָט אין דעם גייט עס טאַקע, — ווערט ערנא אָנגעצונדן, — מיר מוזן אויסראָטן אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט יענע ווילדע מענטשן, מיטן פאַשיזם! מיר מוזן ווידער דערשיינען פאַר דער וועלט אלס א גרויס קולטורעל פאָלק. דאָס איז דער ציל פון אונדזער טעטיקייט, אונדזער הייליקע פליכט.

— און איר, ליזעלאָטע... — ווענדט זיך ליובע צו דער יונגער.

נאָר יענע רייסט זי העפטיק איבער:

— רוף מיך ניט ליזעלאָטע! רוף מיך ליזל!

אָט דאָס איז עס! ליובע ווייסט, אז אין דייטשלאַנד ריידן אלע פּאַרטייכאַווערים, אומאָפּהענגיק פון עלטער, איינער צום אַנדערן אף „דו".

— ליזל, דו! מיינסט אויך אַזוי?

— ווייניק אָפּצווווישן דאָס, וואָס איז געווען בייס דער ברוינער פּעסט, — זאָגט ליזל ליידנשאַפטלעך. — מיר מוזן מאַכן א שריט פאָרויס. מיר מוזן קעמפן פאַר א בעסערן, ליכטיקן מאָרגן, אין וועלכן ס׳וועט קיין פּלאַץ ניט זיין פאַר אַזעלכע נידערטרעכטיקע דערשיינונגען.

ליובע הייבט זיך אוף, א טיף גערירטע, און גיט דעם יונגן מיידל א קוש אין איר וווּנדערלעך געלאָקטן גאָלדענעם קאָפּ. און פלוצעם בליצט אין איר אוף דער געדאַנק: ליזל — דאָס איז דאָך זיי! זי מיט העכער דרייסיק יאָר צוריק, ווען זי האָט, א דרייסטע און מוטיקע, געשפּאַנט אין אומלעגאַלן קאַמיוג.

דער געשפּרעך ווערט איצטער האַרציקער, נעשאָמעדיקער. ליובע דערציילט וועגן דער יוגנט אין איר לאַנד, וועגן די קינדערהיימען און לערן־אַנשטאַלטן, וועגן די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. דאָס זיינען אַלץ געביטן, וואָס זי קען גוט און וועגן וועלכע זי רעדט מיט קענטעניש און ליבע.

שפּעט אין אָוונט זיינען ליובע און ליזל, — ערנא האָט זיך אַנטשולדיקט, זי מוז גיין אַהיים, — אַרויס אף די ליכטיקע, רוישיקע האַמבורגער גאַסן. איצט ווייזט זיך ליובען אויס די שטאָט ניט אַזוי פרעמד, ווי פריער. זי האָט אפילע א ביסל כאַראָטע, וואָס זי פאָרט מאָרגן אָפּ. מיט ליזלען

אונטערן אָרעם, ווי זי גייט איצטער, וואָלט זי גערן ארומגעגאנגען דאָ נאָך א טאָג־צוויי, קעדיי טיפער אריַינצוקוקן אין דער שטאָט. אָט דאָס מיידל, וואָס האָט זיך פעסט איַינגעקלאמערט אין איר אָרעם, איז דאָך די יוגנט, די האָפענונג און די צוקונפט פון דער גרויסער שטאָט אף דער עלבא.

נאָר איצט איז דאָס אומעגלעך. דער בילעט איז שוין באשטעלט.

אינדערפרי, אז זי קומט צו פאָרן אפן אעראָדראָם, ווארט שוין אף איר ליזל מיט א גרויסן בוקעט בלומען אין דער האנט. זי גיט ליובען איַבער א גרוס פון ערנאן, וועלכע האָט ניט געקאָנט קומען, וויַיל זי האָט געמוזט גיין צו איר ארבעט.

ליזל גיט איבער דעם בוקעט ליובען, און זיי צעקושן זיך הארציק.

ליובע גייט אפן פלי־פעלד צו איר אעראָפלאן, פילנדיק דעם ווארעמען בליק פון ליזלען. בא דעם טראַפ דרייט זי זיך אום. ליזל פאָכט איר ענערגיש מיט דער האנט. ליובע שיקט איר אויך א גרוס מיט דער האנט. דאַן הייבט זי זיך אוף אפן טראַפ, איר געזיכט איז איַינגעטוקט אין די פרעכטיקע אסטרען, וואָס ליזל האָט איר געבראכט.

גיי דערקלער א טומטום

פון מאָסקווע ביז ריגע איז א נאכט פאָרן מיט דער באַן, בעערעך א שאָ אָנדערהאלבן מיטן עראָפּלאַן, און — פינף און פופציק יאָר צוריק אין דער יוגנט אַרײַן. אין סאמע אָנהייב פון אָט דעם לאנגן פינף־און־פופציקיאָריקן קאָרידאָר איז געווען א גימנאזיע מיט ווילדערצויגענע גימנאזיסטלעך אין גרויע מונדירן מיט ברייטע רימענס און מעשענע ספּראָנזשקעס. מע איז געווען סטאטעטשנע קינדער פון באלעבאטישע הײַזער: רוסישע באאמטע, לעטישע אינטעליגענטן, ייִדישע סאָכרים. דער גרויער מונדיר איז געווען מעכײַעוו: אין די ייִנגערע קלאסן האָט מען מעסיק געשטיפט, זיך געשלאָגן (אויך מעסיק) מיט די „אייביקע פײַנט", די רעאליסטן. אין די עלטערע קלאסן האָט מען „זיך געשניטן אף קולטור־מענטשן", געלייענט פיסארעוון, דיסקוטירט איבער ספּענסערן, זיך געגריבלט אין פּלעכאנאָוון און זיך געהאלטן פאר מענטשן פון העכערער קולטור, לעהייפעך צו די רעאליסטן, וועמענס גוירל עס איז געווען צו ווערן טרעגער פון דער „נידעריקער קולטור", דער מאטעריעלער.

צי דען איז ער אויך געווען אזא סטאטעטשנע גימנאזיסטל אין א גרויען מונדיר מיט א ברייטן רימען? עס גלייבט זיך גאָרניט.

דער אומיטלבארער שטויס צו מיכאיל קאפּלאנס איצטיקער רײַזע קיין ריגע (מיטן באַן: אף די עלטערע יאָרן דארף מען אלץ טאָן פּאמעלעך!) איז געווען א גרוס פון ריגע פון זײַנעם א פּלוצעם געפונענעם גימנאזיע־כאווער, וואָס האָט זיך אף א צופעליקן אויפן דערוווּסט וועגן אים, — געקראָגן זײַן אדרעס און אים אָנגעשריבן א בריוו. איליושא, איליא פרידמאַן... הייסט עס, ער עקזיסטירט נאָך, פרידמאַן, דער אמאָליקער איליושא... איבערגעלעבט די אלע איבערקערענישן און ענדערונגען, פּוראָניעס און מאגייפעס פון די לעצטע יאָרצענדליקער.

ער, מיכאיל קאפּלאַן, איז גלײַך נאָכן ענדיקן די גימנאזיע אריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע און פון דעמלט אָן פארלוירן דעם קאָנטאקט מיט ריגע. נאָכדעם ווי זײַן היימשטאָט איז געוואָרן סאָוועטיש, איז ער א פּאָר מאָל געווען אף אָפּרו אפן ריגער שטראנד. אים איז אָבער גאָרניט אײַנגעפאלן צו זוכן אין שטאָט די אלטע גימנאזיע־כאווירים.

איליאס בריוו האָט ארויסגערופן א כוואליע דערינערונגען. און מיט וואָס לעבט א מענטש אף דער עלטער, אויב ניט מיט דערינערונגען? גראָד

איז עס געווען די צײַט פֿון יאָר, ווען מע דאַרף אַלפּי־טראַדיציע — צי דו האָסט כּיישעק, צי ניט — פֿאָרן אַף עפּעס אַ קוראָרט אין אַ סאַנאַטאָריע. ער האָט זיך געקווענקלט צווישן קרים און קאַווקאַז — איצט האָט ער באַ־שלאָסן: קעמערי — דאָס איז, אייגנטלעך, ריגע. הייסט עס, איליאַ, דער ראָזבאַקיקער, מיט די געדיכטע זומער־שפּרענקלעך אַפֿן פּאָנעם, דער שטענדיק אַקוראַטער, צירלעך־מאַנירלעכער איליושאַ... זיי זײַנען ניט גע־ווען קיין לײַב־כאַווײרים, אָבער פֿאָרט איז מען דאָך געווען געקניפּט און געבונדן היפּשע עטלעכע יאָר. עפּשער די טײַערסטע יאָרן פֿון לעבן.

אין קופּע, אײַנמאָסטענדיק זיך צום שלאָף, האָט זיך מיכאיל פּלוצלינג דערמאָנט, אַז איליאַס צונאָמען אין גימנאַזיע איז געווען „כאַים". כאַים און כאַים — אַזוי האָבן אים אַלע גערופֿן, און ער איז שוין געווען גע־ווינט דערצו און זיך אָפּגערופֿן אַפֿן צונאָמען. פֿאַרוואָס עפּעס „כאַים"? ער האָט דאָפּקע ניט געהאַט קיין טיפּיש ייִדיש פּאָנעם, און געשטאַמט האָט ער ניט פֿון קיין קליין שטעטל, נאָר פֿון אַ פֿאַרמעגלעכער מישפּאָכע אין ריגע. אַ סאַך אַנדערע קינדער אין זייער קלאַס וואָלטן גיכער געקענט „פֿרעטענדירן" אַף אַזאַ צונעמעניש, נאָר אָנגעקלעפּט האָט זיך דער צו־נאָמען דאָפּקע צו אים, איליושען. פֿאַרוואָס? מיכאיל האָט זיך אומזיסט געסטאַרעט אַנטשיידן די רעטעניש. אַזוי איז ער אײַנגעשלאָפֿן.

באַגינען איז שוין געווען ריגע. מיכאיל האָט גענומען אַ טאַקסי. איבער די גאַסן איז נאָך, ווי שטיקלעך צעריסענע וואַטע, געשוווּמען דער פֿרימאָרגן־נעפּל. דורך אים האָט זיך ערטערווײַז שוין דורכגעריסן די גרויע מאַסיוויקײַט פֿון טונקעלע סאָלידע מויערן, פֿאַרגליווערטע אין זייער אַלטמאָדישער פּראַכט.

איליושעס דירע איז געווען, קענטיק, ווײַט פֿון צענטער. די שטיקלעך וואַטע זײַנען גיך צערונען, אַנטבלויזנדיק ברייטע גאַסן מיט אַלץ נײַע שורעס פֿילעטאַזשיקע הײַזער, צוזאַמענגעפּרעסטע און אויסגעצאַצקעטע יעדער אַף זײַן באַזונדערן אויפֿן. זיי האָבן געריעדט פֿון אַ פֿאַרגאַנגענעם באַלעבאַטישן לעבנשטייגער, פֿון ראַכוועסדיקע פֿילצימערדיקע דירעס מיט אַ גלאַנציק־געוועקסלטן פּאַרקעט, אַף וועלכן עס באַוועגן זיך סטאַטעטשנע דינסטמיידלעך אין אָנגעקראָכמאַלעטע הייבעלעך און ווײַסע שירצלעך.

ריגע האָט זיך אַמאָל איבערגענומען דערמיט, וואָס זי איז אַ „מײַרעוו־אייראָפּעיִשע" שטאָט און טיילט זיך דערמיט אויס פֿון די איבעריקע רו־סישע שטעט, וועלכע האָבן אָן „אַזיאַטישן" אויסזען. באַ דער איצטיקער באַגעגעניש מיט זײַן אַמאָליקער היימשטאָט איז מיכאילן פּלוצלינג קלאָר געוואָרן: ריגעס אַמאָליקער הוילעך — איז אַ פֿאַרנאַפּטאַלינעוועטער פּראַק אַף די פּלייצעס פֿון אַ באַלעבאָס אַ יורעד...

די גאַס, אַף וועלכער די טאַקסי איז סאָפּקאָלסאָף אָנגעקומען, איז גע־ווען ניט אין צענטער, אָבער אויך ניט גאָר ווײַט פֿון אים. די טאַקסי האָט זיך אָפּגעשטעלט באַ אַ קאָקעטיש צווייטאַזשיק מויערל אין סטיל פֿון אָנהייב יאָרהונדערט: ערקערס, באַלקאָנען, לאָדזשיעס. אַזאַ הויז דאַרף אומבאַדינגט האָבן אין הינטערגרונט אַ באַגלאָזטע מיט פֿילקאָלירקע שויבן וועראַנדע, וואָס קוקט אַרויס אין אַ גאָרטן. מיכאיל האָט אָפּגעלאָזט דעם

שאַפער, צוגעגאַנגען צו דער אַרײַנגאַנגס־טיר און ניט דרייסט — טאָמער וואַרט מען ניט אַף אים אַזוי פרי — אָנגעדריקט די קנאָפּקע פונעם גלעקל.

מע האָט אַף אים געוואַרט: די טיר האָט זיך קימאַט טייקעף געעפנט, און מיכאל איז אַרײַנגעפאַלן אין די אויסגעשפרייטע אָרעמס פונעם באַ־לעבאָס. ער האָט אים אַ טשמאָק געגעבן אין באַק, אַ קורץ רעגעלע זיך געקווענקלט — אַפּן רוסישן אויפן צי אַפּן אייראָפּעיִשן? — און דאַן נאָך צווײ מאָל אים אַרײַנגעטשמאָקעט אין איין באַק און אין דער צווייטער: נאַ, האַלט זיך, דו ביסט טאַקע אַ ריגענזער, אָבער איך בין אַ מאָסקווער.

איליאַ, איליושאַ... אָט זיצן זיי שוין בײַ אַ רונד טישל אין גאַסט־צימער. אַ כידעש, מאַמעש אַ כידעש, וואָס נאָך אַזויפיל יאָרן — און וואָס פאַרא יאָרן! — זעט מען זיך ווידער און מע קוקט אָן איינס דעם אַנדערן. אַף דער גאַס וואָלטן זיי זיך, פאַרשטייט זיך, ניט דערקענט. נאָר איצטער, באַטראַכטנדיק אים, דערקענט מיכאל דעם געוועזענעם איליושען. דאָס פּאָנעם איז ראָז, ווי אַמאָל. נאָר אויב פריִער איז עס געווען די ראָזעווע פאַרב פון יוגנט, איז עס איצטער די רויטקײַט פון די דינינקע סקלעראָ־טישע אָדערלעך. די זומער־שפּרענקלעך זײַנען, פאַרשטייט זיך, פאַר־שוואונדן, אַף זייער אָרט זײַנען געקומען קנייטשן. אָבער די קנייטשן זײַ־נען דינע, סימעטרישע און גיבן צו דעם פּאָנעם אַ כשיוועס פון סאָליד־קײַט און ווירדע פון אַלטקײַט. מאָלאָדיעץ, איליושאַ! לויט דער באַדויע־רונג, וואָס גליטשט זיך דורך אין איליושעס בליק, פאַרשטייט מיכאל, אַז ער האָט געמאַכט אַף זײַן יוגנט־כאַווער אַן ערגערן אײַנדרוק, כאָטש פון יענעמס מויל שיטן זיך העפלעכע דערמונטערונגס־ווערטער.

עס קומט אַרײַן די פרוי. זי איז אַ סאַך ייִנגער פון אים. בײַס זי גייט אַרויס אין קיך צוגרייטן דעם פרישטיק, באַווײַזט פרידמאַן אַפּגיך צו דערקלערן דעם איניען. דאָס איז זײַן צווייטע פרוי. די ערשטע מיט צוויי קינדער זײַנען אומגעקומען בײַ די דײַטשן. ער האָט זיך אַלפּי־נעס גערעטעוועט, זיך אויסבאַהאַלטן בײַ אַ באַקאַנטער לעטישער פאַמיליע. די איצטיקע פרוי זײַנע האָט געאַרבעט בײַ אים אַלס לאַבאָראַנטקע גלײַך נאָך דער מילכאָמע, ווען ער האָט אָנגעפירט מיט אַ לאַבאָראַטאָריע. דער־פאַר האָט ער נאָך אַ יונגן זון: אַ סטודענט פון דריטן קורס אין פּאָלי־טעכנישן אינסטיטוט.

— ביסט, הייסט עס, אַ כימיקער?

איליאַ האָט אַ שמייכל געטאָן:

— געדענקסט אונדזערע מאַכלויקעס מיט די רעאַליסטן? מיר האָבן זיך געהאַלטן פאַר פאָרשטייער פון הומאַניסטישער קולטור, און די רעאַ־ליסטן פאַר מענטשן פון טעכנישער קולטור. דו האָסט דאָך געהאַט אַ נייגונג צו קלאַסישער ליטעראַטור?

— דעמלט איז אין קאָפּ ניט געלעגן פּלוטאַרך און אָווידי.

— איך ווייס, איך ווייס. דו ביסט געוואָרן אַ בוי־אינזשעניער, אָנ־געפירט מיט אַ סאַך בויונגען, האָסט מעלוכע־אויסצייכענונגען. איך ווייס, איך ווייס... מיר האָט עס דערציילט אַ מאָסקווער, דער, וואָס האָט מיר געגעבן דײַן אַדרעס.

— ביסטו, הייסט עס, אויך אוועק ניט אַפּן דערעך פון אַ גימנאַזיסט.

— אויך די אומשטענדן. וואָס האָט מען געקאָנט אופטאָן מיט קלאַ־סישער בילדונג אין אזא קליינעם לעטלאַנד? איך האָב שטודירט כימיע. געוואָרן א כימיקער.

— און דערנאָך?

— נו, אויסגעאַרבעט פאַרשיידענע כימיקאַטן פאַרן הויז־געברויך, פאַר קאָסמעטיק... מיין ניט, אז איך בין געווען א פאַבריקאַנט,— האָט ער זיך פאַרכאַפּט,— פּאָשעט, געמאַכט א לעבן.

— וואָס האָסטו זיך דערשראָקן? — האָט זיך מיכאַיל פריילעך אָפּגע־רופן.— אז מע אַרבעט, דאַרף מען אַרבעטן מיטן פולן ברען.

— ניט געווען די מאַסשטאַבן.

— פאַרוואָס? ריגע איז א גרויסע שטאָט.

— און דאַן, ווייסט דאָך, כ'האָב קיינמאָל ניט געהאַט די נייגונג צו ביזנעס. געדענקסט אונדזערע וויקוכים אין גימנאַזיע?

מיכאַיל האָט פּלוצעם אופגעלויכטן. אין די עלטערע קלאַסן האָט זיך ביסלעכווייַז אָנגעהויבן א זעלבסט־אַנטשיידונג: ווער א מאַרקסיסט, ווער א נאַראָדניק, ווער אַן עס־ער. בא איליושע פרידמאַנען האָט זיך אויס־געשניטן גאָר א מאָדנע שיטע — ער איז פּלוצעם געוואָרן אַן אָנהענגער פון רוסאָ: נידער מיט דער שטאָט־ציוויליזאַציע, צוריק צום „נאַטירלעכן צושטאַנד”, צום פּאָשעטן לעבן אף דער שויס פון נאַטור, און אזוי ווייַטער. וויקוכים? קיינער האָט גאָר ערנסט ניט גענומען זייַנע „סאָציאָלאָגישע” טעאָריעס. מע האָט אים פּאָשעט געגעבן דעם צונאָמען „רוסאָ”. און קעדיי צו אונטערשיידן אים פון יענעם רוסאָ, פון זשאַן־זשאַקן, האָט מען אים אָנגערופן „כאַים רוסאָ”. מיט דער צייַט איז רוסאָ אָפּגעפאַלן, כאַים האָט זיך צוגעקלעפּט.

נאָכן פרישטיק האָט איליא אַרויסגעפירט דעם גאַסט אין גאָרטן. ס'איז געווען טאַקע, ווי מיכאַיל האָט זיך פאָרגעשטעלט. דער קאָטעדזש האָט געהאַט אף זייַן הויף־זייַט א וועראַנדע, הינטער איר — א קליינער, אָבער גוט אַרומגעזאַמענער גאָרטן, עטלעכעביימער, קוסטעס און בלומען־קלומ־בעס, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געשלענגלט שמאָלע, מיט זשוויר באַשאָטענע, סטעזשקעלעך.

מ'האָט אַראָפּגעשלעפּט פון וועראַנדע צוויי וויגשטולן, זיך פאַנאַנ־דערגעזעצט. די זון, וואָס האָט שוין באַוויזן צעיאָגן די לעצטע שטיקלעך נעפּל, איז נאָך ניט אַרייַן אין קוראַזש, זי האָט ניט געבאַקן, נאָר געגלעט. זיך זיך אזוי אף דער זון, וויג זיך אין די אָרעמס פון די ווייכע שטולן, וואַרעם די אַלטע ביינער און גיב זיך אָפּ די דערינערונגען פון די ליבע קינדער־יאָרן מיט א כאַווער, וועמען דו האָסט ניט געזען גאַנצע 55 יאָר. איליא האָט טאַקע אזוי געטאָן. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן דעם צויי־בער פון יוגנט־דערינערונגען, דערמאָנט זיך אַלץ נייַע אייַנצלהייַטן און מיט אומיטלבאַרער פרייד דערציילט זיי דעם כאַווער. מיכאַיל האָט מיט נייַגער זיך צוגעהערט, אַמאָל אַרייַנגעוואָרפן א וואָרט. אף דער קלומבע, הארט לעבן זייַן שטול, איז געוואַקסן א פּרעכטיקע טונקל־רויטע רויז, וואָס האָט זיך מאַמעש געבעטן, מע זאָל זי א לאַשטשע טאָן. מיכאַיל האָט פון צייַט צו צייַט געגלעט איר צאַרט, פריש אויסגעצוואָגן קעפּעלע.

— איאַ, אַ שיינע רויז? — האָט צופֿרידן געשמייכלט איליאַ. ער האָט אָנגעהויבן דערקלערן, וואָס פֿאַראַ זעלטענע רויזן דאָס זײַנען און וויפֿל מי עס האָט אים געקאָסט זיי אויסצוציכטן.

די דאָזיקע זעלבסטצופֿרידנקייט האָט גענומען פֿאַרדריסן מיכאַ־ילן, ער האָט דערפֿילט, ווי עס וואַכט אויף אין אים דאָס קליינע טײַוועלע פֿון אי־ראָניע. ער האָט שוין פֿריִער באַמערקט אין הינטערגרונט פֿון גאָרטן אַ גאַראַזש פֿון געוועלבטן בלעך, אַקוראַט אָפּגעפּאַרבט אין ברוין. הייסט עס, אַז צום „נאַטירלעכן לעבן" אַפֿן שויס פֿון דער נאַטור געהערט אויך אַ „וואָלגאַ"...

— האָסט אַ מאַשין אויך?

— יאָ, אָבער איצטער איז זי דעם זונס. איך פֿאָר ניט מער אַף איר. די ריִע...

ער האָט אַ זיפֿץ געגעבן. אַ וואָלקנדל איז דורך איבער די איידעלע קנייטשן פֿון זײַן פּאָנעם, אָבער בלויז אַף אַ ווײַל, און ווידער האָט זיך געהערט זײַן „געדענקסט, מישע, געדענקסט?.." מיכאַ־יל האָט געפֿילט: אַזוי זיך אַרײַנלעבן אין דעם מישע פֿון די אַמאָליקע יאָרן, ווי יענער האָט זיך אַרײַנגעלעבט אין איליושען (ניין, אין „כאַ־ימען"!), וואָלט ער ניט געקענט. ווייסט עס דער טײַוול, עס פֿעלט אומיטלבאַרקייט מיסטאָמ.

די פֿרוי איז עטלעכע מאָל אַרויס צו זיי פֿון שטוב (פֿון דאָרט האָבן זיך געטראָגן מײַכלדיקע רייכעס — עס גרייט זיך אוודאי אַ פּאַראַדנער מיטיק). זי איז געווען אַ שטילע, אָנגענעמע פֿרוי מיט אַ רונד פּאָנעם און אַ פֿיגור, וואָס נעמט שוין ווערן פּולבלעך. „פֿון די פֿרויען, — האָט גע־טראַכט מיכאַ־יל, — וואָס פּאַסן זיך צו צום מאַן און זײַנען אים אונטער־געאָרדנט, פּונקט ווי זי איז עס געווען אַלס זײַן לאַבאָראַנטקע". זי האָט זיך צוגעהערט צו די געשיכטעס, וואָס דער מאַן דערציילט, אַ מורמל גע־טאָן: „נו, כ'וועל אײַך ניט שטערן", און איז אוועק. געוויס האָט זי די געשיכטעס געהערט שוין צענדליקער מאָל.

מיכאַ־יל האָט געקוקט אַף זײַן כאַווער: די דינע, איידעלע קנייטשן אַף איליושעס פּאָנעם זאָגן אײדעס וועגן אַ רויִק, זאַט לעבן, אָן טיפֿע לײַדנשאַפֿטן און אָן שטאַרקע איבערלעבענישן. די טראַגעדיע מיט זײַן ערשטער פֿרוי און קינדער איז מיסטאָמע געווען די שטאַרקסטע אופּטרייס־לונג אין זײַן לעבן. אָבער אויך דאָ האָט ער זיך גיך געפֿונען און, כלעבן, ניט שלעכט אײַנגעאָרדנט זײַן ווײַטערדיקע עקזיסטענץ.

דער מיטיק איז געווען גוט, געשמאַק און אַפֿילו מיט עפּעס אַ זעל־טענעם אויסלענדישן ווײַן. „אַ ביסעלע שאַט ניט", — האָט איליאַ אַ פֿינטל געטאָן מיטן אויג, און מיכאַ־יל האָט זיך געלאָזט אײַנריידן: אַזאַ זעלטענער ווײַן מיט אַזאַ קלינגענדיקן נאָמען און מיט אַזאַ דעליקאַטן עטיקעטל קאָן „אַ ביסעלע" טאַקע ניט שאַטן... די פֿרוי האָט געפּאַדעט אַרום טיש און געקוואָלן פֿון די קאָמפּלימענטן, וואָס דער גאַסט האָט געשאָטן, — אַלץ איז ווירקלעך געווען לויבנסווערט.

נאָכן מיטיק זײַנען זיי ווידער געזעסן אין גאָרטן, דאָס מאָל אין שאָטן. גערעדט האָט סראַוו איליאַ. אַפֿן זאַטן מאָגן איז דער שמועס געוואָרן לאַנגזאַמער, פּוילבלעכער. איליאַ האָט דערציילט וועגן די אַלטע כאַווי־

רים: ווער ס'איז אומגעקומען, ווער ס'איז אנטלאָפן, ווער געשטאָרבן. באשיידן באריכט זײַן פארמילכאָמע־טעטיקײַט, ווען ער האָט „אויסגעאר־בעט" (דאָס וואָרט „פאבריצירט" האָט ער אויסגעמיטן) פארשיידענע כי־מישע פראָדוקטן, וואָס אדאנק זיי האָט ער עס דאָס ביסל געמיטלעכקײַט, פון וועלכער ער געניסט אף דער עלטער...

— נו, וואָס נאָך דארף א מענטש? אלץ דאָס איבעריקע איז העוול־האוואָלים, — איליאס האלב־פארשלאָפענע שווארצע אויגן האָבן כיטרע אופגעבליצט.

— אוואדע. רוסאָ איז גערעכט: די גאָלדענע ערע פון דער מענטשהײַט ליגט אין דער פארגאנגענהײַט. די געשיכטע פון דער מענטשהײַט — דאָס איז די געשיכטע פון דער צעשטערונג פון דער אמאָליקער שליימעס פון דער מענטשלעכער נאטור.

— רוסאָ, האַ? — האָט זיך אופגעמונטערט איליא. — דו געדענקסט?

— און דו ניט?

— יאָ, געווען אמאָל, געווען, — האָט זיך טרוימעריש צעשמייכלט דער געוועזענער כאָים.

— נו גוט, דאָס איז געווען פאר דער מילכאָמע. און אין דער סאָוועטישער צײַט?

די פונקעלעך אין די שווארצע אויגן האָבן זיך אויסגעלאָשן. וועגן דעם האָט איליא געהאט קארגע ווערטער. נו, געארבעט אין אן אינסטיטוט, אָנגעפירט מיט א לאבאָראטאָריע, געהאט ניט קיין שלעכטן געהאלט, פרעמיעס, איצט האָט ער א פענסיע, אויך ניט קיין שלעכטע... וואָס איז דאָ ווײַטער צו ריידן?

מיכאַיל האָט מיטאמאָל דערפילט, ווי עס ווערט אים אומעטיק.

— ווייסטו וואָס? איך וועל שוין פאָרן.

דאָ איז איליא ארויס מיט שטורמישע פראָטעסטן:

— וואָס הייסט פאָרן? איך וועל דיך ניט לאָזן! וועסט ניט באווײַזן? דארפסט דאָ זײַן כאָטש א פאָר טעג. אזא אָנגעלייגטער גאסט! אויבן איז פאר דיר ספּעציעל צוגעגרייט א צימער.

— איך דארף נאָך הײַנט זײַן אין דער סאנאטאָריע.

— ועסט באווײַזן מיט א טאָג שפּעטער.

— ניט באקוועם צו פארשפּעטיקן.

— ווייסטו וואָס? איך באפעל דיר! איך בין דאָך אמאָל געווען דײַן נאטשאלניק!

מיכאַיל האָט אופגעהויבן די ברעמען.

— יאָ, יאָ, דײַן נאטשאלניק! געדענקסט אונדזער פוטבאָל־קאָמאנדע אין גימנאזיע?

— יאָ, דו ביסט, דאכט זיך, געווען דער קאפּיטאן.

— אוואדע.

— ...אָבער איך בין דאָך געווען בלויז א רעזערוו־שפּילער.

— עמעס. אָבער איין מאָל, בייס מיר האָבן געשפּילט דעם גוירלדיקן מאטש מיט אונדזערע אייביקע קעגנער, מיט די רעאַליסטן, האָב איך דיך ארײַנגענומען אין דער קאָמאנדע, און דו, דאפקע דו, דער רעזערוו־שפּי־

לער, האָסט אריַינגעהאַקט דעם באַרימטן גאָל, וואָס האָט אַנטשיידן דעם מאַטש! איצטער דערמאָנסטו זיך?

פון זיַינע פוטבאָל־טאַלאַנטן האָט מיכאַיל קיינמאָל ניט געהאַלטן. נאָר דערוויסן זיך אָף דער עלטער, אַז ער איז אַמאָל געווען דער אַוטאָר פון אַ „באַרימטן גאָל״ (ווי די היַינטיקע זשורנאַליסטן דריקן זיך אויס), איז געווען אַן אָנגענעמער סורפּריז.

פונדעסטוועגן דאַרף מען פאָרן.

— איך וועל זיך נאָך אַראָפּכאַפּן צו דיר אָף אַ שאַבעס אָדער זונטיק. כ׳וועל דאָך אַ גאַנצן כוידעש לעבן בא דיר אין שכיינעס, — האָט ער צום סאָף געטריַיסט דעם כאַווער.

— אומבאַדינגט. וועסט זיך דאָן באַקאַנען מיט אונדזער זון. ער איז איצט אין אַ טוריסטישער רײַזע.

איליאַ איז אַפּגיך אַרויס און זיך באַלד אומגעקערט מיט אַ פּרעכטיקן בוקעט פון טונקל־רויטע רויזן, דעם שטאָלץ פון זײַן לאַנגיאָריקער מי.

אין אַ פּאָר שאָ אַרום איז מיכאַיל שוין געווען אין סאַנאַטאָריע. פּאַר־נומען דעם צימער, וואָס מ׳האָט אים אויסגעטיילט, אַריַינגעשטעלט דעם פּרעכטיקן בוקעט אין וואַזע, אויסגעפּאַקט דאָס טשעמאָדאַנדל און אַרויס אָפן באַלקאָן. דאָ איז אויך געשטאַנען אַ וויגשטול.

ס׳איז געווען די צײַט, ווען דער טאָג קײַקלט זיך פּאַמעלעכן אַריבער אין לאַנגן זומערדיקן בײַן־האַשמאָשעס. ס׳האָט געבלאָזן אַ פרישן ווינטל, פונדערוויַיטנס האָט זיך דערטראָגן דאָס אייביקע רוישן פון יאַם.

מיכאַיל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אָף דער וויגשטול. ער האָט זיך פאַר־טראַכט.

געוויס איז עס געווען גוט, וואָס ער האָט זיך נאָך אַזויפיל יאָרן געטראָפן מיט אַן אַלטן כאַווער און אַ ביסל זיך אָפּגעפרישט מיט די ווינטן, וואָס ווייען פון די יוגנט־יאָרן. אָבער גלײַכציַיטיק האָט אים גענאָגט עפּעס אַן אומצופרידנקײַט. ער האָט פון אָט דער באַגעגעניש דערוואַרט עפּעס אַנדערש.

אין די לעצטע כאַדאָשים פון זיַין נײַעם פּענסיע־צושטאַנד (ער איז זייער שפּעט אַרויס אָף פּענסיע) האָט ער זיך שטענדיק געגריבלט אין כעזשבן־האַנעפעשדיקע פראַגן, און עפּשער דערפאַר האָט ער, פאָרנדיק אַהער, זיך פאָרגעשטעלט אַנדערש די באַגעגעניש. ער האָט געוואַרט, אַז אָף אַזאַ באַגעגעניש וועלן צוויי לעבנס אוועקגעלייגט ווערן אָף וואָגשאָלן און וועלן דורכדרינגלעך, מיט רענטגען־שטראַלן, באַטראַכט ווערן. ביין, עס גייט ניט אין דעם, אָף וועלכער זײַט וועט דאָס ציינגל אַריבערוועגן. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ וואָג איז ניט פאַראַן. נאָר קריטיש דורכקוקן די פאַרגאַנגענע יאָרן — אַ שפּילכל צו זאָגן — דאָס גאַנצע באַ־וווּסטזיניקע לעבן! — פּרוּוון אָנטאַפּן דעם העכערן זין פון לעבן, דעם שפּור, וואָס מ׳לאָזט איבער אָף דער ערד, — אָט דאָס איז געווען זײַן מיין — ביין, מער ווי אַ מיין: אַ באַדערפעניש, וואָס אַ מענטש פילט, ווען עס קומט די צײַט אונטערצופירן דעם גראָבן שטריך פון באַלאַנס. און

ווי נאָך בעסער קאָן מען אָפּשאַצן דאָס אייגענע לעבן, אויב ניט אין פאַר־גלײַך מיט א לעבן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן קימאַט אין די זעלבע באַ־דינגונגען?

איליא, אילישא, כאַים... עפּשער איז ער גאָר גערעכט? וואָס דאַרף ער ברײַען. מע זעט דאָך זיי בא אים באשײַמפּערלעך, די רעזולטאַטן. פון ליפּן־פּאָמאַדע און שוואַקס זיך אויסגעקנאָטן א געמיטלעך לעבן, מיט א קאָקעטיש הײַזל, קלומבעס פון רויזן, א געהאַרכזאַם ווײַב... לעבן זאָל זשאַן־זשאַק רוסאָ!

און ער, מיכאַיל? זײַן לעבן איז דורך אונטער גאָר אן אנדער צייכן...

...נאָך פּעווראַל זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם אָטריאַד, וואָס האָט זיך גע־שטעלט דעם אקשאָנעסדיקן ציל דורכצושלאָגן א נײַעם וועג פאַר דער מענטשהײַט. אין אָקטיאַבער שוין געהאַלטן די ביקס אין האַנט. דאַן — בירגערקריג, פראָנטן, פראָנטן, שפּעטער — יאָרן פון לערע, דורכגעמישט מיט וואָכן, ווען מע האָט געדאַרפט אוועקוואַרפן דעם רייספעדער און אויספירן שליכעסן פון פּאַרטיי אין דאָרף, אין שטאָט. געאַרבעט אין די ווײַטסטע מעקוימעס, וווהין דער גורל פון א בויער האָט אים געוואָרפן. געאַרבעט אין די שווערסטע באַדינגונגען, ווו האָסט געדאַרפט קעמפן קעגן די אורטימלעכע קויכעס פון נאַטור. יאָרנלאַנגע פּײַנלעכע איבער־מענטשלעכע מי, וועלכע עס וואָלט גאָר אומעגלעך געווען אריבערצו־טראָגן, ווען ניט דאָס אינווייניקסטע פײַערל. און נאָך יעדער פאַרענדיקטער ארבעט — דער טרייסטנדיקער באַוווסטזײַן, אז האָסט איבערגעלאָזט א שפּור אף דער ערד און אז דײַן גאַנץ לעבן האָט געהאַט א זין, ווײַל דו האָסט אויך — זאָל זײַן מיט שוואַכע ציטערנדיקע פינגער — זיך צוגערירט צום בלאַט, וואָס די געשיכטע האָט אָנגעהויבן אין יענע אומפאַרגעסלעכע טעג.

פּאָריקע נאַכט, אין צוג, האָט ער אומקלאָר איבערגעלעבט די דאָזיקע געדאַנקען און א כיישעק געהאַט זיך אויסטײַנען וועגן דעם מיטן יוגנט־כאַוועր. אין וויגשטול בא דער רויזן־קלומבע איז אים דער כיישעק פאַר־פאַלן געוואָרן.

גיי דערקלער א טומטום דעם טאַם פון דער זאַך, וואָס ער וועט ניט, ער קאָן ניט קיינמאָל אין לעבן אויספּרווון.

א נײַע ראָל

1

ווער עס איז כאָטש איין מאָל געשטאַנען אין דער ליכט פון דער ראַמפּע, געהערט די הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן, וואָס טראָגן זיך פון זאַל, געקוקט מיט גליקלעכע אויגן אפן רוישנדיקן עולם און געשמייכלט צו אים מיטן גאַנצן פּנים, פון וועלכן דער גרים איז נאָך ניט אָפּ־געווישט, — דער איז שוין א פאַרפאַלענער אפן גאַנצן לעבן. אים וועט שוין שטענדיק ציִען צו דער בינע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א קליינע וועלט, אין וועלכער עס שפּילן זיך אָפּ גרויסע לײַדנ־שאַפטן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אין כיידער. דער מעלאַמעד איז געווען א קלייניינקער, מיט א גראָב בײַכל אף קורצע פיסלעך און מיט א דין שטימעלע. בייס ער האָט געלייענט א דערהויבענעם פּאָסעק פון כומעש אָדער זיך געבייזערט אף א טאַלמיד, איז זײַן קאָל געוואָרן ענלעך אף דעם קריי פון א הענדל. מאָטקע האָט האָלט געהאַט אים נאָכצומאַכן. אז דער רעבע איז אף א מינוט אַרויס, פלעגט דער יאַט נעמען שפּרײַזן מיט דריבנע טריטעלעך לענגאויס דעם טיש, אַרום וועלכן עס זײַנען געזעסן די טאַלמידים, און געטײַטשט די טוירע, פאַרענדיקנדיק יעדן פּאָסעק מיט א קריי פון א האָן. דער כיידער האָט געקײַכט פון געלעכטער. נאָר איינ־מאָל האָט מאָטקע ניט באַמערקט, ווי דער רעבע האָט זיך צוגעגאַנוועט פון הינטן. ער האָט מאָלע־רעציכע ארײַנגעכאַפּט מאָטקעס אויער אין האַנט און געקנאָטן אים אזוי, ווי די מאַמע קנעט קרעפּלעך. אז די פינ־גער האָבן ענדלעך אָפּגעלאָזט דעם אויער, איז ער געווען רויט און געשוואָלן, מער ענלעך אף א קרעפּל, ווי אף אן אויער.

דאָס איז געווען דער ערשטער „האָנאָראַר", וואָס מאָטקע האָט גע־קראָגן פאַר זײַן אַרטיסטישער טעטיקײַט.

די שפּעטערדיקע האָנאָראַרן זײַנען געווען ניט פיל גרעסער. דאָס שטעטל איז געווען א קליינס, נאָר א פּאָר צענדליק באַכערים און מייד־לעך, הייסע כסידים פון טעאַטער, האָבן זיך אײַנגעפונען. דער אָנפירער פון דער כעווריע איז, פאַרשטייט זיך, געווען מאָטל. געשפּילט האָט מען אין שפּײַכלער פונעם טוווע־הענדלער כאַים־זעליק, וועלכער איז שוין דעמלט געווען א יוירעד און דער גרויסער שפּײַכלער זײַנער איז געשטאַ־נען קימאַט א גאַנץ יאָר ליידיק. זעלטן ווען פלעגט מען זיך אײַנבעטן באַ דער פּײַערלעשער־קאָמאַנדע, מע זאָל שפּילן אין זייער זאַל, און

אַזעלכע אָוונטן זײַנען געווען אַ יאָמטעוו פֿאַרן גאַנצן שטעטל. אויפֿגעפֿירט האָט מען צומערסטנס איינאַקטערס, קאָמעדיעס פֿון שאָלעם־אַלייכעמען. שאָלעם־אַלייכעמס וועלט איז געווען פֿאַר מאָטלען אַ טײַנעג. ער האָט געפֿילט מיט אַלע זײַנע ראַמאַך איִיוורים שאָלעם־אַלייכעמס פֿאַרשוינען, אויסגעשפּילט זיי מיט אַלע זייערע פּישטשעווקעס און טנועס און דערלאַנגט עס דעם צושויער מיט אַזאַ הומאָר, אַז עס האָט אַדורכגענומען אַף דורך. אַף די פֿאָרשטעלונגען פֿלעגט קומען דאָס גאַנצע שטעטל, און ניט זעלטן האָט מען געקענט זען אַן אַלטן ייִדן, בײַ וועלכן די טרערן פֿון טײַנעג האָבן זיך געגאָסן, ווי ריטשקעלעך, איבער די טיפֿע קנייטשן פֿון זײַן פּאָנעם. מענטשן ערנסטע האָבן געהאַלטן, אַז מאָטל וואָלט געקאָנט שפּילן ניט נאָר אין כאַיִם־זעליקס שײַער, ער וואָלט געקאָנט שפּילן אין די בעסטע טעאַטערס פֿון די גרויסע שטעט.

נאָר מאָטל האָט ניט געשפּילט אין די בעסטע טעאַטערס פֿון די גרויסע שטעט. ער האָט זיך אויסגעלערנט שנײַדערײַ, געוואָרן אַ דאַמען־שנײַדער. זײַנע פֿלינקע הענט און דער אײַנגעבוירענער געשמאַק האָבן אים געמאַכט אַ שעם אין שטעטל. נאָר אָך־און־ווי איז געווען יענער איבערקלײַבערישער און קאַפּריזער פּראַנטיכע, וואָס איז אַרײַנגעפֿאַלן אין זײַנע הענט. זײַן מויל אַף שרײַפֿעלעך האָט זיך אַף קיין מינוט ניט פֿאַרמאַכט. זײַנע שטעכווערטלעך האָט ער פֿאַרוויקלט אין אַזוינע זיסינקע רייד, אַז פֿאַריבל האָבן אַף אים האָט מען בעשום־אויפֿן ניט געקאָנט. נאָר די שנײַדער־געזעלן פֿונעם וואַרשטאַט האָבן זיך געשטיקט פֿון געלעכטער. אַז די פּראַנטיכע איז אַרויס, האָבן אַלעמענס פּנעמער געלויכטן פֿון פֿאַרגעניגן.

— מאָטל, — פֿלעגט מען אים זאָגן מיט אַ געלעכטער, — דו האָסט איצטער אָפּגעשפּילט דײַן בעסטע ראָל!

אַזוי האָבן זיך געקײַקלט די טעג, ביז זיי האָבן זיך ניט דערקײַקלט צו יענער אומגליקלעכער שאָ, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די גרויסע מאַגייפע, וואָס האָט געמאַכט אַ סאָף אי צו כאַיִם־זעליקס שפּײַכלער, אי צום שנײַדער־וואַרשטאַט, אי צום גאַנצן ייִדישן שטעטל...

...נאָך דער מילכאָמע האָט זיך מאָטל באַזעצט אין דער אַלטער ווילנע, וואָס האָט אונטער אירע אויסגעפּרוווטע פֿליגלען אַרײַנגענומען די אַלע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פֿון דער מאַגייפע.

מאָטל האָט איצט געאַרבעט אין אַ גרויסער אַטעליע, ווידער געצופּט זײַנע קליִענטקעס, וואָס זײַנען מיט יעדן יאָר געוואָרן אַלץ מער קאַפּריזנע און איבערקלײַבעריש, און ווידער געשפּילט זײַנע „ראָליעס" צום גרויסן פֿאַרגעניגן פֿון דער גאַנצער אַטעליע.

ער האָט פֿאַרדינט גוט, דער וווילשטאַנד אין שטוב איז געוואַקסן, נאָר מאָטלס נעשאָמע האָט געבענקט, געבענקט נאָך דעם ליכט פֿון דער ראַמפּע, נאָכן לויטערן פֿאַרגעניגן אויסצושפּילן דעם מענטשן מיט אַלע זײַנע פּישטשעווקעס און האַוויִעס. אַ פֿאַרמאַטערטער און אַן אויסגעשעפּטער צום סאָף פֿונעם ספּעקטאַקל, האָט ער ליב געהאַט קוקן אַף די שײַנענדיקע פּנעמער פֿון די צושויער, וועלכע שיקן די לעצטע אַפּלאָדיסמענטן די אַרטיסטן אַף דער סצענע.

אינגיכן איז זײַן טרוים פאַרווירקלעכט געוואָרן. אין שטאָט האָט זיך געגרינדעט א ייִדישער דראמאטישער קרײַז פון ליבהאָבער.

בעראָש פונעם קרײַז איז געשטאנען א געשולטער, פּראָפעסיאָנעלער רעזשיסער. ער האָט ניט נאָר געפירט די רעפּעטיציעס, נאָר אויך אײַנגעקנעלט מיט די ליבהאָבער דעם אלעפבייס פון דראמאטישער קונסט. מאָטל, שוין א מענטש אין די יאָרן, האָט זשעדנע אײַנגעזאַפּט אין זיך דאָס נײַע וויסן. באלד איז אים קלאָר געוואָרן, אז דאָס, וואָס ער האָט געטאָן פריִער אין כאַים־זעליקס שײַער, זײַנען געווען קונצן און ניט קיין קונסט. קונסט — דאָס איז ארײַנלעבן זיך אין געשטאלט פונעם פּערסאָנאזש, וועלכן ער שפּילט. און נאָך איין זאך האָט ער פארשטאנען: הינטער קימאט יעדער קאָמישער פיגור שטייט א קוים אָנזעבארע טראגיק. מענאַכעם־מענדלען, אָדער הערשעלע אָסטראָפּאָליערן, אָדער א כעלמער נאר דארף מען שפּילן אזוי, אז דער אוילעם זאָל זיך ניט נאָר קאטשען פון געלעכטער, נאָר זיך א קאפּעטשקע אויך פארטראכטן איבער די אומגעלומפּערטע אומשטענדן פון יענע טראגישע יאָרן, וואָס האָבן געבוירן אזוינע פארשוינען.

געשפּילט האָט מען גאָלדפאדענען, מענדעלען, שאָלעם־אלייכעמען און אנדערע. אין די דאָזיקע פּיעסן האָט זיך מאָטל געפילט, ווי א פיש אין וואסער.

נאָר נײַע צײַטן פאָדערן נײַע לידער.

2

די נײַע פּיעסע איז געווען וועגן א הײַנטצײַטיקער מישפּאָכע, וועלכע פירט א נאָרמאל האַרעפּאשנע לעבן.

אינעם קאָלעקטיוו האָט מען שוין לאנג גערעדט, אז מע מוז זיך אמאָל אָפּרײַסן פון די אלטע געשפּענסטן און אריבערגיין צום הײַנטיקן לאָשן.

אף דער פאָרלעזונג איז בײַגעווען דער גאנצער קאָלעקטיוו, סײַ די, וועמען ס'וועט אויסקומען צו שפּילן, סײַ די, וואָס וועלן בלײַבן אויסער דער שפּיל. געלייענט האָט דער רעזשיסער. ער האָט געלייענט מיט געפיל, מיט אויסדרוק. אָפּטמאָל, נאָך א באַדײַטנדיקער רעפּליק אָדער מאָנאָלאָג, האָט ער געוואָרפן א בליק אף דעם אָדער יענעם צוהערער, און דאָס האָט באטײַט, אז אָט דעם צוהערער האָט ער אָנגעמערקט פאר דער דאָזיקער ראָל.

מאָטל איז געזעסן א שטילער און, ווי אלע, זיך צוגעהערט. נאָר וואָס ווײַטער ער האָט געהערט, אלץ מער איז אים קאלעמוטנע געוואָרן אפן הארצן. די פּיעסע איז א גוטע, אינטערעסאנטע, נאָר אים איז קלאָר, אז אויב ער וועט דאָ האָבן א ראָל, וועט עס זײַן א גאָר קליינע, א נישטיקע. זײַן אָנגעלאָדנקײַט מיט די געשטאלטן פון א מענאכעם־מענדל איז דאָ ניט אויסצוניצן...

קאָך־האווע. אָט איז די פאָרלייענונג געענדיקט, דער רעזשיסער רופט אָן די נעמען פון די אויספּילער, און פאר אים, מאָטלען, איז אויסגעטיילט א נישטיקע, קליינע ראָל מיט בעסאכאקל עטלעכע רעפּליקעס אין א פּאָר

סצענעס, די ראָל פון א גוט־אײַנגעאָרדנטן ווילדענקענדיקן עלטערן מענטשן, וואָס איז אליין א פּאָזיטיווער מענטש און האָט א פּאָזיטיווע באַציִונג צום לעבן. קיין שום געבראָכנקייט און צעשרויפטקייט פון א געפלאָגטער נעשאָמע... ווי וועט ער, מאָטל, שפילן אזא ראָל?

דער ערשטער געדאנק איז געווען זיך אָפּצוזאָגן פון איר. נאָר דאָס איז ניט אין זײַן נאַטור. דער קאָלעקטיוו איז אים צו טײַער, ער זאָל אים אונטערשטעלן א פיסל. ער מוז עס שפילן, ער וועט עס שפילן. נאָר, גאָט מײַנער, ווו נעמט מען די אינטאָנאַציע, די פארבן פאר אזא ראָל?

די פאָרלעזונג איז געענדיקט, די ראָלן פאנאנדערגעטיילט. מאָטל גייט צו צו די מאנטלען, וואָס זײַנען אָנגעוואָרפן אף א טיש, זוכט אויס זײַנעם און טוט פּאַוואָליע אָן. אין גרויסן רעפּעטיציע־צימער איז לעבעדיק, מע שטייט הײַפלעכווײַז און מע טיילט זיך לעבהאפטיק מיט די אײַנדרוקן. מער פון אלעמען איז אופגערודערט פײַוול. דאָס איז אויך אַן עלטערער מענטש, מאָטלס נאָענטסטער כאַווער אין קאָלעקטיוו. אין די פריִערדיקע ספּעקטאקלען האָט ער געשפּילט טעוויען, בינימין־האשלישי. איצטער איז אים אָנגעקומען די ראָל פון דעם עלטסטן אין דער מישפּאָכע, פון דעם, צו וועמען עס קומען זיך צונויף די אלע ווידערשפּרוכן און פּראָבלע־מען. פײַוול איז איצטער פריילעך און רוישיק, ווי שטענדיק, און מאָטל גיט א טראכט: ער איז צו אײַנגעגלייבט אין זיך, און דעריבער שטעלט ער זיך ניט פאָר די שוועריקײַט פון דער נײַער ראָל — ווי וועט ער הענ־דעם־פּענדעם אריבערשפּרינגען פון הערשעלען צו דעם מעיושעוודיקן פּאָזיטיוון מענטשן? מאָטל גיט א קוועטש מיט דער פּלייצע און גייט צום ארויסגאנג — ער איז דאָ א קנאפּער מעכוטן אף דער כאסענע.

באמערקנדיק מאָטלען בא דער טיר, גיט פײַוול זיך א לאָז צו אים:

— נו, מאָטל, וואָס וועט איר זאָגן?

— א גוטע פּיעסע, א נייטיקע פּיעסע, — זאָגט מאָטל מיט א פרומער מינע.

— אָבער...

— איך זאָג דען „אָבער"?

— מאָטל, איך האָב אַן אויער! — לאכט זיך באסאָווע פאנאנדער פײַוול. — איך הער דעם „אָבער" אין אײַער טאָן!

מאָטל האָט אים געוואָלט אָפּענטפערן מיט א ווערטל: אז מע האָט כאלע, זוכט מען ניט קיין ברויט. אז גאָט האָט געבענטשט מיט א שאָלעם־אלייכעמען, דארף מען ניט קיין אנדער דראמאטורגיע. שאָלעם־אלייכעמס א מענטש האָט דאָך אלע זיבן כיינען פון דער וועלט. שאָלעם־אלייכעמס העלדן איז פּאָשעט א פארגעניגן צו שפּילן, און וועגן אוילעם איז דאָך שוין אָפּגערעדט — ער קײַכט פון געלעכטער און פרעגלט זיך אין טײַנעג. דאָס האָט ער געוואָלט זאָגן, אָבער געזאָגט האָט ער גאָר אַן אנדער זאך:

— אמאָל האָט דער שרײַבער געשריבן ראָלן און אָפּט טאקע געהאט אין זינען דעם אקטיאָר, וואָס וועט שפּילן די ראָל. הײַנט שרײַבט מען פארן אנסאמבל. בין איך דען קעגן? כאָלילע... כ'וועל זיך ווי־ניט־איז צו־פּאסן... ניט אונטערפירן דעם אנסאמבל. נאָר פרעגט מיך בעכיירעם, ווי מע טרעט צו צו אזא ראָל.

— פע, רעב מאָטל, איר זאָלט אזוי ריידן. די ראָל איז ניט קיין גרויסע, און איר זײַט דאָך אן אלטער הינערפרעסער, — פײַוול קלאפט וויליונגע־ריש מאָטלען איבער דער פלייצע. — איר וועט זי גלענצנד אָפשפילן.

„איר וועט זי גלענצנד אָפשפילן״, — קלינגט נאָך אין זײַנע אויערן, בײַס ער לאָזט זיך אראָפ פון די ברייטע טרעפ פון פראָפאריין־פאלאץ.

3

ס'איז געווען א זונטיקדיקער טאָג פון פרי־הארבסט מיט א מילד־ווײַסן הימל און אן אָנשאָטנדיקער קלאָרקײַט. די גאסן זײַנען געווען פול מיט א יאָמטעוודיק־אופגעלייגטן אוילעם. צו מיטיק איז נאָך געווען פרי, און מאָטל האָט באשלאָסן זיך א ביסל דורכצוגיין. גייענדיק, קלערט זיך בעסער, און עפשער וועט זיך אויסוועפן דער פארדראָס אויך.

פארזונקען אין זײַנע מאכשאָוועס און אומבאוווסטזיניק שטרעבנדיק צו בלײַבן אליין מיט זײַנע איבערלעבונגען, האָט ער פארבלאָנדזשעט אין דעם נײַעם טייל שטאָט, ווו ער איז פריִער קימאט קיינמאָל ניט געווען. אַף איינעם א ווינקל האָט ער זיך אָפגעשטעלט און אופגעהויבן די אויגן אַף דעם שילדל: „גאס פון ר. טשארני״.

רעפאָעל טשארני... פאָלקע... ווער פון די מענטשן פון זײַן דאָר האָט ניט געקענט דעם דאָזיקן כיינעוודיקן באָכער, וואָס האָט אוועקגעגעבן זײַן יונג לעבן פאר דער רעוואָליוציע? פאר מאָטלס אויגן איז אופגע־שווומען א לענגלעך טונקלהויטיק פאָנעם מיט א ביינערדיקער נאָז און צוויי שווארצע ציגײַנערישע אויגן. זיי האָבן שטענדיק געלאכט, די דאָ־זיקע פײַערדיק־שווארצע אויגן — אמאָל שפאָטיש, אמאָל שטיפעריש און אמאָל ליבלעך־וויל.

די גאס איז געווען א ברייטע, מיט מאָדערנע פילשטאָקיקע און ברייט־פענצטערדיקע הײַזער, אָנגעפיקעוועט מיט געראמע באקוועמע דירעס. דאָ און דאָרט האָבן געגרינט סקווערן. שפיל־פלעצער פאר קינדער האָבן דער־גאנצט דאָס בילד פון א וויל־אײַנגעאָרדנט הײַנטצײַטיק שטאָט־לעבן. איבער די ברייטע טראָטוארן האָט זיך באוועגט א יאָמטעוודיק געקלייד־טער אוילעם. יונגע מוטערס האָבן מיט שטאָלץ געקײַקלט קינדער־וועגע־לעך. אָט אזוי זעט אויס דאָס נײַע לעבן, פאר וועלכן עס האָט אויך גע־קעמפט דער בעקער־יונג פאָלקע...

מאָטל פארקלערט זיך: צי וואָלט ער אים געקאָנט אויסשפילן אַף דער בינע? פארשטייט זיך, ניט איצטער, נאָר מיט א יאָר דרײַסיק — פינף און דרײַסיק צוריק, ווען ער איז געווען אומגעפער אין זײַן עלטער. אַף דער דאָזיקער פראגע מוז מאָטל ענטפערן מיט א יִעשדיקן ניין. פאָלקעס פריי־לעכקײַט, פאָלקעס טראָציקײַט וואָלט ער עפשער יאָ געקאָנט אויסשפילן, נאָר צי וואָלט ער געקאָנט אויסשפילן זײַן גאנצקײַט, זײַן לעבנספרייד, זײַן אײַזערנע צילבאוווסטקײַט... ער, מאָטל, איז דאָך דעמלט געווינט געווען צו שפילן הילפלאָזע שלימעזאלניקעס. העראִישע פיגורן — דאָס איז ניט זײַן זשאנער.

9—1569

אפן עק פון דער שטילער טשארני־גאס, דאָרט, ווו זי גיסט זיך אַרײַן אין דער רוישיקער מאגיסטראל מיט טראָליבוסן, אווטאָבוסן און אווטאָמאָבילן, שטייט אַן עלטערע פרוי, וואָס האנדלט מיט אײַז־קרעם. זי שטייט אַן אײַנגעקאָרטשעטע, מיט די הענט פארוקט אין די ארבל. קיין קוינים זעען זיך ניט. מאָטל קען זי א ביסל. ער שטעלט זיך אָפּ און באגריסט זיך.

— לייע, אין אזא קעלט מאָראָזשענע?

— כ'וויס, — קוועטשט לייע מיט די פּלייצעס, — איך בין דאָ א גאנצן זומער געשטאַנען, שטיי איך נאָך איצטער אויך. עפּשער וועט זיך אײַנגעפינען א מעשוגענער...

דאָס פּאָנעם אירס באשטייט פון הוילע קנייטשן. אין יעדן קנייטש ליגט דער אלטער, דוירעסלאנגער טרויער.

— און וואָס הערט זיך עפּעס, לייע? וואָס מאכט אײַער זון? שוין געענדיקט עפּשער?

ס'איז געווען, ווי ער וואָלט אָנגעקוועטשט א געהיימע קנאָפּקע, — דאָס פּאָנעם פון דער פרוי האָט זיך געענדערט אין איין הערעף־אײַען. די זעלבע טיפע קנייטשן. נאָר פון יעדן קנייטש שפּראָצט איצטער די פרייד, שפּרודלט מיט טײַנעג, מיט נאכעס־רועך. אויך די שטים אירע קלינגט איצטער, ווי א נײַע סטרונע, אָנגעצויגן אף א זינגענדיקן פידל.

— רעדט גאָרניט, מאָטל. ער איז שוין אפן לעצטן קורס פון דער קאָנסערוואטאָריע. רײַסט זיך ניט אָפּ פון זײַן פידל. און די פּראָפעסאָרן... רעדט גאָרניט, מאָטל... זיי קענען זיך ניט אָפּלויבן פון אים.

מאָטל איז איצטער הוילע אויגן און אויערן. ער כאַפּט אוף דאָס נײַע פּאָנעם פון דער ייִדענע, איר קוים מערקבארע באוועגונגען מיט די הענט, וואָס זי האָט איצטער ארויסגעשלעפּט פון די ארבל.

קעדיי צו פארהאלטן דעם גליקלעכן אויגנבליק, שטעלט ער נאָך א פּאָר פראגן וועגן זון. נאָר דאָ דרייען זיך אונטער א פּאָר יאַטלעך צו קויפן מאָראָזשענע. לייעס פּאָנעם ווערט ווידער וואָכעדיק, איר פּלייצע הויקערט זיך אײַן, בייס זי בייגט זיך ארונטער צום קעסטל.

מאָטלען באפאלט אן אומגעדולדיקײַט. ער ווארט ניט, ביז די יאַטלעך וועלן זיך אָפּפּארטיקן. דאָס, וואָס ער האָט באדארפט, האָט ער שוין. ער ווארפט א „זײַט־געזונט” דער ייִדענע און שפּרײַזט גיך אוועק צום נאָענטן טראָליבוס־אָפּשטעל.

זיצנדיק אין טראָליבוס, טוליעט ער זיך פעסטער אײַן אין זײַן מאנטל, ווי ער וואָלט דאָרטן, אונטערן מאנטל, געטראָגן אַן אויצער.

אז ער וועט קומען אהיים און די פרוי וועט אים קוידעמקאָל פרעגן, צי האָט ער געקראָגן א ראָל אין דער נײַער פּיעסע, וועט ער, ווי א זעלבסטפארשטענדלעכקײַט, איר ענטפערן:

— ווי דען? א קליינע ראָל, עמעס. אָבער א טײַערע ראָל. פון א הײַנטצײַטיקן מענטשן, פארשטייסט?

דער מאַטעמאַטיקער

שפּעט באַנאַכט האָט זיך די טיר פֿאַרקלאַפּט נאָך דעם לעצטן גאַסט, און אין שטוב האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ נאָגנדיקע שטילקייט.

דער ברייט פּאַנאַנדערגערוקטער טיש אין עס־צימער האָט אויסגעזען ווי אַ פֿעלד, אויף וועלכן ס׳האָט זיך אָקאָרשט פֿאַרענדיקט אַ פֿאַרביטערטע שלאַכט. עס זײַנען געבליבן גלעזער פֿון טיי, טעלערלעך מיט רעשטלעך פֿון קוכן, קויסעס און קויסעלעך, טעצלעך און טאַצן.

בעניע האָט צופֿרידן־פֿויל אויסגעשטרעקט, ווי בײַ גענעצן, די גלי־דער און האָפֿערדיק אַ וווּנק געטאָן צו דער פֿרוי, ווי ער וואָלט געזאָגט: געסט זײַנען גוט, נאָר אַז זיי גייען אַוועק, איז נאָך בעסער. עלאַ האָט זיך ניט אָפּגערופֿן אויף אָט דעם ניט אַרויסגעזאָגטן געדאַנק. זי איז שווײַגנדיק צוגעגאַנגען צום טיש און זיך גענומען צו דעם געשיר. בעניע האָט זיך אַ רוק געטאָן איר צו העלפֿן, נאָר דאָ האָט ער דערהערט איר טרוקענע שטים:

— זיץ. כ׳וועל זיך ספּראַווען אָן דיר.

ער האָט געוואָרפֿן אויף איר אַ זײַטיקן בליק. די ליפּן זײַנען בײַ איר געווען געפּרעסט, די קנייטשן, וואָס ציִען זיך פֿון דער נאָז צו די מויל־ווינקלען, — שאַרפֿער ווי געוויינלעך, די שוואַרצע געדיכטע ברעמען צו־זאַמענגערוקט אין איין גלײַכן דראָענדיקן פּאַס. אַהאַ, ס׳הייבט זיך אָן...

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין ווייכן פֿאָטעל. די הענט האָבן מעכאַ־ניש גענומען אַ זשורנאַל און אָנגעהויבן צו בלעטערן. די אויגן האָבן זיך געגליטשט איבער די שורעס, נאָר ער האָט קיין זאַך ניט באַנומען. שווער צו זײַן אַ באַשולדיקטער, בייס דו ווייסט ניט אַפֿילו, אין וואָס מע באַ־שולדיקט דיך...

עלאַ האָט צוזאַמענגענומען אַ שטויס געשיר און עס אַוועקגעטראָגן אין קיך. „אויב זי וועט נעמען יעדער מאָל אַ זעקס־זיבן שטיקלעך, וועט זי דאַרפֿן אַ מאָל צען גיין אַהין און צוריק. ניט ווייניקער“, — האָט ער ניט אָן שאָדנפֿרייד אַ טראַכט געטאָן.

בײַ דער דריטער פּאַרציע געשיר האָבן זיך די דינע ליפּן פּאַנאַנדער־געשנורעוועט:

— אָבער טאַקע, אַ ביסעלע טאַקט דאַרף מען דאָך האָבן!..

„אַהאַ, די ערשטע שורע פֿון באַשולדיקונגס־אַקט... די צווייטע שורע

פון באשולדיקונגס־אקט וועט מיסטאמע קומען בא דער פינפטער אָדער זעקסטער פּאַרציע געשיר. ניט פריער״, — האָט ער א קלער געטאָן, באַ־מיִענדיק זיך ניט צו פארלירן די קאַלטבלוטיקייט.

נאָר ער האָט א טאָעס געהאט. באלד, ווי זי האָט זיך אומגעקערט פון קיך, האָט זי א זאָג געטאָן מיט ביטערניש:

— שיין באגאנגען זיך מיטן פעטער עליע... מיט טאקט... ווי שטענדיק בא דיר...

הא, דער פעטער עליע... דער אלטער אויוועראָטל... דאָס איז, דאכט זיך, ניט אזוי שרעקלעך...

— וואָס האָב איך אים געטאָן? כ׳האָב אים געזידלט?

— ס׳האָט נאָך געפעלט, דו זאָלסט אים אויסזידלען. אָבער באליידיקט האָסטו אים.

— באליידיקט?!

— דער פעטער עליע איז געזעסן, ווי אן אָפּגעשמיסענער. זײַן פּאָנעם איז געווען הוילע פלעקן...

— איז וואָס בין איך שולדיק, אז ער האָט אזא פּאָנעם?

זי האָט מיט קאס גענומען א פּאַרציע געשיר און איז ארויס. ערשט, אז זי האָט זיך אומגעקערט פון קיך, האָט זי, ניט קוקנדיק אפן מאן, געזאָגט:

— דו פארשטייסט אפילע ניט, אז דו האָסט באליידיקט א מענטשן. דער פעטער עליע איז א דעליקאטער, פײַנפילנדיקער מענטש. ער האָט מער ווי א האלב לעבן אָפּגעלעבט אין זײַן קליין שטעטל... ער איז מיט טויזנטער גײַסטיקע פעדעם צוגעבונדן צו דעם...

— ער אידעאליזירט עס פּאָשעט פונדערווײַטן.

— זאָל זײַן, ער אידעאליזירט... דארף מען דאָך עס אויך פארשטיין און ניט אזוי ברוטאל ארײַנהאקן...

— וואָס האָב איך אזוינס געזאָגט?

— וואָס האָסטו געזאָגט? „דאָס שטעטל איז געווען א נעסט פון פינצ־טערניש, שמוץ און אומוויסן... דאָס גײַסטיקע לעבן דאָרט איז באשטאנען פון איבערקײַען די מיטלאלטערלעכע סכאָלאסטיק...״

— נו, איז דאָס ניט אזוי?

זי האָט אימפּעטדיק צוזאמענגענומען דאָס לעצטע ביסל געשיר און אוועק אין קיך. דער ווײַטערדיקער געשפּרעך האָט זיך שוין געפירט אין קיך. אירע דארע הענט מיט די לאנגע פינגער — פינגער פון א מוזיק־לערערן, האָבן פאנאנדערגענומען די הרודע געשיר און פלינק זיך באַ־וועגט, וואשנדיק, ווישנדיק און צעשטעלנדיק אף די ערטער די טעצלעך, בעכער און טעלער.

— דו ווייסט גאנץ גוט, וואָס דער פעטער עליע איז געווען פאר אונדז. מיר זײַנען געווען פינף קינדער, איינס קלענער פארן אַנדערן, בייס דער טאטע איז געשטאָרבן. דער פעטער עליע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פערזענלעכן לעבן, ניט כאסענע געהאט, זיך אָפּגעזאָגט פון זײַן שטרעבונג צו קריגן וועלטלעכע בילדונג און אינגאנצן זיך אָפּגעגעבן

דער פאמיליע פון זײַן פארשטאָרבענעם ברודער. און מיט וויפל הארץ! מיט וואָס פאר א טאקט האָט ער עס געטאָן... אז די מאמע, וואָס איז אָפּטמאָל געווען פארביטערט, פלעגט מיך באאוולען, בין איך געלאָפן צום פעטער עליען זיך אויסוויינען... און דו נעמסט און טרעטירסט אים, ווי ער וואָלט געווען דער לעצטער אויווערבאָטל.

— קעגן אים פערזענלעך האָב איך גאָרנישט ניט געזאָגט. מער ניט, קעגן שטעטל.

— דו ביסט אזוי טאקטלאָז, פארשטייסט אפילע ניט, אז דו האָסט אים אריַינגעשפיגן אין דער נעשאָמע.

— ער דארף אליין פארשטיין, ווי נישטיק און לעכערלעך זײַנען זײַנע סענטימענטן צום אָפּגעלעבטן שטעטל.

— און וואָס פּארשטייסט דו אין קליינעם שטעטל? דאָרט האָט מען דאָך דאפקע קולטיווירט דאָס, וואָס דיר איז אמערסטן טײַער, — די ריינע פאָרמעלע לאָגיק!.. לאָגיק פון א מאטעמאטיקער!..

— קולט פון מיטלאלטערלעכער סכאָלאסטיק.

— אָבער די דאָזיקע סכאָלאסטיק האָט געשלײַפט די מויכעס. אין מעשעך פון דוירעס געשלײַפט און געשלײַפט. און אויב דו ביסט איצטער דאָקטאָר פון מאטעמאטישע וויסנשאפטן...

— איך בין ניט פון קיין קליין שטעטל. דו ווייסט דאָך עס גאנץ גוט. מיר האָבן געלעבט אין א גרויסער שטאָט, און מײַן פאָטער איז געווען אן אָנגעשטעלטער בא א פאבריקאנט. ער איז געווען דאָס, וואָס מ׳וואָלט איצטער געקאָנט אָנרופן עקאָנאָמיסט.

— ניט וויכטיק. אויב ניט ער, איז דײַן זיידע, דײַן עלטערזיידע פון א שטעטל; אז מע זאָל זיך גוט א גריבל טאָן, וועט מען מיסטאמע אין דײַן מישפּאָכע אויך געפינען א קליינשטעטלדיקן „סכאָלאסטיקער“ מיט אזא קאלטן געשליפענעם מויעך, ווי בא דיר, ווען דו האָסט צו פאר־דאנקען דאָס, וואָס דו האָסט.

— ניין, — האָט ער נאָך א קורצן שטילשווײַגן געזאָגט, — איך ווייס ניט דערפון. — אין דער דאָזיקער שפעטער שאָ האָט ער ניט געקאָנט, ניט געוואָלט זיך דערמאָנען, אז עפעס האָט ער יאָ קינדווײַז געהערט וועגן א געלערנטן... יאָ, ווי רופט מען עס... וועגן אן אילוי אין זײַן מישפּאָכע.

— סאָפקאָלסאָף שטאמען מיר דאָך אלע פון קליינע שטעטלעך. דו האָסט דאָך אליין האָלט אויסצורעכענען נעמען פון ייִדן מאטעמאטיקער, וואָס שטאמען פון קליינע שטעטלעך און וועלכע האָבן געמאכט א בײַ־טראָג אין דער אנטוויקלונג פון דער אטאָם-טעאָריע.

— יאָ, — האָט ער פרידלעך באמערקט, — מע וואָלט עפשער געקאָנט צונויפשטעלן א פאָרמולע, וואָס זאָל אָפּשפיגלען די פונקציאָנעלע אָפּ־הענגיקײַט פון דעם דוירעסלאנגן שלײַפן דעם מויעך, — ווי דו דריקסט זיך אויס, אגעוו ניט אינגאנצן וויסנשאפטלעך, — און דעם בײַטראָג צו דער וויסנשאפט.

— טאָ שטעל זי צונויף!

— דערצו איז נאָך די ביאָפיזיק ניט גרייט. מיר, מאַטעמאַטיקער, וואָלטן נאָך געקאָנט מיט דער הילף פון דער וואַרשײַנלעכקײַט־טעאָריע בײַקומען א סאַך היפּאָטעטישע אומקלאָרקײַטן אין דעם איניען, אָבער די ביאָפיזיקער זײַנען הילפלאָז אין דער פראַגע, ווי עס ווערן פאַרטײלט די גענען. באַ זיי געפינען זיך די גענען אין א הוילן כאָאָס פון אייגנ־וויליקע באַוועגונגען.

— דו האָסט דאָך מיר אַליין געזאָגט: אין דער אַטאָם־וויסנשאַפט און אין דער קיבערנעטיק טרעפן מיר אויך יידישע נעמען.

— יאָ, אָבער פון דײַטשישע יידן. און אַף וויפל איך ווייס, זײַנען אין דײַטשלאַנד ניט געווען קיין קליינע יידישע שטעטלעך...

— ניט וויכטיק. ראַשע[1] שטאַמט אויך פון דאָרטן.

— אַף וויפל איך ווייס, האָט ער געלעבט אין פראַנקרײַך.

— דאָס איז איינס און דאָס זעלבע.

— אַף וויפל איך פאַרשטיי, איז פראַנקרײַך און דײַטשלאַנד ניט איינס און דאָס זעלבע.

זי האָט מיט סינע א קוק געטאָן אַף אים.

— אַף וויפל איך פאַרשטיי, אַף וויפל איך ווייס... זאָג מיר, אַז דו לייענסט א פּאָעטישע שורע, לעמאָשל: „די זון איז אופגעגאַנגען א רויטע, א שײַנענדיקע...”, באַנעמסטו עס, אָדער דײַן מאַטעמאַטיש־לאָגישער סייכל קאָנסטאַטירט בלויז דעם גרײַז? ווײַל די זון באַוועגט זיך דאָך ניט אַרום דער ערד...

— ניין, פאַרוואָס? איך אַנערקען די בילדערישע שפּראַך פון קונסט, ווײַל זי האָט די מײַלע פון לאַקאָנישקײַט. דאָס, וואָס מ׳וואָלט באַדאַרפט אַף א ריין־באַשרײַבערישן אופן אויסדריקן אין צען שורעס, קאָן מען אָפט אַף דעם בילדעריש־קינסטלערישן אופן אויסדריקן אין א האַלבער שורע. אָבער...

— וואָס ווידער?

— פאַראַן נאָך א קירצערער אופן אויסצודריקן א געדאַנק. דאָס איז די מאַטעמאַטישע פאָרמולע. אין א מאַטעמאַטישער פאָרמולע, וואָס פאַר־נעמט בעסאַכאַקל א שורע, קאָן מען אַרײַנפּרעסן אַן אינהאַלט, וואָס אַף צו באַשרײַבן אים מיט געוויינלעכע ווערטער וואָלט מען געדאַרפט האָבן הונדערט זײַטן. מאַטעמאַטיק — דאָס איז די העכסטע שטופע פון פּאָעזיע.

— א ליגן! א גראָבער ליגן! — פון אופרעגונג האָבן זיך אַף איר פּאָ־נעם, פונקט ווי באַם פּעטער עליען, באַוויזן פלעקן, — פּאָעזיע איז קוי־דעמקאָל הארץ! הארץ! דאָס קענסטו ניט פאַרשטיין, ווײַל אין די מענטשן, וואָס האַלטן, אַז זיי זײַנען אַף „דער העכסטער שטופע פון פּאָעזיע”, איז קיין ברעקל הארץ ניטאָ! דעריבער דערלויבן זיי זיך צו טאַפּטשען די נעשאָמע פון א מענטשן און פאַרשטייען עס אפילע ניט...

---

[1] ר ש׳י — אַבּרעוויִאַטור פון רב שלמה יצחקי (רעב שלוימע דער זון פון יִצכאָק) — קאָמענטאַטאָר פון דער ביבל, געלעבט אין XII יה.

זי האָט אַרײַנגעלייגט די לעצטע גאָפּל־מעסער אין שופלאָד פון קיך־טישל, האסטיק פארוקט אים און זיך אויסגעגלײַכט. פון אירע דינע געפּרעסטע ליפּן האָט זיך ארויסגעריסן:

— קאלטער גאזלען! אָט וואָס דו ביסט! א קאלטער גאזלען! ווען איך וואָלט געהאט א טאָכטער, וואָלט איך איר אָנגעזאָגט: האָב כאסענע מיט וועמען דו ווילסט: מיט א קוימענקערער, מיט א באלעגאָלע, מיט א וואַסערטרעגער. אָבער נאָר ניט מיט א מאטעמאטיקער!

— ערשטנס, האָסטו אָנגערופן ניט־עקזיסטירנדיקע פּראָפעסיעס, און צווייטנס, דערלויב איך מיר דיר צו דערמאָנען, אז מיט צוויי כאדאָשים צוריק, ווען אונדזער זון האָט גלענצנדיק אויסגעהאלטן די אופנעם־עקזאמענעס אפן מאטעמאטישן פאקולטעט, ביסטו געווען זייער צופרידן.

— מישע איז אן אנדער זאך.

— אן אלטער קלאל: ווען א פרוי האָט א מאן און א זון, איז דער מאן אן אידיאָט און דער זון א געני.

זי איז ארויס פון קיך. די טיר פונעם שלאָפצימער האָט האסטיק א קלאַפּ געטאָן, און דער דאָזיקער קלאַפּ האָט איבערגעכאזערט: קאלטער גאזלען.

ער איז ווידער ארײַן אין עסצימער און זיך אראָפּגעלאָזט אין פאָטעל. יאָ, אין דעם איז ער אליין שולדיק. נאָך אין אָנהייב פון זייער צוזאמענלעבן איז ער באגאנגען די נארישקײַט און דערציילט זײַן פרוי, אז אין שול האָט מען אים גערופן „קאלטער גאזלען”. ער האָט עס דערציילט אלס קוריאָז. וואָס? ער איז דען א בלוטדאָרשטיקער, אן אכזער? און וואָס פארשטייען ביכלאל צוועלפיאָריקע שנעקעס אין מענטשלעכן כאראקטער? אָבער מאשמאָעס, אז דאָס דאָזיקע וואָרט איז טיף ארײַנגעפאלן אין איר, און אין „קריגס־צײַט” ווענדט זי אָן קעגן אים אָט דאָס געווער.

אָבער צוריקגערעדט, וואָלט זי עס סײַ־ווי־סײַ זיך דערוווּסט. מיט א פּאָר יאָר צוריק איז געקומען צו זיי אין שטוב זײַנער אן אלטער שול־כאווער, וואָס וווינט אין אן אנדער שטאָט און מיט וועלכן ער האָט זיך ניט געזען העכער צוואנציק יאָר. מע איז געזעסן אופגעלייגט באם טיש, געשמועסט, דערמאָנט זיך די אלטע צײַטן. דער גאסט איז, קאָנטיק, שטאָלץ געווען דערמיט, וואָס זײַן אלטער כאווער איז געוואָרן א דאָקטאָר פון מאטעמאטיק, און האָט מיט פארגעניגן ארײַנגעטעמט די סאָלידע פּראָפעסאָרישע אטמאָספער פון שטוב. פּלוצלינג האָט ער זיך פאנאנדערגעלאכט.

— עלא אבראַמאָוונא, איר ווייסט, ווי מע האָט אין שול גערופן אײַער מאן? קאלטער גאזלען! כא־כא־כא... קאלטער גאזלען!.. לאָזט זיך אויס, אז ער האָט געמאכט גאָר אן אנדער קאריערע...

און בעניע געדענקט זייער גוט, ווי פון די געפּרעסטע ליפּן האָט זיך ארויסגעריסן אן איראָנישער ענטפער:

— ניט גאָר קיין אנדערע...

דער פריילעכער גאסט האָט ניט געלייגט קיין אכט אף דער רעפּליק, נאָר בעניע האָט עס גוט פארגעדענקט.

יאָ, א קאַלטער גאזלען... עפּשער ניט געדארפט זיך אזוי באגיין מיט דעם פעטער עליע, מיט דעם אלטן טערעך...

אין שלאָפצימער האָט ער קיין כיישעק ניט געהאַט צו גיין. ער איז אריַין אין קאבינעט, זיך געזעצט צום שריַיבטיש און געעפנט א זשורנאל. זײַן בליק האָט זיך אָנגעשטויסן אף א לאנגער שורע מיט מאטעמאטישע צייכנס, און ער האָט דערפילט, ווי אין אים גייט אוף די לויטערקייַט. ס'איז געווען אזוי, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעשטויסן פון אן אומפארשטענדלעכן ברעג מיט ריפן, בערג און טונקעלע היילן און זיך געלאָזט צו אן אנדער ברעג — א גלאטן, קלאָרן, באלויכטענעם פון זון. אף א סעקונדע איז אופגעשווומען דאָס מיט פלעקן באדעקטע פּאָנעם פונעם פעטער עליע. ער וואָלט אים עפּשער געקאָנט א ביסל מיטפילן, אויב ניט די איינציקע גרויסע טײַנע צו אים: א ביסל לאָגיק דארף דאָך א מענטש פארמאָגן...

א פּוסטער טאָג

די עלטערן פאָרן אוועק אַף א כוידעש קיין קיסלאָוואָדסק, און אים נעמט מען ניט מיט.

פאַרדריסט עס א ביסל ליאָווקען, אָבער ניט צו שטאַרק.

ער איז שוין ניט קיין קליינינקער, ער זאָל שטענדיק זיך מיטשלעפּן מיט די עלטערן. באַקענען זיך מיט קאַווקאַז וועט ער נאָך באַוויַיזן. איצט, אַז ער בלײַבט אַליין פאַר זיך אַף א גאַנצן כוידעש צײַט, וועט ער טאָן דאָס, וואָס ער וויל. שטיפערײַען? ניין. ער איז שוין ניט קיין קליינינקער. ער איז שוין א דערוואַקסענער מענטש. דעם ווינטער, זײַענדיק אין אַכטן קלאַס, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער איקער בא א מענטשן — דאָס איז ווילן. מע דאַרף טרענירן דעם ווילן, פאַרהאַרטעווען אים. דאָס איז דער ערשטער באַדינג, אַז א מענטש זאָל דערגרייכן צו דעם, וואָס ער שטרעבט. איצט, אַז ער איז פרײַ פון דער שול, פרײַ פון די עלטערן און זייער האַזשגאָכע, וועט ער באַווײַזן זיך אַליין, וואָס ער קען.

די לעצטע צוויי טעג, ווען די עלטערן זײַנען געווען פאַרנומען מיט די צוגרייטונגען צו זייער רײַזע, איז ליאָווקע געזעסן אין זײַן צימער און אויסגעאַרבעט א פּראָגראַם פאַר זיך. א פּראָגראַם דאַרף ער, ניט קיין אינסטרוקציעס פון די עלטערן און לערער. דאָס איז די הויפּט־זאַך! און אומבאַדינגט אויספּילן די פּראָגראַם — דאָס איז דאָס הויפּט־מיטל אַף צו טרענירן און פאַרהאַרטעווען דעם ווילן.

די פּראָגראַם האָט פאָרויסגעזען: אופשטיין אַלע טאָג אַכט אַזייגער אינדערפרי, ניט א מינוט פריִער, ניט א מינוט שפּעטער, און זיך לייגן שלאָפן עלף אַזייגער, אויך מינוט אין מינוט; אַלע טאָג א מינימום פיזישע איבונגען (דערונטער באָדן זיך אין טײַך, וואָס פאַר א וועטער עס זאָל ניט זײַן, — אַכט און פערציק מינוט, אײַנשליסנדיק דעם גאַנג היִן און צוריק) און א מאַקסימום פון אינטעלעקטועלער טעטיקײַט (ליאָווקע האָט זיך געגרייט צו ווערן א מענטש פון גײַסטיקער אַרבעט). אין דער פּראָגראַם פון זײַן אינטעלעקטועלער טעטיקײַט האָט ליאָווקע אײַנגעשלאָסן — דורכשטודירן דעם בוך „אַרײַנפיר אין דער העכערער מאַטעמאַטיק", וואָס אַרקאַדי ניקאָלײַעוויטש, זײַן לערער, האָט אים געגעבן, אויסלערנען דעם שאָך־גאַמביט פון קיניגלעכן פענדל מיט אַלע וואַריִאַנטן און סובוואַריִאַנטן; דורכמאַכן אַלע עקספּערימענטן און לייזן אַלע אויפגאַבן פון דער „אונטערהאַלטונגס־פיזיק"; זיך באַקענען לויט די צוויי ביכער, וואָס ער

האָט געקויפֿט, מיט די יעסוידעס פֿון קיבערנעטיק (אָן קיבערנעטיק קאָן א הײַנטצײַטיקער מענטש, מיט וואָס ער זאָל זיך ניט פֿארנעמען, ניט עקזיסטירן); דורכלייענען נאָרבערט ווינערס „ווי:אזוי איך בין געוואָרן א מאטעמאטיקער"; קאָנסטרוירן זײַן פֿלי־מאָדעל, וואָס ער האָט נאָך פֿאראיאָרן פֿארטראכט (דאָס וועט זײַן זײַן ערשטער צושטײַער אין טעכניק).

קיין אויסגעטראכטע מײַסעס וועט ער ניט לייענען. אין אכטן קלאס האָט ער נאָך געלייענט ראָמאנען, דעטעקטיוו־געשיכטעס, דערציילונגען וועגן שפּי:אָנען. הײַנט איז ער אָבער שוין א דערוואקסענער מענטש. נייטאָ וואָס צו פֿאטערן צײַט אף אזעלכע זאכן.

טעלעוויזיע, ראדי:אָ דארף מען אויך ניט. אן אויסנאם וועט ער נאָר מאכן פֿארן „ספּארטאק" (פֿון היגן „זשאלגיריס" האלט ער ניט). פֿוטבאָל איז פֿאָרט א שיינע שפּיל — דאָ קומט אמבוילעטסטן צום אויסדרוק דער ווילן צום זיג, וואָס שטויסט זיך אָן אף דעם ניט קלענערן ווילן פֿונעם קעגנער. ווען „ספּארטאק" וועט שפּילן, וועט ער אָפּלייגן זײַן פּראָגראם אָן א זײַט און זיצן די פּאָר שאָ פֿארן טעלעוויזאָר.

דאָס, וואָס ער וועט דעם כוידעש, ווען די עלטערן וועלן ניט זײַן, דארפֿן לעבן באַם פּעטער אף דער דאטשע, איז אויך ניט שרעקלעך. דער פּעטער מארק איז א הײַנטצײַטיקער מענטש און באציט זיך צו אים גוט. ער איז אן אינזשעניער, ארבעט אלס קאָנסטרוקטאָר אף א זאוואָד און איז א טעכניש־דענקענדיקער מענטש, מיט וועמען מע קאָן אמאָל כאפּן א שמועס. עמעס, די פֿרײַע צײַט זײַנע אין שטוב פֿארברענגט דער פּעטער קימאט אויסשליסלעך אף לייענען ראָמאנען, אויסגעטראכטע מײַסעס. מיילע, מע קאָן פֿארשטיין אָט די שוואכקײַט זײַנע, ער איז דאָך שוין זייער אלט, אוואדע מער ווי פֿערציק...

שפּעט אין אָוונט, ארויסבאגלייטנדיק די עלטערן אפֿן וואָקזאל, האָט ליאָווקע געדולדיק געהערט די לעצטע „אינסטרוקציעס". ס'האָט אים דערבײַ געערגערט, וואָס די עלטערן האלטן אים נאָך פֿאר א קינד. ווען זיי וויסן פֿון זײַן פּראָגראם!..

איבערגענעכטיקט איינער אליין אין דער ליידיקער דירע, האָט ליאָווקע אף מאָרגן אײַנגעקויפֿט די נייטיקע מאכשירים אף צו מײַסטרעווען די פֿלי־מאָדעל, אײַנגעפּאקט די ביכער און פֿארנאכט זיך געיאָוועט אף דער דאטשע. דער פּעטער איז געזעסן אף דער ווערא׳נדע אין א וויגשטול און געלייענט. געלייענט האָט ער אָן די ברילן. דערזען דעם פּלעמעניק, האָט ער אָנגעטאָן די ברילן און אים באקוקט.

— אוועקגעפֿאָרן?

— אוועקגעפֿאָרן.

— נעכטן אָוונט?

— נעכטן באנאכט.

דער פּעטער האָט ניט געפֿרעגט, ווו ליאָווקע האָט פֿארבראכט דעם טאָג. געווען איז ער גוטמוטיק, נאָר זײַנע קארע אויגן האָבן געקוקט פֿון די ארומיקע אָנצאָליקע קנייטשעלעך מיט א ביסל איראָניע.

— אָהאָ, אַזויפיל ביכער?

— מ׳דאַרף, — האָט דאָס ייִנגל א בורטשע געטאָן.

— נו, גיי אין קיך. די מומע וואַרט אף דיר מיטן אָוונטברויט. מיר האָבן שוין אָפּגעגעסן. נו, וועסט עס מאָרגן אַרײַנשלאָפן!

— ניין, כ׳וועל אופשטיין אכט אזייגער.

— אכט אזייגער?

— אכט אזייגער! — האָט ליאָווקע אויסגעהאַלטן דעם פעטערס אָפּשפּאָטערישן בליק.

— נו־נו, — האָט דער פעטער א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

ליאָווקע האָט פּינקטלעך אויסגעהאַלטן זײַן פּראָגראַם. ער איז אופגעשטאַנען יעדן טאָג אכט אזייגער אינדערפרי, אין די באַשטימטע שאָען געמײַסטרעוועט, אין די באַשטימטע שאָען געלייענט די באַשטימטע ביכער און — מעג זײַן זון, מעג זײַן רעגן — אין דער באַשטימטער שאָ געגאַנגען זיך באָדן אין טײַך. יעדן אָוונט, לייגנדיק זיך שלאָפן, האָט ער דורכגעטראַכט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן פאַרן טאָג, און מיט באַפרידיקונג קאָנסטאַטירט, אז ניט געקוקט אף דעם, וואָס אַנדערע זאַכן גיבן זיך אים אײַן שווער און זײַנען ניט אזוי אינטערעסאַנט, ווי ער האָט לעכאַטכילע זיך פאָרגעשטעלט, פירט ער פונדעסטוועגן אומבייגזאַם אויס זײַן פּראָגראַם. זײַן ווילן פאַרהאַרטעוועט זיך.

באַזונדערס שווער איז אים געווען מיט דער קיבערנעטיק. ער פלעגט דורכלייענען אַנדערע ערטער אײן מאָל, א צווייט מאָל, און בייס אים פלעגט זיך שוין דאַכטן, אז ער האָט עפּעס־וואָס פאַרשטאַנען, האָט ער געמוזט אין א מינוט אַרום פעסטשטעלן, אז ער האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. פונדעסטוועגן האָט ער אין די אָנגעמערקטע שאָען ווײַטער „שטודירט״ קיבערנעטיק.

א ביסל בעסער איז געגאַנגען מיטן „אַרײַנפיר אין דער העכערער מאַטעמאַטיק״. עמעס, אויך דאָ איז ניט אַלץ געווען קלאָר, אָבער בייס ער האָט איינמאָל דערקלערט דעם פעטער, וויאַזוי ער פאַרשטייט די קאָנטינויִטעט פון א מאַטעמאַטישער פונקציע, האָט דער פעטער מאַרק זיך אָפּגעריסן פון ראָמאַן, אָנגעטאָן די ברילן און א קוק געטאָן אפן פלעמעניק. די דינינקע קנייטשעלעך אַרום די אויגן האָבן דאָס מאָל ניט געקוקט איראָניש, ווען ער האָט געזאָגט:

— נו, ליאָווקע, עס וואַקסט, דאַכט זיך, פון דיר א מענטש...

אָבער מיט דער מאָדעל איז ניט געגאַנגען. דאָ האָט אים אפילע דער פעטער מאַרק, דער אינזשעניער, ניט געקאָנט העלפן. ער האָט זיך צוגעקוקט צו ליאָווקעס מײַסטרעווען און אַרויסגעשטאַמלט:

— מיר דוכט זיך, ליאָווקע, אז די עצעם אידיי איז בא דיר ניט קיין ריכטיקע...

לײַכטער פון אַלץ האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָרבערט ווינערס ביכל „וויאַזוי איך בין געוואָרן א מאַטעמאַטיקער״. אַלץ איז קימאַט געווען פאַרשטענדלעך. מער ניט, אים האָט אויסגעזען מעשונע דאָס, וואָס ווינער

האָט דערציילט וועגן זײַן כאַסענע. ווינערס זיידע איז געווען אַ רעדאַק־טאָר פון אַ ייִדישער צײַטונג, זײַן פאָטער — אויך אַ געלערנטער, און ער, נאָרבערט, האָט כאַסענע געהאַט אין אַ לוטעראַנישער קירך. „מיסטאָמע איז די פרוי זײַנע אַן אָפּגעשטאַנענע געווען“, — האָט געטראַכט ליאָווקע. ס׳האָט אים אַ ביסל פאַרדראָסן, וואָס אַזאַ מענטש, ווי ווינער, האָט זיך פאַרנומען מיט אַזוינע נאַרישקייטן, ווי כאַסענע האָבן, און נאָך דערצו אין אַ קירך. ווען ער טוט עס ניט, וואָלט ער, קאָן זײַן, געקאָנט מאַכן נאָך אַן אַנטדעקונג. נאָר עפּשער, האָט ליאָווקע ווײַטער געטראַכט, איז עס בעסער, וואָס ווינער האָט עפּעס־וואָס געלאָזן ניט אַנטדעקט: ער, ליאָווקע, וועט זיך דאָך ניט פאַרנעמען מיט אַזוינע נאַריש־קייטן...

מיטן גאַמביט פון דעם קיניגלעכן פּענדל איז אויך געווען עפּעס ניט קעשורע. ווען ליאָווקען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט שוין באַנומען אַלע וואַריִאַנטן און סובוואַריִאַנטן, האָט ער אַרויסגערופן דעם פּעטער אויף אַ שפּיל, אָבער נאָך די ערשטע גענג האָט ליאָווקע דערזען, אַז עס האַלט שמאָל.

— פּעטער מאַרק, דו ענטפּערסט ניט אויף דעם דעביוט, ווי אין טעאָריע שטייט.

— טעאָריע? איך האָב קיינמאָל ניט שטודירט קיין טעאָריע.

ביכלאַל אָבער איז ליאָווקע צופרידן געווען פון זײַן פּראָגראַם. עמעס, ניט אַלץ גייט אַזוי, ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אָבער דאָך — טרע־נירט ער און פאַרהאַרטעוועט זײַן ווילן. און דאָס איז דאָך דער איקער.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען ליאָווקע איז געזעסן אין גאָרטן און זיך געסטאַרעט צו דערגיין דעם סאָד פון עפּעס אַן אינטעגראַל, האָט ער פּלוצעם דערהערט אַ באַקאַנטן פײַף. עס האָט אים פריידיק אַ טיאָכקע געגעבן דאָס האַרץ. הינטערן פּלויט איז געשטאַנען דער לאַנגער דראַנג איגאָר, זײַן בעסטער כאַווער אין קלאַס. ער האָט געהאַלטן צוויי פינגער אין מויל, גרייט איבערצוכאַזערן דעם פײַף. אין איין הערעף־אײַען איז ליאָווקע געווען באַם פּלויט.

— איגאָר!

— אהאַ! — האָט יענער באַשטעטיקט, און זײַן געשפּרענקלט פּאָנעם האָט אופגעשײַנט. — וואָס טוסטו איצט? קום!

ליאָווקע איז אוועקגעלאָפן צוריק, אַרײַנגעוואָרפן דאָס ביכל אין אָפע־נעם פענצטער, און אָט איז ער שוין לעבן כאַווער.

— געגאַנגען!

נאָר וואָס הייסט געגאַנגען? איגאָר איז אוועקגעלאָפן פאָרויס, האָט אײַנגעבויגן זײַן לאַנגן רוקן און זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער האַנט אין די קני. ליאָווקע איז זיך פאַנאַנדערגעלאָפן, אַריבערגעשפּרונגען איבערן כאַווערס רוקן, אָפּגעלאָפן אַ שטיקל וועג און זיך אויך אײַנגעבויגן, קעדיי דער כאַווער זאָל שפּרינגען איבער אים. אינגיכן זײַנען זיי שוין געווען באַם וועלדל. נאָר איגאָר האָט זיך ערשט צעשפּילט.

— ארופקריכן? — ער האָט א ווונק געגעבן אפן ערשטן בוים, וואָס איז געשטאנען אין וועג.

— א פײַג! — האָט געענטפערט ליאָווקע. די ערשטע צווײַג איז געווען גאנץ הויך פון דער ערד.

איגאָר איז זיך פאנאנדערגעלאָפן, אונטערגעשפרונגען און מיט די הענט אָנגעכאפּט די צווײַג, ער האָט זיך אונטערגעצויגן, אָנגעשפּארט זיך מיט דער ברוסט אף דער צווײַג, זיך אויסגעדרייט, און אָט זיצט ער שוין אפן בוים, שמייכלענדיק מײַסע זיגער צום כאווער.

ליאָווקע איז זיך אויך פאנאנדערגעלאָפן, נאָר ניט דערגרייכט מיט די הענט צו דער צווײַג.

— אז דו ביסט אזא דראָנג, — האָט ער מיט א שמייכל געזאָגט.

איגאָר איז אראָפּגעשפּרונגען, אונטערגעשטעלט זײַן פּלייצע, געהאָלפן דעם כאווער ארופקריכן אף דער צווײַג און אליין אויך ארוף. פונדאנען איז שוין לײַכט געווען זיך אופצוהייבן צו דער קרוין פונעם בוים. דאָרט איז געווען א מעכײַע. די צווײַגן האָבן ארומגעכאפּט, ווי גוטע פרײַנט־לעכע הענט, די בלעטער האָבן געשורשעט און ווייך געגלעט דאָס פּאָ־נעם. פון דער הייך האָט זיך געעפנט א ברייטע פּערספּעקטיוו. אָט שלענגלט זיך, דאָ באהאלטנדיק זיך, דאָ ארויסקריכנדיק פון צווישן די ביימער, די שווארצע טאשמע פון אספאלט, וואָס ציט זיך צו דער שטאָט; אף דער אנדערער זײַט פון וועג גלאנצט, ווי א שפּליטער פון א שפּיגל, א שטיק טײַך; הינטער אים, ווײַט־ווײַט אפן ראנד פון די שווארצע וועל־דער שטעקט ארויס זײַן קאָפּ א שפּיציקער קירכן־טורעם... ליאָווקע האָט א קוק געטאָן אף איגאָרן. יענער האָט מיט אן אָנגעשטרענגטן בליק און מיט אן אָפן מויל געקוקט אין א זײַט. ליאָווקע האָט אויך א קוק גע־געבן — א כאָפּטע מיידלעך האָבן דאָרט אונטער די ביימער זיך איבער־געטאָן, קענטיק נאָכן באָדן.

— דו האָסט אמאָל שוין געקושט זיך מיט א מיידל? — האָט איגאָר געפרעגט ליאָווקען און אים אײַנגעשושקעט עפּעס אין אויער.

— פריקרע...

— ניין, דאָס איז ניט אזוי פריקרע. מע געוווינט זיך צו, — האָט איגאָר גלײַכגילטיק געזאָגט און אויסגעשפּיגן צווישן די ציין.

די יִינגלעך האָט זיך אויך פארוואָלט באָדן. זיי זײַנען אראָפּגעקראָכן פון בוים. איגאָר האָט פארקערעוועט צו דעם אָרט, ווו די מיידלעך האָבן זיך געהאט אָנגעטאָן, נאָר דאָרט איז שוין קיינער ניט געווען. זיי האָבן זיך אויסגעטאָן, ארײַן אין וואסער און לאנג זיך געבאָדן, שווימענדיק, יאָגנדיק זיך איינער נאָך דעם אנדערן און שטיפנדיק.

ארופגעצויגן די בגאָדים האָט מען אפן נאסן קערפּער. ס'איז געוואָרן קילבלעך. ניט ווײַט פון זיי האָבן דאטשניקעס געשפּילט אין האנטבאָל. איגאָר און ליאָווקע זײַנען ארײַן אין שפּיל. ס'איז געווען פריילעך. נאָר אין א געוויסן מאָמענט האָט ליאָווקע זיך געכאפּט, אז ער שטייט גאָר נאָענט לעבן א מיידל. איר בונט ברייט קליידל האָט געפלאטערט פון די האסטיקע באוועגונגען. ליאָווקע האָט זיך דערמאָנט, וואָס איגאָר האָט אים געזאָגט, און געביטן זײַן אָרט.

נאָך דער שפּיל האָבן זיי ביידע זיך אָפּמאָל געכאַפּט, אַז זיי ווילן עסן.

— אהיים...— האָט ליאָווקע אומעטיק געזאָגט, און ס'האָט אים אַ שקראַבע געטאָן דאָס געוויסן, וואָס ער האָט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אין זײַן פּראָגראַם.

— דודקי... איך האָב מאָנעי (זיי האָבן אין שול געלערנט ענגליש).

זיי האָבן איבערגעציילט זייערע געלט־רעסורסן, געזען, אַז ס'קלעקט, און אַוועק צום רעסטאָראַן אַפן פּליאַזש.

אַף דער אָפענער טעראַסע פונעם זומערדיקן רעסטאָראַן איז געווען טומלדיק. איגאָר און ליאָווקע האָבן פאַרנומען אַ טישל. באַם שכייניסדיקן טישל איז געזעסן אַ רווישיקע קאָמפּאַניע יונגעלײַט, באָכערים און מיידלעך. צוויי פון די מיידלעך זײַנען געווען אין באָד־קאָסטיומען (באַם אַרײַנגאַנג פון רעסטאָראַן איז געהאַנגען אַ צעטל „קליענטן אין באָד־קאָסטיומען ווערן ניט באַדינט״). איינע פון זיי, אַ שוואַרצכיינעוודיקע, מיט לאַכנדיקע אויגן, איז געזעסן האַרט לעבן ליאָווקען. איר ברוין־אָפּגעברענטער פולבלעכער פוס איז געווען גאָר נאָענט פון אים, און מאָדנע, דאָס מאָל האָבן אים ניט געאַרט איגאָרס מיִעסע רייד וועגן מיידלעך. ער האָט אַפילו אַ רוק געטאָן זײַן שטול, קעדיי צו זײַן נעענטער צו דעם ברוינעם פאַרפירערישן פוס. איגאָר האָט דאָס באַמערקט, אונטערגעווונקען אים און געמאַכט אַ פּרווו אַרײַנצופּלעכטן זיך אין די רייד פון דער קאָמפּאַניע יונגעלײַט. נאָר יענע האָבן ניט געלייגט קיין אַכט אַף די יינגלעך.

— גרויסהאַלטערס! — האָט איגאָר גאַנץ הויך אַ בורטשע געטאָן. ער האָט צוגעײַלט ליאָווקען צו גיין, כאָטש ליאָווקע וואָלט נאָך גערן געזעסן אַף זײַן שטול.

באַם באַצאָלן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מאָלצײַט האָט געקאָסט גאָר ניט אַזוי פיל, ווי זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט.

— מע האָט נאָך געקאָנט נעמען ווײַן, — האָט עס איגאָרן פאַרדראָסן. ער האָט מיסטאָמע געקלערט, אַז ווען אַף זייער טיש וואָלט געווען ווײַן, וואָלט יענע קאָמפּאַניע אַזוי ניט אונטערשעצט זיי.

דאַן האָבן זיי באַשלאָסן צו דינגען אַף אַ פּאָר שאָ אַ שיפל. זיי האָבן גערודערט נאָך דער ריי, זיך דערנעענטערט צו די באָדנדיקע, באַשפּריצט מיט וואַסער די קוויטשענדיקע מיידלעך. און ווידער דערווײַטערט זיך, ווען מע האָט געשריִען אַף זיי. סאָפּקאָלסאָף האָבן זיי באַשלאָסן אַוועק־צופאָרן ווײַטער אין מיט טײַך. דאָרט האָבן זיי זיך אויסגעטאָן, געשפּרונגען פון באָרט אין וואַסער און זיך ווידער געקאַראַבקעוועט אין שיפל.

דער לאַנגער זומער־טאָג האָט שוין געהאַלטן אין אויסגיין, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט פון טײַך. ס'איז געווען שטיל, מער ניט, די געלע יאָדלע־נאָדלען האָבן געשורשעט אונטער די פיס. פון דיביימער זײַנען געפאַלן לאַנגע שאָטנס.

ליאָווקע האָט באַגלייט זײַן כאַווער צום אויטאָבוס. דערנאָך איז ער אַוועק צו זיך אַף דער דאַטשע.

די מומע האָט אים באַגעגנט און אופגערודערטע.

— ווו ביסטו געווען א גאַנצן טאָג? מיר האָבן שוין ניט געוווּסט, וואָס איבערצוקלערן... גיי עסן... ס'איז שוין אַלץ קאַלט געוואָרן...

דער פעטער מארק האָט זיך אָפּגעריסן פון בוך. אלע זײַנע דינינקע קנייטשעלעך ארום די אויגן האָבן געקוקט אף ליאָווקען מיט א גוטמוטי־קער איראָניע.

שפּעטער, ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט ליאָווקע דערפילט די זיסע מידקײַט, וואָס האָט ארומגעכאַפּט אלע זײַנע גלידער. ער האָט פארמאכט די אויגן. א שמייכל האָט געבלאָנדזשעט איבער זײַנע ליפּן, אין זיקאָרן זײַנען אופגעשווומען אלע איינצלהײַטן פון אָט דעם לאַנגן זומער־דיקן טאָג. דאַן האָט ער זיך דערמאָנט אין זײַן פּראָגראַם. און ער האָט שטרענג א זאָג געטאָן צו זיך:

— א פּוסטער טאָג...

וואָס זאָגט קוהעלעם

דער א מײַסע: פארלאָרן בא אזא פּושער! ער, ארן קאלט־מאן, זאָל פארלירן בא אזא פּארטאטש, וואָס קען קיין צוויי ניט ציילן אין שאָך!..

ער האָט זיך פארטראכט. אים האָט ניט אזוי פאר־דראָסן, וואָס ער האָט פארשפּילט — מאלע וואָס מע פאר־לירט א פּארטיע, — ווי עס איז אים ביכלאל געוואָרן שווער אפן הארצן. דער פּושער, וועמען ער האָט אזוי אומגעריכט פאר־שפּילט, איז בא אים גאָר ניט געווען פארעכנט אלס שאכמאטיסט, סטאם א גוטערפרײַנט, וועלכן ער קען שוין זייער לאנג, פון די סטודענטישע יאָרן אָן, דאָס הייסט א קײַמעלאָן פון העכער פערציק יאָר. דעמלט, אין די סטודענטישע יאָרן, האָט יענער גאָר ניט געקאָנט כאָלעמען זיך זעצן בא איין טישל מיט ארן קאלטמאנען. לעצטנס אָבער, ווען זיי זײַנען שוין ביידע פּענסיאָנערן, פלעגט ער קומען מײַסע אלטער כאווער צו קאלטמאנען פארברענגען א שאָ צוויי. האָט ארן קאלטמאן האנאָע גע־האט — ניט פון שפּילן מיט אים, נאָר פון דעמאָנסטרירן אים היכע שאָך־קונסט. יענער איז געזעסן א פארגאפטער און מיט גרויס יִראַס־האקאָ־וועד געקוקט זײַן אלטן פרײַנט אין די אויגן. דאָס האָט ארן קאלטמאן אופגענומען ווי א נאטירלעכע זאך — צו דעם איז ער געוווינט געווען פון די אמאָליקע יאָרן אָן. נאָר אָט האָבן זיי זיך געזעצט שפּילן גלײַך אף גלײַך, און — ארן קאלטמאן האָט פארשפּילט...

ס'איז געווען אף וואָס זיך צו פארטראכטן. די עלטער? נאָר יענער איז דאָך אויך ניט פון די יונגע. עמעס, ער איז מיט א פינף־זעקס יאָר ייִנגער. און עפּשער שפּילן עס טאקע אף דער עלטער די פינף־זעקס יאָר אזא ראָליע?

שוין היפּשע עטלעכע יאָר, ווי ארן קאלטמאן איז געוואָרן אויס ארײַנ־גייער אין שאָך־קלוב. מענטשן פון זײַן דאָר האָט ער שוין קימאט ניט געטראָפן דאָרטן, און די יונגע האָט ער ניט האָלט געהאט.

עמעס, זיי שפּילן גוט, אָט די יונגע. זיי פארמאָגן אן אָפּגעשליפענע טעכניק און זיי דענקען קלאָר אין שאָך. אָבער דערבײַ איז פאראן בא זיי א מין זאָרגלאָזע העפקייִרעס און סקעפּטישע באציִונג צו אלץ, וואָס פאר אים, קאלטמאנען, איז הייליק. זיי האָבן געקענט קאלטבלוטיק און זאכלעך אָפּשפּילן א פּארטיע און גלײַך נאָך דעם, פּונקט אזוי קאלטבלו־טיק און זאכלעך, פארפירן א שמועס וועגן דער ערשטער קאָסמישער

שנעלקייַט, און וועגן דער צווייטער קאָסמישער שנעלקייַט, און וועגן נאָך אַזוינע זאַכן אין טעכניק, וואָס ער, קאַלטמאַן, אַליין אַן אינזשעניער לויט דער בילדונג, הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין אין זיי. און דאָס אַלץ — זאַכלעך, קלאָר, אָן דעם ברען און אָן דעם „קאָכן זיך", וואָס איז אַזוי אייגנטימלעך געווען פאַר די מענטשן פון זייַן דאָר.

אַז ער קלערט וועגן די אַמאָליקע און הייַנטיקע שאָך־ענטוזיאַסטן, קומט אים ניט ווילנדיק אין קאָפּ דער פאַרגלייַך מיט כסידים און מיסנאַגדים. זיי, די אַמאָליקע שאָך־שפּילער, זייַנען געווען די הייסע כסידים, וואָס האָבן טפילע געטאָן צום ריבוינעשעלוילעם מיט היסלייַוועס, מיט פייַער, אין דער צייַט, ווען די הייַנטיקע שאַכמאַטיסטן זייַנען ווי מיסנאַגדים, יוידייע־טוירע, וואָס האַקן אָפּ זייער פּיזמען קלאָר און דייַטלעך, אָבער דער קאָפּ בלייַבט בא זיי קאַלט, ווי בא אַ ליטוואַק.

אַמאָל...

אַמאָל פלעגט מען אָפּזיצן גאַנצע אָוונטן אין שאָך־קלוב, און ס'איז געגאַנגען ניט אַזוי אין געווינס, ווי אין סמאַקעווען אַ פּאָזיציע, ניספּאָעל ווערן פון אַן אייַנפאַל, באַוווּנדערן די שעפע קלוגע מעגלעכקייַטן, וואָס עס גיט די אָדער יענע פאַנאַנדערשטעלונג פון די פיגורן אויף די פיר און זעכציק קעסטעלעך. מע פלעגט זיך איבערנעמען ניט מיט די געווינסן, נאָר מיט דער שיינקייַט פון דער שפּיל, מיט די טיפע קאַוואָנעס, וואָס מ'לייגט אַרייַן אין גאַנג.

הייַנט די מענטשן...

געווען אַ ייִד אין שטאָט, וואָס פלעגט שאַבעס אינדערפרי אָנטאָן דעם טאַלעס אונטערן מאַנטל און אַוועקגיין דאַווענען. אָבער די פיס פלעגן זיך אַליין פאַרקערעווען אין שאָך־קלוב. דאָרטן, ניט אויסטוענדיק דעם מאַנטל און ניט אַראָפּנעמענדיק דעם טאַלעס, פלעגט ער אָפּזיצן דעם גאַנצן שאַבעס. ערשט שפּעט נאָך האַוודאָלע, ווען פּילצאָליקע שטערן האָבן שוין געפינקלט אויפן טונקעלן הימל, פלעגט ער מיט גרויס מי זיך אָפּרייַסן פונעם שאָך־ברעטל און אַוועקגיין אַהיים.

געווען אַ ייִד אַ סויכער, וואָס פלעגט, זיצנדיק באַם שאָך, האַלטן אין איין קרעכצן. געקרעכצט האָט ער אַזוי נעבעכדיק, ווי ער וואָלט געהאַלטן באַם אָפּגעבן גאָט די נעשאָמע. און אַזוי קרעכצנדיק און זיפצנדיק, פלעגט ער, ווי אַ שפּין, שטילערהייט פאַרוועבן דעם קעגנער מיט אַזעלכע דינע נעצן, פון וועלכע ס'איז קיין רעטונג ניט געווען. כעוורע קיבעצער האָבן שוין געוווּסט: וויבאַלד די קרעכצן האָבן דערגרייכט די העכסטע מאַדרייגע, איז אַ סימען, אַז אויפן שאָך־ברעטל האָט זיך געשאַפן איינע פון יענע באַרימטע סיטואַציעס, וואָס זיי האָבן אַזוי האָלט. מע איז געשטאַנען מיט אָפּענע מייַלער און געקוקט אויף דער מערקווירדיקער פּאָזיציע, ווו דער קעגנער, האָבנדיק אָפּטמאָל אַן איבערגעוויכט אין פיגורן, האָט גאָרנישט ניט געקאָנט טאָן: וואָס פאַר אַ גאַנג ער זאָל ניט מאַכן, ליגט ער אין דר'ערד. און דער קרעכצער האָט ווייַטער געקרעכצט, ווי אַן אויסגייענדיק שעפעלע, כאָטש אונטער דער באָרד בא אים האָט שוין געבלאָנדזשעט אַ צופרידן שמייכעלע.

אזוי פלעגט ער פירן אויך זײַנע געשעפטן. געקרעכצט און געזיפצט פאר זײַנע שותפים, דערוויזן זיי מיט טויזנטער ריַיעס, אז ער ווערט בעדיל־האדאל פון די געשעפטן מיט זיי, און לעסאָף פלעגן יענע מיט דערשטוינונג זיך כאפּן, אז ער האָט פון זיי גאָר אָפּגעשונדן די הויט.

געוועזן איז ער רײַך, ווי קוירעך, נאָר א הוילעך האָט ער געהאט, ווי דער גרעסטער קאפּצן פון יאטקעווער גאס.

אין שאָך־קלוב פלעגט דעמלט אין די אָוונטן זיך צונויפקלײַבן א היפּשער אוילעם. סראָוו בערדיקע סאָכרים, וואָס פלעגן זיך ארײַנכאפּן אהער נאָך א פארהאוועטן טאָג, קעדיי א שלײַף צו טאָן דעם מויעך. געוועזן אזא באדערפעניש בא זיי צו קאָפּ־גימנאסטיק, פּונקט ווי דאָס איז געוועזן בא זייערע זיידעס, וואָס פלעגן נאָך א רוישיקן מארק־טאָג זיך ארײַנכאפּן אין בעסמעדרעש צו שלײַפן די מויכעס בא א בלאט געמאָרע.

ארן קאלטמאַן, דער „אייביקער סטודענט", דעמלט א יונג זשוואוו באָכערל מיט שמאָלע פּלייצעס, איז דאָרטן געוועזן קעמוי דער רעבע. אין גאס איז ער געוועזן א שטילער באָכער, וואָס האָט אף קיינעם די שטים ניט אופגעהויבן, א דעליקאטער און אפילע א שעמעוודיקער. אין קלוב אַבער, צווישן די אײַנגעהויקערטע פיגורן, וואָס זײַנען געזעסן פארזונקענע אין זייערע שאָך־מאכשאָוועס און געהאלטן אין איין פּיפּקעווען ציגארן, פלעגט ער ווערן גאָר אַן אנדערער. פונוואַנען האָט זיך גענומען צו אים די זעלבסטזיכערקײַט, די כוצפּע אפילע? ער פלעגט ארומגיין צווישן די טישלעך, כאפּן א בליק אף א פּאָזיציע און, פאַנאַנדעריאָגנדיק דעם רויך, — ער אליין האָט ניט גערייכערט, — זיך בייזערן:

— וואָס יאָגט איר מיר אײַער שטינקענדיקן רויך אין פּאָנעם? קוקט בעסער אף אײַער פּאָזיציע. אין דרײַ גענג קריגט איר מאט!

— פושער, — פלעגט ער שרײַען צו א גוט באקאנטן אין שטאָט סויכער, — איידער איר רוקט דאָס פענדל אין דאמע, דארפט איר פארפעסטיקן די פּאָזיציע! אָט דאָ שטעלט אײַער סוסל! אָט אזוי...

און יוסטע באלעבאטים, סאָכרים, ערשטעגילדיִעניקעס פלעגן עס אָנעמען פאר גוט, קוקן אף אים ווי כיידער־יִינגלעך, וואָס האָבן אָנגעמאזיקט. בייס ער פלעגט זיי מוסערן, פלעגן די מײַלער בא זיי זיך פאנאנדערציִען אין א פארשעמטן שמייכל, אנטבלויזנדיק הינטער דעם געדיכטן האָרגעוויקס רויטע פליישיקע ליפּן.

און איצטער? פארלאָרן בא אזא פושער...

ארן קאלטמאַן האָט געדענקט אלע זײַנע פּארטיעס, וואָס האָבן מיט עפּעס־וואָס געהאט פאר אים א ווערט. ער האָט געקאָנט מיט פארמאכטע אויגן אין א שלאָפלאָזער נאכט — אזעלכע נעכט פלעגן זיך טרעפן לעצטנס אלץ מער און מער — אופשטעלן אזא פּארטיע גאנג נאָך גאנג. ער וואָלט געקאָנט אופשטעלן אויך די דאָזיקע שלימאזלדיקע פּארטיע גאנג נאָך גאנג און פעסטשטעלן דעם פעלער אָדער די פעלערן, וואָס ער איז דאָרט באגאנגען. נאָר מערקווירדיק: אין דער פּארטיע, וואָס האָט אים אזוי אופּ־

גערודערט, האָבן אים וויניקער פאַר אַלץ אינטערעסירט די גענג. אָנ־שטאָט די ווײַסע און שוואַרצע פיגורן זײַנען פאַר זײַנע שלאָפֿלאָזע אויגן געשטאַנען שוואַרצע קוואַדראַטע אויסזעס, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין ווערטער, וואָס ער האָט אַמאָל, אַמאָל געלערנט אין כיידער. ער האָט געפילט בעפויעל־מאַמעש, אַז ניט אין דעם אָדער יענעם גאַנג, נאָר אין דעם יִיעש, וואָס ווייַעט פון יענע ווערטער, דאַרף מען זוכן דעם ענטפער, פאַרוואָס ער האָט פאַרשפּילט אָט דעם פּושער.

עטלעכע טעג האָט ער געקעמפט מיטן געדאַנק, וואָס האָט אים באַ־הערשט, און דערנאָך זיך פאָרט אַנטשלאָסן. ער האָט גענומען דעם שטעקן, — נאָך דעם, ווי ער איז פּאַראַליזירן ווינטער געפאַלן און זיך שיר ניט צעבראָכן אַ פוס, איז ער איצטער, אַפילע זומער, געגאַנגען מיט אַ שטעקן, — און זיך אַוועקגעלאָזט אין גאַס.

ס'איז געווען אַ מעכײַעדיקער זומער־טאָג. ער איז געגאַנגען אין דער שאָטן־זײַט פון גאַס, און אַ לײַכט ווינטל האָט אָפּגעפרישט זײַן קאָפּ, וואָס איז שוין געווען קימאַט אינגאַנצן הויל. אין איינעם אַ הויף, וווּ ער איז פרִיער קיינמאָל ניט געווען און גאָר קיינמאָל ניט געטראַכט, אַז ער וועט ווען־עס־איז אַרײַן אַהער, האָט ער פאַרקערעוועט.

די טיר פון דער געבײַדע אין הויף איז געשטאַנען אָפן. ער איז דורך דורך דעם פּוסטן פּירהויז מיט די אָפּגעריבענע שטיינערנע ווענט און געעפנט די אינווייניקסטע טיר. פון דער האַלב־טונקעלער טיף איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ מענטש מיט אַ קורץ קוטשעראַווע בערדל, דאָס היטל איז באַ אים געווען טיף אַראָפּגערוקט אַפן נידעריקן שטערן.

— איך האָב געוואָלט... ע־ע... אַ קוק טאָן אין אַ סייפער... אין קוי־העלעס... ס'איז דאָך פאַראַן באַ אײַך?

דער מענטש איז געשטאַנען אַנטקעגן און געקוקט אַף אים אומצופרידן.

„אַ פערעאָדעם", — האָט אַ טראַכט געטאָן קאַלטמאַן און אומגעדולדיק איבערגעכאַזערט:

— קויהעלעס... פון טאַנאַך... פאַראַן באַ אײַך?

דער יִיד האָט שוין איצט געקוקט אַף אים בייז.

— אַ הייליק אָרט... אָן אַ היטל... — האָט ער סאַפּקאָלסאַף פאַרטײַטשט זײַן קאַס.

קאַלטמאַן האָט אָפּגעענטפערט:

— איך בין געקומען אַהער ניט דאַוונען. איך דאַרף אַ קוק טאָן... איר פאַרשטייט? אַ קוק טאָן...

— אָן עלטערער יִיד... ווי פאַרשטייט איר עס ניט? באַדעקט כאָטש דעם קאָפּ מיט אַ טיכל...

קאַלטמאַן איז אין קאַס געוואָרן, זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק.

פונדעסטוועגן האָט ער געקראָגן אַ קויהעלעס. ס'האָט זיך געפונען באַ איינעם זײַנעם אַ באַקאַנטן. עמעס, אַ מיסנאָגרישע אויסגאַבע, פון לאָנ־דאָן, אָבער וואָס איז די נאַפקעמינע.

ער האָט געבלעטערט די דינע ווײַסע בלעטער, און זײַן בליק האָט זיך אָנגעשטויסן אױף די אומשטערבלעכע שורעס.

הבל הבלים, הכל הבל —
נישטיקײַט פון נישטיקײַטן, אלץ איז נישטיקײַט.

ער האָט זיך לעכאטכילע צעבייזערט: ווי קאָן מען עס אזוי אוועקמאכן דאָס לעבן פון א מענטש?! נאָר שפּעטער האָט ער איבערגעלייענט די אומפארגענגלעכע ווערטער וועגן דער פארגענגלעכקײַט פונעם מענטשן:

עת ללדת א צײַט געבאָרן צו ווערן	ועת למות און א צײַט צו שטארבן
עת לטעת א צײַט צו פלאנצן	ועת לעקור נטוע און א צײַט אויסצורײַסן דאָס געפלאנצטע
עת לבקש א צײַט צו זוכן	ועת לאבד און א צײַט אָנצווווערן

— זע נאָר, זע, — האָט ער שטילערהייט געזאָגט צו זיך, — קויהעלעס איז אויך געווען א שאכמאטיסט...

אַלץ בלײַבט איבער דעם מענטשן

די נײַע געבײַדע פֿון דעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט איז געווען אופֿגעבויט אויסער דער שטאָט, אפֿן ראַנד פֿון א געדיכטן סאָסנע־וואַלד, אין וועלכן דער נײַינקער אַספֿאַלט־וועג האָט אָנגעוויזן, אַז די אורצײַט פֿונעם דאָזיקן וואַלד איז פֿאַרבײַ.

פּעקאַרסקי איז געגאַנגען מיט דעם דאָזיקן אַספֿאַלט און האָט שוין אָנגעהויבן צו צווייפֿלען, צי גייט ער מיטן ריכטיקן וועג, נאָר דאָ האָבן זיך די ביימער אומגעריכט פֿאַנאַנדערגערוקט און ער איז געבליבן שטיין א געפּלעפּטער: פֿאַר אים איז אויסגעוואַקסן א צויבער־שלאָס פֿון עפּעס א וואַלד־מעכאַשעף. נאָך עטלעכע טריט, און דער צויבער־שלאָס איז מעגולגל געוואָרן אין א געבײַדע מיט אַלע מאָדערנע אַטריבוטן. די קאָנפֿיגוראַציע פֿון דער דאָזיקער געבײַדע מיט איר ני־דעריקן פֿאָרויסטאַרטשענדיקן אַרײַנגאַנג איבער די ברייטע גראַניט־טרעפּ, מיט אירע פֿאַרצווײַגטע פֿאַרשיידנגאָרנדיקע פֿליגלען, וואָס האָבן זיך, ווי קינדער צו א מאַמען, געטוליעט צום ברייטן מאַסיוון צענטער, האָבן געפֿרייט דאָס אויג. עס האָט געווייט פֿון איר מיט ראַציאָנעלקײַט און טרוקענעם פּראַגמאַטיזם („אָט דאָס איז מײַן פֿונקציע, דאָס איז מײַן אָוודע, און קיין פֿליטערלעך דאַרף איך ניט") אי מיט שטאָלץ פֿון א נײַער טעכניק, וואָס האָט זיך באַפֿרײַט פֿון רוים־ענגקײַט און שפּרײַזט אומבאַגרענעצט פֿאָרויס, באַצווינגענדיק און באַהערשנ־דיק רוימען און פֿלאַכן, וויפֿל זי דאַרף האָבן פֿאַר א ראַכוועסדיק־ברייט לעבן.

פּעקאַרסקי איז א ווײַלע שטיין געבליבן — א שאָד, וואָס ער איז גע־קומען אהער בא אזא טרויעריקער געלעגנהײַט. אזא געבײַדע וואָלט מען געדאַרפֿט געזנוי באַקוקן און באַטראַכטן סײַ פֿון אויסן, סײַ פֿון אינווייניק, קעדיי כאָטש א ביסל זיך אָדורכזאַפּן מיט גײַסט פֿון דער נײַער טעכניק און פֿון דער נײַער עסטעטיק („יאָ, יאָ, — האָט פּעקאַרסקי זיך אינערלעך אופֿגעבראַוזט, — וואָס די סנאָבן זאָלן ניט זאָגן, רופֿט נײַע טעכניק אַרויס נײַע עסטעטיק"), פֿון וועלכער ער, פּעקאַרסקי, אַליין א בוי־אינזשעניער, איז היפּשלעך אָפּגעשטאַנען שוין פֿאַר די עטלעכע יאָר, וואָס ער איז אף פּענסיע.

ער האָט זיך אופֿגעהויבן אף די ברייטע גראַניט־טרעפּ און איז דורך דער טיר פֿון הוילן גלאָז אַרײַן אין וועסטיביול. דער וועסטיביול איז געווען אזוי ראַכוועסדיק, אַז דער ערשטער געדאַנק, וואָס פּעקאַרסקין איז

געקומען אין קאָפּ, איז געווען: דאָ וואָלט מען געקאָנט אַרײַנבויען שײנע עטלעכע דירעס. אין דער טיף פֿונעם וועסטיביול, אַף אַ טאָוול, האָט ער דערזען דאָס ווילבאַקאַנטע לענגלעכע בלאַסע געזיכט, אײַנגעפּאַסט אין אַ שוואַרצער ראַם. אונטערן בילד איז געווען אַ טעקסט, אויפֿגעשריבן מיט אַ שײנעם טעכנישן שריפֿט אַף צײכן־פּאַפּיר. פּעקאַרסקי האָט זיך אײַנגעבויגן: אַ לאַנג לעבן, פֿול מיט טעכנישע און וויסנשאַפֿטלעכע דערגרײכונגען, אַרײַנגעפּרעסט אין אַ פּאָר צענדליק שורעס אַף אַ האַלבן וואַטמאַן. פּעקאַרסקי האָט דערפֿילט, ווי עפּעס אַ פּאַרדראָס האָט זיך, ווי אַ ווערעמל, אַ באַוועג געטאָן אין זײַן אונטערבאַוווסטזײַן: איז עס דען ניט קײן לעסטערונג דער עצם פּרווו אַלײן אַרײַנצופּרעסן אַזאַ רײַך, פֿילפֿאַרביק לעבן אין אַ פּאָר צענדליק שורעס?

ער האָט זיך אַרומגעקוקט: דער וועסטיביול איז פֿול געווען מיט יונגוואַרג, סטודענטן און סטודענטקעס. נאָך אײדער ער האָט געעפֿנט דאָס מויל צו פֿרעגן, וווּהין דאַרף ער גײן, האָט זיך צו אים געווענדט אַ סטודענט און פֿאַרגעלײגט אים צו באַגלײטן. „אַניט וועט איר זיך דאָ פֿאַרבלאָנדזשען“, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמײכל. פּעקאַרסקי איז געגאַנגען נאָך אים איבער ליכטיקע קאָרידאָרן, וואָס זײַנען געווען ברײטער, ווי אײניקע געסלעך אין אַלטשטאָט, זיך אויפֿגעהויבן איבער אָפֿענע טרעפּ, וואָס זײַנען ניט געווען אַרײַנגעשפּאַרט צווישן פֿינצטערע ווענט, נאָר מיט זײער אָפֿנקײַט און דורכגעלויכטקײַט אַזוי ווי געבעטן זיך: הײב זיך אויף אַף מיר, קום פֿון אײנע ליכטיקע רוימען אין אַנדערע, נאָך ליכטיקערע און גרעסערע. פּעקאַרסקי איז געגאַנגען הינטער זײַן גיד, און עפּעס אַ באַוווּנדערונג, דורכגעזאַפּט מיט אַ ביסל קינאה, האָט אים אַרומגענומען. די אַנשטאַלטן, וווּ ער האָט זיך אַמאָל געלערנט, זײַנען געווען גאָר אַנדערע: שמאָלע פֿינצטערע קאָרידאָרן, די אַודיטאָריעס קאַרג באַלויכטן דורך שמאָלע הויכע פֿענצטער. דער גאַנצער אָנבליק פֿון יענע געבײַדעס האָט שטרענג געוואָרנט: ווילסט זיך לערנען — זײַ אַן אַסקעט, זאָג זיך אָפּ פֿון לעבנס־פֿרײד. די איצטיקע געבײַדע רעדט: לערנען איז אַ פֿרײד און לעבן איז אַ פֿרײד, געניס פֿון אָט דער פֿרײד. צי פֿאַרשטײט עס דער יונגערמאַן, וואָס גײט לעבן אים? צי באַנעמען עס די סטודענטן, וואָס גײען דאָ זאָרגלאָז אַרום, מיט וואָס פֿאַר אַ בלוט און שווייס דאָס איז אויסגעקעמפֿט געוואָרן פֿאַר זײ? נײן, זײ נעמען, אַפֿאָנעם, אָן אָט די בלײַענדיקע ווירקלעכקײַט, ווי אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקײַט: עס קומט זײ, ווײַל זײ זײַנען יונג און ווײַל זײ זײַנען גענוג קלוג געווען צו געבאָרן ווערן אין אַ צײַט, ווען די גרויסע געוויטערס האָבן אָפּגעשטורעמט. „אַן אַלטע מײַסע, — האָט פּעקאַרסקי געטראַכט מיט פֿאַרביטערונג, — דאָס יונגוואַרג באַציט זיך סקעפּטיש צו אַלץ, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פֿאַר איר און אָן איר“.

מיטן דאָזיקן געדאַנק, וואָס האָט צוגעגעבן זײַן פּאָנעם דעם געהעריקן טרויעריק־פֿײַערלעכן אויסדרוק, איז ער אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿונעם צימער, צו וועלכן זײַן יונגער באַגלײטער האָט אים געבראַכט. „זיצונגס־זאַל“, — האָט ער באַוויזן איבערצולײענען אַף דער טיר. איצט איז דער זיצונגס־זאַל געווען טרויעריק דעקאָרירט. אויבנאָן אַף אַ פּאָסטאַמענט איז

געשטאנען דער אָרן, אײַנגעטונקט אין א יאם פון בלומען: קרענץ מיט טרויער־באנטן, טעפּ מיט בלומען און אָן א שיר בוקעטן, אנדערע נאָך אײַנגעוויקלטע אין צעלאָפאַן.
אַף דער וואנט הינטערן אָרן — דער זעלבער פּאָרטרעט, וואָס אונטן, נאָר א פארגרעסערטער. אונטער אים — ווידער א טעקסט, געשריבן מיטן זעלבן טעכנישן שריפט, א קלאָרער און פאכמעניש־אויסדריקלעכער.
פעקארסקי האָט זיך צוגעזעצט אַף איינעם פון די שטולן, וואָס זײַנען געווען פאנאנדערגעשטעלט אין לאנגע רייען. באלד האָט ער זיך ווידער אופגעהויבן: אין דער זײַטיקער ריי, הארט לעבן אָרן, האָט ער דערזען די מישפּאָכע פונעם פארשטאָרבענעם. ער איז צוגעגאנגען און, טיף פארנייגנ־דיק זיך, א קוש געטאָן די האנט פון דער שווארץ־געקליידעטער אלמאָנע. אירע רויטע פארוויינטע אויגן האָבן זיך אופגעהויבן צו אים מיט א שטילן דאנק. פעקארסקי האָט זיך נאָך מער פארנייגט, און, ניט גע־פינענדיק קיין פאסיקע ווערטער, זיך אויסגעדרייט און אוועק צוריק אַף זײַן אָרט.
ארום דעם אָרן איז געשטאנען אן ערן־וואך: פיר עלטערע מענטשן מיט שווארץ־רויטע באנטן אַף די הענט — קענטיק, פּראָפעסאָרן, קאָלעגן פונעם פארשטאָרבענעם. די וואך האָט זיך רעגולער, יעדע עטלעכע מינוט, געביטן. פון ערגעץ האָט זיך געטראָגן א שטילע אומופהערלעכע טרויער־מוזיק, און די דאָזיקע מוזיק האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן די שטילע פײַערלעכ־קײַט אין זאל.
פעקארסקי איז פארזונקען געוואָרן אין מאכשאָוועס.

ווען האָט ער זיך צום ערשטן מאָל באקאנט מיט אָט דעם מענטשן, וועלכער ווערט איצטער אַף אזא בעקאָוועדיקן אויפן ארויסבאגלייט אין זײַן לעצטן וועג?
דאָס איז געווען מיט איבער פופציק יאָר צוריק, אין לעצטן אָדער פאָר־לעצטן קלאס גימנאזיע. בייס די שילער האָבן זיך אין ערשטן טאָג נאָך די זומער־קאניקולן צוזאמענגעקליבן אין זייער קלאס, האָבן זיי דערזען צווישן זיך אן אויסגעצויגן באָכערל מיט א לענגלעך בלאס פּאָנעם און גרויסע שווארצע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אי טרוימעריש, אי א ביסל צעשראָקן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין א שלעכטן אָנצוג, פון וועלכן ער איז שוין שטארק ארויסגעוואקסן. מע האָט אין אים טייקעף דערקענט דאָס יינגל, וואָס איז פאראיאָרן געגאנגען אין א קלאס נידעריקער פון זיי. עמעצער האָט דערבײַ זיך דערמאָנט: דער דאָזיקער יונג איז מיט א פּאָר יאָר צוריק שוין אויך אריבערגעשפּרונגען א קלאס.
מע האָט אים באטראכט, ווי א פרעמד מאָדנע כײַעלע.
— וואָס איז די אײַלעניש בא דיר? — האָט מען זיך געכידעשט, באַ־קוקנדיק דעם יונג אין זײַן אָרעמען הוילעך, וועלכער איז זיכער מיט א פּאָר יאָר ייִנגער פון זיי אלעמען.
דער יונג האָט זיך שעמעוודיק געקאָרטשעט און גאָרנישט ניט געענט־פערט.

שפּעטער האָט זיך פּעקאַרסקי מיט אים דערנעענטערט. זיי האָבן געלעבט אַף איין גאַס, און צוריק פֿון גימנאַזיע פֿלעגן זיי אָפֿט זיך אומקערן צוזאַמען. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער ניי־אָנגעקומענער — סיאָמע נאָרקין האָט ער געהייסן — שטאַמט פֿון זייער אַן אָרעמער באַלמעלאָכישער מישפּאָכע, ער איז דער עלטסטער, הינטער אים גייען נאָך קינדער, און ער האָט פּאָשעט קיין צייַט ניט, ער מוז וואָס גיכער זיך אַרויסשלאָגן אין לעבן.

געלערנט האָט זיך סיאָמע אויסערגעוויינלעך לייַכט. דאָס לערנען איז געווען פֿאַר אים אַזאַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייַט, ווי אָטעמען. איבערהויפּט האָט זיך אים לייַכט אייַנגעגעבן מאַטעמאַטיק. שפּילעוודיק האָט ער באַנומען די שווערסטע פֿאָרמולעס, און די לערער האָבן זיך ניט געקאָנט אָפּוווּנדערן פֿון זייַן באַגאַבטקייַט.

קיין כאַווייִרים האָט ער ניט געהאַט. און דאָס איז געווען מאַכמעס ניט נאָר דעם, וואָס ער איז געווען ייִנגער פֿון זייַנע מיטשילער. מע איז אים מעקאַנע געווען, מע האָט אים ניט ליב געהאַט. די מיטשילער האָבן גיך אָנגעטאַפּט זייַן שוואַכקייַט, זייַן פֿיזישע אומבאַשיצטקייַט. פֿלעגט מען אין זייַן אָנוועזנהייַט אָנהייבן אַזעלכע גראָבע שפּילן, צו וועלכע ער האָט זיך לאַכלוטן ניט אויסגעטויגט, ווייַל, כאָטש אַלץ, איז ער נאָך געווען ייִנגער פֿון זיי. נאָך ערגער איז געווען, ווען מע פֿלעגט אין זייַן אָנוועזנהייַט אומישנע פֿאַרפֿירן „מאַנצבלשע" געשפּרעכן, אין וועלכע יעדער באָכערעץ האָט זיך געפּלייַסט אַרויסווייַזן וואָס מער „דערפֿאַרונג", און דאָס פֿלעגט אַרייַנוואַרפֿן סיאָמען אין אַלע פֿאַרבן.

דאָס לעבן פֿון סיאָמען אין קאָלעקטיוו וואָלט געווען אומדערטרעגלעך, ווען ניט זייַן גרייטקייַט, מיט וועלכער ער האָט אַרויסגעהאָלפֿן אַלעמען באַם לערנען. ער האָט מיט פֿרייד דערקלערט אַ מאַטעמאַטישע אויפֿגאַבע, און אָפּטמאָל זייַנען זייַנע דערקלערונגען געווען פֿאַרשטענדלעכער און צוגעגלעכער ווי די דערקלערונגען פֿונעם לערער. ער האָט שוין דעמלט אַ ביסל פֿאַרדינט דערמיט, וואָס ער פֿלעגט געבן לעקציעס אָפּגעשטאַנענע שילער.

אין לעצטן קלאַס האָט מען זיך שוין פֿאַרטראַכט וועגן צוקונפֿט. איינמאָל, גייענדיק פֿון דער שול אַהיים, האָט מען זיך פֿאַנאַנדערגערעדט וועגן דעם. פּעקאַרסקי האָט געזאָגט, אַז ער טראַכט וועגן אינזשעניערייַ, אָבער ער קווענקלט זיך נאָך, ווייַל ער איז דאָך ניט אַזאַ גלענצנדיקער מאַטעמאַטיקער, ווי סיאָמע. אָט פֿאַר אים, סיאָמען, דאַרף דאָך אַלץ זייַן קלאָר. ווי דערשטוינט איז ער אָבער געווען, ווען סיאָמע האָט אָפּגעענטפֿערט, אַז ער קלערט גאָרניט וועגן אינזשעניערייַ — ער האָט אַן אַנדער לייַדנשאַפֿט: מוזיק. יאָ, מוזיק. און דאָ האָט סיאָמע מיט היץ אים אָנגעהויבן צו דערקלערן, אַז מוזיק — דאָס איז די העכסטע שטופֿע פֿון האַרמאָניע. מאַטעמאַטיק איז אויך האַרמאָניע, אָבער האַרמאָניע אַף אַ נידעריקערער שטופֿע, אַ האַרמאָניע פֿון סייכל, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט פּאָשעטע עלעמענטאַרע זאַכן און פֿאַרפֿאָלגט נידעריקע אוטיליטאַרע צילן. וויסנשאַפֿט איז סאָפֿקאָל־סאָף גאָרניט מיט גאָרניט, אַ העוועל־האַוואָלים, אַ דינסט פֿון דער מעלאָכע,

וואָס דאַרף אַרויסהעלפֿן דעם מענטשן אין זײַנע ערדישע באַשעפֿטיקונגען. דאַקעגן מוזיק איז די האַרמאָניע פֿון גײַסט. זי הייבט אויף דעם מענטשן אין די העכסטע ספֿערן, גיט אים די דערהויבנסטע געניסן, ווײַל זיי זײַנען די סאַמע אַבסטראַקטע און די סאַמע אומייגננוציקע. ער, סיאָמע, מאָלט זיך ניט אויס זײַן ווײַטערדיק לעבן אַנדערש, ווי אין די דאָזיקע ספֿערן.

יענעם אָוונט זײַנען זיי אַוועק ניט גלײַך אַהיים. זיי האָבן לאַנג שפּאַצירט אין די גאַסן, פֿאַרקערעוועט אין פּאַרק. ס׳איז געווען אַ פֿראָסטיקער אָוונט מיט אַ דורכזיכטיק בלויער לופֿט, מיט סקריפּענדיקן שניי אונטער די פֿיס און מיט גרויסע שטערן, וואָס האָבן געפֿינטלט צווישן די שוואַרצע ביימער. דער דאָזיקער אומגעווײנלעכער געשפּרעך האָט זיך פּעקאַרסקין פֿאַרגעדענקט טאָקע אין דער ראַם פֿון ווײַסן סקריפּענדיקן שניי מיט די שטויִנענדיקע שטערן איבער די טונקעלע קרוינען פֿון די ביימער, פֿאַרגעדענקט זיך אַזוי טיף, אַז ער וואָלט אויך איצטער, נאָך פֿופֿציק יאָר, געקאָנט איבערזאָגן וואָרט אין וואָרט, וואָס דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער פּראָפֿעסאָר האָט מיט אַזאַ יוגנטלעכן אייפֿער און אָפֿריכטיקײַט אַרויסגעזאָגט יענעם אָוונט. וואָס וואָלט געווען, ווען איצט, אין דעם דאָזיקן הייכל פֿון וויסנשאַפֿט, וואַרפֿט ער, פּעקאַרסקי, אַרויס די אַפּיקאָרסישע געדאַנקען פֿונעם יונגן נאַרקינען?

דער זאַל איז איצטער פֿול געוואָרן מיט מענטשן. קימאַט אַלע שטולן זײַנען באַזעצט. עס הערן זיך שאַרנדיקע טריט פֿון אַלץ נײַע און נײַע אָנקומענדיקע. די מוזיק גיסט זיך אומופֿהערלעך פֿון אומזיכטבאַרע הערערס און וועבט אײַן דעם זאַל אין אַ דינער טרויער־נעץ.

די ערן־וואַך באַם אָרן באַשטייט איצטער פֿון זעקס מענטשן. דערבײַ באַמערקט פּעקאַרסקי אַ טשיקאַווע דעטאַל: די דאָזיקע זעקס מענטשן זײַנען אָדער אַלטע, אָדער יונגע, קיינמאָל מישן זיך דיביידע עלטערס ניט אויס.

די עלטערע — פּענעמער פֿון אינטעלעקטואַלן מיט שווערע גאָמבעס. אַזאַ איינעם אַז דו טרעפֿסט אין גאַס, זעסטו גלײַך: ס׳איז אַ געלערנטער אָדער אַ מענטש פֿון גײַסטיקער מי. בײַ די ייִנגערע איז עס לעגאַמרע ניט קלאָר: קרעפֿטיקע, אַטלעטיש־געבויטע יונגען, אַזאַ איינער קאָן זײַן אי אַ פֿוטבאָליסט, אי אַ שלאָסער פֿון הויכער קוואַליטעט, אי אַ קאַנדידאַט פֿון וויסנשאַפֿטן — טרעפֿן איז אומעגלעך. דאָס איז, טראַכט פּעקאַרסקי, אַוודאי איינער פֿון די סימאָנים פֿון אויסגלײַך צווישן פֿיזישער און גײַסטיקער מי, אַ סימען, וואָס איז ניט קענטיק באַם עלטערן דאָר, נאָר וואָס טרעט בולט אַרויס באַם ייִנגערן.

נאָך דער גימנאַזיע איז מען זיך פֿאַנאַנדערגעפֿלויגן. פּעקאַרסקי איז אָנגעקומען אין טעכנישן אינסטיטוט צו לערנען אף אַ בוי־אינזשעניער. אין לעצטן מאָמענט האָט ער זיך דערוווּסט, אַז סיאָמע איז אויך אָנגעקומען אַהין. „פֿאַרשטייסטו מיך, — האָט ער געפֿונען פֿאַר נייטיק אַזוי ווי פֿאַרענטפֿערן זיך פֿאַר פּעקאַרסקין, — מע דאַרף קוידעמקאָל האָבן אַ פּאַרנאָסע אין

דער האנט. מײַן ציל איז לעבן בלײַבט דער זעלבער — מוזיק. די אינזשע־ ניערײַ וועט זײַן בא מיר מער ניט ווי א מעלאָכע. איך האָב ייִנגערע ברי־ דער און שוועסטער, מ׳וועט זיי דארפן שלעפּן און שלעפּן — דער פאָטער איז שוין א קנאפּער פארדינער".

געלערנט זיך אין אינסטיטוט האָט ער אויך מיט אזא אויסערגעוויינ־ לעכער לײַכטקײַט, אז אים האָט געקלעקט צײַט אי אף צו געבן לעקציעס, אי אף צו לערנען זיך פּיאַנאָ, אי אף צו באזוכן קאָנצערטן. פאר די פּראָפע־ סאָרן, וועלכע האָבן געמאכט א פּרווו ארײַנצוציִען דעם אויסערגעוויינלעך באגאבטן סטודענט אין וויסנשאפטלעכער ארבעט, איז אינגיכן קלאָר גע־ וואָרן, אז ס׳איז אן אומזיסטע טירכע: נאָרקין איז א מענטש ניט פון וויסנ־ שאפט, נאָר פון קונסט. זיי האָבן סאָפּקאָלסאָף א מאך געטאָן אף אים מיט דער האנט.

וואָס איז פאָרט געווען די סיבע, וואָס האָט אָפּגעקערט סיאָמען פון דעם וועג פון קונסט און אוועקגעפירט אפן וועג פון א טרוקענעם „באַל־ מעלאָכע", א באשעפער פון מאטעריעלע ווערטן? וואָס מער פּעקארסקי טראכט זיך איצטער ארײַן אין דעם, אלץ מער ווערט אים קלאָר, אז דאָס איז ער, פּעקארסקי, דער „שולדיקער" אין דעם. יאָ, ווען ניט ער, פּעקאר־ סקי, וואָלט דאָ די גאנצע טרויער־פּײַערלעכקײַט אינעם דאָזיקן הייכל פון וויסנשאפט ניט געווען, ס׳וואָלט געווען א פּריוואטע טרויער־צערעמאָניע, אָדער העכסטנס וואָלט זיך באטייליקט אין איר עפּעס א קרײַז פון מוזיק־ ליבהאָבער.

ס׳איז געווען אין איינעם א שיינעם אָוונט אין שטוב פון פּעקארסקין אין עטלעכע יאָר ארום, ווי מ׳האָט פארענדיקט דעם אינסטיטוט. פּעקארסקי איז שוין געווען פארהייראט. צוליב עפּעס א פאמיליען־יאָמטעוו האָט ער אײַנגעלאדן צו זיך נאָענטע מענטשן, פרײַנט און כאווירים. צווישן די געסט איז אויך געווען נאָרקין, דעמלט א יונגער אינזשעניער, א צע־ שטרייטער, מיט א בלאס פּאָנעם און גרויסע בענקענדיקע אויגן. ס׳איז געווען פריילעך, לעבעדיק, אלע האָבן זיך געפילט גוט, און דער אָוונט וואָלט זיכער פארלאָפן אויסגעצייכנט, ווען ניט זינע.

ניט דעמלט, ניט שפּעטער, ווען ער האָט זיך מיט ערגעריש געגריבלט אין דעם, האָט ער ניט געקאָנט דערגיין, ווער האָט זינען גערופן אפן דאָ־ זיקן אָוונט. ער האָט זי ניט גערופן, די פרוי — אוואדע ניט, קיינער פון די אָנוועזנדיקע האָט זיך שפּעטער אויך ניט געוואָלט מודע זײַן, אז זיי האָבן זי מיטגענומען מיט זיך. זי איז אָבער פאָרט געווען, און פון איר טאקע האָט זיך אלץ אָנגעהויבן.

זינע איז געווען א מיידל פון א פארפירערישער שיינקײַט. א פרעכע, מיט אן עקסטראוואגאנטן הוילעך, וואָס איז געווען אויסגערעכנט אף צו שאָקירן, צו „עפּאטירן דעם קליינבירגער" (דעמלט א מאָדערן ווערטל, וואָס יעדן האָבן פארטײַטשט: סטראשעגנען די געגנדן). אין די קרײַזן פון דער „גאָלדענער יוגנט" איז זי מער באקאנט געווען אונטערן נאָמען „פּיפּי", און בייס מענער האָבן ארויסגעזאָגט אָט דאָס וואָרט, האָט א טײַ־ וויש שמייכל געקנייטשט זייערע ליפּן. זי אליין האָט זיך גערופן „עמאנ־

סיפּירטע״, און דאָס האָט געגעבן די יונגעלײַט, וועלכע האָבן זיך געדרייט ארום איר, די געלעגנהײַט זי צו רופן „די עמאַנטשיפּיטשירטע״, אַרײַנלייגנדיק אינעם וואָרט עפּעס־וואָס גראָבלעכס.

אפן דאָזיקן אָוונט האָט זינע אַרײַנגעטראָגן א סאך פרייליכקײַט, אָבער דאָס איז געווען א פריילעכקײַט, וואָס האָט אין א גאָר קענטלעכער מאָס אריבערגעטראָטן די גרענעץ פון דער באלעבאטישער סוויווע, ווו קימאט אלע זײַנען געווען פאַרהייראַטע מענטשן. סיאָמע נאָרקין אָבער, וועלכער איז ווייניקער פון אלעמען געווען צוגעוווינט צו אזא באנעמונג, האָט עס ניט באמערקט. ער האָט מיט אן אָפן מויל געשלונגען די ווערטער פון אָט דער „פּיפּי״, ניט אראָפּגעלאָזט די אויגן פון איר און געזוכט איר נאָענטקײַט. מע האָט בעפּויעל־מאַמעש געזען, ווי ער ווערט מיט יעדער מינוט אלץ מער פארשלונגען, פארכאַפּט, פארזונקען.

סײַ יענעם אָוונט, סײַ שפּעטער האָט זיך פּעקאַרסקי געכידעשט: סיאָמע נאָרקין, וועלכער לייענט טעקסטן מיט אינטעגראַל־צייכנס, ווי מע לייענט א בעלעטריסטישן בוך, האָט ניט געקאָנט דורכלייענען דעם דאָזיקן פּראָסטן עלעמענטאַרן טעקסט. און עפּשער איז עס געווען די שטים פון זײַן רײַפֿגעוואָרענעם עלטער, וואָס האָט ארויסגעשריִען פון אים, דעם שטילן, דעם פארבענקטן, דעם אַרײַנגעטאָנענעם אין אנדערע אוילאָמעס, ארויסגעשריִען מיט אזא אורקראַפט, וואָס האָט פארשטאָפּט אלע שפּאַרונקעס פון פארנונפט? ווער ווייסט...

קורץ, ער איז פארכליאָבעט געוואָרן. איינגיכן זײַנען צו פּעקאַרסקין דערגאַנגען קלאַנגען, אז סיאָמע קלײַבט זיך כאַסענע צו האָבן.

ווי געזאָגט, האָט נאָרקין ניט געהאַט קימאַט קיין כאַווײרים. דער אייניציקער נאָענטער מענטש איז געווען פּעקאַרסקי. כויץ דעם, איז דאָך די אומגליקלעכע באַגעגעניש פאָרגעקומען בא אים אין שטוב. פּעקאַרסקי האָט געהאַלטן פאַר נייטיק זיך אַרײַנצומישן. אין איינעם אן אָוונט איז ער געזעסן בא א טישל אין קאַפע „קאָנראַד״ אנטקעגן נאָרקינען און בא א גלעזל ווײַן געפּרוּווט אַרײַנטײַנען.

נאָר גלײַך בא די ערשטע ווערטער וועגן „פּיפּי״ איז נאָרקינס פּאָנעם נאָך בלאַסער געוואָרן. זײַנע ליפּן האָבן זיך צוזאַמענגעפּרעסט, אָט־אָט רײַסט ער אויף. פּעקאַרסקי האָט זיך פאַרהאַקט, פאַרקערעוועט דעם שמועס אף אנדערע דראָכים: געבן אייצעס איז שוין ניט געווען ווען. נאָר צום סאָף פּונעם געשפּרעך, אז נאָרקין, שוין א באַרויִקטער, האָט אים געבעטן צו זײַן אונטערפירער, האָט זיך פּעקאַרסקי קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט.

נאָך דער כאַסענע האָבן זיך אָנגעהויבן דורכזײַען קלאַנגען, אז באַם יונגן פּאָרל איז עס ניט פויגלדיק. מע האָט זיי אין ערגעץ ניט געזען, אפילע אף די קאָנצערטן האָט נאָרקין זיך אופגעהערט צו באַווײַזן.

פּעקאַרסקי איז איינמאָל אוועק צו זיי. די באַלעבאָסטע האָט געעפנט די טיר, און אף פּעקאַרסקיס פראַגע האָט זי מיט ביטל געוויזן אף דער טיר פונעם קאַבינעט. דער באַלעבאָס איז געזעסן פאַרשפּאַרט אין זײַן צימער און זיך פאַרנומען מיט וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור. זיי האָבן געשמועסט

וועגן פּראָפעסיאָנעלע איניאַנים, די פּערזענלעכע טעמע האָט נאַרקין אויס־געמיטן. אין שטוב האָט געהערשט א דריקנדיקע אטמאָספער.

פּונקט צו יענער צײַט איז געווען געמאָלדן א קאָנקורס אף אופּצובויען א נײַע בריק איבערן ניעמאַן. דאָס האָט געזאָלט זײַן א מאָדערנע בריק, איינע פון די גרעסטע אײַזנבעטאָן־בריקן אין אייראָפּע. אין קאָנקורס האָבן זיך באטייליקט די גרעסטע מײַרעוו־אייראָפּעיִשע פירמעס מיט די בארימט־סטע אינזשעניערן. צו אלעמענס פארוואונדערונג האָט נאַרקין זיך אויך גע־נומען צו דער ארבעט.

וואָס איז דאָס געווען: אן אופבליץ פון א געניאַלן געדאַנק אָדער א פארצווייפלטער פּרווו אוועקצוגיין פון דעם ניט־געראָטענעם פאַמיליען־לעבן? גיכער,ביידע זאכן מיטאמאָל. די באקאַנטע, און אויך פּעקארסקי בעסויכעם, האָבן מיט באדויערן געשאָקלט מיט די קעפּ, זעענדיק, ווי נאַר־קין עקט זיך דאָס לעבן אין פיבערדיקער ארבעט איבער דעם פּראָיעקט. אָן דער שטיצע פון יעטווידער פירמע, קימאט איינער אליין, האָט ער צו־געגרייט דעם פּראָיעקט און צוגעשטעלט צום קאָנקורס.

און דאָ איז געשען דאָס אומגלייבלעכע: ניט קוקנדיק אף די מאכינאַ־ציעס פון די פירמעס און די פּאָליטישע אינטריגעס, וואָס האָבן זיך געשפּו־נען ארום דעם איניען, איז נאַרקינס פּראָיעקט אנערקענט געוואָרן אלס דער בעסטער. פיבערהאפט, מיט לײַב־און־לעבן האָט ער זיך ארײַנגעוואָרפן אין דער ארבעט אף צו פארווירקלעכן זײַן פּראָיעקט. געוויס איז עס געווען די סגולע צו פארגעסן זײַן ניט־געראָטן פאַמיליען־לעבן, אָבער גלײַכצײַ־טיק האָט עס געוועקט און געשליפן זײַן וויסנשאפטלעכן און פּראָפעסיאָ־נעלן אינטערעס. כאַדאָשימלאנג איז ער פארפאלן געוואָרן אף דער ארבעט, ניט אויסנוצנדיק די מעגלעכקײַטן, אפילע ווען זיי האָבן זיך געמאכט, אף א טאָג־צוויי צו קומען אהיים.

און דאָ איז פּאָרגעקומען דער איבערבראָך — אין איינעם א שיינעם טאָג האָט ער זיך דערוווסט, אז דאָס ווײַב איז אוועק פון אים. מיטגענומען דאָס קינד און אנטלאָפן מיט א געמיינעם יונג, א שאָפער. אנטלאָפן מיט אים קיין אויסלאַנד.

קיינער פון די ארומיקע האָט אין יענע טעג גאָרניט געקאָנט מערקן אף נאַרקינען. ער האָט זיך נאָך מער ארײַנגעוואָרפן אין דער ארבעט, און זײַן געדאַנק האָט געשפּריצט מיט נײַע אײַנפאלן און דערפינדונגען.

אז די שלאנקע אײַזנבעטאָנענע ארקע, וואָס איז אין איין שפּרונג ארי־בער פון איין ברעג צום אנדערן, האָט זיך שוין געשפּיגלט אין די גרויע וואסערן פון ניעמאַן, איז דער ווײַטערדיקער לעבנס־וועג פון נאַרקינען שוין געווען פעסט אָנגעצייכנט: אן אויסערגעוויינלעך באגאבטער אינזשע־ניער און צוגלײַך טעאָרעטיקער און געלערנטער.

אין די באדינגונגען, וואָס זײַנען געווען בא דער ליטווישער נאציאָנאַ־ליסטיש־בורזשואזער רעגירונג, האָט נאַרקין ניט געקאָנט פיל דערגרייכן:

ער האָט געאַרבעט אַף פּריוואַטע פּראָיעקטן. אינגיכן זײַנען אָבער אָנגעקו־מען נײַע צײַטן. אין 1940 איז ווידער אופגעשטעלט געוואָרן די ראַטנמאַכט אין ליטע, און צוזאַמען מיט איר איז געקומען דער ווירטשאַפטלעכער און אינדוסטריעלער אופבלי פון דעם קליינעם אָפּגעשטאַנענעם אַגראַר־לאַנד. פאַר נאָרקינען האָט זיך געעפנט א ברייט אַרבעטס־פעלד.

בייס דער דײַטשישער אָקופּאַציע אַנטלויפט ער פון געטאָ און ווערט אויסבאַהאַלטן בא קאָלעגן־ליטווינער.

נאָך דער מילכאָמע דערגרייכט נאָרקינס טאַלאַנט אַלס געלערנטער, טעאָרעטיקער און פּעדאַגאָג זײַן העכסטע אַנטוויקלונג.

...פופצן מינוט פאַר דרײַ. באַם אָרגן אונטער די קלאַנגען פון דער זעלבער טרויער־מוזיק שטעלט זיך די לעצטע וואַך. דאָס זײַנען זעקס עלטסטע פּראָפעסאָרן מיטן רעקטאָר בעראָש. צען מינוט פאַר דרײַ מעל־דעט דער רעקטאָר, אַז אַלע, כוץ די אייגענע, דאַרפן פאַרלאָזן דעם זאַל.

פּעקאַרסקי רײַסט זיך אָפּ פון זײַנע מאַכשאָווֹעס, ער הייבט זיך אוף און גייט מיט אַלעמען צום אַרויסגאַנג. דער געדיכטער אוילעם ווערט אָפּ־געוואַרט אין דרויסן פון סטודענטן מיט אָרדנער־צייכנס אַפן אָרעם און ווערט פאַנאַנדערגעפירט לענגאויס דעם וועג. אינגיכן ווערט געשאַפן א ברייטער דורכגאַנג מיט מענטשן פון ביידע זײַטן און מיט צווי רייען בלו־מען און קרענץ, וואָס פאַרפילן דעם גאַנצן שעטעך פון א פּאָר הונדערט מעטער צווישן דער געבײַדע און דעם קאַטאַפאַלק. אַלץ קומט פּאָר שטיל און אין שטרענגער אָרדענונג.

פּונקט דרײַ באַווײַזט זיך אין די אָפּענע טירן דער אָרן. די ערפּאָרכ־טיקע שטילקײַט ווערט אופגעריסן דורך די קלאַנגען פונעם סטודענטישן בלאָז־אָרקעסטער. דער אָרן שוועבט איבער פּלייצעס אין דעם דורכגאַנג פון בלומען און קרענץ.

אַפן בעסוילעם איז שוין אַלץ צוגעגרייט. בא דער אָפענער גרוב שטייט א שטאַטיוו מיט א מיקראָפאָן. פון אים ציִען זיך קאָליריקע דראָטן צו אָן אויטאָבוס, ווו ס'זײַנען אײַנגעאָרדנט די הויכריידערס.

דעם הויפּט־העספּעד האַלט דער רעקטאָר. ס'איז א לאַנגע רעדע, אין וועלכער ס'ווערן אַרויסגעהויבן די פּעדאַגאָגישע, וויסנשאַפטלעכע און מענטשלעכע מײַלעס פונעם פאַרשטאָרבענעם, זײַנע פאַרדינסטן אַלס דער־ציער פון דויִרעס אינזשעניערן, אַלס געלערנטער און טעאָרעטיקער. עס ווערן אויסגערעכנט די לערנביכער, וואָס ער האָט געשאַפן, די וויסנשאַפט־לעכע אַרבעטן און די דערפינדונגען, וואָס ער האָט געמאַכט.

די הויכריידערס אַרבעטן אויסגעצייכנט. דער גרויסער אוילעם איז צע־שפּרייט אַף א היפּשן שעטעך, און אומעטום, הינטער די געדיכטעביימער, הערט זיך קלאָר א יעטווידעס וואָרט. די אַלמאָנע שטייט לעבן אָרן א פאַר־גליווערטע, ווי א שוואַרצע סטאַטוע.

פעקארסקי שטייט אין געדיכטן אוילעם אין טיפער פארטראכטונג. ער מערקט אליין ניט, ווי ער שאָקלט פון צײַט צו צײַט צו מיטן קאָפּ, בייס ער הערט די רעדעס. סאָפּקאָלסאָף איז דאָך אלץ ריכטיק. די מוסטערהאפטע אָרדענונג און דיסציפלין, מיט וועלכער אָט דער לעצטער וועג איז אָרגאַניזירט, אנטשפּרעכט דאָך סאָפּקאָלסאָף דער מוסטערהאפטער ארבעטסזאמקײַט און מויעך־דיסציפלין, מיט וועלכער דער פארשטאָרבענער האָט זיך אויסגעצייכנט. מאלע פון וואָס א זיבעצניאָריק באָכערל האָט געקאָנט טרוימען אין א ווינטערדיקן אָוונט אונטער דער שײַן פון די שטערן איבערן שטאָט־גאָרטן...

די לעצטע מינוט דערנעענטערט זיך. דער אָרקעסטער ברעכט ווידער אויס אין א טרויער־מארש. פיר געזונטע יונגען נעמען זיך צום אָרן און לאָזן אים אראָפּ אין גרוב. דער רעקטאָר ווארפט א זשמעניע ערד אפן אָרן. זײַן ווונק רײַסט ארויס די אלמאָנע פון איר פארגליווערטקײַט, און זי טוט דאָס אייגענע.

איידער די באגרעבער נעמען אָרודעווען מיט זייערע לאָפּעטעס, שטופּט זיך פעקארסקי דורך און ווארפט אויך זײַן הויפן ערד.

אין פּאַרק

זיי האָבן זיך מעסוקן פײַנט, שײַע קאַנגיסער און כאַצקל מיגדאַל. אז מע טרעפט זיך, האַלט מען זיך אין איין שטעכן און „ארײַנזאָגן", נאָר טאָמער פּאַסירט, אז מ'זעט זיך ניט א לענגערע צײַט, כאַלעשט מען, עס ציט זיי איינס צום אנדערן.

שײַע קאַנגיסער, א הויכער שמאָלער מענטש אין די אכציקער, שפּרײַזט איבער א זײַטיקער אַליי פונעם פּאַרק. ס'איז א פרימאָרגן פון אָנהייב האַרבסט, די זון וואַרעמט מעכײַעדיק מילד. אין אזא טאָג זיצן זיכער אַלע באַקאַנטע פּענסיאָנערן אויף זייער שטענדיקן אָרט — אויף דער הויפּט־אַליי, און כאַצקל, אָט דער אויוועַרבאָטל, האַלט אין איין דאַרשענען. ער, שײַע, וואָלט, פאַרשטייט זיך, אויך געדאַרפט זײַן דאָרטן. ווער־ווער, נאָר ער האָט וואָס צו זאָגן און דערציילן. ניט אזוינע פּוסטע מײַסעס, ווי יענער, נאָר טאַקע וואָרע געשיכטעס פון זײַן רײַך קאָמיוואָיאזשאָריש לעבן. נאָר ער האָט זיך הײַנט א ביסל פאַרשפּעטיקט — דאָס ווײַב פילט זיך שוואַך, מ'האָט איר געדאַרפט צוהעלפן אין ווירטשאַפטזאַכן, און ער איז שפּעטלעך אַרויס פון שטוב. איצט איז די באַנק אַוודע פאַרנומען, אין צענטער זיצט געוויס דער פּאַנפּאַטש כאַצקל און בראָקט זײַנע ניט־געשטויגענע, ניט־געפלויגענע בײַקעס. ניין, ער טאָר הײַנט ניט גיין אַהין... אָט וועט ער זיך אַדורכשפּאַצירן איבערן פּאַרק, כאַפּן א ביסל פרישע לופט און אומקערן זיך אַהיים... דאָס ווײַב האָט דאָך אים אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך הײַנט ניט זאַמען, ווײַל זי פילט זיך ניט מיט אַלעמען.

אזוי באַשליסט שײַע קאַנגיסער, ער באַשליסט פעסט, נאָר מאַשמאָעס, ער האָט ניט באַוויזן איבערצוגעבן דעם באַשלוס צו די פיס זײַנע. ווײַלן די פיס ניט וויסן, וואָס דער באַלעבאָס האָט דאָרט אויבן באַשלאָסן, און פאַרקערעווען פון זיך אַליין אויף דער הויפּט־אַליי.

צוגעקומען צו דער הויפּט־אַליי, שטעלט זיך שײַע אויף א ווײַלע אָפּ. ער ציט אויס זײַן לאַנגן האַלדז, זײַנע אויגן ווערן קײַלעכיק און קוקן גיריק אין דער ווײַט. אין דעם מאָמענט איז ער מיט זײַן קליין פּאָנעם און מיט דער לאַנגער שויפער־נאָז מער ווי שטענדיק ענלעך אויף א פויגל, וואָס דערזעט פונדערווײַטן עפּעס־וואָס צו פּיקן און איז זיך פיבערדיק מעיאַשעוו, צי מע מעג זיך א לאָז טאָן אַהין, אָדער עס לויערט דאָרט א געפאַר. גלײַך פון ערשטן בליק איבערצײַגט ער זיך טאַקע: יאָ, דער „קוואָרום" איז הײַנט א פולער, די גאַנצע באַנק איז פאַרנומען, א פּאָר מענטשן שטייען אַפילע, און אין דער מיט, פאַרשטייט זיך, ער, כאַצקל. לויט די פּאָזעס פון די, וואָס זיצן און שטייען, איז קלאָר, אז דער פּאַנפּאַטש דאַבערט און אַלע הערן זיך צו צו זײַן מאַטן־טוירע.

שײַע קװענקלט זיך א װײַלע, נאָר ס'איז שױן צו שפּעט — מ'האָט אים שױן דערזען, און ער לאָזט זיך מיט לאַנגזאַמע טריט צו דער באַנק.

— גוטמאָרגן!

עטלעכע שטימען מיטאַמאָל ענטפֿערן אים, מע מאַכט די באַװעגונג אים פּרײַ צו מאַכן אַן אָרט אױף דער באַנק, נאָר שײַע שאָקלט ענערגיש מיטן קאָפּ: מ'דאַרף ניט. ער האָט פֿײַנט, אַז מע באַטראַכט אים װי אַ זאַקן. װאָס איז ער, אַן אינװאַליד, אַ כּוליע, ראַכמאָנע־ליצלאָן? ער איז בעסאַכאַקל אַכ־ציק יאָר אַלט, נו, איז דאָס אַ סאַך? (עמעס, ער איז שױן עפּעס גאָר לאַנג אַלט „אַכציק יאָר", ער האָט ניט האַלט, אַז מע פֿרעגט אים אױף די יאָרן, און טאָמער פֿרעגט מען אים, ענטפֿערט ער קורץ אָפּ: „אַכציק" — אַזױ שױן היפּשע עטלעכע יאָר).

כאַצקל זיצט אינמיטן דער באַנק אין אָנגעשפּאַרטער מיט זײַן צעפּלאָ־סעטנעם קערפּער אױפֿן גראָבן סוקעװאַטן שטעקן זײַנעם, װעלכן ער האַלט צװישן די קני. זײַנע קלײנע, ביסטרע אײגעלעך באַטאַפּן ניט גאָר פֿרײַנט־לעך דעם נײַ־אָנגעקומענעם. ער גיט אַ שמאָרע מיט דער נאָז, װי זײַן שטײגער איז, און זעצט פֿאָר דערצײלן:

— איז באַ װאָס האַלטן מיר? באַ מאָטע דעם לאַנגן. געװען באַ אונדז אין שטעטל אַזאַ ייִד, מאָטע דער לאַנגער האָט מען אים גערופֿן. כאָטש קײן שטאַרק לאַנגער איז ער ניט געװען. גיכער געװען אַזאַ צונעמעניש באַ אים, װײַל אַלע אין זײַן מישפּאָכע זײַנען געװען קלײניטשקע, מער ניט ער איז אױסגעװאַקסן אַ ביסעלע העכער. טרעפֿט אַמאָל, אַז ס'קומט אַ יעשיװעבאָכער אין שטעטל, און דער שאַמעס שיקט אים עסן צו מאָטל דעם לאַנגן. גײט דער יעשיװעבאָכער צו צו מאָטל דעם לאַנגנס שטוב, ער זעט, עס שטײט אַ מענטש אױפֿן גאַנעק. „זאָגט מיר, װו װױנט דאָ מאָטל דער לאַנגער?" קוקט אים יענער אָן און פֿרעגט: „זאָג מיר, װי לאַנג דאַרף ער זײַן? אַזױ װי איך װעט דיר קלעקן?" ביכּלאַל איז מאָטע דער לאַנגער גע־װען אַ לעץ, אַן אַרײַנזאָגער. פֿאַר זײַן צונג האָט מען געציטערט, װי פֿאַר פֿײַער. געהאַלטן האָט ער אַ קראָם, געװען איז דאָרט פֿון קאָלטװע, געהאָט אַ גאָר־גאָר פֿײַנע אױסקומעניש, די קינדער האָבן שטודירט. נאָר אַז מ'האָט גערעדט מיט אים װעגן זײַן קרעמערײַ, האָט ער עס ניט האַלט געהאַט. „װאָס פֿאַרגינט איר מיר ניט מײַן קרעמערײַ? יעדער אָרעמאַן האָט אַ קראָם: ער האָט ניסלעך אין קאָפּ, מאַנדלען אין האַלדז, זאַלץ אין די גלידער, צוקער אין בלוט, אַ פֿײַג אין קעשענע".

דער אױלעם לאַכט זיך הילכיק פֿאַנאַנדער. כאַצקלס פּאָנעם בלײַבט ערנסט. ער שלעפּט אַרױס פֿון קעשענע אַ פּעקל ציגאַרעטן. דאָס זײַנען ביליקע ציגאַרעטלעך, טשװעקלעך רופֿט מען זײ. עטלעכע הענט שטרעקן זיך טײקעף אױס צו אים מיט גוטע פֿילטער־ציגאַרעטן, נאָר כאַצקל זאָגט זיך אָפּ, ער רײכערט נאָר זײַנע „טשװעקלעך". צו זײַן צעפּלאָסן ברײט פּאָנעם, אַ פּאָנעם פֿון אַ ייִדענע, װאָלט בעסער געפּאַסט, װען ער לײגט אַרײַן אַ שמעק טאַבעק אין די נאָזלעכער. נאָר קײן שמעק טאַבעק איז איצ־טער ניטאָ, און אױב ס'װאָלט געװען, װאָלט ער עס גאָרניט געפֿילט, מאַכ־מעס די נאָז איז באַ אים פֿאַרלײגט פֿון אַ כראָנישן קאַטער. ער פֿאַררײכערט, גיט אַ שמאָרע מיט דער נאָז און רעדט װײַטער:

— נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. וואָס האָט איר זיך דאָ פאנאנדערגעלאכט? ווערטלעך זײַנען בא אונדז געווען א סאך. בא אונדז אין שטעטל האָט מען זיך ליב גהאט צו ווערטלען. כ׳וועל אײַך בעסער דערציילן אן אנדער מײַסע... אָט טומלט זיך איצטער מיט דער ארטיסטקע ל. זי האָט געקראָגן א הויכע אויסצייכענונג, זי איז אזוינס ווי אזעלעכס. ווייס איך וואָס... עפשער איז זי טאקע א גוטע ארטיסטקע, נאָר ווי קומט זי צו כײַקע מאָטלס פון אונדזער שטעטל! טאקע מאָטל דעם לאנגנס יינגסטע טאָכטער. געווען א בראנד א מיידל, א לאכערקע, א שטיפערקע. אז ס׳איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע, האָבן די עלטערע צוויי ברידער אירע טייקעף געצויגן קאמאשן, אוועק אין עוואקואציע טיף אין ראסיי. כײַקע האָט זיך דעמלט געלערנט אפן פילאָלאָגישן פאקולטעט אין קאָוונע. זי איז פונקט געווען צוגאסט בא אירער א כאווערטע אין א דאָרף, האָט זי ניט באוויזן צו מאכן די פלייטע. איז זי ארײַנגעפאלן אין געטאָ, זיך געמוטשעט נעבעך, ווי אלע. דערנאָך האָט זי זיך ארומגעזען, אז ס׳איז ניט קיין אייסעק, האָט זי זיך ארויסגעשארט פון געטאָ, אראָפגעריסן דעם מאָגנדאָוויד, זיך אָנגעטאָן ווי א ליטוויש דאָרפסמיידל און אוועק טאקע צו איינעם פון די פירער פון די ליטווישע פאשיסטן, וואָס איז געווען א גאנצער שמעלקע בא די דײַטשן. דאָרט האָט זי גערעדט מיט אזא דאָרפישן ליטוויש, אָן שום סימען פון ליטעראַרישקײַט, מיט אלע פישטשעווקעס פון א זשעמײַטער פויערטע. איז זי געפעלן געוואָרן דעם פאשיסט און ער האָט זי אָנגענומען פאר א דינסט. אָנדערהאלבן יאָר האָט זי געארבעט אלס דינסט אין יענער שטוב, געטאָן אלע שטוב־ארבעטן, געגאנגען אין קאָסטיאָל מיט די באלעבאטים, אפילע געלערנט די קינדער זיך מאָליענען פארן שלאָפן גיין. אָנדערהאלבן יאָר, טאָג־אײַן, טאָג־אויס, באטאָג און באנאכט שפילן אזא ראָליע! דערפאר, דעם לעצטן טאָג פון איר ארבעט, אז די באלעבאטים האָבן זיך שוין געקליבן אנטלויפן צוזאמען מיט די דײַטשן, האָט זי דערלאנגט דעם באלעבאָס אזא גאָב אין אזא פרעכטיקן ליטעראַרישן ליטוויש, אז יענער האָט שיר ניט געכאפט די פאָפלעקציע! איר זײַט עפעס מעווינים אף אזא שפיל, הא?

כאצקל שפארט אָן זײַן גאָמבע אפן שטעקן, און זײַנע אייגעלעך לויפן דורך איבער די צוהערער, ווי ער וואָלט וועלן דערטאפן, צי צווייפלט ניט עמעצער אין דער שווערקײַט פון אזא ראָליע. דאן פארענדיקט ער:

— איצט ארבעט כײַקע מאָטל דעם לאנגנס אין אוניווערסיטעט, טאקע אף דעם זעלבן פילאָלאָגישן פאקולטעט. פאראיאָרן האָט זי, עמעס, געקראָגן אן אויסצייכענונג פאר איר פעדאגאָגישער טעטיקײַט, אָבער ווו איז איר מעדאל פאר איר ארטיסטישן טאלאנט, הא?

— איר מעדאל — דאָס איז איר לעבן, וואָס זי האָט אָפגעראטעוועט, — באמערקט עמעצער פון די צוהערער.

— איך קען זי, — רופט זיך אָפ א צווייטער, — א ביז גאָר פײַנקע פרוי, נאָר אז זי איז נאָך דערצו אזא ארטיסטקע, האָב איך ניט געוווסט.

נאָר שײַע שטופט זיך שוין פאָרויס. אים שפארט, ער האָט אויך וואָס צו זאָגן.

— וועל איך אײַך דערציילן א בעסערע מײַסע.

— ער האָט שטענדיק א בעסערע מײַסע, — רופט זיך אָפּ מיט כויזעק כאַצקל.

— אוואדע א בעסערע. מײַן מײַסע איז מיט א מוסער־האסקל. אײַערע איז וועגן א יאַכיד, מײַנע איז וועגן א קלאַל, — שײַע הייבט אוף א פינ־גער, וואָס דאַרף באשטעטיקן זײַן מוסער־האסקל.

ער רוקט זיך צו נעענטער, שטרעקט אויס דעם לאנגן האלדז, דאָס פויגלשע פּאָנעם זײַנס ציַנדט זיך אָן מיט באגײַסטערונג און לײַכט אוף, ווי בא אים אינוווייניק וואָלט זיך אָנגעצונדן א לעמפּל.

— מענדל זיבוץ קענט איר? ער שטאמט פון אונדזער שטעטל. היינט איז ער א זאָקן. אמאָל איז ער געווען א קרעפּטיקער יונג, א האָרעפּאַשניק, מיט די עמעסע יאַדאַיִם פון אן ארבעטער. זײַן טאטע איז געווען א שמיד, געהאלטן בא אונדז א קוזניע, און אלע זײַנע ברידער — זעקס באָנים זײַנען זיי געווען — שטארקע געזונטע יונגען, אויך שמידן. מענדל איז געווען דער ייִנגסטער. אים האָט מען שוין געשיקט קיין קאָוונע אין אן „אָרט"־שול, און פון דאָרט איז ער ארויס א באַלמעלאָכע פון באַלמעלאָכע־לאנד: א שלאָסער, א טאָקער, א מעכאניקער מיט גאָלדענע הענט. אז דער בראָך איז געקומען, איז ער אויך ארײַנגעפאלן אין געטאָ. די פאמיליע זײַנע — געהאאט א פרוי און קינדער — איז אומגעקומען בייס דער ערשטער אקציע, אים האָט מען נאָך דערווײַל אויסגענוצט, ער האָט געארבעט אין א שלאָ־סערײַ. נאָר בייס דער ערשטער מעגלעכקײַט האָט ער געמאכט א וואַיוּוראָך און אוועק אין א דאָרף. אן ארבעטער איז ער געווען א גאָלדענער, נאָר אן אויסזען האָט ער געהאט, ווי פאר יענע צײַטן, ניט קיין וואזשנעם: מע האָט גלײַך אָף אים געזען, אז ס'איז א ייִד. און מיט זײַן ליטוויש לאָשן איז געווען נאָך ערגער. דאָס הייסט, ליטוויש האָט ער געקענט, נאָר ווי נאָר ער האָט געעפנט דאָס מויל, האָט מען גלײַך פארשטאנען, פון וועמען ער שטאמט. און אָט אזא מענטש האָט העכער צוויי יאָר ארומגעוואלגערט זיך איבער ליטווישע דערפער. ווי ער פלעגט קומען אין א דאָרף, האָט מען זיך מיט אים דערפרייט: דער שלעפט אים צו זיך פאריכטן א נייַ־מאשין, דער דאַרף, מע זאָל אים צורעכטמאכן א מאָטאָר פון א דרעשמאשין, יענער וויל, מע זאָל אים אָפּרעמאָנטירן די ציין־רעדער פון זײַן מיל. ניט געווען קיין דאָרף, ווו עס זאָל ניט זײַן פאר אים קיין שטיקל ארבעט. ער איז אויסגעוווען אין צענדליקער, עפּשער הונדערטער, דערפער, געהאאט צו טאָן מיט הונדערטער — וואָס רייד איך — מיט טויזנטער ליטווינער, און פאר די העכער צוויי יאָר האָט אים קיינער ניט ארויסגעגעבן! ניט די, וואָס האָבן אים געגעבן ארבעט, ניט די איבעריקע פויערים פונעם דאָרף, וואָס האָבן נישט געקאָנט ניט וויסן, אז ס'דרייט זיך דאָ ארום א פרעמדער און נאָך א ייִד. פארגעסט ניט, וואָס פאר א צײַט דאָס איז געווען: דאָס ניט־אויסגעבן האָט יעדן ליטווינער געדראָעט מיט טויט! אין די דערפער זײַנען געווען פארשיידענע מענטשן, ס'האָט דאָרט געשוויבלט און געגריבלט מיט פּאָליצײַען און זשאנדארמען, און דאָך האָט זיך בעמעשעך פון קנאפּע דרײַ יאָר ניט געפונען קיין איין ליטווינער, וואָס זאָל דעם ייִדן מאסערן! וואָס זאָגט איר דערצו, האָ?

— איך קען דעם מענטשן, — האָט זיך נאָך א געוויסן שטילשווײַגן אָפּ־גערופן איינער, — נאָך דער מילכאָמע האָט מען אים ארויסגערופן קיין ווילנע. דאָ זײַנען פארבליבן פונעם דײַטש הונדערטער סײפן, פארשלאָסענע אף קונציקע שיפרען. ער האָט זיי אלע געעפנט, ניט אופשנײַדנדיק און ניט באשעדנדיק קיין איינעם פון זיי.

— ס׳איז א פײַנע מײַסע, — האָט א בורטשע געטאָן כאצקל, — נאָר ווו איז דאָ דער מוסער־האסקל?

— בא אײַך, רעב כאצקל, — האָט מיט א געמאָרע־ניגן געזאָגט שײַע, — פיגורירט א מענטש, וואָס האָט גוט געשפילט א ראָליע. מילע, ארטיסטישע פייִקײַטן, דאָס טרעפט אָפּט. פון דעם קאָנט איר קיין מוסער־האסקל ניט ארופּנעמען. בא מיר אָבער, רעב כאצקל, פיגורירט א פאָלק, א גאַנץ פאָלק!

— א מייליץ־יוישער פארן ליטווישן פאָלק זיך אײַנגעפונען!.. ווער ווייסט עס ניט, אז דאָס ליטווישע פאָלק איז אן ערלעך האָרעפּאַשנע פאָלק. פאַשיסטישע און דײַטשישע אונטערלעקער זײַנען געווען מער ניט, ווי איינצלנע אויסוווּרפן. מיר האָבן הונדערטער יאָרן געלעבט אין דער גרויסער פרײַנטשאפט מיט די ליטווינער, און איצט בא דער סאָוועט־סקער וולאסט וועלן מיר מירצעשעם נאָך הונדערטער יאָרן לעבן ווײַטער.

כאצקל הייבט זיך אוף מיט א קרעכץ און לאָזט זיך גיין צום קיִאָסק, וווּ־הין מ׳האָט אָקאָרשט געבראכט צײַטונגען.

זײַן אָרט אף דער באנק בלײַבט ליידיק. שײַע פּרווט נעמען די לייצעס אין האנט, נאָר ס׳איז ניט דאָס. ער האלט ניט פון קליינשטעטלדיקן פאָלק־לאָר, ער האלט מער פון מײַסעס מיט א „מוסער־האסקל״, כאָטש ער ווייסט, אז מיט אָט דער סכוירע וועט ער ניט בײַקומען זײַן אייביקן קאָנקורענט.

כאצקל באווײַזט זיך שוין מיט עטלעכע צײַטונגען אין דער האנט. ער גייט צו צו דער באנק, זעצט זיך אף זײַן אָרט און נעמט זיך ווידער צו דער מעלאָכע. ניט נאָר ער ווייסט טויזנטער מײַסעלעך, ווערטעלעך און שפּרוכן, נײַערט ער איז אויך א גרויסער ספּעציִאליסט אף צו־נעמענישן.

דער שארפזין פונעם ליטוואק איז טרוקן, בײַסיק און אומראכמאָנעס־דיק. ער אונטערשיידט זיך פון דעם הומאָר פון פּוילישן ייִדן: יענער איז מער שטיפעריש און פריילעך. הערשעלע אָסטראָפּאָליערס מײַסעס זײַנען באריידעוודיק און פריילעך. מאָטקע כאבאדס וויצן זײַנען קורצע און שטע־כיקע. פאר דעם הומאָר פון ליטוואק זײַנען כאראקטעריסטיש די צונעמע־נישן — גיט דער ליטוואק א צונעמעניש, איז עס געטראָפן אין פּינטל. ניט געווען קיין שטעטל אין ליטע, וואָס האָט ניט געהאט זײַן צונעמעניש, און זעלטן מ׳האָט א ייִדן אין שטעטל גערופן לויטן נאָמען, ווער רעדט שוין לויטן פאמיליען־נאָמען, — יעדערער האָט געהאט זײַן צונעמעניש, וואָס איז געווען ווי אָנגעמאָסטן אף אים. בא כאצקלען איז די יוגנט זײַנע, וועל־כע ער האָט פארבראכט אין שטעטל, פארקריצט אין זיכאָרן, ווי אויסיִעס אף א מירמלשטיין. עס איז שוין קימאט א האלבע מייע יאָרן פארבײַ, ווי

ער איז אוועק פון זײַן היים, נאָר ער האָט קיינמאָל ניט איבערגעריסן די פאַרבינדונג מיטן שטעטל. ער קאָן נאָך הײַנט זיך אַדורכשפּאַצירן איבער אַלע געסלעך — הויז נאָך הויז, — אָנרופֿן דעם באַלעבאָס און זײַן צונעמעניש. פֿון זײַנע דערציילונגען טויכן אויף די מענטשן פֿון שטעטל, יעדערער מיט זײַן אייגנאַרט און זײַן צונעמעניש. אָט מאַכט ער איצטער אויך אַזאַ שפּאַציר און שיט מיט צונעמענישן: אָרטשע יאָקום־בעמבע (ער האָט האָלט געהאַט כאַזאָנעס און פֿלעגט זיך שטופּן צום אָמעד), לאָזער טאַפּואַך (געהאַט אַ קײַלעכדיקע צורע מיט רויטע בעקעלעך), לייזער די טאָרבע (אַ מעסוקן קאַרגער), שמועל־אַ־האָן (שמועל־אוּוראָהאָם), שיקע דער יאַפּאָנטשיק (געווען אַף דער יאַפּאָנישער מילכאָמע און האָלט געהאַט וועגן דעם צו רעדן), מענדע קוואַטש (געבראָקט ליגנס), כאָנע טאַנץ, יאַנקל־בערע דער קרוטשקע־קאָפּ אאַוו. אדג.

שײַע קאַנגיסער פֿאַלט אים אָפּט אַרײַן אין די רייד — ער געדענקט אויך אַ סאַך טיפּן. נאָר שײַעס „ספּעציאַליטעט” זײַנען די צונעמענישן פֿון די שטעטלעך: ער איז געווען אַמאָל אַ קאָמיוואָיאַזשאָר און פֿלעגט אַ סאַך אַרומפֿאָרן איבער די שטעטלעך פֿון ליטע. יעדעס שטעטל האָט געהאַט זײַן צונעמעניש אַף ניט אָפּצומעקן: מאַריאַמפּאָלער פֿינגער־ברענער, קאַלוואַריער קאַלאַקאָטקעס, פּלונגיאַנער גאַנאָווים, טאַווריקער זײַדענע טאָרבעס, נעמאָקשטער ווערגערס (געווען פֿערד־גאַנאָווים, איינער האָט געמאַסערט, האָט מען אים דערוואָרגן אין באָד), שקודווילער פּאַרפּל, ווידוקלער ציגן, קעלמער שלעפּער, אַניקשטער קאַלופּעט נאָכן (אַן אַניקשטער באַל־גײַווע באַל־גײַוועס עסן די ציינער, קלוימערשט ער האָט געגעסן פֿליישיקס, און געגעסן האָט ער גאָר מילכיקס), פּאַלאַנגער אוינעפּניקעס (ס׳קומען קוראָרטניקעס, און ס׳טוט זיך דאָרטן כוישעך), מאַסיאַדער אונטערהויזן (פֿלעגן ביז שפּעט אין טאָג אַרומגיין אין גאַטקעס) אאַוו.

ס׳ווערט שוין שפּעט. דאָ דער, דאָ יענער רײַסט זיך אָפּ פֿון באַנק און גייט אַהיים. די לעצטע גייען אַוועק כאַצקל און שײַע, די אייביקע „קאָנקורענטן”. כאַצקל — אַ נידעריקער, אַ גראָבלעכער, גייט אָן אײַנגעהויקערטער, זיך שווער אָנשפּאַרנדיק אַפֿן שטעקן. שײַע — אַ הויכער, אַ גראָדער, הייבט זײַן אײַנגעשרומפּן פֿויגלש פּאָנעם צום הימל, קעדיי צו כאַפּן נאָך אַ ביסל פֿריי־האַרבסטיקע זון. שײַע שפּירט, ווי דורך זײַן שטענדיקן קינעסינע רײַסט זיך פּלוצעם באַ אים דורך אַ ראַכמאָנעס־געפֿיל צו כאַצקלען: נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, בעסאַכאַקל זיבעציק יאָר, האָט אַ שטענדיקן נאָז־קאַטער, גייט אָן אײַנגעהויקערטער, און זײַן שטעקן איז אַ גראָבער, סוקעוואַטער פּלאָקן... ער, שײַע, דער געוועזענער קאָמיוואָיאַזשאָר, אַז ער האָט אַמאָל געהאַט אַ שטעקן, איז עס געווען אַ פֿראַנטעוואַטער שטעקן מיט אַ זילבערן הענטל, און הײַנט, צו אַכציק יאָר, גייט ער אַ גראָדער און אינגאַנצן אָן אַ שטעקן.

— וואָס זיפֿצט איר, כאַצקל?

כאַצקל דערשפּירט: אין שײַעס שטים קלינגט עפּעס אַן אומדערוואַרטע וואַרעמקײַט. און ער רופֿט זיך אָפּ פֿאַרטרויליך:

— איר פֿאַרשטייט, רעב שײַע, ס׳איז ניט גוט. ס׳דערנעענטערן זיך די יאָמים־נויראָים. פֿריִער פֿלעגן מיר יעדער יאָר דינגען אַן אווטאָבוס אַף אַ

גאנצן טאָג, דאָס האָט געקאָסט זעכציק רובל, און פאָרן אָף קייווער־אָוועס. סע פלעגן זיך אָנקלײַבן א צוואנציק־דרײַסיק מאן, האָט עס אויסגעמאכט צוויי־דרײַ רובל אָף א מענטשן. הײַנט קאָן איך אפילע קיין צען מענטשן ניט צוזאמענקלײַבן. איז וואָס טוט מען?

שײַע גייט א ווײַלע שווײַגנדיק, זײַן קאָמערציעלער מויעך ארבעט.

— ווייסט איר וואָס? בא אונדז איז דאָך אויך די זעלבע לאגע. און ווי ווײַט איז עס אײַער שטעטל פון מײַנעם? ס׳וועט זײַן אן איבעריקע דרײַסיק קילאָמעטער, וועט עס קאָסטן נאָך א פינפערל. לאָמיר דינגען בעשוטפעס אן אווטאָבוס און פארטיק. איך וועל אויך אָנקלײַבן א זיבן־אכט מענטשן.

— א פלאן, — ווערט כאצקל לעבעדיק, — איז, הייסט עס, בעשוטפעס, הא?

— בעשוטפעס, אוואדע בעשוטפעס!

מע גייט ווײַטער און מע רעכנט אויס די נעמען פון די, וואָס וועלן זיך באטייליקן אין „שוטפעס".

זיי זײַנען שוין ווייניק פארבליבן, די, וואָס פאָרן אָף קייווער־אָוועס.

א ביסל וועגן פרויען...

1. די שוואַכע פרוי

א טאָג פאַרן אָנקומען פון דער שיף קיין ריאָ־דע־זשאַנייראָ האָט זיך דער אַטלאַנטיק צעבושעוועט. צו מיטיק זײַנען אין גרויסן עס־סאַלאָן געקומען אײַנגאַנצן א פּאָר צענדליק מאַן, און אויך די האָבן אָן כיישעק זיך צוגערירט צום עסן. זיי האָבן אַפּגיך וואָס אַראָפּגעשלונגען און שווײַגנדיק זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. די פּענעמער זײַנען בא אַלעמען געווען גרין, די אויגן אײַנגעפאַלן. ענדע טאָג האָט זיך דער שטורעם־ווינט נאָך מער פאַרשטאַרקט. צו אָונטערוויט זײַנען געקומען שוין נאָר עטלעכע פּאַסאַזשירן. פון די אָפיציאַנטן האָט זיך אַף די פיס געהאַלטן בלויז איינער, ער האָט געבעטן די עטלעכע מענטשן, זיי זאָלן פאַרנעמען ניט זייערע געוויינלעכע ערטער, נאָר זיך אויסזעצן בא איין טישל, ווו ער האָט זיי אַפּגיך אָפּגעפּאַרטיקט.

נאָך אַכט אזייגער, אין דער שאָ, ווען אין יענע קאַנטן, סײַ זומער, סײַ ווינטער, פאַלט שוין צו די טראָפּישע נאַכט, איז די שיף געווען ווי אויסגעשטאָרבן. פּוסט די סאַלאָנען, פּוסט דער באַסיין, פּוסט דער אויבערדעק, פון וועלכן די מאַטראָסן האָבן צוגענומען אַפילע די וויגשטולן, קעדיי זיי זאָלן זיך ניט אַרומבאַמבלען פון איין עק צום צווייטן. קימאַט אַלע פּאַסאַזשירן, געכאַפּט ווער וויניקער, ווער מערער פון דער יאַם־קראַנקײַט, זײַנען געלעגן אין די קאַיוטעס און געקרעכצט.

דאָווידן האָט די הוידעניש ניט געאַרט. ער האָט אָפּגעגעסן אָונטערוויט און איז זיך אַדורך איבערן אויבערדעק. די הוידעניש האָט אים דאַפּקע אַרײַנגעבראַכט אין א שטימונג, אין וועלכער ס'האָט זיך אים געוואָלט מיט עמעצן זיך אַמפּערן, זיך באַקאַנען מיט א שיינער פרוי, מיט איין וואָרט, ס'האָט אין אים געברויזט, ווי דער אָקעאַן. נאָר אין די סאַלאָנען, ווו מ'האָט געוויינלעך אָונט־צײַט געטאַנצט, געשפּילט אין קאָרטן, איז קיינער ניט געווען. דעם קינאָ־סעאַנס האָט מען אָפּגעשאַפט. אַפילע דער בופעט איז געווען פאַרמאַכט.

סאָפקאָלסאָף האָט ער זיך אָנגעשטויסן אַף א קליינעם באַר אין ערגעץ

א זײַטיקן סאלאָן, וואָס איז געווען אָפֿן. דאָס איז, אפֿאָנעם, געווען דער אײנציקער באַר, וואָס די אדמיניסטראַציע פֿון דער שיף האָט באַשלאָסן צו האַלטן אָפֿן, ווי גרויס דער שטורעם זאָל ניט זײַן.

דאָוויד האָט זיך געזעצט בא א טישל און באַשטעלט אַן אַפּעריטיוו. ער האָט לאַנגזאַם געצויגן דעם ווײַן, צוהאַלטנדיק דעם בעכער, ער זאָל זיך ניט גליטשן איבערן מאַרמאָר־טישל, בײַס די שיף וואַרפֿט זיך פֿון איין זײַט אויף דער צווייטער.

ער איז לאַנג געזעסן באַם טישל, פּאַמעלעך ציִענדיק דעם ווײַן. אין דער דושנע קאַיוטע האָט זיך ניט געוואָלט גיין, פֿון שלאָפֿן האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זײַן, און ליגן אָפֿן בעטל און לייענען וואָלט ער איצטער אויך ניט געקאָנט. וואָס מער ער האָט געטרונקען, אַלץ מער איז געוואַקסן זײַן אינערלעכע אויפֿרודערונג. ווי גוט וואָלט געווען, ווען עס זיצט לעבן אים איצט א פֿרוי...

זעענדיק, אַז דער קליִענט מאַכט מער ניט קיין באַשטעלונג, האָט דער באַדינער געפֿרעגט:

— דער הער פֿאַרלאַנגט ניט מער קיין זאַך?

— ניין. קיין זאַך ניט, וואָס דו קענסט געבן.

דאָוויד האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז אַרויס. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אונטערדעק, ווו ס׳זײַנען געווען די קאַיוטעס. פֿאַר אים איז געלעגן א לאַנגער, שוואַך באַלויכטענער קאָרידאָר. די טירן פֿון די קאַיוטעס זײַנען געשטאַנען מערסטנטייל אָפֿן: די פּאַסאַזשירן האָט זיך געדאַכט, אַז ווען עס וועט זײַן ניט אַזוי דושנע, וועלן זיי ווייניקער לײַדן פֿון דער הוידעניש. „אילויזיע, — האָט א טראַכט געטאָן דאָוויד, — אַלץ אויף דער וועלט איז אילויזיע״.

אינמיטן פֿונעם לאַנגן קאָרידאָר איז געווען העל באַלויכטן דער פֿאַריקמאַכערסקער סאַלאָן. פֿון דער אָפֿענער טיר איז אַרויסגעלאָפֿן א מענטש אין א ווײַסן כאַלאַט און זיך הילפֿלאָז אַרומגעקוקט. דערזען א מענטשן, וואָס דערנעענטערט זיך, האָט ער מיט א פֿאַרצווייפֿלטן זשעסט אים א ווונק געטאָן צוצוײַלן זיך און אַליין צוריק פֿאַרשווונדן אין סאַלאָן. דאָוויד איז גיך צוגעגאַנגען און אַרײַנגעקוקט. אין איינעם פֿון די פֿאַריקמאַכערסקע־שטולן איז געזעסן אין א האַלב פֿאַרכאַלעשטן צושטאַנד א פֿרוי. אירע האָר זײַנען געווען פֿאַרקלעמט אין דעם קאַלפּאַק פֿון אויבן. דער פֿאַריקמאַכער האָט געפּאַטשט איבער איר פּאָנעם מיט א האַנטעך.

— באַפֿרײַט איר קוידעמקאָל די האָר! איר זעט ניט, אַז זי הענגט דאָך קימאַט אויף זיי! — האָט אויסגערופֿן דאָוויד.

די פֿרוי האָט געעפֿנט די אויגן און מיט א שוואַכער שטים געזאָגט:

— מע דאַרף ניט. זעצט פֿאָר.

דער פֿאַריקמאַכער האָט א קוק געגעבן אויף דאָווידן, ווי ער וואָלט געזאָגט: אָט איצטער זעסטו, וואָס פֿאַר א מײַסע דאָ איז! און זיך געווענדט צו דער פֿרוי מיט א טאַכנונים־טאָן, קענטיק שוין ניט צום ערשטן מאָל:

— מאַדאַם, ווי קאָן מען דאָס... איר זײַט דאָך אין אַזאַ צושטאַנד...

די פֿרוי האָט ווידער געעפֿנט די אויגן און שטיל געזאָגט:

— זעצט פֿאָר...

— וואָס הייסט פאָרזעצן, אז איך האָב נאָך גאָרניט אָנגעהויבן, — האָט א בורטשע געטאָן דער פאַריקמאַכער. און צו דאָווידן: — עפּשער וועט דער הער מיר העלפן?

— גערן. וואָס דאַרף איך טאָן?

— האַלט צו די מאַדאַם, זי זאָל זיך ניט אַראָפּגליטשן פון שטול.

דאָוויד האָט אַרומגענומען מיט ביידע הענט די פּרוי פאַר דער טאַליע. זי איז געווען אַזוי דין, אַז די פינגער פון די ביידע הענט זײַנען זיך קימאַט צונויפגעקומען. איר פּאָנעם איז געווען קליין, דאַר און אויסגעמאַטערט פון יאַם־קראַנקײַט, קימאַט א גרינס. „ווידעראַמאָל אַן אילוזיע, — האָט געקלאַפּט אין דאָווידן דער פרײַערדיקער געדאַנק, — אַן אילוזיע, אַז זי וועט זײַן שיין. און אויב אַפילו שיין, איז וואָס? סאָפקאָלסאָף, אויך אַן אילוזיע. אָסער, אויב ס׳לוינט זיך צוליב דעם דורכמאַכן אַזאַ מאַטערניש". פונדעסטוועגן האָט ער מיט א קאַלטבלוטיקער טרײַקײַט אויסגעפּילט זײַנע פליכטן. ווען דער סאַלאָן מיטן שטול, מיט אַלץ, וואָס איז געווען דאָרט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף אונטן, ווי ער וואָלט געפאַלן אין טהאָם, האָט די פרוי געריסן צום ברעכן, נאָר אויסברעכן איז שוין ניט געווען וואָס. בײַס די שיף האָט זיך געהויבן, אַרויסקריכנדיק פון טהאָם, פלעגט די פרוי א ביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם. דאַן פלעגן זיך עפענען א ביסל אירע אויגן, און פון דער שמאָלינקער שפּאַרונקע האָט מיט א פײַכטער שוואַרצקײַט א שײַן געטאָן א דאַנקבאַרער שמייכל. „אויגן האָט זי שוואַרצע, גרויסע און עפּשער אויך שיינע", — האָט א טראַכט געטאָן דאָוויד.

דער פאַריקמאַכער האָט זיך האַסטיק באַשעפטיקט מיט אירע האָר, אונטערשמײַסנדיק זיך מיט עפּעס א מורמלעניש. דאָוויד האָט זיך אײַנגעהערט: דאָס זײַנען געווען זידלערײַען אַף איטאַליעניש. בא דעם גאַנצן ביטל־געפיל, וואָס ער האָט געהאַט צו אָט דער נאַרישער שוואַכער פרוי, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז עס וואָלט אים פאַרדראָסן, טאָמער הערט זיך די פרוי אײַן און פאַרשטייט די זידלערײַען. ער האָט אָנגעהויבן הויך אַרײַנריידן אין איר טרייסט־ווערטער. אין אים האָט זיך ביסלעכווײַז אויפגעוועקט א מיטלײַד־געפיל צו אָט דער פרוי מיט איר נאַרישן אײַנפאַל צו מאַכן אין אַזאַ צײַט א פּערמאַנענט, א מיטלײַד פון א שטאַרקן מענטשן צו א שוואַכן. דאָס דאָזיקע געפיל איז געווען ווי א באַרעכטיקונג פון דער לעכערלעכער סיטואַציע, אין וועלכער ער איז אַרײַנגעפאַלן.

ס׳האָט לאַנג געדויערט, נאָר סאָפקאָלסאָף איז די פריזור פאַרטיק געוואָרן. די פרוי איז אופגעשטאַנען. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז א מיטלוווקסיקע און ניט אַזאַ קליינע, ווי ס׳האָט זיך אויסגעדוכט דאָווידן, בײַס זי איז געזעסן אײַנגעקאָרטשעט אין פאָטעל. נאָר סײַווי האָט זי ניט אויסגענומען ניט מיט איר פיגור, ניט מיט איר געזיכט. האָר האָט זי געהאַט אויך ניט קיין שיינע, עפּעס פון אַן אומבאַשטימטן רויטן קאָליר.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָוויד האָט זי געגומען אונטערן אָרעם און באַגלייט. ער האָט זי אַרײַנגעפירט אין איר קאַיוטע, אָנגעצונדן דאָס ליכט — ס׳איז געווען פונקט אַזאַ קאַיוטע, ווי זײַנע — און מיט באַדויערונג א קוק געטאָן אַף דער אויסגעמאַטערטער פרוי, וועלכע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף איר בעטל.

— איך קאָן פאַרשטיין די שוואַכקייט פון א פרוי, נאָר מיר דאַכט זיך, אז אָט די מאַטערניש האָט איר זיך געקאָנט פאַרשפּאָרן.
— מיר קומען מאָרגן באַגינען אָן קיין ריאָ. דאָרט וואַרט מען אויף מיר.
— ווער? א כאָסן? א געליבטער?
— מײַן מאַן.
— אײַער מאַן? — האָט זיך פאַרוווּנדערט דאָוויד. — איז עס דאָך אוואַדע געווען איבעריק. כ׳וואָלט נאָך פאַרשטאַנען, א כאָסן, א געליבטער...
— אויך מײַן זונדל וועט וואַרטן אויף מיר. אים איז דאָס פערטע יאָר, — האָט זי געלאָסן געענטפערט, ווי זי וואָלט ניט באַמערקט די טאַקטלאָזיקייט פון זײַנע פראַגעס.
זי האָט אים באַדאַנקט, און ער איז אַרויס.
אײַנגעשלאָפן איז ער גיך און שטאַרק. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז אין קאַיוטע שוין געווען ליכטיק. אויפן פאָרהענגל איבערן אילוּמינאַטאָר האָט געשפּילט די זון. די שיף איז געווען רויק, אָן שום באַוועגונג.
ער האָט זיך גיך אָנגעטאָן און איז אַרויס. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז ער האָט פאַרשלאָפן דאָס אַרײַנקומען אין האַפן. די שיף איז געשטאַנען באַם פּירס. די זון האָט געשײַנט מיט איר גאַנצער טראָפּישער בלענדנדיקער גוואַלד. אויפן יאַם איז נאָך עפּשער געווען א שטורעם, נאָר דאָ האָט דער ווינט געווירקט מעכײַעדיק פריש. דער פּירס האָט געקאָכט מיט יאָמטעוודיק געקליידטע מענטשן. די אָנגעקומענע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן דאָ געדאַרפט אַרויסשטײַגן, זײַנען שוין געווען אויפן ברעג, אָבער זיי זײַנען זיך נאָך ניט פאַנאַנדערגעגאַנגען — קענטיק, געוואַרט אויפן באַגאַזש. זיי זײַנען געשטאַנען פריידיקע, שײַנענדיקע אין דער אַרומרינגלונג פון די, וואָס האָבן זיי באַגעגנט. פון איינצלנע הײַפלעך האָט זיך געטראָגן הילכיקער געלעכטער, פריידיקע אויסרופן.
דאָוויד איז אויך אַראָפּ אויפן ברעג און זיך אויסגעמישט אינעם פרייַלעך־טומלדיקן האַמוין. פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. אין א קלייַנער גרופּע האָט ער דערזען זײַן נעכטיקע באַקאַנטע. זי איז געווען אָנגעטאָן אין עפּעס זומערדיקס, וואָס האָט פלאַמיק געפלאַטערט אויף איר שטאָלצער שלאַנקער פיגור. איר פּאָנעם, אָנגעגאָסן מיט א ראָזער פאַרב, האָט געשטראַלט מיט פרישקייט און פרייד. איר קאָפּ איז געווען באַקרוינט מיט א זוניק־רויטן געבײַ, וואָס איז געווען וווּנדער־שעבעווונדער און האָט געגלאַנצט מיט א גילדערנער פּראַכט! אַנטקעגן איר איז געשטאַנען א זאָרגעוודיק געקליידטער יונגערמאַן מיט א גלאַטן שוואַרצן אָנגעברילי־אַנטינעוועטן קאָפּ און פאַרליבט אַרײַנגעקוקט איר אין די אויגן. צו אירע פיס האָט זיך געטוליעט און געהויבן צו איר די הענטעלעך א ייִנגעלע.
דאָוויד איז געבליבן שטיין א געפּלעפטער. די פרוי האָט אים באַמערקט און א שמייכל געטאָן צו אים. דאָס איז געווען א שמייכל, וואָס א קיניגן שענקט איר פּאַזש.
ווײַטער שטיין און באַוווּנדערן די נײַ־אַנטפּלעקטע שיינקייט איז געווען אומבאַקוועם. דאָוויד איז אוועק ווײַטער.
„אָט האָסטו דיר א שוואַכקייט פון א פרוי, — האָט ער געטראַכט, — דאָס איז דער קויעך פון א פרוי".

2. די ניכטערע פרוי

פאניע קלוג, א סטודענטקע פון מעדיצין פון דריטן קורס אין סאָרבאָנע, איז געווען א קלוג, באשיידן, ארבעטסזאם מיידל. דרײַ יאָר לעבן אין פּאריז האָט ניט אָנגערירט ניט איר גוף, ניט איר נעשאָמע.

די ניסיוינעס, וואָס לויערן אף יעדן ווינקל אין דער דאָזיקער רוישיקער שטאָט, האָבן קיין שום שליטע ניט געהאט אף דער ניכטערער אויסגערעכנטער פאניע. זי האָט פלײַסיק באזוכט די לעקציעס, געוויסנהאפט אויסגעפילט אלע ארבעטן, און אין איר צימערל, אין אן אלטן האָטעל אין לאטײַנישן קווארטאל, זײַנען געווען לויטער לערנביכער און קאָנספעקטן. אפילע א בעלעטריסטישער בוך האָט זעלטן גענעכטיקט אין דאָזיקן אסקעטישן כיידערל.

פון אירע עלטערן אין א קליין ליטוויש שטעטל האָט זי געקראָגן כוי־דעשלעך א גאָר קליינע סומע. נאָר זי איז געווען שפּאָרזאם, אויסגערעכנט, באשיידן אין אירע באדערפעענישן, און איז אויסגעצייכנט אויסגעקומען. אנדערע סטודענטן, וועלכע פלעגן קריגן פון דער היים א סאך מער ווי זי און האָבן זיך שטענדיק געניײטיקט אין געלט, האָבן געוווסט: בא פאניע קלוג קאָן מען אלע מאָל איבערכאפּן א פּאָר פראנק. אירע באקאנטע האָבן אין איין שטים געטײַנעט, אז פאניע קלוג בארעכטיקט איר פאמיליע — זי איז בעפּיירעש קלוג.

פּאריזש האָט ניט געהאט פאר איר קיין שום רייץ. ס׳איז געווען בלויז דאָס אָרט, ווו זי דארף קריגן דעם נייטיקן סכום וויסן אף צו ווערן א דאָקטער. איר ריכטיקער פלאץ אין לעבן — דאָס איז דאָס שטעטל, פונ־וואנען זי קומט. דאָרט זײַנען טאטע־מאמע, בא וועמען זי איז די איינציקע טאָכטער, דאָרט לעבן פעטערס און מומעס, שוועסטערקינדער און סטאם באקאנטע מענטשן. פּאריזש איז א פרעמדע שטאָט מיט פרעמדע מענטשן און פרעמדע זיטן. פּאריזש וועט אויסקומען אָן איר, פונקט ווי זי וועט אויסקומען אָן אים. דאָרטן, אין דעם ליטווישן שטעטל, וועט זי זײַן דער נייטיקער מענטש, דער נאכעס און טרייסט פאר דער מישפּאָכע, די הילף פאר די מענטשן.

אזוי האָט זי געלעבט, אָפּגעזונדערט פון די סטודענטישע קאָמפּאניעס, ווײַט אפילע פון אירע אייגענע לאנדסלײַט. אין יענע קרײַזן האָט עמעצער געזאָגט וועגן איר:

„פאניע קלוג? אפילע פאר א ליטוועטשקע איז זי א צו ניכטערע באַ־שעפעניש”.

...איינמאָל אין א נאָכמיטיק איז זי געגאַנגען אפן בולוואַר סאַן־מישעל. א יונגער באָכער האָט זי אָפּגעשטעלט און עפּעס־וואָס געפרעגט. ס׳איז געווען אף א שלעכטן פראַנצויזיש, און זי האָט ניט פאַרשטאַנען. דער יונג איז רויט געוואָרן און וואָרט נאָך וואָרט אַרויסגעזאָגט די פראַזע, וואָס ער האָט, קענטיק, פריִער אײַנגעכאַזערט. פאַניע האָט אינערלעך א שמייכל געטאָן. ווי לאַנג איז עס, ווען זי איז געווען אין פּונקט אַזאַ לאַגע? זי האָט א קוק געטאָן: פאַר איר איז געשטאַנען א הויכער יונג מיט העל־בלויע אויגן און ראָזער דורכזיכטיקער הויט. קענטיק, א נאָרדישער טיפּ.

— איר רעדט דײַטש? — האָט זי אים געפרעגט אף דײַטש.

דער יונג האָט זיך דערפרייט און אָנגעהויבן צו שיטן מיט ווערטער. יאָ, פאַרשטייט זיך, ער רעדט דײַטש. ער איז, עמעס, ניט קיין דײַטש, ער איז א שוועד. ער איז הײַנט געקומען קיין פּאַריז. דאָס איז געווען זײַן לאַנגיאָריקער טרוים. אליין איז ער א סטודענט, און געקומען איז ער אף פינף טעג. ער וויל פאַר די פינף טעג ארײַנכאַפּן וואָס מער פּאַריזש...

— מוזייען? — האָט זאַכלעך געפרעגט פאַניע.

— מוזייען אויך. נאָר... איר פאַרשטייט? איך וויל זען וואָס מער פּאַ־ריזש, פּאַריזש...

— אויב מוזייען, איז דאָ ניט ווײַט דאָ א מוזיי פון מיטלאַלטערלעכן לעבנשטייגער.

— ווו?

— דאָ גאָר ניט ווײַט. א פּאָר קוואַרטאַלן פונדאַנען.

פאַניע האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז ניט דער לעבנשטייגער פון מיטלאַלטער אינטערעסירט אָט דעם סטודענט. נאָר זי האָט עס בעקיוון געזאָגט, קעדיי אָפּצוקילן דעם נאָרדישן באַרבאַר, וואָס וויל אין פינף טעג „ארײַנכאַפּן״ פּאַריזש.

נאָר דער שוועד האָט זיך אָנגעכאַפּט.

— ס׳איז איצטער אָפן?

— אָפן. איר ווייסט וואָס? כ׳האָב א האַלבע שאָ צײַט. איך קאָן אײַך באַגלייטן. דאָרט איז זייער אינטערעסאַנט, און איך בין שוין לאַנג ניט געווען דאָרטן.

אינדערעמעסן איז זי דאָרטן קיינמאָל ניט געווען, כאָטש זי איז קימאַט טעגלעך פאַרבײַגעגאַנגען דעם מוזיי און ניט איין מאָל זיך געזאָגט, אַז מע דאַרף אַהין זיך ארײַנכאַפּן.

אין מוזיי זײַנען געווען ווייניק באַזוכער. זיי זײַנען געגאַנגען פון צימער צו צימער, פון סטענד צו סטענד. פאַניע האָט געלייענט די אויפ־שריפטן און זיי פאַרטײַטשט דעם גאַסט. זי איז בישלעכווײַז ארײַן אין דער ראָל פון א גיד, און ס׳איז איר געפעלן געוואָרן.

נאָך דעם מוזיי זײַנען זיי ווידער אַרויס אפן בולוואַר. ס׳איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט. סאַן־מישעל האָט געלויכטן מיט אלע זײַנע גאַס־לאָמפּן און וויטרינעס. אָפּגעגאַנגען א ווײַלע, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט בא א זײַטיק געסל און אים געוויזן דעם פּאַנטעאָן.

— אָ, דער פּאַנטעאָן! — האָט ער פריידיק אויסגעשריִען. — אָט אַהין

בין איך דאָך געגאַנגען, ווען איך האָב אײַך אָפּגעשטעלט! נאָר ניט געקאָנט אײַך דערקלערן.

זיי האָבן זיך ביידע פאַנאַנדערגעלאַכט.

— ווייסט איר וואָס? מע דאַרף אַרײַנגיין וואָס צובײַסן.

זי האָט אים אַרײַנגעפירט אין אַ בילי̇קער סטודענטישער קאַפע. דער יונג האָט געריבן מיט אַפּעטיט, נאָר ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַן אַנ־טוישטער. ס׳איז געווען אַ וואָכעדיק געוויינלעך אָרט, ווו באַשיידענע מענטשן כאַפּן זיך אַרײַן צו שטילן זייער הונגער און דאָרשט.

— ס׳זײַנען דאָך דאָ אַנדערע קאַפּעען אויך אין פּאַריז... ספּעציפישע פּאַריזשער...

— יאָ, ס׳זײַנען דאָ, — האָט זי מיט מײַסע קענערן זיך אָנגערופן, — מיט אַפּאַשן, מיט טענץ, מיט אַטראַקציאָנעס... אָבער יענע געפינען זיך אַנ־דערש־ווו, אין מאָנמאַרטער. דאָס איז גאָר אַן אַנדער ראַיאָן. מאָרגן בײַ־נאַכט וועט איר קאָנען גיין אַהין.

— און בײַטאָג?

— בײַטאָג? — זי האָט אָנגעהויבן אויסצורעכענען די מוזייען, בולוואַרן, געבײַדעס, וואָס ער קאָן בײַטאָג באַקוקן. זי האָט זיך אַליין געוווּנדערט, פּונוואַנען זי ווייסט דאָס אַלץ, אַז אַליין איז זי דאָרט קימאַט ווי ניט גע־ווען. ער האָט אויפמערקזאַם געהערט, פאַרשריבן און ניט אַראָפּגעלאָזט פון איר די אויגן. זי האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם בעטנדיקן העל־בלויען בליק.

— ווייסט איר וואָס? מאָרגן דעם ערשטן האַלבן טאָג בין איך פרײַ פון לעקציעס. איך קאָן מיט אײַך מיטגיין.

— אָפּגעמאַכט! — האָט פריילעך אויסגערופן דער יונג.

אינדערפרי האָבן זיי זיך געטראָפן און זיך אַוועקגעלאָזט איבער פּאַ־ריזש. זיי זײַנען אַרײַן אין לוווּר. נאָר דער יונגער שוועד האָט אַרויסגע־וויזן אַ גאַנץ קנאַפּן אינטערעס צו די בילדער. זײַנען זיי צוריק אַרויס אויף די בולוואַרן, באַקוקט די אָפּערע, זיך אָפּגעשטעלט לעבן מאַדלען, באַוווּנ־דערט דעם פּלאַץ קאָנקאָרד, זיך געלאָזן איבערן שאַנז׳עליזיי, אָפּגעשטעלט זיך בײַם קייוועך פון אומבאַוווּסטן סאָלדאַט אונטער דער טריומפאַלער אַרקע. פאַניע איז אַלץ מער אַרײַן אין דער ראָל פון אַ געניטער פּאַרי־זשערן. זי האָט פריילעך געפּלאַפּלט און זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין, פּונוואַנען נעמען זיך צו איר אָט די אַלע ידיעות, וואָס זי דערציילט דעם יונגן שוועד, און דעריקער, ווי לײַכט עס גייט זיך איר דער זאָרגלאָז־קאָקעטישער טאָן פון אַן עכט פּאַריזשער מיידל. ס׳איז איר געווען אַ ווּנדערלעך, אַ טשיקאַווע, נאָר זי האָט ניט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם — ס׳איז איר געווען גוט אויף דער נעשאָמע.

מיטיק האָבן זיי געגעסן אין אַ קליינעם רעסטאָראַן לעבן די בולוואַרן. ס׳איז געווען פריילעך און טומלדיק. אַלעק — זי האָט אים שוין גערופן בײַם נאָמען — איז געווען אויפגעלייגט. פון צײַט צו צײַט פלעגט ער צוגיין צום שפּילקאַסטן, אַראָפּלאָזן אַ מינץ, און אַז ער פלעגט אַ שײַנענדיקער

צוריקקומען צום טישל, האָבן העפקערדיקע קלאַנגען פאַרהילכט די אויערן, פאַרטויבט דעם מויעך. אַלעק האָט פריילעך געפינטלט צו איר, געקוקט אין די אויגן און געהויבן דעם בעכער. זי האָט געלאַכט און אויך געהויבן דעם בעכער צו אירע ליפּן.

נאָך מיטיק איז זי ניט געגאַנגען צו די לעקציעס. זיי האָבן ווידער געבלאָנדזשעט איבער דער שטאָט. ווען זיי זייַנען מיד געוואָרן, זייַנען זיי אַרייַן אין אַ קינאָ. אַלעק האָט זיך אַרומגעקוקט און זיך גיך אָריִענטירט. ס'איז דאָך ניט קיין קינאָ ווי אין זייַן שטרענגער נאָרדישער שטאָט. גלייַך ווי ס'איז טונקל געוואָרן, האָט ער זי אַרומגענומען פאַר דער טאַליע און פעסט צוגעדריקט צו זיך. פאַניע איז געזעסן אַ פאַרזונקענע אין נייַע געפילן און קימאַט ניט געזען, וואָס עס טוט זיך אויפן עקראַן.

אין אָוונט זייַנען זיי געווען אין מאָנמאַרטער. אַרייַן אין איין לאָקאַל, אין אַ צווייטן. אומעטום האָט געליאַרעמט די מוזיק, אַפּאַשן האָבן זיך אַרומגעדרייט און געפּראַוועט ווילדע שטיק מיט זייערע מוידן. „דאָס זייַנען ניט עמעסע אַפּאַשן, דאָס זייַנען אָפּערעטישע”, — האָט פאַניע אַרויסגעוויזן איר געניטקייַט אין די איניאָנים. נאָר דעם יונג איז געווען אַלציינס. ער האָט געפּאַטשט בראַוואָ צוזאַמען מיט אַלעמען און געשלעפּט פאַניען אין טאַנץ, ווען אַלע האָבן געטאַנצט. ער איז געווען שיקער פון פּאַריזש, פונעם נאַכט־לאָקאַל, פון ווייַן און פונעם פּאַריזשער מיידל, מיט וועלכן ער האָט אַזוי גוט געטראָפן.

שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיי פאַרלאָזן מאָנמאַרטער. אַלעק האָט זי באַגלייט ביז צום האָטעל. באַם אַרייַנגאַנג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. אַלעק האָט זי אַרומגענומען און געזוכט איר אַרייַנצוקוקן אין די אויגן. נאָר פאַניע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אף אַ ווייַלע האָט זי זיך פאַרטראַכט. נאָר צי איז זי איצטער פאַניע קלוג, דאָס ניכטערע אויסגערעכנטע מיידל פון ליטווישן שטעטל? זי איז דאָך אַ לייַכטזיניק זאָרגלאָז קינד פון פּאַריזש. אַ געניט מיידל אין ליבע, אַן אויסגעפּרוווטע אין אַלע ניסיוינעס פון דער וועלט־שטאָט. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, נאָר די האַנט, ניט פאָלגנדיק קיינעם, האָט זיך אויפגעהויבן און אָנגעדריקט די קנאָפּקע. די טיר האָט זיך אווטאָמאַטיש געעפנט. זי האָט גענומען אַלעקן פאַרן אַרבל, און זיי האָבן זיך אַדורכגעשלייַכט פאַרבייַ דער קאָנסיערזשקעס פענצטערל.

פינף טעג האָט געדויערט דער מעשוגענער קאַראַהאָד. באַטאָג זייַנען זיי אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט, באַזוכט מוזייען, געגעסן אין פאַרשיידענע רעסטאָראַנדלעך. אין אָוונט זייַנען זיי געווען אין נאַכט־לאָקאַלן, קאַפעען, געטאַנצט מיט אַלעמען, געטרונקען ווייַן און געשעפּט פון פּאַריזש מיט פולע הויפנס. שפּעט אין דער נאַכט פלעגן זיי זיך אומקערן צו איר אין האָטעל. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט באַ איר, נאָר די גלידער, באַהערשט פון אַ שטומער אַקשאָנעס, האָבן פון קיין זאַך ניט געוואָלט וויסן, און זיי האָבן זיך ווידער געשלייַכט פאַרבייַ דער קאָנסיערזשקעס פענצטערל.

צום סאָף פון פינפטן טאָג זייַנען זיי ביידע געווען אויפן מיזרעך־וואָקזאַל. דער יונג איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר פון וואַגאָן און אַ פריילעכער, אַן אויפגעלייגטער געשריִען צו איר:

— טשאַו, קליינע!

— טשאו, בובי! — פאַניע האָט געלאַכט און געפּאַכט צו אים מיט דער האַנט.

זי האָט געלאַכט און געפּאַכט, בייס דער יונג איז אַריבער אין זײַן קופּע און, זיך אַרויסרוקנדיק פון פענצטער, געליאַרעמט און איר געשיקט לופט־קושן. זי האָט געלאַכט און געפּאַכט, בייס דער וואַגאָן האָט זיך גע־רירט. אַז דער וואַגאָן איז פאַרשוווּנדן, איז איר האַנט אָנמעכטיק אַראָפּ־געפאַלן.

געקומען אַהיים, האָט זי זיך געזעצט צום טיש, אַ ווײַלע געקוקט אויף די פאַרוואָרלאָזטע לערנביכער, דערנאָך איז זי צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צום טיש און זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט פאַניע גערופן צו זיך אַ כאַווערטע און פאַרטרויט איר אַ סאָד. יענע האָט אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט:

— פאַניע, דו?!

— יאָ, איך, — האָט רויִק געענטפערט פאַניע.

די אויגן פון דער כאַווערטע האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ פיבערהאַפטן נײַגער און אַ ווײַבערישן פאַרלאַנג זיך אַרײַנצומישן. זי האָט אַ שאָט גע־טאָן מיט אייצעס, מיט פּראַקטישע מיטלען.

— ניין. מ׳דאַרף ניט, — האָט אָנטשלאָסן געזאָגט פאַניע.

— פאַניע, באַדענק זיך! דיר שטייט דאָך פאָר אַ גאַנץ לעבן!

— און די פינף טעג זײַנען ניט געווען לעבן?

די כאַווערטע איז איצט געוואָרן אָפטע אַרײַנגייערן צו פאַניען. יעדעס מאָל, ווען זי איז געקומען, פלעגט זי שיטן מיט אַרגומענטן, ריידן, איבערצײַגן: „פאַניע, ס׳איז נאָך ניט שפּעט!”, נאָר פאַניע האָט זיך פעסט געהאַלטן בא דאָס איריקע.

— נו, און ער? ער? — האָט זיך איינמאָל ניט אײַנגעהאַלטן די כאַ־ווערטע. — דו האָסט כאָטשבי זײַן אַדרעס?

— כ׳האָב.

— טאָ שרײַב אים אָן! זאָל ער וויסן, זאָל ער העלפן!

— ער האָט דערמיט גאָרניט צו טאָן.

— וואָס הייסט? ס׳איז בא דיר פון הייליקן גײַסט?

פאַניע האָט פאַראַקשנט געשוויגן. פון אַלע אויסוועגן איז דאָס פאַר איר געווען דער אומעגלעכסטער.

דאָס יאָר איז זי ניט געפאָרן אויף קאַניקולן צו די עלטערן. זי האָט זיי געשריבן, אַז העיויס זי גייט איצט אַריבער אויפן פערטן קורס, דאַרף זי דורכמאַכן פּראַקטיק אין אַ קראַנקנהויז און קאָן ניט קומען צו זיי.

דאָס איז געווען אַ ליגן מער ניט ווי אויף אַ העלפט. אין קראַנקנהויז איז זי ווירקלעך אַרײַן, נאָר ניט אַלס פּראַקטיקאַנטן, נאָר אַלס אַ געווי־נערן.

זי האָט געבוירן אַ ייִנגל. אַ געזונטער, אַ קרעפטיקער בלוי־אויגיקער יאַט. מיט דער הילף פון דער כאַווערטע האָט זי אויסגעפונען אַ פויערשע

פאמיליע אין דער אומגעגנט פון פאריזש, וואָס איז מאַסקים געווען צו נעמען פאַר באַצאָלט דאָס קינד אף דערציִונג. יעדן זונטיק פלעגט פאַניע קומען אהין, אריַינטראָגן די נייטיקע סומע און פאַרבריינגען מיטן קינד. די עלטערן האָט זי געשריבן, אַז איצטער, בייס זי איז אריבער אף די העכערע קורסן, פאָדערן זיך גרעסערע הויצאָעס אף לערמיטל, ביכער אוקעדוימע. די עלטערן האָבן געשיקט א ביסל מער. ס'איז אויך געווען ווייניק, נאָר בא איר שפּאָרזאַמקייט און אויסגערעכנטקייט האָט עס פאַניען ווי־ניט־איז געסטייעט.

אף די נאָענטסטע קאַניקולן איז פאַניע געקומען אהיים. זי האָט אָפּגערעדט מיט איר כאַווערטע, אַז זי וועט זי אף עטלעכע זונטיקס פאַרבײַטן באַם קינד. זי האָט גערעכנט צו פאַרברענגען אין דער היים א פיר־פינף וואָכן, נאָר מער ווי איין וואָך האָט זי ניט אויסגעהאַלטן. ס'איז געווען ניט נאָר דאָס, וואָס זי האָט מאַכמעס דעם גרויסן סאָד, וואָס זי האָט געטראָגן אין זיך, ניט געקאָנט מער קוקן מיט ריינע אומשולדיקע אויגן אין די ערלעכע אויגן פון טאַטע־מאַמע. זי האָט פּלוצעם דערפילט, אַז דאָס גאַנצע לעבן אין שטעטל איז איר פרעמד און ווילד. ווען זי איז דאָס מאָל אוועקגעפאָרן פון שטעטל, האָט זי געוווסט, אַז זי וועט שוין אהער קיינמאָל זיך ניט צוריקקערן.

נאָכן ענדיקן איז זי אָנגעקומען אין א קליניק אף ארבעט. זי האָט געדונגען א קליינע דירע און גענומען דאָס קינד צו זיך.

געאַרבעט האָט זי פליַיסיק, געוויסנהאַפט און מיט אַזא שאַרפן באַוווסטזײַן פון אכרײַעס, וואָס האָט זי אויסגעצייכנט פון א סאך אירע קאָלעגן. איר שעף פון דער אָפּטיילונג, דער אַלטער דאָקטער לעברען, האָט זי אָפטמאָל געשטעלט אַלס מוסטער פאַר אַלע מיטאַרבעטער. א לעבן האָט זי געפירט אַן איינזאַמס. דאָס קינד האָט זי דערצויגן שטרענג, נאָר אָפּטמאָל, קוקנדיק אין זײַנע בלויע אויגן און גלעטנדיק זײַנע בלאָנדע האָר, פלעגן זיך די אויגן בא איר פאַרנעפּלען.

בייס די דײַטשן האָבן אָקופּירט פאַריזש, איז דאָס לעבן אין שטאָט פאַרטײַעט געוואָרן. פאַניע איז ווי א צעטומלטע געקומען אין קליניק. אַלץ איז געפאַלן פון די הענט.

— וואָס טוט איר דאָ? פאַרוואָס פאָרט איר ניט אוועק? — האָט א בורטשע געטאָן דער אַלטער לעברען. — איר ווייסט דען ניט, וואָס די פאַשיסטן טוען מיט די אײַעריקע?

דעם שעף איז געווען ניט צו דערקענען. בא שניי־ווײַסע האָר האָט ער שטענדיק געהאַט א פרישע געזיכטס־פאַרב. איצט איז זײַן פּאָנעם פאַרוועלקט געוואָרן, און מ'האָט געזען, אַז ער איז א טיפער זאָקן. פאַניען האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ.

— אַנטלויפן פון אומגליק איז ניט קיין גאַנג. מ'דאַרף קעמפן קעגן אים.

— איז אין וואָס גייט עס? — האָט דער אלטער אופגעהויבן זײַנע ווײַסע ברעמען.

— איר ווייסט דאָך, איך האָב א זון.

— ווי אלט איז ער? א יאָר אכט־נײַן?

— שוין עלף, דאָס צוועלפטע.

— איז דאָך אוואדע גוט. אזא יאטל וועלן מיר גערן נעמען צו זיך. מיר האָבן קיינמאָל קיין קינדער ניט געהאט און דאָס פארדריסט אונדז איצטער.

נאָכן אײַנאָרדענען דאָס קינד האָט פאניע זיך פארבונדן מיט איינעם פון אירע סטודענטן — כאוויירים, וועגן וועלכן זי האָט געוווסט, אז ער געהערט צו די לינקע. אינגיכן איז זי שוין געווען בא די מאקי׳ס. געווען אי א קעמפערן, אי א דאָקטער.

איינמאָל אין א שיסערײַ איז איינער פון אירע קאמפס־כאוויירים גע־פאלן א פארוווּנדעטער. ס׳איז געווען אין א וואלד, אין די אלפן. דער אָטריאד האָט געהאלטן אין אָפּטרעטן. פאניע האָט זיך א ריס געטאָן צום פארוווּנדעטן, צוגעלאָפן צו אים און זיך אראָפּגעלאָזט אף די קני אים צו העלפן. א קויל פון א פאשיסטישן זשאנדארם האָט זי אוועקגעלייגט אף אן אָרט.

3. די טרייַע פרוי

מיט כאנאנקען האָט זי זיך באקאנט, ווען זי איז אלט געווען קוים זעכצן יאָר. און פון דעמלט אָן איז אוועק א ליבע, וואָס שטארקער און געטרייַער פון איר קאָן, דאכט זיך, גאָרניט געמאָלט זייַן.

א פאָר יאָר האָט זיך געצויגן די קימאט קינדערישע צניִעסדיקע ליבע, דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן טראכטן וועגן טאכלעס. זי איז געווען א שטיקל שנייַדערן, ער האָט גאָר קיין פאך ניט געהאט. דעריבער האָבן זיי באשלאָסן, אז זי וועט פאָרן די ערשטע קיין דאָרעם־אמעריקע. זי וועט זיך שטעלן ארבעטן, אָפּשפּאָרן געלט אף א שיפסקארטע און אראָפּברענגען אים.

אפן וואָקזאל האָט זיך צוזאמענגעקליבן א גאנץ היפשע גרופּע עמיגראנטן. דער אגענט פון דער שיפסקאָמפּאניע איז ארומגעלאָפן איבער דער פּלאטפאָרמע, געשריִען מיט א הייזעריק קאָל און גענוקעט די מענטשן מיט זייער אומגעלומפּערטן געפּעק, מ׳זאָל ניט מאכן קיין שׂיעס מיטן געזעגענען זיך און קריכן אין וואגאָן.

פעסיע האָט זיך געהאלטן אָן א זייַט. זי האָט געקוקט אף כאנאנקען, און ס׳האָט זיך איר געדאכט, אז זי וועט קיינמאָל צו זאט ניט אָנקוקן זיך אף אָט די שווארצע אויגן, אף אָט דער דינער איידעלער אָדלער־נאָז און שמאָלע באקן.

— כאנאנקע, זאָג, אף ווי לאנג? — האָט זי געמאָנט בא אים.

— עפשער אף א יאָר, — האָט ער מיט א ציטערדיקער שטים געענטפערט.

א יאָר צייַט אָן כאנאנקען! דאָס איז געווען שרעקלעך. ניין, זי וועט ארבעטן טאָג און נאכט, זי וועט ניט עסן, ניט טרינקען, אבי גיכער אראָפּצוברענגען אים. א יאָר צייַט וועט זי ניט אויסהאלטן אָן איר כאנאנקען...

אף דער שיף האָט זיך די גרופּע, וואָס איז געפאָרן פון ליטע, געהאלטן צוזאמען. די ערשטע פאָר טעג האָט געשטורעמט. דאן איז אוועק א סעדרע פון קלאָרע, זוניקע טעג און שטילע אויסגעשטערנטע נעכט. מע איז געזעסן ביז שפּעט אין דער נאכט אפן דעק, געשמועסט, געלאכט, אמאָל אויך געטאנצט אונטער די קלאנגען פון ראדיִאָ. צו פעסיען פלעגט זיך אלע מאָל צוזעצן א הויכער זשוואווער באָכער. ער איז אויך געווען פון איר שטאָט, נאָר פעסיע האָט אים פריִער ניט געקענט. ער האָט געהאט קארע, א ביסל ארויסשטארצנדיקע אויגן, געווען א היציקער, באוועגלעכער. בייסן טאנץ האָט ער זי באהערשעריש געדריקט צו זיך. דאָס האָט גע־

וועקט אין איר נײַגער — מיט כאַנאַנקען האָט זי קיינמאָל ניט געטאַנצט. זי האָט זיך צוגעקוקט צום באָכער. ניין, ס׳איז ניט דער שטילער, טרוימע־רישער כאַנאַנקע. זי האָט פאַרבראַכט מיטן באָכער, געטאַנצט מיט אים, עס האָט געוועקט איר בלוט, אָבער געכאָלעמט, געבענקט האָט זי נאָך כאַנאַנקען, נאָר נאָך כאַנאַנקען.

אָפּגעשטעלט האָט זי זיך בײַ אירן אַ לאַנדסמאַן, אויך אַ שנײַדער, וואָס איז שוין אַ פּאָר יאָר געווען אין לאַנד. אינגיכן האָט זי שוין געאַרבעט אין אַן אַטעליע. זי האָט געדונגען אַ צימערל, געלעבט פאַר זיך, געאַרבעט, געווען שפּאָרזאַם און געקליבן אַ סענט צו אַ סענט. לעכאַטכילע האָט זיך געדאַכט, אַז עטלעכע כאַדאָשים, העכסטנס אַ יאָר, און די נייטיקע סומע וועט זײַן. נאָר דאָ אַ קריזיס, דאָ אַ שטרײַק, דאָ אַ קאָנפליקט מיטן באַ־לעבאָס, ס׳האָבן זיך געצויגן וואָכן פון אַרבעטסלאָזיקײַט. די אָנגעקליבענע סענטן זײַנען געשמאָלצן, ווי שניי אונטער דער זון, און כאַנאַנקע האָט זיך ווידער אָפּגערוקט.

צו איר אין צימערל האָט אָנגעהויבן אַרײַנקומען דער באָכער, מיט וועלכן זי האָט זיך באַקאַנט אױף דער שיף. ער איז געווען היציק און אומ־געדולדיק און געשאָטן מיט רייד. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער, ווי צו „מאַכן אַמעריקע". אָט־אָט וועט ער אָפּרײַסן זײַן גרויסע פעטע שטיק אַמעריקע, פעסיע דאַרף נאָר אַ ביסל צוואַרטן...

פעסיע האָט זיך אײַנגעהערט אין זײַנע רייד, און ס׳איז איר געווען אי נײַגעריק, אי קאַלאַמוטנע. כאַנאַנקע איז אויך געווען אַ טרוימער, נאָר ער האָט געטרוימט וועגן גאָר אַנדערע זאַכן...

דער יונג איז געוואָרן אַלץ אָנגרײַפערישער. ס׳איז געווען אַ צײַט, ווען זי איז גראָד געווען אַרבעטסלאָז און די סענטן זײַנען געשמאָלצן. זי האָט אים נאָכגעגעבן.

דער יונג האָט אָנגעהויבן אָפטער אַרײַנצוגיין צו איר. ער איז גע־וואָרן אַלץ אופגעלייגטער, אָבער אויך נערוועזער. אָפטמאָל האָט ער גע־נעכטיקט בײַ איר, אַנדערשמאָל פלעגט ער פאַרפאַלן ווערן אױף עטלעכע טעג, דערנאָך ווידער זיך באַווײַזן, ווײַטער געשאָטן מיט רייד, דערוויזן, אַז זײַן נײַער פּלאַן צו „מאַכן אַמעריקע" איז אַ ריכטיקער, ער וועט זיך נאָך זײַנס דערשלאָגן, ער וועט זי גליקלעך מאַכן...

דערנאָך איז ער אינגאַנצן פאַרשוווּנדן.

פעסיע האָט שוין ווידער געאַרבעט. נאָר איצט איז זי שוין ניט געווען אַזוי שפּאָרזאַם, פאַרגינט זיך אַ קלייד, אַ פאַרווײַלונג...

פון כאַנאַנקען איז דערווײַל אָנגעקומען די ידיעה, אַז מע האָט אים צוגענומען אין מיליטער. ווידער צוויי יאָר...

כאַדאָשים האָבן זיך געקײַקלט. פעסיע האָט געאַרבעט און געלעבט. זי האָט פאַרדינט איצט אַ סאַך מער — זי איז שוין געווען אַ קוואַליפיציר־טע אַרבעטערין, אָבער פאַרלעבט אויך אַ סאַך מער.

נאָך יענעם באָכער, וואָס האָט געוואָלט מיט איין קלאַפּ „מאַכן אַמע־ריקע", זײַנען געווען אַנדערע. דאָס איז געווען, ווי אַ קורצשלוס אין עלעקטריע — אופגעבליצט און ווידער טונקל. די דאָזיקע קורצשלוסן האָבן אױף אַ ווײַלע געשטילט דעם שווערן גאַנג פון די בלוטן, נאָר דאָס פײַערל,

וואָס כאַנאַנקע האָט אָנגעצונדן באַ איר אין נעשאָמע, האָט עס ניט באַרירט. זי האָט געבענקט און געבענקט נאָך כאַנאַנקען.

די צוויי יאָר זײַנען שוין געגאַנגען צום סאָף. דאָס געלט פאַר דער שיפסקאַרטע איז שוין אויך ניט געווען קיין פּראָבלעם. נאָר דאָ האָבן פּלוצעם אופגעהערט אָנקומען בריוו פון כאַנאַנקען. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט. מ'האָט איר געענטפערט, אַז כאַנאַנקען האָט מען אַרעסטירט — פאַרמישט געווען אין עפּעס אַ מײַסע מיט פּראָקלאַמאַציעס אין קאַזאַרמע.

דאָס איז געווען אַ קלאַפּ. זי האָט געפילט, ווי זי וואָלט געווען די שולדיקע אין כאַנאַנקעס אומגליק. זי האָט זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן דער אַרבעט, געלעבט צוריקגעצויגן, אויסער דער אַרבעט קימאַט אין ערגעץ ניט געגאַנגען.

דאָ האָט צו איר אָנגעהויבן אַרײַנצוגײַן אירער אַ שאָכן, אַ פּעדלער. געווען איז ער שוין אין די יאָרן, אַ קאַמצן מיט אַ פאַרזאָרגט פּאָנעם און פּינטלענדיקע אויגן, ער האָט אויך געוואָלט „מאַכן אַמעריקע", אָבער באַ אים איז עס געווען גאָר אַן אַנדער אַמעריקע. ער האָט יאָרנלאַנג זיך אַרומגעשלעפּט מיט זײַן קראָם אַפן בויך, קליינלעך געהאַנדלט, זיך ניט פאַרגונען דעם ביסן, ניט פאַרגונען זיך אַ פאַמיליען־לעבן, אַבי אָפּשפּאָרן אַ ביסל געלט אַף צו עפענען אַ קראָם. די קראָם — דאָס איז געווען דאָס העכסטע, צו וואָס זײַן האָסאָגע האָט געגרייכט. איצטער האָט ער שוין געהאַט די נייטיקע סומע און ער האָט באַדאַרפט האָבן אַ ווײַב, וואָס זאָל אים העלפן אין קראָם.

פּעסיע האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, וואָס באַדײַטן די גליקן, וואָס ער זאָגט איר צו פון דער קרעמערײַ. דער מענטש איז איר געווען דערווידער. זי האָט זיך לאַנג געוועגט. נאָר פון דער היים זײַנען די ידיעס געווען טרויעריקע: כאַנאַנקע איז אַף לאַנגע יאָרן פאַרפאַלן. זי האָט סאָפּקאָלסאָף זיך אונטערגעגעבן.

דאָס שטיין אין קראָם איז איר ניט געווען צום האַרצן. דער מאַן האָט זיך אָפּט געבייזערט, זײַנע אויגן האָבן שוין ניט טמימעסדיק־פאַרזאָרגט געפּינטלט, נאָר געקוקט אַף איר מיט אַ לאַנגדויערנדיקער רוגזע. נאָר ביכלאַל איז ער געווען ניט קיין שלעכטער מענטש. קיין שעפע איז ניט געווען, נאָר פּעסיע האָט אויך ניט געכאָלעמט פון קיין גליקן, בייס זי האָט זיך פאַרבונדן מיט אים.

באַנאַכט פלעגט זי זיך אַמאָל אופכאַפּן און, דערפילנדיק אַ פרעמדן מענטשן לעבן זיך, פאַרמאַכן די אויגן און אַרויסרופן כאַנאַנקען... כאַנאַנקע פלעגט קומען צו איר מיטן דינעם שמייכל אַף זײַנע שמאָלע באַקן, קוקן אַף איר מיט זײַנע גלאַנציקע שוואַרצע אויגן, און איר פלעגט ווערן לײַכטער.

יאָרן זײַנען געגאַנגען. באַ איר איז שוין געוואַקסן אַ זון. זי האָט אים ליב געהאַט, געצערטלט, נאָר אָפּטמאָל, זעענדיק זײַנע אַרומלויפנדיקע אויגן, האָט זי געקוקט אַף אים ווי אַף אַ פרעמדן און זיך געוווּנדערט: ער איז דאָך גאָרניט ענלעך אַף כאַנאַנקען! און זי האָט דאָך די גאַנצע צײַט, ווען זי האָט אים געטראָגן, געקלערט און געכאָלעמט נאָר וועגן כאַנאַנקען!..

אין אייראָפּע איז שוין אָנגעגאַנגען די מילכאָמע. זי האָט שוין מער גאָרניט געהערט וועגן כאַנאַנקען. אינגיכן איז געקומען דער גרויסער כורבן און ס׳איז שוין ניט געווען אפילע בא וועמען אָנצופרעגן.

נאָך יאָרן זיינען אוועק. זי איז געוואָרן שלאַף.

זי איז געלעגן, זיך צוגעהערט צו די ווייטעקן אין ברוסט און געווּסט, אַז די פּרוזשינע, מיט וועלכער ס׳איז געווען אָנגעצויגן איר האַרץ, האַלט באַם אויסגיין.

זי האָט זיך געסטאַרעט אַרויסרופן כאַנאַנקען, נאָר ער איז ניט געקומען. אָנשטאָט אים איז אויפגעשווומען פאַר אירע אויגן אַ מיטלוואָקסיק געפּאַקט מיידל מיט פולבלעכע ליפּן, מיט רונדע ראָזע באַקן און צוויי דיקע קאַשטאַנענע צעפּ אויפן רוקן. דאָס איז געווען זי אַליין. דאָס מיידל האָט געקוקט אויף איר, און אין אירע אויגן איז געלעגן אַ שטומער פאַרוואָרף.

„פּעסינקע, — האָט פּעסיע אַ קרעכץ געטאָן, — וואָס ווילסטו פון מיר? איך בין דאָך דאָס גאַנצע לעבן טרײַ געווען כאַנאַנקען״.

און עפשער איז זי טאַקע גערעכט געווען. דאָס גרויסע שטיק ליבע, וואָס איז געווען אָנגעגרייט פאַר כאַנאַנקען — און נאָר פאַר כאַנאַנקען, — איז דאָך געבליבן ניט באַרירט.

בלױמע דעם שמידס

אין צענטער פון שטאָט, ניט ווײַט איינע פון דער אנדערער, שטייען צוויי געבײַדעס: די מוזיק־שול און דער קלוב פון די פראָפאריינען.ביידע פראָיעקטירט דורך אָרטיקע ארכיטעקטאָרן, ביידע געבויט קימאט אין דער זעלבער צײַט און דאָך דיאמעטראל פארשיידן לויט זייער כאראקטער. די מוזיק־שול — א געבײַדע לויט אלע געזעצן און קאנאָנען פון דער קלאסישער ארכיטעקטור. דער פאסאד — א געדיכטע ריי קאָלאָנעס אין שטרענגן גריכישן סטיל, באקרוינטע מיט דאָרישע קאפיטעלן און ארומגעכאפט מיט א ברייטן קלאסישן געזימס. אזא געבײַדע — גוט אויסגעפורעמט אין אירע דוירעס־לאנגע אויסגעפרוווטע פראָפאָרציעס — רעדט וועגן אקאדעמישער ערודיציע פון איר באשעפער און וועגן זײַן סאָלידער געזעצטקײַט. זי רופט ארויס א געפיל פון זעלבסטצופרידנקײַט באם שטאָט־בירגער, א געפיל, וואָס קאָן אומגעפער אזוי אויסגעדריקט ווערן: מיר זײַנען טאקע א קליינע שטאָט, נאָר זעט, בא אונדז איז נישט ערגער, ווי בא גרויסע.

אין דער אנדערער געבײַדע — אינעם קלוב פון די פראָפאריינען — קיין סימען פון קלאסישקײַט. די שפילעוודיקע פאנטאזיע פונעם ארכיטעקטאָר האָט דאָ אָנגעוואָרפן אויסטערלישע קאָנטורן פון ווענט מיט אומדערווארטע איבערגענג — דאָ א בלינדע וואנט, באשריבן מיט פאנטאסטישע פרעסקן, דאָ א וואנט פון הויל גלאָז, וואָס אנטבלויזט דאָס אינעווייניקסטע לעבן, ווי זי וואָלט זאָגן: „זעט, ווי לויטער, ווי פריידיק דאָ איז — מיר האָבן ניט וואָס צו באהאלטן!” אזא געבײַדע זאָגט איידעס וועגן דער אומרויִקער פאנטאזיע פונעם ארכיטעקטאָר און פארגאפט פון ערשטן בליק דעם צושויער, וואָס ווייסט נישט, צי זאָל ער זיך לאָזן מיטרײַסן מיט דער אומגעריכטער פרייד פון איר באשעפער, צי זאָל ער עפשער גאָר טרויערן איבער דער פארגאנגענער געזעצטקײַט פון גוטן אלטן סטיל.

פלינקפעדערדיקע רעפּאָרטיאָרן האָבן בעשײַטע געשריבן אין די היגע צײַטונגען וועגן די געבײַדעס, בייס זיי זײַנען אויסגעפארטיקט געוואָרן. ווען זיי האָבן געשריבן וועגן קלוב, האָבן זיי ניט פארפעלט צו דערמאָנען, אז די באשעפערן פון דער דאָזיקער געבײַדע — די ארכיטעקטאָרשע בלױמע, ווי מע האָט זי גערופן אין דער שטאָט — איז א טאָכטער פון א דאָרף־שמיד, א שמיד בען שמיד, און אז זי איז ביכלאל אויסגעטונקען אין פראָלעטארישן ייִכעס. ווען מע האָט געשריבן וועגן דער מוזיק־שול, האָט מען באשיידן פארשוויגן דעם גענעאלאָגישן בוים פונעם אווטאָר:

אױף דעם דאַזיקן בוים זײַנען געוואַקסן גאָרנישט קײן געהויבענע פּײרעס — קלײנקוידעשע, ראַבאָנים און אַפּילו אַ דײַען, וואָס דאָס איז שוין גאָרנישט אָנשטענדיק פֿאַר הײַנטיקע צײַטן...

די דאָזיקע בײדע שכײנעסדיקע געבײַדעס, קימאַט גלײַכצײַטיק אױסגעוואַקסן, זײַנען אַזוי װי סױסער געװען אײנע דער אַנדערער, און מענטשן האָבן זיך געכידעשט: „װי פּאַרט זיך עס?" נאָך מער האָבן זיך געװוּנדערט די, װאָס האָבן געוווּסט, אַז די בײדע אַרכיטעקטאָרן זײַנען מאַן און װײַב.

יאָ, זײ זײַנען געװען מאַן און װײַב — די לעבנסלוסטיקע, פּולבלײַביקע בליומע מיט איר געזונטן דאָרפֿישן פּאָנעם, אױף װעלכן די שטיפֿערישע זומער־שפּרענקלעך זײַנען געװען אױסגעשאָטן אַ גאַנץ יאָר, און דער דאַרער אָפּשפּראָצלינג פֿון ראַבאָנים מיט זײַן לענגלעכן אױסגעײדלטן פּאָנעם און לאַמדאָנישן שטערן.

זײער ליבע האָט אױפֿגעפֿינקלט אין די אַאודיטאָריעס פֿונעם אינסטיטוט, װוּ זײ האָבן זיך געלערנט; זי האָט זיך צעפּלאַקערט אין די טונקעלע אַלײען פֿון שטאָט־פּאַרק און איז באַקרעפֿטיקט געװאָרן דורך אַ צײַגעניש פֿון „זאַגס", נאָך אײדער זײ האָבן געקראָגן די צײַגענישן װעגן פֿאַרענדיקן דעם אינסטיטוט. אַז בליומע האָט פֿאַרטײדיקט דעם דיפּלאָם, האָבן די פּראָפֿעסאָרן זיך געמיט ניט צו קוקן אױף איר אױסגעװאַקסענעם בױך.

די בײדע געבײַדעס זײַנען געלעגן װי אױף אַ װאָגשאָל, און דאָס צינגל האָט אַ לאַנגע צײַט געציטערט, נישט װיסנדיק, אױף װעלכער זײַט זיך אַ נײג צו טאָן. נאָר דאָ האָט מען באַשלאָסן צו בױען אַ נײַעם טעאַטער אָנשטאָט דעם אַלטן אומגעלומפּערטן פֿון מײלעך סאַבעצקיס יאָרן. און דאָ האָט דאָס צינגל זיך אַנטשײדן אַ רוק געטאָן און טאַקע צו דער זײַט פֿון קלוב: דער טעאַטער איז אַװעקגעגעבן געװאָרן בליומען.

בליומע האָט זיך מיטן גאַנצן ברען אַרײַנגעװאָרפֿן אין דער אַרבעט. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ שײַנענדיקע און שטראַלנדיקע, זי האָט געשפּרודלט מיט ענערגיע און שאַפֿונגס־קראַפֿט. נאָר נישט גײן אין די אױסגעטראָטענע דראָכים! אַלץ נײַע אידײען, אײנע פֿאַרכאַפּנדיקער פֿון דער אַנדערער, האָבן אױפֿגעפֿלאַמט אין איר אומרויִקער פֿאַנטאַזיע. אירע פֿולכע הענט האָבן זיך אומדערמידלעך באַװעגט, שאַפֿנדיק אַלץ נײַע עסקיזן, אײנער אױסטערלישער פֿונעם אַנדערן. װי נעמט מען עס אַרײַן, װי פֿאַרקערפּערט מען דאָס אַלץ אין בעטאָן, אײַזן און גלאָז, אָט די שעפֿע אידײען, בילדער און געשטאַלטן?

אין דער אַסיגנירונג איז פֿאָרױסגעזען געװען אַראָפּצוטראָגן צװײ אַלטע הײַזער. שטילערהײט האָט מען אַראָפּגעטראָגן נאָך אַ דריטס. נאָר פֿאַר בליומען איז עס געװען װײניק...

בײַס דער פּראָיעקטירונג איז בליומען אָפּט אױסגעקומען צו פֿאָרן קײן מאָסקװע אױף צו קאָנסולטירן זיך אין אַ ספּעציִעלן אינסטיטוט, הױפּטזאַכלעך אין פֿראַגן פֿון אַקוסטיק. דער אינזשעניער־קאָנסולטאַנט האָט אָנגע־

הויבן אָפּט צו קומען אין בליומעס אינסטיטוט, קעדיי צו קאָנסולטירן אף אן אָרט.

און דאָ איז געשען דאָס אומדערוואַרטע. אָדער עפּשער אויך דאָס אומ־פאַרמײַדלעכע. ווי א באָמבע האָט געפּלאַצט און זיך צעטראָגן צווישן אין אינסטיטוט, דאַן אין דער גאַנצער שטאָט: בליומע איז אוועק פונעם מאַן און זיך צונויפגעקומען מיטן נײַעם אינזשעניער!

די זשומערײַ איז געוואָרן גרויס.

— דרײַ קינדער! ווי וואַרפט עס א מאַמע דרײַ קינדער!

— אַזאַ מאַן אוועקצוואַרפן, אַזאַ איידעלן מענטש!

— איר וועט נאָך זען, זי וועט זיך נאָך רײַסן די האָר פון קאָפּ!

און טאָמער איז נאָך ווייניק, האָט מען זיך איבגיכן דערוווּסט, אַז אויך ער, דער נײַער מאַן אירער, האָט, אויסער דער דירע אין מאָסקווע, געוואָרפן דאָרט א פרוי מיט צוויי קינדער.

איצט האָט שוין אַלץ געציִשט און געקאָכט און געשפּריצט מיט גאַל אַרום דעם נײַעם פּאָרל.

נאָר בליומען האָט עס ווייניק געאַרט. ס׳איז געווען, ווי בא איר וואָלט פּלוצלינג געפּלאַצט א דאַמבע, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן, געצווימט אירע לעבנס־קויכעס. די פרילינג־זון האָט א וואַרעם געטאָן די פאַרפרוירענע ערד, און דער טײַך האָט זיך צעשפּילט, פאַרפלוצט די ברעגן, פאַנאַנדערגע־גאָסן זיך איבער טאָלן און פליינען און א יאָג געטאָן די ברויזנדיקע וואַ־סערן, אַראָפּשווענקענדיק אַלע העמענישן.

מע האָט אַראָפּגעטראָגן נאָך א הײַזקע. דער טעאַטער האָט געקראָגן נײַע קאָנטורן, אויסטערליש־געוואָגטע און אומבאַקאַנטע.

אין אינסטיטוט האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען בייזע טעלעפאָנאָגראַמעס פון פינאַנציעלע אינסטאַנצן: וויפל איז דער שיר אַריבערצושפּרײַזן די אַסיגנירונגען?

בליומע האָט זאָרגלאָז זיך אָפּגעטרייסלט פון די טעלעפאָנאָגראַמעס. איר זילבערנער געלעכטער האָט געקלונגען אין אַלע צימערן, ווו מענטשן, אײַנגעבויגענע איבער צייכן־ברעטער, האָבן פלײַסיק געאַרבעט לויט אירע עסקיזן. דער פּראָיעקט איז געוואָרן אַלץ פאַנטאַסטישער, אַלץ אומגלייב־לעכער.

איבגיכן האָט מען באַמערקט, אַז איר רונדע קרעפּטיק־געבויטע פיגור ווערט נאָך מער פאַרונדיקט.

— קאָשמאַר! — האָבן די פרויען געשפּיגן מיט גאַל. — א כצופּע, אַן עמעסע כצופּע!

— ליבע! — האָבן גיפטיק געציִשעט די מענער, נאָר אין זייער טאָן איז געווען עפּשער מער קינאָ, ווי סאַרקאַזם.

די טעלעפאָנאָגראַמעס זײַנען געוואָרן בייזער, מע האָט געדראָעט אָפּ־צושטעלן די פינאַנסירונג.

בליומע איז אוועק אהין, פונוואַנען ס׳האָבן זיך געשאָטן די בייזע טעלעפאָנאָגראַמעס. דאָרט האָט זי ניט געקלונגען מיט איר זילבערנעם געלעכטער. זי האָט גערעדט מיט א טיפער ברוסט־שטימע, געשאָטן מיט אַרגומענטן, באַווײַזנדיק עסקיזן, איינער לאָקנדיקער פון אַנדערן. איר

רונד באקלײַענט פּאָנעם — דאָס פּאָנעם פון א פּאָשעט דאָרפסמיידל — האָט געעטעמט מיט אַן אינערלעכער איבערצײַגטקײַט; פון איר גאַנץ וועזן האָט געווייעט מיט א מיידלשער נאַיװקײַט, מיט אַן אומיטלבאַרער אופריכטיקײַט פון א קינסטלער און מיט דעם כיין פון א רײַפן ווײַבערשן קערפּער. דער שעף האָט געקאָסיעט אף אירע פולע ברוסטן, וואָס האָבן געשפּאַרט פון ענגן קאָפטל, אף איר מוטערלעכן לײַב. ער האָט צניעסדיק אראָפּגעלאָזט די אויגן און אונטערגעשריבן דאָס פּאַפּירל. אפן אנדערן טאָג האָט ער זיך געכאַפּט פארן קאָפּ, געקלונגען אין אינסטיטוט און געבעטן ראַכמים, מע זאָל צוימען אָט די ברויזנדיקע ארכיטעקטאָרשע.

ביינע־לעביינע האָט מען אָנגעהויבן בויען. נאָר אויך איצט האָט בלירמעס פאַנטאַזיע נישט אײַנגעשטילט זיך. פאַרקערט — דער פאָנטאַן פון איר שאַפונגס־קראַפט האָט געשלאָגן נאָך העכער און אלץ נײַע אידייען האָבן זיך געלייגט אף די ווײַסע וואַטמאַנען.

דעם דעקרעט־אורלויב האָט בליומע קימאַט נישט אויסגענוצט. שיר ניט ביזן לעצטן טאָג האָט זי זיך א פריילעכע ארומגעטראָגן איבער די צימערן פון אינסטיטוט, געצייכנט, געגעבן אָנווײַזונגען, אָנגעצילעוועט די ארבעט. זי האָט מיט שטאָלץ געטראָגן איר פולן בויך, וועלכער האָט גערעדט וועגן א טעמפּעראַמענטפולן אימפּעט, וועגן ברויזנדיקע לעבנסקויכעס. עטלעכע טעג נאָכן געבוירן האָט שוין איר זילבערנער געלעכטער ווידער געקלונגען אין אינסטיטוט. „א שעד האָט זיך באַזעצט אין איר", — האָבן האַלב מיט באַוווּנדערונג, האַלב מיט קינע גערעדט די מיטארבעטער.

אף דער בויונג זײַנען די רישטאָוואַניעס געוואַקסן, אָבער צוזאַמען מיט זיי זײַנען געוואַקסן די פינאַנציעלע שוועריקײַטן. די אָרטיקע מאַכטאָרגאַנען האָבן שוין מער גאָרנישט ניט געקאָנט טאָן. דער איניען האָט זיך דערקײַקלט ביז מאָסקווע. פון דאָרט זײַנען געקומען האַרטע דראָענדיקע סיגנאַלן.

בליומע איז אוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע. וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, האָט קיינער אין שטאָט ניט געוווּסט. מע האָט בלויז געוווּסט, אַז יעדן טאָג גייט עמעצער פון בליומעס שטוב צום וואָקזאַל און נעמט אָפּ פון דער וואַגאָן־באַגלייטערן א פלעשל מילך, וואָס בליומע צאַפּט אָפּ פון אירע בריסט פאַר דער קליינער.

אין א וואָך ארום איז בליומע צוריקגעקומען. אַז זי האָט זיך באַוויזן אין אינסטיטוט, האָבן זיך אלעמענס אויגן אָנגעשטעלט אף איר.

— נו, מיט א זיג? — האָט עמעצער נישט דרייסט געפרעגט.

— פאַרשטייט זיך. ווי האָט דען אנדערש געקאָנט זײַן?

און דער, וואָס האָט געפרעגט, האָט פאַרשעמט אראָפּגעלאָזן דעם בליק: נו, טאַקע, ווי האָט עס אנדערש געקאָנט זײַן?

מע האָט אראָפּגעטראָגן נאָך איין הויז. דאָס מאָל שוין דאָס לעצטע, האָט פאַרזיכערט בליומע. די קאָנטורן פון דער געבײַדע האָבן זיך שוין איצט ענדגילטיק אויסגעקלאָרט.

די בויונג איז מיט גיכע טעמפּן געגאַנגען ווײַטער. די פּראָראַבן, די אַרבעטער האָבן זיך געמיט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן אייפער. ענטו־זיאַזם — לאָזט זיך אויס — איז אַן אַנשטעקנדיקע זאַך.

ס'איז געווען זומער. די אָוונטן זײַנען געווען לאַנגע. אויפן הויפּט־בול־וואַר האָבן שפּאַצירט מענטשן, און אַלע, וואָס זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען די דאָזיקע נײַע בויונג, האָבן זיך אָפּגעשטעלט צו באַטראַכטן דעם נישט קלאָרן אָנגעהויף פון שטיין, ציגל און מעטאַל. מע האָט זיך געפּרוּווט טרעפן, ווו וואָס וועט זײַן: אָט דער הויכער שטיינערנער קוב, וואָס שנײַדט זיך אַרײַן אין נאַכט־הימל, איז זיכער די סצענע. ווו אָבער וועט זײַן דער פּאַרטער, דער אַמפיטעאַטער און אַזוי ווײַטער, איז אוממעגלעך געווען צו טרעפן.

פּאַראַלעל דעם הויפּט־בולוואַר האָט זיך געהויבן אַ גלאַטע אָנפּענצטער־דיקע וואַנט. זי איז שוין געווען קימאַט פאַרענדיקט מיט אירע פרעסקן און מאָזאַיק. מער נישט אויבן איז געווען אַ גלאַטער פּאַס, קענטיק פאַר אַן אויפשריפט. מענטשן האָבן זיך געקלִיגט צו טרעפן, וואָס פאַר אַן אויפ־שריפט דאָ וועט זײַן. קלאָר, אַז זי וועט ניט זײַן קיין סטאַנדאַרטע און טראַפאַרעטע, פּונקט ווי נישט־סטאַנדאַרט און נישט־טראַפאַרעט ס'איז דער גאַנצער געבוי.

אַ גרופּע עלטערע ייִדן האָבן, שפּאַצירנדיק, זיך אויך אָפּגעשטעלט באַ־טראַכטן די בויונג.

— איך האָב געקענט איר טאַטן, — האָט זיך אָנגערופן איינער, — גע־ווען אַ פּראָסטער דאָרפישער שמיד, אַן אַמהאָרעץ... אַז ער פלעגט קומען אַף יאָמטויווים אין שטעטל, האָט ער ניט געוווּסט, ווי דעם סידער צו האַלטן.

— אָבער עפּשער האָט ער אויך געהאַט... ווי רופט מען דאָס... דעם פונק? עפּשער האָט ער אויך געשמידט קונסט־אויסאַרבעטונגען?

— ווו קונסט־אויסאַרבעטונגען... געשמידט פערד, געהאַקט רייפן אַף וועגענער.

— קאָן זײַן, אויב ער וואָלט געהאַט די מעגלעכקײַטן, וואָלטן זיך בא אים אויך אַנטפּלעקט... ווי רופט מען דאָס?

דער ערשטער ייִד האָט אוממגעדולדיק אַ קוועטש געטאָן מיט די פּליי־צעס — מאַלע וואָס וואָלט זיך אַנטפּלעקט, אויב ס'וואָלטן געווען מעגלעכ־קײַטן... זיי זײַנען דאָך אָבער אין יענער צײַט ניט געווען...

דער דריטער ייִד, אַ לעץ און אַ באַל־כויזעק, וואָס האָט ביז איצט גע־שוויגן, האָט פּלוצלינג געמאָלדן:

— איך ווייס, וואָס פאַר אַן אויפשריפט דאָ וועט זײַן!

— נו?

— דאָ וועט זײַן אַן אויפשריפט, — האָט ער פײַערלעך דערקלערט, — בליומע באַס שמיד. אָט וועט איר זען: בליומע דעם שמידס טאָכטער.

דאָס גרויסע הויז

צווערשט זײַנען פאַרשוווּנדן די בלומען־טעפּ פון די פענצטער, דערנאָך די גאַרדינען. די פענצטער זעען איצטער אויס שוואַרץ און פּוסט, ווי הינטער זיי וואָלט געווען א כאָלעל. אפן אנדערן טאָג האָט מען אָנגעהויבן ארויסטראָגן די בעבעכעס, און ס׳איז געוואָרן קלאָר: אויך דאָס הויז גייט אָף ברוך.

עס איז אוואדע דאָס לעצטע הויז פונעם אמאָליקן יִדישן אנטאָקאָל. אָף א צענדליק יאָר האָט עס איבערגעלעבט זײַנע מיטברידער, די קלײנע הילצערנע און געמויערטע כאַלופּעס און הײַזקעס. יענע זײַנען שוין לאנג אראָפּגעטראָגן געוואָרן. דאָס איז געווען דאַן, ווען די שטאָט האָט א שפּרײַז געטאָן פאָרויס און פארנומען די אמאָליקע פאָרשטעט. אָף דעם אָרט פון די קלײנע הײַזקעס מיט שמאָלע פענצטער און געדיכטע קראָמטירן זײַנען אויסגעוואקסן גרויסע ברײטפענצטערדיקע פילשטאָקיקע הײַזער. דעמלט האָט זיך מיר געדאכט, אז אָט דאָס ראכוועסדיקע באלעבאטישע הויז, וואָס איך זע פון מײַנע פענצטער אין דער מאָדערנער דירע, איז געשוינט געוואָרן. נאָר אָט טראָגט מען אראָפּ דעם לעצטן זייכער פון אמאָליקן אנטאָקאָל, פון דעם אנטאָקאָל, וואָס האָט קײנמאָל ניט געוואָלט מוידע זײַן זיך, אז ער איז ניט מער ווי א קליאמקע צו א טיר, א צוגאָב צו ווילנע. ניין, אנטאָקאָל האָט געפּראוועט שאבעס פאר זיך, געהאט זיך זײַן אײגענעם בעסמעדרעש, זײַן אײגענעם ראָוו, און אין קאָהאָלשע איניאָנים נישט נאָר ניט געפאָלגט ווילנע, נאָר אָפטמאָל געטאָן איר אָף צולאָכעס, קעדיי צו באווײַזן, אז מע איז זעלבשטענדיק.

אין אָט דעם אנטאָקאָל האָט דאָס דאָזיקע הויז מיט זײַנע הויכע פענצטער, באפּוצטע מיט שניצערײַען, מיט זײַן ברייטן געצאצקלטן גאנעק, אוואדע געשפּילט א וויכטיקע, אויב ניט די ערשטע ראָליע. געוויס האָט דאָ געוווינט א גוויר, וואָס זײַן אמביציע איז געווען ניט נאָר צו זײַן דער ערשטער מענטש אין שטעטל, דער גאבע אין בעסמעדרעש, נאָר אויך דער, וואָס קען זיך אנטקעגנשטעלן די גרויסע טאקיפים אין ווילנע און זײַן א רעדלפירער און דײַעזאָגער באגלײַך מיט זיי.

...די בעבעכעס זײַנען שוין ארויסגעטראָגן פונעם הויז. פון מײַן פענצטער זע איך, ווי די מענטשן לאָדן זיי אָף מאשינעס, ווי זיי פּאדען ארום, פריילעך אופגערעגטע. זיי זײַנען געוויס צופרידן. זיי ווערן פּאָטער פון די דושנע פארשימלטע קאמערן מיט די אָפּגעשטאנענע טאפּעטן, פון די פארשפּינוועבטע קאָרידאָרן און טרעפּלעך און פאָרן אריבער אין נײַע הײַזער מיט אלע באקוועמלעכקײַטן.

דאָס הויז בלײַבט ליידיק. א פּאָר טעג שטייט עס פאַרוואָרלאָזט, טרויע־ריק־פאַרקלערט. עס דערמאָנט אָן אומהיילבאַר דורכגעלעכערטע שיף, וואָס די מאַנשאַפט האָט זי שוין פאַרלאָזט און אָט־אָט וועט זי זיך אָנפילן מיט וואַסער און פאַרזינקען אויף אייביק אין טהאָם.

אָט קומען שוין די אַרבעטער מיט די לאָמען אין די הענט...

איך זע, ווי עס פאַלן די קראָקוועס... זיי זײַנען ענלעך אויף סאָלדאַטן, וואָס זײַנען ביז צום סאָף געשטאַנען טרײַ אויף דער וואַך. די פאַלנדיקע קראָקוועס הייבן אויף געדיכטע וואָלקנס שטויב, א שטויב, וואָס האָט זיך געזאַמלט בעמעשעך פון דורות און דורות.

פון הינטער די וואָלקנס שטויב שווימען מיטאַמאָל אויף פאַר מײַנע אויגן בילדער פון אַמאָל.

דער מענטש, וואָס האָט מיט פיל יאָרן צוריק אויפגעבויט אזא הויז מיט אַזוינע פּרעכטיקע געזימסן און קונציקע שניצערײַען, איז געוויס געווען איבערפולט מיט גײַווע און ערגײַץ. ער האָט געוואָלט מיט זײַן הויז, מיט זײַן פּירעכץ אויסטיילן זיך פון די אַנדערע, געוועלטיקן איבער זיי און עפּשער אויך „וויזן" עפּעס־וואָס די ווילנער טאַקיפים, ווען ער איז אין דער טיף פון דער נעשאָמע מעקאַנע געווען.

געוויס האָט אזא מענטש ניט געקאָנט בלײַבן אָן א זײַט בײַ דער גרויסער מאַכלויקע פון ווילנער קאָהאָל מיט זײַן ראָוו. די דאָזיקע מאַכ־לויקע האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע פערציק יאָר. זי האָט אזוי פאַרביטערט די געמיטן, אז נאָכדעם ווי דער ראָוו איז געשטאָרבן, האָט ווילנער קאָהאָל געשוואָרן, אז זיי וועלן אין ווילנע קיין ראָוו קיינמאָל ניט נעמען. און אזוי איז עס טאַקע פאַרבליבן.

אין דער צײַט פון דער מאַכלויקע פלעגט נאָך יעדער קריגערײַ דער ראָוו אַנטלויפן קיין אַנטאָקאָל און אָפּזיצן דאָרט כאַדאָשימלאַנג, ביז די קעהילע־לײַט פלעגן קומען אים איבערבעטן. געוויס איז דער ראָוו אײַנ־געשטאַנען אין אָט דעם דאָזיקן הויז.

דער באַלעבאָס פלעגט אים אויפנעמען מיט גרויס קאָוועד, אָפּגעבן אים דאָס בעסטע צימער און אים מעכאַבעד זײַן מיט די גרויסאַרטיקסטע אַכי־לעס. איין קלייניקײַט: ער האָט אַרײַנגעקראָגן קיין אַנטאָקאָל ניט קיין קלענערן ווי דעם ווילנער ראָוו גופע! און זאָלן די ווילנער טאַקיפים פּלאַצן פון קינע, זאָלן זיי קומען אהער פּרוּוון אויסלייזן זייער ראָוו!

און זיי פלעגן קומען! אין א וואָכן צוויי־דרײַ אַרום נאָך דער קרײַ־געריי — די בלוטן האָבן באַוויזן זיך א ביסל אײַנשטילן — פלעגן צופאָרן צו דעם געצאַצקלטן גאַנעק אויף אַנטאָקאָל צוויי דראָזשקעס מיט ייִדן אין שעשקענע פּעלצן און טכוירענע שוועלע היטלען. אַרויסקריכנדיק פון די דראָזשקעס, קרעכצט מען און מע פּלאָנטערט זיך אין די לאַנגע פּעלצן, מע פּאַדעט מיט די ברייטע קאָלאָשן איבער דער בלאָטע און מע הייבט זיך אויף אויפן גאַנעק. אין פירהויז סאָפּעט מען לאַנג, אַרויסקריכנדיק פון די פּעלצן און קאָלאָשן. און אָט זיצט מען שוין אין דער גרויסער זאַלע, אַרום דעם שווערן דעמבענעם טיש מיטן געבלימלטן טישטעך. אפן עק

טיש גייט אויס מיט פארע דער סאמאָוואר. די באלעבאָסטע פּאדעט, אונטערוקנדיק די כאָשעווע באלעבאטים אייַנגעמאכטס אין בלויע טעצעלעך. אויבנאָן זיצט דער ראָוו און זאָגט פאר זייַנע אָפּטריניקע שאָף טוירע. זייַן דין קאָל ווערט אלץ דינער און איידעלער, דאָס בלאסע פּאָנעם — פארויטלט, די פינגער מאכן קונציקע באוועגונגען, ווי ער וואָלט ערגעץ פון דער טיף ארויסגעשלעפּט אלץ נייַע געדאנקען.

די הייסע טיי, דאָס זיסע אייַנגעמאכטס און די כאריפּעסדיקע רייד צעשמעלצן די הערצער. עס האלט שוין בא שאָלעם. וואָס זאָלן זיי נעבעך טאָן, די ווילנער טאקיפים, אז מיט יאָרן צוריק האָט מען זיך געלאָזט איבעריידן פון אן אופגעקומענעם גוויר, וועלכער האָט געגעבן צען טויזנט רובל, מ׳זאָל אופנעמען זייַן איידעם פאר א ראָוו אין ווילנע. דער יונגערמאן איז טאקע געווען א גרויסער כאריף, נאָר א כאראקטער האָט ער געהאט א פּאסקודנעם: פון די גרעסטע לאמדאָנים געמאכט בלאָטע, מיט אלעמען זיך געקריגט, געשפּאָט פון כאָשעווע באלעבאטים און, אויסער זיך, ביכלאל פון קיינעם ניט געהאלטן.

דאָס דינינקע קאָל פון ראָוו קלינגט אלץ העכער און העכער. ער קריכט אלץ טיפער און טיפער אריַין אין דעם געהיימען פּשאט פון א סוגיֵע. אפן שפּיץ פון דער דינער לאנגער נאָז באוויַיזט זיך א טראָפּן שווייס, און ער פארענדיקט מיט א קונציקן דריי מיטן גראָבן פינגער, אז אזוי און נאָר אזוי דארף מען טייַטשן די שווערע סוגיֵע.

א ווייַלע איז שטיל. מע זיצט צעפּארעטע, מיט פּאנאנדערגעשפּיליעטע קאפּאָטעס, אונטער וועלכע עס בלאנקען די ווייַסע ציצעס, און מע פארדייַט די טיפע רייד. דאן הערט זיך די באסאָווע שטים פון איינעם פון די אָנגעקומענע, א מעגושעמדיקן ייִדן מיט א גרויסער בראָדעווקע אף דער לינקער באק סאמע באם אָנהייב פון דער שווארצער צעפּאטלטער באָרד:

— גוט, רעב שמועל, זייער גוט. אָבער ווי פארשעמט מען עס א שטאָט און מע לאָזט זי איבער אָן א ראָוו, הא?

די ערשטע קויל איז ארויסגעלאָזן, און די שיסערייַ צווישן די קעמפנדיקע צדאָדים הייבט זיך אָן פונדאָסנייַ. די סטאטעטשנעקייַט אין דער גרויסער זאלע מיט דעם דעמבענעם טיש, מיט דעם טריומאָ־שפּיגל בא איין וואנט און דעם שטיי־זייגער בא דער צווייטער, רינט אין איין הערעף־אייַען אויס. באלד שרייַען שוין אלע. עס טרייסלען זיך בערד, עס פּאָכן הענט, פון די ראציקע גאָרגלען רייַסן זיך ארויס אוולעס און קריוורדעס, הייַנטיקע און נעכטיקע, געדאכטע און ניט געדאכטע, געשטויגענע און ניט געשטויגענע. איבער די אלע קוילעס טראָגט זיך דער דינינקער קוויטש פון רעב שמועל, וואָס פּאָדערט זייַנס: באזייַטיקן דעם און דעם דייַען, יענעם ניט לאָזן זייַן קיין באל־קוירע, און דער און דער באלעבאָס, וואָס איז אים פויגייע־קאָוועד געווען, דארף עפּנטלעך בא אים בעטן מעכילע... דער באלעבאָס פון הויז ווארפט זיך אויך אריַין אין שלאכט. מיט קורצע שטעכיקע ווערטעלעך האלט ער אונטער און מינטערט דעם ראָוו, וואָס שלאָגט זיך העלדיש קעגן אזויפיל סאָנים.

סאָפּקאָלסאָף ווערן די שטולן מיט א בייזן גערודער אָפּגערוקט, די אָנגעקומענע ייִדן הייבן זיך אוף, גייען ארויס אין פירהויז. דאָרט פּעלצט

מען זיך און מע גאַרטלט זיך אַרום, מע ברומט און מע צישט, מע קריכט אַרײַן אין די טיפֿע קאַלאַשן, מע קושט בייז די מעזוזע, און, אַזוי אונטער־ברומענדיק, שיטן זיי זיך אַרויס אין כאַשכעס און נעץ, ווו עס וואַרטן אַף זיי די פֿורמאַנעס. די פֿערד, וואָס זײַנען געווען אַרײַנגעטאָן אין די טאָר־בעס האָבער, גיבן אַ שלעפּ, און די דראָזשקעס פֿאָרן מיט אַ בייזן גע־רודער אָפּ.

אין שטוב זיצט אַפּהענטיק דער ראָוו, רעב שמועל. טראָפּנס שווייס באַדעקן זײַן בלאַסן שטערן, די בליציקע שוואַרצע אויגן זײַנען אויסגע־לאָשן. ער קוקט מיט אַ ניט זעעוודיקן בליק אַפֿן סאַמאָוואַר, וואָס צישט און פֿאַרעט שוין אויך ניט. דער באַלעבאָס גייט אַרום מיט דריבנע טרײַ־טעלעך איבערן צימער. ער רײַבט די הענט מיט די גראָבע קורצע פֿינגער:

— נישקאָשע, רעבע. איר האָט זיי גוט געגעבן. זיי וועלן זיך נאָך וואַלגערן בא אײַך צו די פֿיס...

...עס זײַנען געקומען נײַע אַרבעטער. זיי טראָגן אַראָפּ דעם דאַך. עס אַנטבלויזן זיך די אײַנוויינקסטע ווענט מיט שטיקער אָפּגעשטאַנענע אויס־געבלייכטע טאַפּעטן, אַף וועלכע ס'איז ערטערווײַז צו זען טונקעלע פֿירעקן. דאָרט זײַנען געהאַנגען בילדער אָדער אַ זייגער. עס סטאַרטשען גרויסע שוואַרצע טשוועקעס.

יאָרן זײַנען געגאַנגען מיט אַ שווערן פֿאַמעלעכן טראָט, יאָרן אויסגע־מאָסטענע און מעיושעוודיקע. זיי זײַנען געווען אָנגעפּיקעוועט אין דער דאָזיקער שטוב מיט יאָמטויווים און שאַבאָסים, מיט כאַסענעס און בריסן, ווי אַ גוטע שאַבעסדיקע כאַלע מיט ראָזשינקעס.

אין שטוב האָט שוין באַלעבאַטעוועט דער זון און עפּשער דאָס אייניקל פֿון דעם, וואָס האָט אופֿגעבויט „דאָס גרויסע הויז".

דער וועג פֿאַזע דעם הויז איז אויסגעגלײַכט און פֿאַרברוקירט געוואָרן. דאָס בערגל, אַף וועלכן דאָס הויז איז געשטאַנען, איז אַראָפּגעגראָבן גע־וואָרן, די פֿונדאַמענטן האָבן זיך אַנטבלויזט, און דעריבער איז דאָס הויז ווי נאָך העכער געוואָרן, זיך נאָך מער אויסגעטיילט פֿון די אַרומיקע הײַ־זער. אָט דעמלט טאַקע האָט זיך באַוויזן דער גרויסער גאַנעק מיט די געשניצטע סטויפּעס און קונציקע געזימסן, אַ גאַנעק, וואָס איז נאָך, אייגנטלעך, געווען ייִדישלעך־באַלעבאַטיש, ווי דער גאַנעק באַם ראָוונס הויז דערנעבן. ער האָט שוין אָבער אויך אויסגעזען אַ ביסל ווי אַ ווע־ראַנדע. און דאָס איז געווען אָן אָנצוהערעניש, אַז אין „גרויסן הויז" שטעלט מען זיך ניט אָפּ נאָכצומאַכן אויך דעם גאַלעך, וואָס האָט געהאַט זײַן שטוב אַ ביסל ווײַטער אין דער טיף פֿון גאָרטן.

דער אויסגעברוקירטער וועג האָט דערנענטערט די שטאָט, אַרײַנגע־בראַכט איר פֿאַרפֿירערישן רייעך אַהער, אין שטעטל, און געלאָקט די יוגנט. פֿון די טעכטער פֿון די כאַלופּעס אַרום דעם „גרויסן הויז" זײַנען נאָך געוואָרן קאָשערע ווײַבער מיט אויסגעדאַרטע פּענעמער, מיט אַ כאָפּ־

טע פּיצלעך, וועמען מ׳האָט געהאַלטן אין איין ווישן מיטן פאַרטעך די נעזעלעך, נאָר ס׳האָט שוין אויך פּאַסירט, אַז אייניקע טעכטער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די מוטנע כוואַליעס פון דער שטאָט, אָפּטמאָל דער־טרונקען געוואָרן אין זיי. די, וואָס האָבן זיך אַרויסגעקראַבקעוועט צו־ריק, זײַנען געקומען אין די פאַרשטעט און מיטן אָנגעקליבענעם נאָדן גע־נומען אַ פאַרגראָבטן שמײַסער־יונג אָדער אַ לוי־יוצלעכדיקן שוסטער־געזעל.

אַנטאָקאָל איז געוואַקסן, געוואָרן אַ קליין שטעטל, וואָס פּרוּווט צומאָל מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ גרויסער שטאָט.

אין „גרויסן הויז" האָט די שטאָט אַרײַנגעהויכט דעם אָטעם פון אַ ווילנער נעגידישן פּירעכץ. די באַלעבאָסטע איז שוין ניט געווען די אַרײַנ־ברענגערן, ווי יענע, די פריערדיקע. יענע האָט געהאַנדלט אין שענק, און אין מאַרק־טעג איז זי געלאָפן אין גאַס צו פאַרקערעווען די פור פון אַ רײַכן פּויער צו זיך אין הויף. די איצטיקע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ טשעפּטשיק אַף דעם נעגידישן שײַטל איבער דער שטוב, קאָמאַנדעוועט מיט די דינסטן. דער באַלעבאָס האָט געפירט מיסכער מיט טווע, מיט וועלדער, אַרומגעפאָרן אין אַ בריטשקע, געגישטערט ווו אַ פאַרלעגענער וואַלד, ווו אַ פאַרעך, וואָס האָט זיך פאַרהולטײַעוועט אַזוי, אַז מע קען אים נעמען מיט די הוילע הענט. אין אָוונט, זיצנדיק באַם טיש אַרום דעם גראָב־בײַכיקן סאַמאָוואַר, פלעגט ער אַרויסנעמען אַ העפטל מיט אַ צע־ראַטענעם דעקל און, אײַנטונקענדיק דעם סטאַליאַרסקן בלײַער אין די ליפּן, שרײַבן: „25 זעק קעמאַך (מעל) פאַרקויפט נאָטען דעם בעקער. צו־שטעלן נאָך ראש־חודש (ראַשכוידעש)".

אין קאָהאַלשע איניאַנים האָט ער זיך שוין ווייניקער געשטעקט.

ס׳האָט פּאַסירט אויך אין יענע צײַטן אַ מײַסע מיט עפּעס אַ ירושע, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון דער ווילנער קעהילע, כאָטש אַנטאָקאָל האָט געהאַלטן, אַז אים קומט דער גרעסטער כיילעק אין דעם. עס איז ווידער אוועק אַ מאַכלויקע אַף יאָרן. ס׳איז דערגאַנגען „ביז פּעטעש". דער איצטיקער באַלעבאָס פון „גרויסן הויז" האָט זיך אין „די פּעטעש" ניט געשטעקט, נאָר סאָפּקאָלסאָף איז מען מיט זײַן הילף מושווע געוואָרן (געקומען צו פאַרשטענדיקונג) מיט די ווילנער באַלעבאַטים.

די זין האָבן זיך גיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן כיידער און זיך געגרייט ווערן סאָכרים. דער יינגסטער אָבער איז שוין געגאַנגען אין גימנאַזיע: מ׳דאַרף דאָך האָבן אין מישפּאָכע אַ מענטשן, וואָס זאָל קענען אָנשרײַבן אַ פּראָשעניע אַף רוסיש, און — ווער ווייסט — עפּשער קען זיך נאָך פון אים אַמאָל אויספּיקן אַן אייגענער דאָקטער...

שידוכים האָט מען געשלאָסן מיט גרויס יכעס און מיט שווער געלט. שאַדכאָנים האָבן אָפּגעשלאָגן די שוועלן. יעדן שידעך האָט מען געוויגן און געמאָסטן, געכעזשבנט און אַרומגערעדט. ס׳האָט אויך פּאַסירט, אַז אַ שידעך איז אין לעצטן מאָמענט קאַליע געוואָרן, ווײַל ס׳איז אונטערגע־קומען אַ נײַער שאַדכן און „אויסגעקאָנקורירט" דעם פריערדיקן.

כאַסענעס האָט מען געפּראַוועט טומלדיקע, מיט קאַפּעלעס, מיט אָנגע־פאַרענע געסט און מיטן גאַנצן שטעטל הינטער די פענצטער.

די שאבאָסים און יאָמטויווים אין „גרויסן הויז" האָבן געשמעקט מיט פוכלער כאלע און מיט געפילטע פיש. עס האָט זיך פון זיי געטראָגן א הייליקע זיסקייט און א פרומע פאָרכטיקייט.

נאָכן אויסגערוטן שאבעס, נאָך דעם טומלדיקן זונטיק מיט זײַן יאריד פלעגט קומען דער מאָנטיק, דער טאָג פון די אָרעמעלײַט. אין „גרויסן הויז" איז געווען אָפּגעמאָסטן און אָפּגעוויגן, וואָס יעדער אָרעמאַן דאַרף קריגן, וואָרעם בא אָרעמעלײַט זײַנען אויך געווען ראַנגען און יחוס. עס פלעגט צומאָל פּאַסירן, אז אן אָרעמאן, אויסגעבענדיק א טאָכטער, האָט איר אַרײַנגעגעבן אין נאַדן דאָס „גרויסע הויז", און דאָס איז געווען א וויכ־טיקער טייל פון נאַדן.

אינמיטן וואָך פלעגן קומען באטלאָנים און שנאָרערס פון אן אנדער מין. זיי פלעגן אַרײַנקומען מיט שוואכע טריטעלעך פון א ייִדן א לאַמדן, וואָס דער אוילעמהאזע גייט זיי גאָרניט אָן. זיי גייט אָן א סייפער, א פּיירעש פון א צאַדיק. אזוינע ייִדן פלעגט אופנעמען דער באלעבאָס אליין. אַמאָל פלעגט ער פאַרהאַלטן אזא איינעם, אַרײַנלאָזן זיך מיט אים אין א שמועס. און פאַר דעם פאַרגעניגן, וואָס ער קען נאָך אַרויסקוועטשן פון זיך עפּעס פון דעם, וואָס ער האָט געלערנט אין דער יעשיווע, פלעגט ער אים אַרײַנרוקן א פּאָר רובל.

אין דער גרויסער זאַלע לעבן דעם זייגער איז געשטאַנען א פאַרגלאָז־טער אַלמער מיט ספאָרים, אין וועלכע קיינער האָט קיינמאָל ניט אַרײַנ־געקוקט.

כאַנעקע, אין טאָג פון פינפטן ליכטל — דאָס איז געווען א מין פאַמי־ליען־דאַטע אין שטוב, — פלעגט זיך אין אָוונט צונויפקומען א גרויסער אוילעם: קרויווים, שכיינים, סטאַם גוטעפרײַנט. מע איז געזעסן אַרום דעם דעמבענעם טיש אונטערן גרויסן לאָמפּ, געשלונגען הייסע לאַטקעס, פאַר־זופּט מיט טיי פונעם סאַמאָוואַר און געשמועסט פּאָליטיק. בערע־לייב דער קרעמער האָט קיינעם ניט געוואָלט הערן. צופנדיק מיט די דינע פינגער דאָס קורצע בערדל, האָט ער געטײַנעט, אז א מילכאָמע דאַרף אָט־אָט אויסברעכן. שפּעטער האָט מען געשפּילט „אָקע", און די אָרעמע קרויווים האָבן מיט היספּײַלעס געקוקט, ווי דער באַלעבאָס שטעלט א גרויסע סומע אין קאָן און פאַרלירט זי אָן א פינטל מיטן אויג.

פון דער וואַנט האָט פון איין זײַט לעבן דעם טריומאָ־שפּיגל אַראָפּ־געקוקט דאָס אָסקעטישע פּאָנעם פונעם ווילנער גאָען, פון דער אַנדערער זײַט האָט א קלוגיטשקער געשמייכלט מוישע מאָנטעפיאָרע.

זייער אָפּט פלעגן פון פאַרוואָרפענע מעקוימעס אין דער ליטע קומען עפּעס ווײַטע קרויווים, מומעס, פאַרוויקלטע אין טוכלע פאַטשיילעס, פעט־טערס אין אויסגעריבענע קאַפּאָטעס. פון זיי האָט געווייעט מיט צעבראָכנ־קײַט. דאָס הויז פלעגט זיך דאַן אָנפילן מיט קרעכצן און זיפצן, מיט מײַ־סעס וועגן פאַרנאָסעס, וואָס זײַנען אויסגערונען געוואָרן, מיט נעמען פון טעכטער, וואָס ווערן פאַרזעסן. די באַלעבאָסטע האָט מיטגעקרעכצט, דער באַלעבאָס איז אַרומגעגאַנגען א כמורנער, געשאָטן מיט מוסער־רייד, גע־לערנט, ווי מ׳דאַרף זיך פירן, נאָר סאָפּקאָלסאָף פלעגט ער ווייכער ווערן און עפענען דעם טײַסטער.

נאָר איינמאָל האָט אויך פּאַסירט, אַז ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון אַ פּיצינקן שטעטל ערגעץ אין זשאמוט, וואָס קיינער האָט דערפון קיינמאָל ניט געהערט, אַ פאָרפאָלק, דער באַלעבאָסטעס עפּעס אַ פּערדס־פּוס־פּאָד־קעווע. זי — אַ פאַרשליומפּערטע ייִדענע, מיט אַ רויטער נאָז, ער — אַ קלייניטשקער, מיט אַ בויך ווי אַ פּעסל און מיט אַ דינינק קעלכל. די ייִדענע האָט באַסאָווע געפּלאַנכעט, דאָס ייִדל האָט ווײַבעריש אַרײַנגע־קרייט, און דער באַלעבאָס האָט מיט רוגזע זיך געכידעשט, ווי האָט עס אַזאַ ייִדל געקענט אָנפּלאָדעווען אַזויפיל טעכטער. פּלוצעם, בײַס דאָס ייִדל האָט עפּעס־וואָס אַרײַנגעקרייט, האָט עס דעם באַלעבאָס אופגעריסן. ער איז אופגעשפּרונגען און אָנגעהויבן רעווען, אַז ער וויל ניט וויסן פון יענער לאַך אין זשאמוט, אַז מע וויל אים בעדיל־האַדאַל מאַכן און אַז דעם ווײַבס קרויווים וועלן אים אָוועקלאָזן מיט אַ טאָרבע איבער די הײַזער. דאָס ווײַב האָט אים קוים אײַנגעשטילט, אַרײַנגעטריפט עפּעס־וואָס פון אַ פלעשל און אָוועקגעפירט דאָס שלימאַזלדיקע פּאָרל אין קיך. פון דאָרט האָט זי זיי אַרויסגעפּראַוועט דורך דער הינטערשטער טיר. צי זי האָט זיי וואָס אַרײַנגערוקט אין האַנט, צי ניט, האָט קיינער ניט געוווּסט.

דער באַלעבאָס, וואָס זײַן ווײַבס קרויווים האָבן אים שיִר ניט „געלאָזן מיט אַ טאָרבע איבער די הײַזער״, האָט פיל אופגעטאָן פאַר דעם „גרויסן הויז״. אין זײַן צײַט האָט דאָס הויז זיך פאַרגרעסערט, פאַרשענערט, באַ־וואַקסן געוואָרן מיט אַ הינטערשטן פליגל, מיט שפּײַכלערס, שטאַלן און אַ וועראַנדע פאַר זומער־געסט.

דאָס איז געווען די בלי־צײַט פון דער מישפּאָכע. „דאָס גרויסע הויז״ האָט געשײַנט, ווי אַ געעפנטער אָרנקוידעש סימכעסטוירע.

די גרויסע מעזוזע אָף דער פאַראַדנער טיר האָט אָפּגעהיט דאָס הויז פון די שמאַד־שטיק, מיט וועלכע די הײַזער פון די ווילנער גווירים זײַנען געפּלאָגט געוואָרן. דאָרט זײַנען קינדער געקראָכן אין פּאָליטיק און זײַנען אוועק אָף די וועגן, וואָס פירן קיין סיביר. אין „גרויסן הויז״ אָף אַנטאָ־קאָל האָט מען ניט געוווּסט פון אַזעלכע זאַכן. אין שטוב איז מען געגאַנ־גען אין היטלען, די טעכטער האָבן ניט געשפּילט פּיאַנאָ, און אַז די מאַנצ־בלען פלעגן אויסטאָן די רעקלעך, האָט מען געזען, ווי אָפן בויך באַ זיי באַמבלען זיך די ציצעס.

נאָר אָף דער עלטער, אַז דער באַלעבאָס פון הויז האָט שוין ניט געפירט קיין געשעפטן און איז אַרומגעגאַנגען איבער די צימערן אין אַ זײַדענעם כאַלאַט און אין ווייכע פּאַנטאָפל, האָט ער שוין אַ ביסל אָנגעהויבן צו כאַפּן דעם שניט פון אַ ווילנער נאָגיד. ער האָט אַפילע דערשפּירט אין זיך עפּעס אַ נעגידישע קרענק. און איינמאָל איז ער טאַקע געפאָרן לויט דער אייצע פון אַ ווילנער דאָקטער קיין קאַרלסבאַד.

אין יענע צײַטן האָט אויך פּאַסירט, אַז ס׳איז אַראָפּגעקומען אין הויז אַ טאָכטער, וואָס איז אויסגעגעבן געוואָרן אין אַ ווײַטער שטאָט און איז שוין יאָרן ניט געווען אין דער היים. עס האָט געשמעקט פון איר מיט פרעמדע פּאַרפומען, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט אויסמישן מיטן זיסלעך־

זויערן רייעך פונעם טשאָלנט, מיט וועלכן דער אלטער קיד־אויוון האָט דורכגעזאַפּט די שטוב.

— טאַטע, ס׳איז באַ אײַך דושנע!

דער טאַטע איז נאָכגעגאַנגען נאָך איר מיט א שעמעוודיקן שמייכל און צוגעשאָקלט מיט דער סיווער באָרד.

אַרײַן אין שלאָפצימער, האָט זי א פליעסקע געטאָן מיט די הענט:

— ווי שלאָפט מען עס אין אזא ענג קעמערל מיט אזא פּיצינקן פענצ־טערל?! מע קען דאָך דערשטיקט ווערן!

דער טאַטע האָט אופגעהויבן די געדיכטע ברעמען. אָפּ אויסצופילן די מיצווע פּרו־אורווּ (זיך פארמערן), צו וואָס דאָס קעמערל איז, אייגנטלעך, באַשטימט, דאַרף מען דען הויכע פענצטער? ער האָט ערלעך און מיט האַסמאַדע אָפּגעטאָן אין אָט דעם קעמערל זײַן אַרבעט. א ייִד דאַרף ניט קיין יעיצערהאָרע אָף צו דערפילן די מיצווע פון קינדלען. באַ די היַינ־טיקע איז עס אַנדערש. יענע „שפּילן א ליבע״, נאָר וואָס, מ׳שטיינס, קען שוין אַרויסקומען, אַז מ׳פאַרבײַט די מיצווע אָף א שפּיל... מ׳זעט דאָך עס אָף איר, אָף זײַן טאָכטער. מיט אירע דרײַ פענצטער אין איר שלאָפצימער אין ריגע האָט זי אים געגעבן בעסאַכאַקל איין אייניקל...

פונדעסטוועגן האָט ער געלאָזט דורכהאַקן א גרויס פענצטער אין שלאָף־קאַמער. די טאָכטער איז געווען די מיזינקע, און ער האָט זי באַ־זונדערס האָלט געהאַט.

דאָס איז דאָס פענצטער פון דער זײַט וואַנט, וואָס איז ביכלאַל געווען א בלינדע. ס׳איז קענטיק, אַז דאָס איינציקע פענצטער אין דער זײַט צום הויף איז דורכגעהאַקט געוואָרן שפּעטער.

יאָרן זײַנען געגאַנגען. דאָס הויז איז געשטאַנען פעסט, געבויט אָף דוירעס און פאַר קינדסקינדער.

...די לעצטע ציגל פון די אויוונס זײַנען שוין צעשאָטן. אַרום וואַלגערן זיך ברוכשטיקער פון ווענט. שטיקלעך אַראָפּהענגענדיקע טאַפּעטן פּלאַ־טערן אונטערן נאַסן ווינט. גראָבע קלעצער מיט אָפּשטייענדיקע הײַטלעך קאַלך זײַנען אָנגעהויפט אָן א זײַט. אין איינעם פון זיי שטעקט א שטאַר־קער אײַזערנער קרוק. דאָס איז מיסטאָמע דער קרוק, אָף וועלכן ס׳איז געהאַנגען דער גרויסער מעשענער לאָמפּ פון דער זאַלע...

דער גרויסער שטיי־זייגער אין דער זאַלע האָט מיט אַן אַקשאָנעסדי־קער האַסמאַדע געקלאַפּט טיק־טאַק, טיק־טאַק. אַזוי האָט ער אָפּגעהאַקט די צײַט פון דעם קייסער ניקאָלײַס מעמשאָלע, אָפּגעהאַקט די פיר יאָר פון די קײַזער־ווילהעלמשע קאַסקעס, אָפּגעהאַקט די קורצע וואָכן פון דער סאָוועטנמאַכט, וואָס קיינער אין „גרויסן הויז״ האָט ניט געוווּסט מיט וואָס מ׳עסט דאָס, און איז ווידער אַרײַן אין ריטם, צו וועלכן ס׳איז גע־ווױנט געווען.

נאָר ס׳איז שוין געווען ניט דאָס.

יאָרן זײַנען איצטער געלאָפן אײַלנדיקע און בעהאָלעדיקע, מיט אַן

13—1569

אָטעם, א פֿאַרכאַפּטן פֿון א שרעקעוודיקער אומזיכערקייט אין מאָרגעדיקן טאָג. זיי זײַנען געלאָפֿן, אריבערהיפּנדיק אָפּטמאָל יאָמטויווים, ווי א קוריער־צוג היפּט אריבער א האלב־סטאַנציע ערגעץ־ווו אין א סטעפּ. און עפּעס זײַנען לעווײַעס געווען איצטער מערער, ווי כאַסענעס און בריסן.

פֿון „גרויסן הויז" האָט זיך די אשירעס אָפּגעטאָן, ווי עס טוט זיך אָפּ דער ליכט־פֿלעק אף דער וואנט, בײַס אף דער זון קומט אָן א כמארע.

דער באַלעבאָס איז איצטער געווען רעב אויזער, אן אייניקל פֿון יענעם, וואָס האָט געהאַט א מאַזלדיקע האַנט צו די פּריצים־הולטײַעס.

פֿריִער האָט רעב אויזער געדרייט א ראָד. די שפּײַכלערס זײַנען געווען פֿול, פֿויערטעס מיט פֿאַרקאַשערטע קליידער האָבן געשאָטן טווּע אין זעק, פֿורמאַנעס האָבן מיט א היקע גענומען די זעק אפֿן קארק, ניט פֿאַרגעסנדיק דערבײַ א קנײַפּ צו טאָן די הוילע ליטקעס בא די פֿויערטעס, און געפֿירט די טווּע אין דער גרויסער שטאָט, וואָס האָט אלץ ארײַנגעשלונגען.

נאָר עפּעס אן אומזיכטבארע האַנט האָט אונטערגעשווענקט די געשעפֿטן, ווי א שטראָם שווענקט אונטער א לויזן ברעג. די שווערע ווענענער האָבן אלץ וויניקער געקלימפּערט איבערן ברוק פֿונעם הויף.

אפֿן הויז האָט זיך געדוקט א כמארע.

פֿונדעסטוועגן האָט נאָך די נעגידישקייט גערוט אין אלע זײַנע ווינקלען. אין דער גרויסער זאלע איז נאָך געשטאַנען אף זײַנע געשניצטע לייבן־פֿיס דער דעמבענער טיש, באַדעקט מיט א געבלימטן טישטעך, איבערן טיש איז געהאַנגען א גרויסע עלעקטרישע ליוסטרע מיט דינקלינגענדיקע קרישטאָלענע שטעקעלעך, פֿון די ווענט זײַנען פֿאַרשווונדן דער גאָען מיט מאָנטעפֿיאָרען און אף זייער אָרט זײַנען געהאַנגען פֿאַמיליען־פֿאָטאָגראַפֿיעס מיט אופֿגעריסענע דערשראָקענע אויגן. אין דער האלב־טונקלקייט פֿון די שווערע פֿאָרטיערן האָבן געדרעמלט אין א נעגידישער פֿאַרגליווערטקייט די פֿאָטעלן, פֿאַרצויגענע אין ווײַסע טשעכאָלן. אין קיך האָט געקלונגען מיט די קופּערנע פֿאַנען א מיידל, א יעסויִמע פֿון עפּעס גאָר ווײַטע קרויווים. די זין זײַנען געגאַנגען אין קאָמערץ־שול, און די טעכטער האָבן געטראָגן ברוינע גימנאַזיסטישע פֿאָרמעס.

אף דער פֿאַראַדנער טיר איז נאָך געהאַנגען די גרויסע מעזוזע, נאָר זי האָט שוין ווייניק־וואָס אָפּגעהיט, כאָטש פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט קומען א ייִד מיט טרויעריקע אויגן און זי רייניקן און בוידעק זײַן.

נאָר די יערידע איז סײַווי געגאַנגען. זי איז געגאַנגען האַנט־בא־האַנט מיט די יאָרן.

אף דער עלטער האָט דער באַלעבאָס געלעבט אין הויז אליין מיטן ווײַב. די קינדער זײַנען שוין געווען צעפֿלויגן פֿון דער נעסט. מע האָט געלעבט זאלבעצווייט אין די פֿאָדערשטע צימערן, אין די הינטערשטע האָט מען ארײַנגעלאָזט שכיינים, דעם פֿליגל פֿאַרקויפֿט, די קליינע שפּײַכלערס פֿאַרדונגען — דער גרויסער שפּײַכלער האָט אָפּגעברענט בײַס דער מילכאָמע.

מע האָט אים גערופֿן, דעם באַלעבאָס, רעב, ער האָט פֿאַרנומען אין שול דעם אויבנאָן, נאָר די שאַבעסדיקע קאַפּאָטע איז שוין געווען אָפּגעריבן

און פון דעם ווײַבס שווארצן אטלאסענעם קלייד, וואָס זי פלעגט אָנטאָן יאָמטעוו צום גיין אין שול, האָט געשמעקט מיט נאַפטאלין.

געשעפטן האָט רעב אויזער שוין קימאט ניט געפירט. ער איז ארומ־געגאנגען אין ווייכע שטעקשיך איבער דער האלב־פארטונקלטער זאלע, געקנייטשט דעם שטערן אין מאכשאָוועס איבער די פארגאנגענע צײַטן און געקרעכצט. די אויסגעטריקנטע ברעטער פון דער פּאָדלאָגע האָבן מיטגעקרעכצט.

זעלטן ווען פלעגט ער אָנטאָן דעם אלטן דעמיסעזאָנענעם מאנטל, נע־מען א שירעם און זיך אראָפּלאָזן מיט דער קאָנקע אין שטאָט א שמעק טאָן, ווי האלט עס מיט געשעפטן אין ווילנע. נאָר די סאָכרים, מיט וועל־כע ער האָט אמאָל געפירט אייסאָקים, זײַנען געווען פארשמײַעט, פארהאַ־וועט, זיי האָבן געשאָטן מיט נײַע ווערטעלעך, וואָס אין זײַן צײַט האָט מען גאָרניט געהערט אזעלכע, און פארבײַלויפנדיק געפינטלט צו אים מיט אן אויג:

— זעסט, וואָס פאר א קאָמערץ עס גייט, ניט פאר דײַן אלטן מויעך געדאכט...

ניין, די דאָזיקע קאָמערץ איז אים בעפיירעש ניט געווען צום הארצן. עפּעס מאָדנע געשעפטן. זיי האנדלען מיט סכוירעס, וואָס מע זעט זיי ניט אין די אויגן, זיי פארמעקלערן וועלדער, וואָס וואקסן עפשער גאָר אין ערגעץ ניט, און עקספּאָרטירן קיין אויסלאנד וואגאָנעס מיט גענדז, וואָס ווער ווייסט, צי זיי גראַגערן גאָר.

עפּעס איז עס ניט דאָס, און מיסטאמע דערפאר פאסירט אָפט, אז א זון באווײַזט זיך פלוצעם פון דער גרויסער שטאָט אין הויז, קוקט זיך פארכידעשט ארום, קרימט מיט דער נאָז, פונקט ער איז דאָ גאָרניט אויס־געוואקסן, און פארשפארנדיק זיך אין צימער מיטן טאטן, רוקט ער אים אונטער א וועקסל צו זשירירן:

— טאטע, פארשטייסט, ס'איז אף א קורצער צײַט... גאָר אף א קורצער צײַט...— די אויגן פינטלען גנייוויש־פארשולדיקט, און די האנט מאכט א שארפן שניט איבערן גאָרגל: באָו מאַים אד נעפעש (דאָס וואסער איז דערגאנגען ביזן האלדז)...

דער טאטע זיצט א שטײַפער, מיט פארשטשעמעטע ליפּן. אין אים שטײַגט א כוואליע פון צאָרן, וואָס ער האָט וואָכנלאנג געזאמלט, שפּרײַזנ־דיק איבער דער אויסטריקנדיקער פּאָדלאָגע. נאָר גלײַכצײַטיק שפּירט ער, ווי עס כאפּט אים ארום א מאָדנע זיסער נעקאָמע־געפיל. עס שווימט אוף פאר זײַנע אויגן דער בלישטשענדיקער פּארקעט אין דעם זונס דירע, און, דאכט זיך, מ'האָט שוין דאָרטן ארײַנגענומען א נײַע גוווערנאנטקע, ווי עס הייסט אף זייער לאָשן. און צוליב אָט דעם רײַסט מען עס פון אים שטיקער לעבעדיקערהייט...

מיט א ציטערנדיקער האנט שרײַבט ער אונטער דעם וועקסל און טײַטלט דערנאָך מיטן לאנגן פינגער אין זונס פּאָנעם:

— נאָטקע, זײַ וויסן, איך פארשרײַב אלץ! דו פארטאכלעוועסט די יערושע, נאָך איידער איך בין געשטאָרבן!

ער ציט אויס דעם פינגער ווי עפּעס אַן עצבאַ־עלויקים (אַ צייכן פון גאָט). נאָר דעם זון אַרט עס ניט: ער דאַרף אַרויסקוועטשן פונעם טאַטן וואָס נאָר עס לאָזט זיך, און דאָס יערושע־הויז איז שוין סײַווי פאַרזעצט און איבערפאַרזעצט.

טעג, וואָכעדיקע און גרויע, זײַנען געלאָפן, אַרײַנגעפאַלן אין עפּעס אַ פינצטערן טהאָם און שפּורלאָז פאַרשווּנדן. די שאַבאָסים זײַנען געווען מער קענטיקע.

שאַבעס נאָכן טשאָלנט פלעגן קומען אָרעמע קרויווים, מיט וועלכע מ׳האָט פריִער זייער ווייניק מאַגע־מאַסע געהאַט, דאָס אַלטע פּאָרל, דאָ־ווידל מיט זײַן פרוי. זיי גייען אַרײַן אין הויז דורך דער קיך, טרעטן אַרײַן אין דער זאַלע, זי אויף די שפּיץ פינגער, ער — זעלבסטזיכער און ראַשיק.

— נו, זלאַטע, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? ער שלאָפט נאָך!

— שאַ, שטילער. און אַז ער שלאָפט, דאַרפסטו אים אויפוועקן?

אין אַ ווײַלע אַרום עפנט זיך די טיר פון שלאָפצימער, עס גייט אַרײַן דער באַלעבאָס מיט אַ יאַרמלקע אויפן שפּיץ קאָפּ און מיט אַ צעקנייטשטער באָרד. ער ברומט אַרויס אַ שאָלעם־אַלייכעם און מאָסטעט אײַן זײַן גראָב־לעכן בויך אין אַ ווייכן שטול. די אָרעמע קרויווע פּאָדעט אַרום אים, נעמט אַראָפּ אַ פוכעלע פונעם רעקל און פרעגט זיך נאָך מיט אַ זיס קאָל אויפן געזונט און וואָס שרײַבן די קינדער. רעב דאָווידל זיצט זיך ברייט־לעך אויף דעם שטול, רעדט הויך און אומישנע גראָב. דערמיט ווײַזט ער, אַז ס׳איז ניט די אַמאָליקע צײַטן און ער פילט זיך איצטער גלײַך מיט רעב אויזערן.

שפּעטער קומען אַרײַן נאָך עטלעכע שכיינים, עלטערע מענטשן. עס באַווײַזט זיך אויפן טיש טיי פון אַ ליימענעם לאָגל, און די באַלעבאָסטע טראָגט אַרײַן די אײַנגעמאַכטסן.

עס פאַרקניפּט זיך אַ לאַנגער נאָכטשאָלנטיקער שמועס, דורכגעפלאָכטן מיט קרעכצן און מיט אַסטמאַטישן אָפּכאַפּן דעם אָטעם. מע רעדט וועגן די אַמאָליקע געשעפטן, וועגן פאַרשטאָרבענע קרויווים, וועגן אַ מומע, וואָס איז געווען אַן איישעס־כאַיִל, אַז זי האָט געקענט אויסטרייסלען פון אַרבל צען מאַנצבלען. ביסלעכווײַז גייט אַריבער דער שמועס אויף קרענק, מע דערמאָנט די אַלטע דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן, וואָס זײַנען שוין לאַנג געשטאָרבן: אָט יענע האָבן געקענט די מעלאָכע. אַז זיי פלעגן וואָס פאַרשרײַבן, האָט עס איינס־צוויי געהאָלפן. און די הײַנטצײַטיקע דאָק־טוירים... עך... עך...

דער קיסלעוודיקער שאַבעס קײַקלט זיך האַסטיק אַריבער אין ביין־האַשמאָשעס. מע צינדט אָן די ליוסטרע אויף אַ העלפט לעמפּעלעך, די באַ־לעבאָסטע גיסט אָן טיי פון פרישן סאַמאָוואַר, זי פינטלט צום באַלעבאָס, ער זאָל זיך ניט אַזוי צוכאַפּן צו די אײַנגעמאַכטסן: ערשטנס, איז עס אַ שלעכטער בײַשפּיל פאַר די געסט, און צווייטנס, האָט ער אַ מאָגן.

דער שמועס פלאַקערט זיך פאַנאַנדער פונדאַסנײַ. איצט רעדט מען פון די פאַרדאַרבענע היגנטיקע צײַטן, פון קינדער, פאַר וועמעס זינד מע וועט דאַרפן צאָלן... אוי, וועט מען צאָלן!.. מע זיצט נאָך לאַנג, צעפּאַרעטע פון טיי און צערודערטע פון שלעכטע מאַכשאָוועס.

באַנאַכט קען רעב אויזער ניט אײַנשלאָפן. ער קרעכצט, דרייט זיך אויפן געלעגער. דאָס אַלטע בעט סקריפּעט, און אים פאַרדריסט, האַלעמײַ דאָס בעט קעגניבער סקריפּעט ניט: זיי זײַנען דאָך ביידע פון איין גאַרניטור. ער ליגט און כאַוועט זײַן ווייטעק, טראַכט וועגן די קינדער, וואָס דערווײַטערן זיך פון ייִדישקײַט. וואָס איז ייִדישקײַט? ס'איז אַ מויער ניט אַריבערצוקריכן, ניט אַריבערצושפּרינגען, אָדער גאָר אַן אײַנגעפאַלענע הילצערנע צאַם, וואָס מ'זעט זי גאָרנישט אַרויס פון אונטער די פיס? אָט גייען אַרום איבער דער גאַס פאַרשײַטע יונגען, שטשירען מיט שאַבעסדיקע פּאַפּירעסלעך אין מויל, לאַכן דיר אַרײַן אין פּאָנעם און גאָרנישט: די ערד שפּאַלט זיך ניט, שלינגט זיי ניט אײַן. ווײַטער גליטשט זיך זײַן געדאַנק ניט ווילנדיק אַריבער צו דעם, וועגן וואָס ער וויל ניט טראַכטן און טראַכט דאָך, — צו זײַן טאָכטער, וואָס איז מיט יאָרן צוריק אַוועק קיין פּאַריזש עפּעס־וואָס שטודירן. צי זי האָט וואָס אויסגעשטודירט, צי ניט, ווייסט ער ניט; צי אויף איר כאַסענע איז געווען אַ כופּע, ווייסט ער ניט; נאָר מיט יאָרן צוריק האָט זי אים אַרײַנגעשיקט אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ ייִנגעלע אין אַ מאַטראָסקער בלוזקע... אין דער פינצטערניש פון דער שלאָפלאָזער נאַכט ווערט אים פּלוצעם קלאָר: דער מעשונעדיקער נאָמען פון איר מאַן, וואָס זי האָט דערמאָנט אין בריוו, איז אַ נאָמען פון דער האַפּטוירע, קיין כופּע־קדושן איז ניט געווען, און דאָס ייִנגל אין דער מאַטראָסקער בלוזקע, זײַן אייניקל, איז טאַקע ניט קיין געייִדישטער...

ער לאָזט אַרויס אַ טיפן זיפץ:

— פּעסיע, מע דאַרף קריע רײַסן, מע דאַרף שיווע זיצן! ס'איז שלעכט, פּעסיע!

דאָס בעט קעגניבער גיט אַ סקריפּע:

— שלאָף שוין, שלאָף! דו ווערסט שוין גאָר אויוווערבאָטל... כ'האָב דיר געזאָגט, זאָלסט ניט עסן אַזויפיל אײַנגעמאַכטס!..

דער אַלטער דרייט זיך אויס אַ באַרויגעזער צו דער וואַנט. דער ווייטעק וואַקסט. ער הייבט זיך אַלץ העכער און העכער. אָט דערגרייכט ער שוין דאָס האַרץ, אָט פאַרכאַפּט ער עס, און ס'איז אַ סאָף אַן עק. ווען ער איז ניט אין קאַס אויפן ווײַב, וואָלט ער געדאַרפט שרײַען. נאָר ער שווײַגט אַקשאָנעסדיק, לאָזט אַפילו קיין קרעכץ ניט אַרויס. זאָל זי זיך רײַסן די האָר פון קאָפּ, אַז ס'וועט שוין זײַן צו שפּעט...

פּלוצעם באַפאַלט אים אַ שוואַכקײַט. דער ווייטעק לאָזט אָפּ, און ער ווערט אַנדרעמלט. אין כאָלעם זעט ער, ווי ער, נאָך גאָר אַ קליינער, לויפט צום טאַטן, ווײַל די אַנטאָקאָלער כעוורעלײַט האָבן אים מיט עפּעס באַאוולט. ער גראָבט זיך אַרײַן אין טאַטנס בויך, ער שפּירט דעם טאַטנס האַנט אויפן קאָפּ, די פרענדזן פון ציצעס גלעטן אים ווייכהאַרציק איבערן פּאָנעם.

...כאנעקע, נאָכן אָנצינדן דאָס פינפטע ליכטל, פלעגט זיך אין דער גרויסער זאַלע צונויפקלײַבן א גרעסערער אוילעם. לאַטקעס זײַנען שוין ניט געווען, מע האָט געטרונקען טיי. נאָכדעם האָט מען ארויסגענומען אַן אלטע טאליע קאָרטן און זיך געזעצט צו דער „אָקע". מע האָט געשפּילט אף קליין געלט, נאָר ס'פלעגט פאַסירן, אז דער פעטער רעב דאָווידל כאַפּט פּלוצעם פליגן אין נאָז און קריכט אף הויכע דינגעניש. די שעמענזאיעס־דיקע מומע זלאטע פלעגט דאַן שטאַרקער ארומהיפּן איבערן צימער, ארײַנריידן זיסע רייד, כאַפּן דערבײַ א בליק אין פרעמדע קאָרטן און פאַנפען מיט דער נאָז און פינטלען צום מאַן. רעב אויזער פלעגט זיך דאַן אַנכמורען און ארויסברומען „פּאַס", כאָטש אף דער האַנט האָט ער געהאַט דרײַ מעלאָכים.

א צוויי־דרײַ יאָר פאַר דער מילכאָמע איז דער באַלעבאָס זיך מעיאַשעוו געווען און פאַרדונגען די סאַלקע אפן בוידעם. לעכאַטכילע איז אים דער קוואַרטיראַנט געפעלן געוואָרן. עס איז געווען א שטילער העפלעכער באָכער. ער האָט מיט אים געפּרווּוט פאַרפירן א שמועס וועגן הײַנטיקע צײַטן, נאָר דער באָכער האָט געקוקט אין א זײַט און געענטפערט ניט צו דער זאַך.

רעב אויזערן האָט אָנגעהויבן צו מוטשען א שלעכט פאָרגעפיל. צו די אלע פרי׳ערדיקע שווארצע געדאַנקען זײַנען צוגעקומען נײַע, און דאָס אלטע בעט האָט נאָך מער געסקריפּעט. וואָס טוט ער דאָרטן, דער קוואַרטיראַנט, אויבן איינער אליין? עפּעס איז ער צו שטיל, און עפּעס האָט ער א צו אויסגעיידלט פּאָנעם.

דאָס פאָרגעפיל האָט אים ניט אָפּגענאַרט. אין איינער א נאַכט איז אין שטוב פּלוצלינג געוואָרן א קלאַפּערײַ און טראַסקערײַ. די פּאָליציי האָט אים ארויסגעשלעפּט פון בעט און אוועקגעפירט אויבן אלס איידעס.

רעב אויזער איז געשטאַנען אַן אײַנגעהויקערטער אין דער סאַלקע, צוגעהאַלטן דעם כאַלאַט, ער זאָל זיך ניט עפענען, און די פיס אין די גאַטקעס האָבן דריבנע געציטערט. ער האָט געזען, ווי מ'שלעפּט פון אונטערן בעט, פון אלמער פּאַפּירן און ביכלעך, און אלץ טרייף, אלץ פּאָסל...

אפן אנדערן טאָג האָט ער פאַרמאַכט די סאַלקע, פאַרקלאַפּט מיט צוויי ברעטער דאָס פענצטער און באַשלאָסן מער ניט ארײַנצולאָזן קיין קוואַרטיראַנטן, סײַדן א דאַטשניק אף זומער.

דער גרויסער זייגער אין דער זאַלע האָט אלץ געהאַלטן אין אויסקלאַפּן זײַן טיק־טאַק, און ער האָט אליין ניט געוווּסט, אז עס קומט אָן דאָס גרויסע געוויטער.

אין א נאַסן האַרבסטיקן טאָג זײַנען אפן הויף געקומען מענטשן מיט הינט. די הינט האָבן געשפּיצט די אויערן, קורץ געעטעמט און געוואָרפן הייסע בליקן. זיי האָבן געשוויגן. געבילט האָבן די מענטשן, געבילט אף א שפּראַך, וואָס איז ניט ענלעך געווען אפן דײַטש פון געטעס און היינעס ווערק, וועלכע זײַנען געשטאַנען בא אים אין ביכער־שראַנק.

אלע מענטשן פון הויז, ווי אויך פון די ארומיקע הײַזער און הײַזקעס, זײַנען ארויסגעטריבן געוואָרן. זיי זײַנען פאַריאָגט געוואָרן אף מער ניט צוריקצוקומען.

נאָך דער מילכאָמע איז דאָס הויז פאַרפּלייצט געוואָרן פון מישפּאָכעס מיט כאָפּטעס קינדער, מיט פּרימוסן, מיט קעץ, מיט ביליקע בעבעכעס, מיט פאַרשטויבטע פּיקוסן. די צימערן זײַנען איבערגעצאַמט געוואָרן. פון דער גרויסער זאַלע זײַנען געוואָרן דרײַ צימערן, אין וועלכע עס האָבן געלעבט בא א טוץ מענטשן. אין דער קיך זײַנען איינצײַטיק געשטאַנען אף דער פּליטע פינף טעפּ מיט פינף זופּן פאַר פאַרשיידענע מישפּאָכעס. אָפּטמאָל האָבן זיך פון דאָרט געהערט קוילעס — ווײַבער האָבן זיך גע־קריגט. די מענער זײַנען געזעסן אין הויף אונטער דער ליפּע לעבן דעם ברונעם, געשפּילט אין דאָמינאָ און ניט געלייגט קיין אכט אף די ווײַבער־שע קוילעס. מע איז מעקאַנע געווען די אײַנוווינער פון די נײַע הײַזער מיט וואַסערלייטונג און קאַנאַליזאַציע, געזידלט דעם אלטן באַלעבאָס, וואָס האָט אויסגעבויט אַזא הויז, וועלכעס ס'איז א שאָד אַראָפּצוטראָגן און וועלכעס מע דאַרף אַראָפּטראָגן.
סאָפּקאָלסאָף האָט מען זיך דערוואַרט.

...די הרודעס בוי־מיסט זײַנען שוין ארויסגעפירט. דער פּלאַץ איז ריין, ווי עמעצער וואָלט מיט א גרויסן בעזעם אויסגעקערט אף צו פאַר־זעצן דאָ א נײַ לעבן.

דער בעסוילעם

בא איציק סוריצן זײַנען צוויי געשעענישן קימאַט צו־נויפגעפאַלן: אי ער איז אוועק אַף פּענסיע, אי ער האָט געקראָגן א נײַעם בלישטשענדיקן אויטאָמאָביל „זשי־גולי".

עפּשער צוליב דעם, און עפּשער דערפאַר, וואָס אים האָט שוין לאַנג גענאָגט דער געדאַנק, נאָר אין איינעם א טיף־הארבסטיקן פרימאָרגן האָט ער זיך אַרײַנגעזעצט אין זײַן נײַינקן „זשיגולי" און זיך אוועקגעלאָזן העט־ווײַט, צו יענעם פאַרוואָרפענעם ווינקל אין ליטע, ווו עס שטייט זײַן שטעטל, דאָס שטעטל, ווו ער איז געבאָרן געוואָרן, פאַרבראַכט זײַן קינדהײַט און וואָס איז, פּונקט ווי אַלע שטעטלעך אין ליטע, פאַרטיליקט געוואָרן אין דער צײַט פון דער פאַשיסטישער מעמשאָלע.

א מעכײַע געוועזן זיך אײַנצושליסן אין דער ריי פון מאַשינעס, וואָס האָבן זיך געטראָגן אַף דער רעכטער זײַט אויטאָסטראַדע און געשלונגען דעם אַספּאַלט מיט א גיכקײַט, וואָס ווייסט ניט פון קיינע גרענעצן. אין א פּאָר שאָ אַרום האָט איציק סוריץ פאַרקערעוועט אַף רעכטס. דאָ איז שוין ניט געווען קיין אויטאָסטראַדע, אָבער אויך א גוטער אַספּאַלטענער שאָסיי. די מאַשין „זשיגולי" האָט געשניטן די לופט, די רעדער האָבן געשאָרכעט איבערן אַספּאַלט. סוריצן איז וויל געווען צו שפּירן דאָס געזונטע עטעמען פון דער מאַשין און זיך פילן צוזאַמענגעגאָסן מיט איר אין איין אימפּעט. פאַרבײַ זײַנען געפלויגן דערפער און שטעטלעך. איציק האָט געלייענט די נעמען פון די יִשוּווים. דאָס זײַנען געווען אומבאַקאַנטע נעמען, און די „זשיגולי" האָט ווײַטער געשלונגען דעם אַספּאַלט. ערשט אין א גוטע פּאָר שאָ אַרום האָבן אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן נעמען, וואָס האָבן געדרעמלט בא אים אין זיקאָרן פון די קינדערשע יאָרן. ער האָט דערפילט, ווי עפּעס אין הארצן האָט זיך א ריר געטאָן. אָט־אָט דאַרף זײַן דער ליבער נאָמען. צי דען האָט זיך דער שאָסיי דערקליבן אויך שוין ביז צו יענעם פאַרוואָרפענעם שטעטל?

נײַן. א וועגווײַזער אַפּן ראַנד פון שאָסיי ווײַזט אַף א זאַמדיקן וועג, וואָס שלענגלט זיך צווישן אומענדלעכע פלאַטשיקע פעלדער. סוריץ האָט פאַרקלענערט די גיכקײַט, נאָר סײַווי האָט די מאַשין זיך געטרייסלט, קריכנדיק איבער די צעהויקערטע און צעגריבלטע זאַמדן. ס'איז געווען אַזוי ווי די „זשיגולי" וואָלט זיך איצטער געקלאָגט: „וואָס האָסטו באַ־דאַרפט מיך אַראָפּיאָגן פון דער גרויסער אַספּאַלט־טאַשמע און טרײַבן מיך אַפן דאָזיקן מיִעסן וועג? אַזאַ איידעלע מאַשין, ווי איך, איז דאָך

באשאפֿן געוואָרן פֿארן גלאטן אספֿאלט און ניט פֿארן דאָזיקן בלאָטיקן זאמד. דערמאָן זיך, ווי דײַן זיידע איז דאָ געפֿאָרן: אין א צעטרענצלטן וואָגן און מיט א שקאפֿע, וואָס האָט זיך האכנאָעדיק געשלעפּט, פֿאָכנדיק מיטן לאנגן ווידל, קעדיי צו פֿארטרײַבן די זלידנע פֿליגן...” וואָס זאָל ער אָבער טאָן, אז אין דער שטאָט, ווו ער לעבט, זײַנען קיין פֿערד ניט בענימצע און אן אלטן מענטשן באפֿאלט אמאָל דער מעשונעדיק־אומ־פֿארשטענדלעכער פֿארלאנג א קוק צו טאָן — עפּשער צום לעצטן מאָל — אַף דעם אָרט, ווו ס׳איז געשטאנען זײַן וויגעלע, און אונטערפֿירן דעם סאכאקל פֿון זײַן לעבן. און עפּשער ניט נאָר פֿון זײַן אייגענעם, נאָר פֿון א דוירעסלאנגן לעבן, וואָס האָט זיך געצאפּלט, געשפּרודלט, גע־שטראָמט און — אונטערגעגאנגען אַף אייביק. ער האָט געוווּסט, אז פֿון יענעם לעבן איז פֿארבליבן מער ניט, ווי דער בעסוילעם.

...מיטן דאָזיקן וועג איז מיט הונדערטער יאָרן צוריק געגאנגען א מאכנע יידן. אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, מיט פּענעמער, פֿארגרעבטע פֿון ווינטן און רעגנס, אין קליידער־שמאטעס, באדעקטע מיט שטויב פֿון אומענדלעכע וועגן. פֿונוואנען זײַנען זיי געקומען? פֿון די אלט־אײַנ־געזעסענע ערטער אין דאָרעם־דײַטשלאנד, ווו ס׳האָבן זיך צעבושעוועט די ווילדע קרייץ־ציגלער? פֿון די פֿרוכטבארע טאָלן פֿון טשעכיע און מאָראוויע, ווו דער צעווילדעוועטער, דורך די פֿאנאטישע גאלאָכים אופּ־געהעצטער האמוין האָט געמאכט אַף זיי פּאָגראָמען? וועד ווייסט... זיי זײַנען געגאנגען, ווײַל זיי האָבן געוווּסט, אז אין יענעם מיזרעכדיקן לאנד הערשט א פֿרידלעך לעבן און די סראָרעס רופֿן זיי צו קומען אהער, קעדיי זיי זאָלן מיט זייער מעלאָכע און האנדל, מיט זייער אונ־טערנעמערישקײַט און פֿלײַס ארײַנטראָגן לעבן אין דעם פֿארשלאָפֿענעם קאנט.

וויפֿל זײַנען זיי געווען, אָט די ערשטע יידן, וואָס האָבן געטאָפּטשעט מיט זייערע צעריסענע שטיוואלעס אָט דעם בלאָטיקן וועג? צען? צוואנ־ציק? דרײַסיק? און עפּשער זײַנען זיי געווען בלויז עטלעכע מענטשן? אָבער צווישן אָט די עטלעכע איז געווען דער, וואָס האָט פֿארלייגט דעם אָנהייב פֿון א גאנצער קייט דוירעס, פֿון וועלכע עס שטאמט אויך ער, איציק סוריץ, וואָס זיצט איצט באַם בייגל פֿון זײַן „זשיגולי” און דרייט אים פֿאָרזיכטיק אהין און אהער, קעדיי אויסצומײַדן א גרוב אָדער א הויקערדיק בערגל.

מאָדנע, אַף וואָס עס פֿארקלערט זיך אמאָל א מענטש אַף דער עלטער.

...מיסטאמע זײַנען עס געווען שלימאזלדיקע יידן. אנדערע זײַנען פֿארקראָכן אין בעסערע ערטער, ווו די ערד איז שווארץ און פֿרוכטבאר און נערט שעפֿעדיק די מענטשן, וואָס באארבעטן זי. דאָ אָבער, אין דעם סאמע פֿארוואָרפֿענעם העק פֿון ליטע, איז די ערד זאמדיק און אָרעם און צאָלט קארג אָפּ די מענטשן פֿאר זייער שוויס און מי. דאָ זײַנען געווען די סאמע אָרעמסטע פּויערים, און אויך דאָס שטעטל זייערס האָט געהאט

א שעם אין ליטע — בעטליארעס, עוויוינים, קאַרגוטשעס האָט מען זיי גערופן.

אויך איצט פאַרנעמט דער דאָזיקער קאַנט אין דער טאַבעלע פון לאַנדווירטשאַפטלעכע דערגרייכונגען איינס פון די לעצטע ערטער.

און אַמאָל... איציק סוריצן לויפט דורך אַ שוידער איבערן לײַב, ווען ער דערמאָנט זיך די שרעקלעכע אָרעמקײַט פון שטעטל. ייִדן מיט דאַרע פּנימער, מיט אומעטיקע אויגן, מיט שיטערע בערדלעך; כּיידער־ייִנגלעך אין צעריסענע העמדלעך, וואָס פלעגן ביז אין טיפן האַרבסט אַרײַן קנעטן מיט די באָרוועסע פיס די בלאָטע; אויסגעטריקנטע, אומעטיקע פרויען מיט גרויסע פאַטשיילעס, אין וועלכע זיי האָבן געקוטעט זייערע פּלאַטשיקע בריסטן. אינעם גאַנצן שטעטל איז געווען נאָר איין ייִדענע, כאַסיעביילע די קרעמערקע, וועלכע האָט געהאַט אַ דאָפּלטן גוידער. האָט מען אָבער געשמועסט, אַז בײַ איר איז עס ניט פון פעטן לעבן, נאָר פון אַ קראַנקײַט נעבעך.

בעטלערס, מאַגידים, מעקובאָלים און סטאַם שנאָרערס האָבן אויסגעמיטן דאָס שטעטל, און טאָמער פלעגט עמעצער פון זיי אַלפּי־טאָעס פאַרבלאָנדזשען אַהער מיט אַ סוידעספּולער מינע — קלײַבן געלט פאַר עפּעס אַ הייליקער זאַך, — פלעגט ער, אָפּזופנדיק דעם שאַכריס, אַפּגיך זיך אָפּטראָגן און פאַרזאָגן אַ צענטן אַרײַנצוקוקן אַהער.

די דײַגע פון פּאַרנאָסע האָט, ווי אַ שווערער שטיין, געדריקט אַף די געמיטער, אָפּגענומען יעדע לעבנס־פרייד, געשטיקט יעדן הילכיקן געלעכטער.

אין דער מיט פון שטעטל, פאַרוקט אין אַ בלאָטיקן נאַקעטן הויף, וווּ קיין גרעזל איז ניט געוואַקסן, איז געשטאַנען אַן אַלטע קלויז מיט בעררוועס, פאַרשוואַרצטע פון ווינט און רעגן, מיט קליינשויביקע פענצטער. איר שינדלדיקער דאַך, באַוואַקסן פון גרינלעך־גרויען מאָך, האָט טרויעריק געשטאַרצט איבער די אַרומיקע הײַזלעך.

אין די ביין־האַשמאָשעסן פלעגן זיך דאָרט צונויפקומען ייִדן, בלעטערן די הייליקע ספאָרים און פירן סייכלדיקע רייד וועגן לעבן, וועגן פּאָליטיק.

דאָס זײַנען געווען טרוקענע ייִדן, עכטע ליטוואַקעס, מיט קאַלטע קעפּ, אין וועלכע ס'האָט זיך געקאָנט דרייען די ראָד פון אַ פּילפּל, אָבער ס'האָט זיך ניט געקאָנט אָנצינדן דאָס פײַער פון אַ נעשאָמע־צאַפּל.

כמורנע ייִדן, ווי כמורנע ס'איז איצטער דער כעשוון־הימל איבער אָט דער נאַסער, אָרעמער, גרויזאַמדיקער ערד.

דער וועג ווערט אַלץ ערגער און ערגער. איציק סוריץ דרייט פאָרזיכטיק דעם בייגל. דער נאַסער זשוויר סקריפּעט אונטער די רעדער, און טיילמאָל דוכט זיך סוריצן אויס, אַז ניט ער זיצט דאָ אין דער נײַנקער „זשיגולי", נאָר דאָס פאָרט זײַן זיידע, כאָנע־בער דער באַלעגאָלע, פאָרט אין זײַן צעטרענצלטן וואָגן מיט זײַן אַלטער שקאַפּע. און ניט ווילנדיק כאַפּט זיך אַרויס פון זײַן מויל דער אייביקער שפּרוך פון די באַלעגאָלעס:

— ניאָ, פּאַדלע, ניאָ!

נאָכדעם ווי איציק האָט עס ארויסגעזאָגט, פארשעמט ער זיך א ביסל: זײַן נײַינקער אווטאָמאָביל האָט זיכער ניט פארדינט אזא בראָכע.

די געדאנקען פארטראָגן אים, איציקן, ווידער צו יענעם אָוועד, צו דעם סאמע אָנהייב.

...אָט גייען זיי, א הײַפל אָפּגעריסענע, אויסגעמאטערטע ייִדן, מענער און פרויען, זקיינים און קינדער. זיי שפאנען עפשער מיטן זעלבן וועג, מיט וועלכן ער פאָרט איצטער. זייערע שווארצע אויגן זײַנען ברייט צעעפנט, די הערצער קלאַפּן אנגסטיק. וואָס ווארט אף זיי דאָ, אין דעם פרעמדן לאנד? אײַנגעוואָרצלטקײַט אף דוירעס, אָדער א קורץ איבער־נעכטיקן נאָכדעם, ווי דער סראָרע וועט זיך אָנבייזערן אף זיי און עפשער גאָר אראָפּלאָזן אף זיי די היִנט?

דער סראָרע איז גוטמוטיק געשטימט. מיסטאמע האָט ער שוין געהערט, אז צו אים וועלן קומען ייִדן, קעדיי צו באזעצן זיך אף זײַן ערד. געוויס זיצט אף דער דאָזיקער אָרעמער ערד אויך אָן אָרעמער סראָרע. ער האָט שוין געהערט, אז צו אנדערע, מער יוצלעכדיקע סראָרעס זײַנען שוין געקומען ייִדן, זיך באזעצט דאָרטן און אָנגעהויבן מעלאָכעווען און האנד־לען צום ווויל פון די פויערים און צו גונסטן פון די פריצים. איצט שטייען די אויסטערלישע פארשוינען אויך פאר אים, דעם קלענסטן פון אלע סראָרעס, אָבער פאָרט א פּאָרעץ, פאָרט דער באזיצער פון דעם דאָזיקן פארוואָרפענעם ווינקל פון ליטע. ער קוקט זיך צו מיט פארכידעשטע אויגן צו די אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע לײַט. מיסטאמע, טראכט ער, זײַנען עס די ערגסטע ייִדן, וואָס האָבן אָנגעשפארט אהער. נאָר פארפאלן, ער מוז זיך באנוגענען מיט אזעלכע...

ער הערט אויס זייער צעקאַליעטשעטן דײַטש, עפשער האָט ער פאר־שטאנען א ביסל דײַטש, נאָר, אייגנטלעך, איז דאָ ניטאָ וואָס צו פארשטייך. ער פירט זיי צו צום ברעג טײַכל. אָט דאָ, אז מע זאָל אויסהאקן די עט־לעכע שיטערע ביימלעך, אָפּרייניקן די ערד פון די קוסטעס, איז פאראן גענוג פלאץ. זאָלן זיי זיך באזעצן, ביימער און ליים איז דאָ גענוג, זאָלן זיי בויען זייערע כאטקעס און אָנהייבן זיך פארנעמען מיט זייערע אייסאָ־קים.

— פארשטאנען?

פארקאָלטנטע שווארצע בערד שאָקלען אף יאָ: זיי האָבן פארשטאנען. נאָר די מענטשן רירן זיך ניט פון אָרט.

— וואָס נאָך דארפט איר? — ווערט שוין א ביסל צערייצט דער פּאָ־רעץ, קוקנדיק אף די אומפארשטענדלעכע מענטשן.

די ייִדן הייבן אים אָן צו דערקלערן, אז קוידעמקאָל דארפן זיי א בעסוילעם. ניט וויכטיק, ווו זיי וועלן לעבן, ווי זיי וועלן לעבן, וויכטיק איז דער בעסוילעם. א ייִדישער יִשעוו הייבט זיך אָן פון א בעסוילעם...

מיסטאמע האָט ניט וויי ניק צײַט געדויערט, ביז מע האָט זיך צונויפּ־גערעדט. די ייִדן האָבן געטײַנעט: א ריין אָרט. דער פּאָרעץ האָט גע־

קוועטשט מיט די פּלייצעס: נו, אויב זיי ווילן האָבן א ריין אָרט פאר זייער יֵישעוו, זײַט זיך מאטריִעך און האקט אויס דיביימער און די קוסטעס, וועט איר האָבן א ריין אָרט. די יִידן האָבן געטײַנעט, אז זיי דארפן האָבן א „פעלד״ — אין ליטווישן יִידיש איז פאראן אזא וואָרט צו באצייכענען א בעסוילעם — דער פּאָרעץ האָט ווידער ניט פארשטאנען: בא אים איז פעלד דאָס שטיק ערד, וואָס מע באארבעט, פונוואנען מע ציט כאיונע. גיי פארשטיי, אז בא יִידן באטײַט „פעלד״ אן אָרט, ווו מע באגראָבט טויטע.

סאָפּקאָלסאָף האָט דער פּאָרעץ פארשטאנען. און עפּשער האָט ניט ער עס פארשטאנען, נאָר די פויערים, וואָס זײַנען זיך צונויפגעלאָפן אפן ביידווונדער. עמעצער פון זיי האָט פון די זשעסטן און טנועס, וואָס די יִידן האָבן געמאכט, זיך אָנגעשטויסן, וואָס זיי מיינען, און עס דערקלערט דעם פּאָרעץ. ווידער קוועטשט דער פּאָרעץ מיט די פּלייצעס, נאָר פארפאלן: ער מוז נאָכגעבן אָט די מאָדנע פארשוינען. ער טאָר דאָך ניט אָפּשטיין פון די איבעריקע פּריצים, און א באפעל פונעם גרויספירשט, וואָס האָט אײַנגעלאַדן די יִידן קיין ליטע, איז דאָך אויך דאָ. מע מוז אויספילן זייערע אומפארשטענדלעכע קאפּריזן.

א מאָדנע זאך: בייס דער פּאָרעץ האָט זיי פארגעלייגט דאָס אָרט, ווו זיי זאָלן גרינדן זייער יִישעוו, זײַנען די יִידן גלײַך מאסקים געווען, ניט דינגענדיק זיך. אָבער באם אויסקלײַבן אן אָרט פאר זייער בעסאלמען זײַנען זיי איבערקלײַבעריש. דאָס ערשטע אָרט, וואָס ער האָט זיי פארגעלייגט, איז זיי ניט געפעלן געוואָרן: ס'איז בלאָטיק און זומפּיק, די ניפטאָרים וועלן אײַנגעזונקען ווערן. אן אנדער אָרט — צו פינצטער און נידעריק: די וואסערן וועלן פארפלייצן די קוואָרים. א דריט אָרט — צו מעשופּעדיק און נאס: די מאצייוועס וועלן אונטערגעשווענקט ווערן. א פערט אָרט וואָלט געווען גוט, נאָר ס'איז הינטער א פליסנדיקן טײַכל, און איבער א טײַכל טאָר מען ניט פירן דעם מעס. סאָפּקאָלסאָף האָט מען אויסגעקליבן אן אָרט — א טרוקענער זוניקער פּלאַץ, א באוואקסענער מיט הויכע סאָסנעס, וואָס האָבן אומעטיק געשאָקלט מיט זייערע קרוינען אונטער דעם שטילן ווינטל. דאָס וועט זײַן זייער אוילעמהאבע. דער אוילעמהאזע — די שטיבלעך און אפילע דער בעסמעדרעש — וועט קומען שפּעטער.

די „זשיגולי״ שנײַדט דורך א שיטער וועלדל, און עס אנטפּלעקט זיך א ברייטער, ביז צום נידעריקן האָריזאָנט טאָל. דאָ זײַנען פריִער געווען ניט דורכגײבארע פּרוכטלאָזע זומפּן. איצטער זײַנען דאָ פעלדער, פארזייטע מיט ווינטער־טווּע, און פּאשעס. קענטיק, דאָ איז דורכגעפירט געוואָרן די מעליִאָראציע, און די זומפּן זײַנען אויסגעטריקנט געוואָרן. לינקס פּאשעט זיך א גרויסע טשערעדע בעהיימעס.

דער פּאסטעך, אן אלטער פויער, וואָס האָט פונדערווײַטנס דערזען די „זשיגולי״, דערנעענטערט זיך פּאַוואָליע צום וועג. איך זײַן לאנגן בעגעד און שפּיציקן ברעזענטענעם קאפּיושאָן איז ער ענלעך אף אן אמאָליקן

מאָנאַך. איציק סוריץ שטעלט אָפּ זײַן פאַרמאַטערט „פערדל" און וואַרט. דערנאָך שטײַגט ער אַרויס פון זײַן מאַשין און גייט צו צום פויער.

— לאַבאַ דיענאַ![1]

— לאַבאַ דיענאַ, טאַמסטאַ![2]

דאָס פּאָנעם פונעם אַלטן איז אויסגעקאַרבט פון זון, ווינט און רעגן און זעט אויס, ווי פאַרשטיינערט. די אויגן אונטער די געדיכטע ווײַסע ברעמען קוקן בלוי און טמימעסדיק.

איציק סוריץ נעמט אַרויס אַ פּעקל סיגאַרעטן און לייגט פאַר דעם אַלטן. יענער קווענקלט זיך:

— כ'רייכער אַ ליולקע...

— טאָ נעם אַ פּאָר סיגאַרעטן און טו זיי אַרײַן אין ליולקע.

— אַ שאָד. אַזעלכע שיינע...— ער ציט אַרויס פון פּעקל אַ סיגאַרעט. מע פאַררייכערט, און סוריץ פרעגט:

— אָט דער וועג פירט גלײַך אין שטעטל?

— אין שטעטל.

— און דער אָף רעכטס קיין לאַפּאָינע?

— אהא, קיין לאַפּאָינע. נאָר דאָרטן איז איצטער קיינער ניטאָ. די גאַנצע נאַטשאַלסטווע איז אין שטעטל. דאָרט איז די קאָנטאָר פון קאָלווירט.— דער פויער פאַרציט זיך שטאַרק, צעהוסט זיך און גיט כיטרע אַ שמייכל:— צו אונדזער פאָרזיצער, האַ? דאָס איז גוט, גוט... מע דאַרף אים געבן פעפער...

סוריץ ענטפערט ניט און קוקט זיך אַרום:

— שיינע פעלדער געוואָרן. אַמאָל זײַנען דאָ געווען זומפּן, געדענקסט?

— יאָ, זומפּן... ביסט דאָ פריִער געווען?

— ווער קען עס ניט די באַרימטע לאַפּאָינער זומפּן? דאָ האָבן שיידים געלעבט... פלעגן אַרײַנציִען מענטשן, בעהיימעס, געדענקסט?..

— געווען, געווען אַזוינס.

— נו, און איצטער זײַנען קיין שיידים ניטאָ?

— ניטאָ, ניטאָ...— שאָקלט דער פויער טרויעריק מיטן קאָפּ, ווי ס'וואָלט אים באַנק געטאָן, וואָס די שיידים זײַנען פאַרשוווּנדן.

די סיגאַרעטן זײַנען אויסגערייכערט. סוריץ ווײַזט מיט דער האַנט אָף רעכטס:

— כ'וועל דאָ דורכפאָרן מיט דעם וועג? האַ, ווי מיינסטו?

— קיין לאַפּאָינע?— ווערט דער אַלטער לעבעדיק.— פאָרסט טאַקע קיין לאַפּאָינע? אוואַדע וועסטו דורכקריכן. אַ גוט פערדל באַ דיר... צו וועמען פאָרסטו דאָרט?

צו וועמען? אין שטעטל האָט ער קיינעם ניט, און אין לאַפּאָינע אוואַדע ניט. נאָר אַפן האַלבן וועג צווישן שטעטל און לאַפּאָינע געפינט זיך דער ייִדישער בעסוילעם... ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און גייט שווײַגנדיק צו דער מאַשין.

---

[1] גוטן טאָג (ליטוויש); [2] טאַמסטאַ — אַ פאַרעלטערטע העפלעכקײַט־ווענדונג.

אין אלטן פויערס אויגן האָט אופגעבליצט עפּעס א געדאנק. ער מאכט עטלעכע האסטיקע טריט צו סוריצן.

— זאָג מיר נאָר, ביסט ניט פון יענע? פון די, וואָס האָבן אמאָל גע־לעבט אין שטעטל?

— פון יענע.

די טמימעסדיקע אויגן לײַכטן אוף.

— כ'האָב טאקע געקלערט אזוי... צוערשט האָב איך געמיינט: א נאַ־טשאלניק. נאטשאלניקעס זײַנען דאָך דאָ איצטער אויך פון אײַעריקע... איז וועמעס ביסטו?

— וואָס איז די נאפקעמינע? — קוועטשט סוריץ מיט די פּלייצעס. ער האָט געוווסט, אז אויב ער וועט אָנרופן דעם נאָמען פון זײַן טאטן — א רימער, וואָס האָט געשעמט אין דער גאנצער געגנט, איבערהויפּט צווישן די פּויערים, — וועט דער פּאסטעך ארײַנפאלן אין היספּײַלעס, און צו דעם איז איציק ניט געווען איצטער אופגעלייגט.

דער אלטער האָט עס פארשטאנען אף זײַן אויפן.

— נו יאָ, וואָס איז די נאפקעמינע. אלע אומגעקומען, אלע...

דעם פּויערס פּלייצעס לאָזן זיך אָנמעכטיק אראָפּ. די בײַטש מאכט א הילפלאָזע באוועגונג און לאָזט זיך אראָפּ אפן בלאָטיקן וועג.

— אומגעקומען? — כאפּט זיך סוריץ אוף. — אומגעבראכט! — ער שטויסט ארויס דאָס הארבע וואָרט מיט א פּלוצעם הייזעריק געוואָרענער שטים.

— עמעס, עמעס, טאמסטא... אומגעבראכט... — דעם פּאסטעכס אויגן פינטלען שולדיק. ער זוכט סוריצעס בליק, נאָר יענער האלט אקשאָנעסדיק אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. — ס'זײַנען אָנגעקומען די דײַטשן מיט הינט, צוזאמענגענומען אלע יידן, ארויסגעשלעפּט פון די הײַזער אפילע די קראנקע, די זויג־קינדער און אוועקגעפירט אלעמען אפן בעסוילעם... אלע־מען, אלעמען... מיר אין לאפּאינע האָבן געהערט די שיסערײַען... שפּעטער, אז ס'איז שטיל געוואָרן, זײַנען מיר ארויס אהין... איך, פראנאס, טשעס־לאָוואס דער איין־אויגיקער... די גרוב איז נאָך געווען אָפן... א גרויסע גרוב... איין קלייניקײַט, א גאנץ שטעטל... מיר האָבן פארשאָטן די גרוב... באערדיקט זיי...

— אין אנדערע ערטער האָט מען אויסבאהאלטן יידן, און דאָ? — איצט טרעפן זיך ביידע בליקן — דער בלויער בלאָנדזשענדיקער פון איינעם און דער הארטער מאָנענדיקער פון צווייטן.

דער פּויער זיפצט אָפּ, הייבט אוף די בײַטש.

— אז ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אף אזא אומגליק... ווער האָט זיך עס געקאָנט אנטקעגנשטעלן זיי... און וואָס האָבן די מערדער געהאט צו זיי. מיר האָבן געלעבט מיט די יידן אין פרידן... געהאָלפן איינער דעם אנדערן... אז מיר פלעגן קומען אין שטעטל אָדער זיי פלעגן ארײַנפאָרן צו אונדז, זײַנען עס דאָך געווען אייגענע מענטשן, נאָענטע... מע האָט געפירט אייסאָקים, זיך אדורכגעשמועסט...

די פארשטיינערטע קנייטשן פונעם פּאָנעם באם פּאסטעך האָבן איצט

אויסגעדריקט צאר. אין זײַן טאָן האָט זיך געפילט טיפער מיטלייד צו אים, צו דעם אָפּשפּראָצלינג פון די אומגעקומענע.

— הייסט עס, אפן בעסוילעם ליגן זיי? — האָט סוריץ איבערגעפרעגט, אַרײַנזעצנדיק זיך אין דער מאשין.

— אפן בעסוילעם, טאמסטא, אפן בעסוילעם, — האָט מיט א געבראָכע־נער שטים ארויסגעזיפצט דער אלטער.

סוריץ איז געפאָרן ווײַטער. דערנענטערנדיק זיך צום אָרט, ווו די וועגן גייען זיך פאנאנדער, האָט ער זיך נאָך געקווענקלט, דערנאָך האָט ער אנטשיידן פארקערעוועט אף רעכטס, צו דעם דאָרף. דאָס שטעטל דארף ער ניט איצטער, ער דארף דעם בעסאלמען.

דאָס דאָרף איז געלעגן שטיל. די נידעריקע הײַזלעך האָבן געדרעמלט אונטער די שטרויענע דעכער. די מאשין איז דורך, ווי א ווינט, דורך דער לאנגער גאס — קיין הונט האָט ניט באוויזן אפילע א ביל צו טאָן. איציק האָט פארקערעוועט אף לינקס, אפן וועג צום שטעטל, און אין עטלעכע מינוט ארום איז ער שוין געווען באם בעסוילעם.

יאָ, ער האָט אים דערקענט, דעם אלטן בעסוילעם, וואָס האָט בעמעשעך פון הונדערטער יאָרן ארײַנגענומען אין זײַן שויס די ייִדן פון שטעטל. עס קומט אים אוף, איציקן, אפן געדאנק, אז אייגנטלעך איז ער דאָ קיינ־מאָל ניט געווען. אין זײַנע קינדער־יאָרן איז מען עפעס ניט געשטאָרבן, און אז א כאָפּטע ייִנגלעך פלעגט גיין אין לאפּאינער וואלד נאָך שוועמ־לעך, האָט מען אויסגעמיטן דאָס שרעקנדיקע אָרט, מאכנדיק א גרויסן קרײַז ארום אים.

איצט שטייט ער דאָ און באטראכט אים. דער הילצערנער צאם מיט די שווארץ געוואָרענע אלטע ברעטער איז ערטערווײַז אײַנגעפאלן. פון טויער זײַנען געבליבן בלויז צוויי אײַנגעבויגענע האלב־פארפוילטע סלופּעס. פון דער ארקע, וואָס האָט אמאָל געקרוינט דעם טויער און אף וועלכער ס׳איז געווען אויסגעקריצט עפעס א הייליקער פּאָסעק, איז קיין זייכער ניט פארבליבן.

איציק סוריץ איז מיט לאנגזאמע טריט ארוף אפן בעסאלמען.

גלײַך באם טויער האָט זיך געצויגן א מין דורכגאנג. קענטיק, דאָ איז אמאָל געווען א וועג. פון ביידע זײַטן — מאציייוועס, אלטע שטיינער, אײַנ־געפאלענע, האלב־אײַנגעפאלענע, פארוואקסענע מיט מאָך, דורך וועלכע עס האָבן זיך קוים ארויסגעזען בוכשטאבן. ווײַטער זײַנען די קוואָרים אף א ריזיקן שעטעך געלעגן אָן א סיידער. די מערסטע אָן שטיינער אָדער מיט שטיינער אײַנגעפאלענע און שוין האלב־פארזונקענע אין דער ערד.

ער איז געגאנגען, זיך אָפּט אָפּגעשטעלט, אײַנגעבויגן זיך, אָפּגעווישט דעם מאָך און געלייענט די אופשריפטן. ער האָט זיך באמיט איבערעכענען די ייִדישע דאטעס אף די הײַנטצײַטיקע, און ס׳איז ארויסגעקומען: קוואָרים פון פופציק, זיבעציק, אכציק יאָר צוריק. בא יעדן נאָמען, וואָס ער האָט אראָפּגעלייענט פון די אלטע שטיינער, זײַנען אופגעשווומען אין זײַן זיקאָרן האלב־פארגעסענע געשטאלטן פון קרעמערס, שוסטערס, שנײַדערס, שמידן, פארבערס, קאַראָבייניקעס, סטאָליערס, רימערס, באלעגאָלעס. זיי זײַנען געווען ס׳גאנצע לעבן פארטאָן אין דײַגעס־פּארנאָסע. געהאוועט,

געשמײַעט, געמעלאָכעט, געשפּרײַזט איבער דערפער און כוטאָרן. נאָר האווענדיק, האנדלענדיק און אויספירנדיק קאָלערליי מעלאָכעס, איז זיי גאָר אין קאָפּ ניט געקומען, אז זיי פירן דערבײַ אויס א מיסיע — די מיסיע, צוליב וועלכער די ליטווישע גרויספירשטן האָבן זיי גערופן אין לאנד. זיי האָבן געהאָלפן צירקולירן דאָס בלוט אין דעם אָפּגעשטאנענעם לאנד, ווו ביז זיי זײַנען געווען בלויז פּריצים און פּויערים. זיי האָבן פארבונדן מיט עקאָנאָמישע פעדעם די דערפער מיטן שטעטל און דאָס שטעטל מיט דער גרויסער שטאָט.

יאָ, די גרויספירשטן מעגן רויִק שלאָפן אין די קעלערן פון טראַקײַער שלאָס, אין די סקלעפּעס פון ווילנער קאַטעדראַל. זייער פארטראַכט באַם אײַנלאַדן די ייִדן קיין ליטע איז ערלעך אויסגעפירט געוואָרן דורך די אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע מאכנעס ייִדן, וואָס דער פאנאטיזם פון די גאַלאָכים האָט זיי פארטריבן פון מײַרעוו.

סוריצעס געדאנק גליטשט זיך איבער דוירעס, ביז ער שפּאַרט זיך ניט אָן אין דער נײַער צײַט. און דאָ קומט ער צום אויספיר, אז אין דער נײַער צײַט, ווען עס האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן נײַע ווינטן, ווען דאָס לעבן האָט געפאָדערט א נײַעם, ווײַטערן שריט פאָרויס, זײַנען די ייִדן ניט אָפּגעשטאַנען פון דער צײַט.

ער בלײַבט שטיין צווישן צוויי קוואָרים און הייבט אָן אויסצורעכענען אף די פינגער די רעוואָליוציאָנערן פון זײַן שטעטל, וואָס האָבן געקעמפט אין דער דעמלט נאָך אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פארטיי. בא יעדן נאָמען פארבייגט ער א פינגער. די פינגער פון דיביידע הענט האָבן ניט געקלעקט!

אָט אזוי, מיט די נאָך אײַנגעבויגענע פינגער פון ביידע הענט, ווארפט ער א בליק אף איינעם פון די קוואָרים, צווישן וועלכע ער שטייט, און לייענט אראָפּ א פאמיליען־נאָמען, וואָס איז אים ווילבאַקאַנט. דאָס אייניקל פונעם דאָזיקן מענטשן איז געווען אן אָנפירער פון א פארטיזאַן־גרופּע אין דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. ער ליגט אף דעם רומפולן מיליטערישן בעסוילעם אין ווילנע. אף דער מאַצייווע פון זיידן איז אויסגעקריצט א לאַנגער פּאָסעק, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „איש צדק ותמים...״ ער איז געווען א פּאָשעטער האָרעפּאַשניק, א סטאָליער, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן ערלעכקײַט און גערעכטיקײַט. אפן דענקמאָל פונעם אייניקל איז אויסגעקריצט די אופשריפט, אז ער איז געווען א קעמפער אין רעוואָליוציאָנערן אונטערגרונט.

דער קורצער טיף־הארבסטיקער טאָג איז שוין אריבער אף זײַן צווייטער העלפט. איציק סוריץ בראָדזשעט נאָך אלץ איבער די פארוואַקסענע שטעגלעך און באטראכט די אײַנגעפאלענע מאַצייוועס, וואָס וועקן און וועקן דערינערונגען. אים איז שוין קלאָר, אז דער מאָסן־קייווער דארף זיך געפינען אין סאַמע עק פון בעסוילעם, דאָרט, ווו עטלעכע איינזאַמע סאָסנעס הייבן זייערע קרוינען צום הימל.

מיט א שווער הארץ גייט ער אהין.

די ערד הויקערט זיך דאָ. טיילוויַיז איז זי באוואקסן מיט גראָז, טייל־וויַיז סטארטשען דאָ שטיקער נאקעטע ליים. די גרענעצן פון דער גרוב זעען זיך בוילעט אָן.

דאָ האָט זיך פארענדיקט דאָס דוירעסלאנגע לעבן פון א ייִדיש שטעטל...

סוריק גייט צו צו דער סאָסנע, וואָס שטייט הארט לעבן גרוב. זי איז שלאנק און הויך. אז מע קוקט אף איר פון אונטן, זעט זי אויס, ווי זי וואָלט אָנגעשפארט מיט איר קרוין ביז צום סאמע הימל, אזוי ווי אָנ־וויַיזנדיק דעם וועג פאר די קדושים.

מאָדנע. ווען ער איז געגאנגען צווישן די קוואָרים און אראָפּגעלייענט די נעמען פון די מאצייוועס, זיַינען אים אופגעשווומען אין זיקאָרן איינ־צלנע פּנעמער, געשטאלטן. דאָ, ווו עס ליגן א סאך אייגענע — פעטערס, מומעס, שוועסטערקינדער, — קאָן ער קיין שום פּאָנעם ניט ארויסרופן אין זיקאָרן. דאָ ליגט אָן איידע.

איציק שפּארט זיך אָן אין בוים, הייבט אוף דעם קאָפּ אין דער הייך. פון צווישן די צוויַיגן זעט ער וואָלקנס, וואָס טראָגן זיך אומופהערלעך, און אים הייבט זיך אָן צו דאכטן, אז ניט די וואָלקנס לויפן, נאָר ער און די גרוב און דער גאנצער בעסוילעם טראָגן זיך און טראָגן זיך אימפּעט־דיק און האסטיק, טראָגן זיך אין דער אומענדלעכקיַיט.

ווען ער גייט צוריק צו זיַין מאשין, טראכט ער וועגן דעם, אז מע דארף דאָ אוועקשטעלן א דענקמאָל... אָן ארכיטעקטאָר דארף מען וויַיט ניט זוכן: דאָס איז דער הויפּט־ארכיטעקטאָר פון אינסטיטוט: ער איז דאָך דער זון פונעם שטעטלשן שויכעט... דער ארכיטעקטאָר וועט מאכן די צייכענונגען, דאָס איבעריקע וועלן מאכן די געהעריקע אנשטאלטן... ער, סוריץ, באדארף נאָר אָנקלינגען ווו ס'איז נייטיק... שוין לאנג צײַט געווען עס צו מאכן, נאָר אלץ פארדרייט, פארהאוועט געווען...

ער זעצט זיך אין „זשיגולי", קלערט א קורצע וויַילע, און דערנאָך קערעוועט ער אויס די מאשין אף צוריק. אין שטעטל וועט ער שוין ניט פאָרן. ס'איז שפּעט, און אייגנטלעך האָט ער אין שטעטל ניט וואָס צו טאָן.

פון בעסוילעם האָט זיך אָנגעהויבן און מיטן בעסוילעם האָט זיך עס פארענדיקט.

ער פליט דורך, ווי א ווינט, דאָס דאָרף. אָט איז דער בלאָטיקער וועג, מיט וועלכן ער איז פריִער געפאָרן. די מאשין באוועגט זיך איצט פריי־לעכער. זי איז ווי א פערדל, וואָס האָט דערשפּירט, אז מע קערט זיך אום אהיים, צו דער ליב־אייגענער שטאל, ווו מע וועט קענען אויסרוען די גלידער און כראָמטשען דאָס געשמאקע היי.

אין א האלבער שאָ ארום רײַסט זיך די מאשין ארויס פון די צעכראָס־טעטע וועגן, און איציק סוריץ שפּירט בעפיירעש, ווי די מאשין זיפצט פארלײַכטערט אָפּ: אונטער די רעדער איז א פעסטער גלאטער אספאלט.

דער קורצער הארבסט־טאָג פארגייט פּאמעלעך, דער ביין־האשמאָשעס ווערט געדיכטער. די מאשין רײַסט זיך אימפּעטדיק פּאָרויס, פּאָרויס, צו דער גרויסער שטאָט, ווו עס עטעמט, פּולסירט, ברויזט און שוימט איבער די ברעגן א פולבלוטיק נײַ לעבן.

מאָניע

די פּלאַניאָרקע האָט זיך געענדיקט. פּאַנאַנדערוקנדיק די בענקלעך און טאָפּטשענדיק מיט די שטיוול, איז מען זיך פּאַנאַנדערגעגאַנגען. מאָניע איז געבליבן אַליין בא זיך אין קאָנטאָרל. אין דער לופט איז געהאַנגען א געדיכטער וואָלקן רויך. מאָניע איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און עס ברייט געעפנט. די פרישע האַרבסטיקע לופט האָט זיך אַרײַנגעריסן אין צימער, און מאָניע האָט טיף אָפּגעטעמט. מע דאַרף צופאָרן אין פּראָיעקט־אינסטיטוט, האָט ער א טראַכט געטאָן. ס׳מאַכט ניט אויס, ער קאָן זיך אָפּרײַסן אַף א האַלבן טאָג: ערשטנס, האָט ער עטלעכע פראַגן צו דערלײדיקן דאָרטן, צווייטנס...

נאָר וועגן „צווייטנס" וויל ער ניט טראַכטן, ווײַל גראָד „צווייטנס" איז דאָס, וואָס ציט אים אין אינסטיטוט. ער האָט ליב די אייגנאַרטיקע אַטמאָספער זײַנע, אַן אַטמאָספער פון אויסערלעכער געלאַסנקײַט און אינערלעכער אינטענסיווער, אָנגעשטרענגטער אַרבעט. די דאָזיקע אַטמאָספער איז אומעטום: סײַ אין די שטילע צימערן, ווו מענטשן זיצן אײַנגעבויגן איבער די צייכן־ברעטער און שרײַבטישן, סײַ, עפשער אפילע נאָך מער, אין ברייטן קאָרידאָר, ווו מע גייט אַרויס א רייכער טאָן, אויסציִען די פּאַרזעסענע גלידער און פאַריינס אויסהערן א שאַרפן וויץ אָדער א לײַדנשאַפטלעכן וויקועך וועגן א לעצטער פּאַרטיע שאָך פון טשעמפּיאָנאַט.

ווי ווײַט דאָס איז אַלץ פון דער אַטמאָספער אַף דעם בוי־פּלאַץ מיטן אייביקן הו־האַ, מיט זײַן געפּילדער, מיט זײַנע טאָגטעגלעכע וואָכעדיקע זאָרגן און קלעמענישן! בייס ער קלערט וועגן דעם, פּילט מאָניע מיט זײַן גאַנצער נעשאָמע, אַז, אייגנטלעך, וואָלט זײַן, מאָניעס, אַרבעטס־פּלאַץ געדאַרפט זײַן גאָר דאָרט, אין אינסטיטוט, און ניט דאָ, אַפן בוי־פּלאַץ.

מאָניע שטופּט אַרײַן אין פּאָרטפעל די נײטיקע צייכענונגען און גייט אַרויס פון זײַן צימער אין באַראַק. ווען ער איז שוין געווען אין דרויסן, האָט ער זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט. מע דאַרף צוגיין צום עקסטן קאָרפּוס. דער בריגאַדיר, וואָס אַרבעט דאָרטן, האָט נעכטן געקראָגן דעם קראַן און האָט הײַנט, אַכט אַזייגער אינדערפרי, געדאַרפט אָנהייבן לייגן דעם פונדאַמענט. אַף דער פּלאַניאָרקע האָט ער האָפּערדיק געמאָלדן, אַז „אַלץ איז אין אָרדענונג", נאָר עפּעס איז זײַן טאָן ניט געפעלן מאָניען. נאָך פונדערווײַטנס זעט מאָניע דעם קראַן. זיך באַוועגנדיק צווישן די הרודעס אָנגעגראָבענע ערד, ציטערט ער מיטן גאַנצן גוף, האַלטנדיק אין די ציין א שווערן פונדאַמענט־בלאָק. מאָניע קוקט אַרײַן אין דער טראַנשיי:

אינגאַנצן עטלעכע שטיינער. ער זאָגט צום בריגאַדיר אין דער ברעזענ־טענער קורטקע, וואָס איז צוגעגאַנגען צו אים מיט פּוילע טריט:

— ווידער פּאַרשפּעטיקט, האַ?

א קורצער געשפּרעך. דער בריגאַדיר קוקט אין א זײַט, ער קאַלופּעט מיטן שפּיץ פון דעם קירזעווען שטיוול א שטיקל ערד, וואָס וואַלגערט זיך אונטער די פיס. לעסאָף שלײַדערט ער זי מיט קאָס אָפּ און זאָגט אַנט־שלאָסן:

— מיר׳ן אָניאָגן ביזן סאָף טאָג! מאָרגן וועלן מיר אַרײַן אין גראַפיק!

— פאַרוואָס האָסטו ניט אָפּגערייניקט דעם וועג, דער קראַן זאָל קאָנען פרײַער זיך באַוועגן?

— כ׳האָב ניט געוואָלט פאַרלירן קיין צײַט. כאָטש עטלעכע בלאָקן אוועקלייגן...

— געוווּסט, אַז איך וועל קומען קאָנטראָלירן?

ביידע שמייכלען, ווי מענטשן, וועלכע פאַרשטייען גוט איינער דעם אַנדערן.

צוריקוועגס מײַדט מאַניע אויס די קאָנטאָר — מע קאָן אים דאָרט פאַר־האַלטן — און גייט גלײַך צום אויטאָבוס.

אין אויטאָבוס, וואָס פאָרט צום צענטער שטאָט, איז אין דער צײַט פרײַ. מאַניע זעצט זיך צום פענצטער. פאַר זײַנע אויגן וויקלט זיך פאַ־נאַנדער א באַקאַנט בילד: א ראַכוועסדיק פעלד. פריִער איז דאָ געווען א בלאָטע פאַרזומפּן צו ווערן, איצט בויט זיך א נײַער אינדוסטריִעלער ראַיאָן. עס סטאַרטשען די פאַריסענע העלדזער פון די בוי־קראַנען; זיי קאָרמענען פון זייערע שנאָבלען די נידעריקע קאָרפּוסן, וואָס פּאַשען זיך אַרום. צײַטנווײַז טראָגט זיך פאַרבײַ א פאַרטיקער בלאַנק־ווײַסער מויער, וואָס איז אויסגעבויט האַרט לעבן שאָסיי און בלישטשעט מיט זײַנע ריי־זיקע פענצטער. אַרומגעגאַרטלט מיט שוואַרץ־לאַקירטע טרויבן, באַהאַלט ער הינטער זײַנע בלישטשענדיקע פענצטער א סוידעספּול לעבן. מאַניע קוקט אַף דער פּאַנאָראַמע, וואָס וויקלט זיך פאַנאַנדער, ווי א סטענגע פון א פילם מיט גוט באַקאַנטע קאַדרען. זײַנע געדאַנקען זײַנען בייסמײַסע ווײַט.

פון יענעם טאָג, זינט מאַניע איז געקומען אַף דער בויונג, זײַנען שוין אַריבער פיר יאָר. נאָר ביז איצט, אַז ער האָט אזא אומגעריכטע פרײַע מינוט, פאַרטראַכט ער זיך, צי איז ער, דער אויסגעצייכנטער סטודענט, וואָס האָט געקאָנט אויסקלײַבן וועלכן אינסטיטוט ער וויל, געווען גע־רעכט, ווען ער האָט געזאָגט דער קאָמיסיע, מע זאָל אים שיקן פאַר א מײַסטער אַף א בויונג.

דער באַשלוס איז געווען א גאַנץ אומגעריכטער, די פּראָפעסאָרן האָבן אים געהאַלטן פאַר א געבוירענעם פּראָיעקטירער. ער אַליין, דאַכט זיך, אויך.

ער דערמאָנט זיך דעם טאָג פון דער פאַרטיילונג.

אין קאָרידאָר שטייט א גרופּע סטודענטן און מע שמועסט. די אופרע־גונג פון די עקזאַמענעס איז שוין פאַרבײַ. איצט — נײַע איבערלעבונגען: די פאַרטיילונג. אָקאָרשט האָט זיך פאַרשפּרייט א קלאַנג, אַז פּאָדערונגען

אף אינזשעניערן זײַנען פאראן א סאך אי פון אינסטיטוטן, אי פון בוי־טרעסטן, נאָר די אָנפירונג פון אינסטיטוט איז געניגט אלעמען צו שיקן אלס מײַסטערס אף די בוי־פּלעצער.

— נו, ריכטיק, — רופט זיך אָפּ מאַניע, — קוידעמקאָל דארף מען קריגן פּראַקטיק. וואָס פאר אַן אינזשעניער איז מען אָן פּראַקטיק?

דאָס וואָרט „אינזשעניער" אין באצוג צו זיך איז פאר זיי נאָך נײַ און קלינגט מאָדנע.

— מיר'ן הערן, וואָס דו וועסט זינגען, אז דו וועסט ארײַנפאלן אין א העק, ווו מע בויט א נײַעם קאָמבינאַט, שלאָפן אין פּאלאטקעס און טאָפּטשען זיך אין בלאָטע ביז איבער די קני, — רופט זיך אָפּ דער לאַנ־גער שטענדיק אפּאטישער יורעק.

— עט, כעוורע, וואָס איז דאָ צו ריידן... פּראַקטיק איז פּראַקטיק, העק איז העק... אונדז פרעגט מען ניט. — דאָס זאָגט קאַזיק, א שיינער, קרעפּ־טיקער יונג. זײַנע בלויע אויגן קאָסען עטוואָס, נאָר ווײַל זײַן בליק איז שטענדיק א פרעכער און זעלבסטזיכערער, מערקט מען עס קימאַט ניט.

— אין דאָרף איז אויך געוועזן ניט שלעכט. געדענקסט, יורעק? — דער קליינער, באוועגלעכער וויטיע פינטלט צו יורעקן, נאָר יענער ענטפערט אים ניט. די שטימונג איז צו ערנסט פאר שפּילערײַען.

— נו, און דו, מאַניע, אגיטירסט יענעם, און אליין קלײַבסטו זיך גע־וויס אין אַן אינסטיטוט. — קאַזיקס קאָסאָקע אויגן באטאַפּן שפּאָטיש־פרעך מאַניעס פּאָנעם.

— פארוואָס דען ניט? ער האָט דאָך די בעסטע מיינונגען, — זאָגט עמעצער.

— נו, איז וואָס? ער זאָגט דאָך, אז דער איקער איז פּראַקטיק.

דער פרעכער טאָן קאַזיקס מאכט א שווערן אײַנדרוק. מער פאר אלע־מען איז געפּלעפט מאַניע. ער ווערט אָנגעצונדן, נאָר עפּעס דריקט אים, שטערט מאָמענטאל צו רעאגירן.

דער ערשטער כאַפּט זיך אליק:

— ווער־וועד, קאַזיק, נאָר דו מעגסט שווײַגן, — זאָגט ער פאַרדראָ־סיק, — דו וועסט זיך דאָך אוואדע ארויסדרייען. דו האָסט דאָך א פעטער אין די הויכע פענצטער!..

דאָ טאַקע אָפן אָרט האָט מאַניע אָנגענומען דעם באשלוס — ער גייט אָפן בוי־פּלאַץ.

פאר דער צײַט, וואָס ער ארבעט אף דער בויונג, איז מאַניע צונויפ־געוואַקסן געוואָרן מיט זײַן פּראָפעסיע, זי ליב באקומען. פון א מײַסטער איז ער שוין לאַנג געוואָרן א פּראָראַב. די טויזנטער זאָרגן — קלענערע און גרעסערע, מאַטעריעלע און טעכנישע, פון וועלכע עס באשטייט די טעטיקײַט פון א פּראָראַב, — זײַנען געוואָרן די לופט, מיט וועלכער ער אָטעמט. אפילע אויסער דער ארבעט פלעגט ער טראכטן וועגן ציגל, מיט וועלכע מע דארף באזאָרגן דעם באצירק, וועגן א קראַן, וואָס מע דארף ארויסרײַסן באַם טרעסט, וועגן א טראַנספּאָרטיאָר, וואָס מע דארף איבער־שטעלן. ער האָט ליב געקראָגן דאָס קאָנטאָרל, שטענדיק א צײַטווײַליקס, מיט א בײַכיק אייוועלע אין דער מיט, צו וועלכן די ארבעטער, וואָס קו־

מען אריַין אין קאָנטאָר, שטרעקן אויס, זיך זשמורענדיק פון פאַרגעניגן, די רויטע פאַרפּאַרענע הענט. און דער איקער האָט ער ליב געקראָגן די מענטשן, אַזוינע פאַרשיידנאַרטיקע, אָפטמאָל מיט שווערע כאַראַקטערן, מיט ווידערשפּרעכלעכע אינטערעסן. ער האָט ליב געקראָגן דעם עצעם פּראָצעס פון בויען.

און פונדעסטוועגן ווייסט מאַניע, אַז ערגעץ טיף אין דער נעשאָמע איז בא אים נאָך פאַרבליבן א שטיקל בענקעניש נאָכן אינסטיטוט, נאָך זיַין שטילן, אינטענסיוו־רוכני־עסדיקן לעבן.

אין אינסטיטוט איז מאַניע קוידעמקאָל אוועק אין אַרכיוו. פון די צוויי מיידלעך, וועלכע באַדינען דעם אַרכיוו, איז באַם טיש געזעסן בלויז טאַמאַרע. דאָס איז גוט: מיט איר איז לײַכטער דורכצוקומען.

— א, מאַניע־פּראַבע! — האָט זי אויסגערופן א דערפרייטע און לאַנג ניט אַראָפּגענומען פון אים דעם צופרידענעם בליק. — א מעכיַיע צו קוקן אף דיר, מאַניע, אַן אָפּגעברענטער, א פאַרהאַרטעוועטער, מאַמעש א ספּאָרטסמען. אף אונדזערע יאַטן איז כאַלאָשעס צו קוקן: בלאַסע, צעקראָכענע.

מאַניע האָט איר דערקלערט, וואָס ער דאַרף. א פּאָר צייכענונגען זיַינען בא אים קאַליע געוואָרן פון צופּיל זיַין אין געברויך. ער וואָלט וועלן, זי זאָל לאָזן אָפּדרוקן פונזיַינטוועגן נײַע.

— דאָס איז אַלץ? — טאַמאַרעס רויטע געפאַרבטע ליפּן קרימען זיך מיט א ביסל פאַרדראָס. — מאָרגן וועסטו האָבן נײַע.

— טאַמאַראָטשקע, דו ביסט א גאָלד!

— און איך? — דערהערט זיך א כויזעקדיקע שטים פון דער טיף פון צימער. פון הינטער די פּאָליצעס באַווײַזט זיך א דינע, בלאַסע נאָז, אָנגעזאָטלט מיט א בריל.

— וויטאַ, דו ביסט אויך דאָ?! — מאַניע פאַרלירט זיך א ביסל.

— אוואַדע בין איך דאָ און הער אַלץ. טאַמאַראָטשקע, זאָגסטו, איז א גאָלד, און איך וואָס בין?

— דו... דו... ביסט אוראַן.

— אוראַן? פאַרוואָס עפּעס אוראַן?

— אוראַן, פאַר אַטאָם־באָמבעס.

— כאַ־כאַ־כאַ, — וויטאַס געלעכטער קלינגט א ביסל געצוווּנגען, — נו, זאָל זײַן אַזוי. אוראַן איז הײַנטיקע צײַטן טײַערער פון גאָלד.

— אוואַדע, אוואַדע, — איז גערן מאַסקים מאַניע און וואַרפט א פאַרשטייענדיקן בליק אף טאַמאַרען.

פון אַרכיוו גייט מאַניע אין בוי־סעקטאָר. דאָס איז א גרויסער צימער, וווּ עס אַרבעטן א מאַן צוואַנציק. קימאַט אַלע זיַינען באַקאַנטע. מאַניע לאַווירט צווישן די צייכן־ברעטער, טישן און קולמאַנס, זיך באַגריסנדיק מיט

איינעם, איבערוואָרפנדיק זיך מיט א וואָרט מיט א צווייטן, ביז ער קומט צו איינעם פון די לעצטע טישלעך.

— גוט־מאָרגן, קאזיק.

— א, מאָניע־פּראָראַב, זעץ זיך.

מאָניע זעצט זיך אוועק, נישטערט אין פּאָרטפעל, נעמט ארויס א צייכענונג, וויקלט זי אָן אײַלעניש פאנאנדער און זוכט מיט די אויגן די אונטערשריפט, קלוימערשט ער ווייסט ניט, וועמעס אונטערשריפט עס שטייט דאָרטן אין דער רובריקע „פּראָיעקטירט”.

— דײַן ארבעט, הא?

— נו, מײַנע. וואָס איז?

מאָניע הייבט אָן צו דערקלערן. לעכאטכילע זעט אויס דאָס בעטאָנענע ווענטל, וואָס שפּארט אונטער דעם ארײַנפאָר אין צעך, עפשער ניט שלעכט. נאָר ווען מע גיט א קוק אפן גענפּלאַן, זעט מען, אז דער רעליעף איז דאָרט א מעשופּעדיקער. ווי מיינט ער, קאזיק, דאָ וועט קלעקן א פּאָשעט בעטאָנען ווענטל?

קאזיק נישטערט נערוועז איבער דער צייכענונג. וואָס מער ער דרינגט ארײַן אין איניען, אלץ פינצטערער ווערט זײַן פּאָנעם.

— ווייסט זיי דער טײַוול, וואָס זיי האָבן דאָרט געמאכט אין גענפּלאַן, — מורמלט ער צווישן די ציין.

— אָבער דו האָסט דאָך געמאכט דײַן צייכענונג אפן סמאך פון גענפּלאַן.

קאזיק קוקט מיט קאָסאָקע אויגן אף מאָניען. ער קאָן שוין מער ניט באהאלטן זײַן פארלוירנקײַט.

— און דו האָסט שוין געמאכט דאָס ווענטל?

— געמאכט.

— לויט אָט דער צייכענונג?

— קיין אנדערע האָב איך דאָך ניט געהאט.

קאזיק שווײַגט. מאָניע צוקט אומגעדולדיק מיט די אקסלען. ער האָט שוין קימאט כאראָטע, וואָס ער האָט פארפירט דעם דאָזיקן אומנוצלעכן געשפּרעך. ער קלײַבט צונויף די צייכענונגען, רוקט זיי ארײַן אין פּאָרטפעל און הייבט זיך אוף.

— דו גייסט שוין אוועק? — פרעגט קאזיק אומרויִק.

— ניין, איך דארף נאָך צו די סאנטעכניקער.

— נו, וועלן מיר דיר שפּעטער געבן אן ענטפער. כ'וועל זיך דאָ מעיאשעוו זײַן מיט וולאדימיר ניקאָלײַעוויטשן.

בא די סאנטעכניקער גייט עס צו לעבעדיק. מאָניע לייגט פאָר צו ענדערן די טראַסע פון די קאנאליזאציע־טרויבן. ער פירט דורך מיטן בלײַער איבער דער צייכענונג א נײַע ליניע: אויב מע זאָל מאכן אזוי, שפּאָרט מען אײַן א סאך ערד־ארבעט, ווײַל דאָרט איז דאפקע איצטער ארויסגענומען די ערד פאר די פונדאמענט־ארבעטן. די סאנטעכניקער קוקן סקעפּטיש אף דער נײַער ליניע, זיי זײַנען שטאָל־און־אײַזן פאר זייער פּאָרשלאָג. עס הייבט זיך אָן א וויקועך. דערהערט דעם טומל, קומט ארײַן דער פארוואלטער. ער הערט אויס ביידע צדאָדים, פארטראכט זיך א ווײַלע, מאכט

עטלעכע פלינקע באוועגונגען מיט דער לאַגאַריפמישער ליניקע און קוקט מיט כיטרע אויגן אף מאַניען: „אפֿן אָרט איז, פאַרשטייט זיך, קענטיקער". דערנאָך נעמט ער ארויס מיט א ברייטן זשעסט די אוטאָמאטישע פעדער און שרײַבט קוואַר איבער דער צייכענונג זײַן האסקאָמע.

מאַניע גייט ארויס א צופרידענער אין קאָרידאָר. ער שטויסט זיך אָן אפֿן פאַרוואַלטער פון בוי־סעקטאָר, וואָס גייט ארום איבערן קאָרידאָר און פּאַרציט זיך זשעדנע מיטן רויך פון א פּאפּיראָס.

— וולאַדימיר ניקאָלײַעוויטש, איך גיי צו אײַך.

— כ׳ווייס... כ׳ווייס... דאָס ווענטל... א מיִעסע מײַסע..: גוט, וואָס איר האָט זיך געכאַפּט. מע וועט דאַרפֿן ברעכן דאָס ווענטל און מאַכן א נײַס, פון אײַזנבעטאָן... מיר׳ן ארויסגעבן א נײַע צייכענונג און צונויפשטעלן אַן אַקט. די שולד, פאַרשטייט זיך, נעמען מיר אף זיך.

— וולאַדימיר ניקאָלײַעוויטש, מע דאַרף ניט.

— וואָס הייסט, מע דאַרף ניט?

— איך האָב דאָס ווענטל געמאַכט ניט נאָך דער צייכענונג.

וולאַדימיר ניקאָלײַעוויטשעס פּאפּיראָס בלײַבט שטיין פאַרגליווערט אפֿן וועג צום מויל.

— אזוי גאָר? איז ווי האָט איר עס געמאַכט?

מאַניע דערקלערט צוערשט מיט די הענט, דאַן מיט א בלײַער אף א ווינקל פון עפּעס א דיאַגראַם, וואָס הענגט אף דער וואַנט. וולאַדימיר ניקאָלײַעוויטש זופּט מיט קליינע שלונגען דעם רויך און שאָקלט מיטן קאָפּ. זײַן פּאָנעם ווערט אויסגעלײַטערט.

— מאָלאָדיעץ, מאַניע, מאָלאָדיעץ! אזוי איז ריכטיק. אבי יענער איז ארײַנגעפאַלן אין פּאַניק. צו וואָס האָט איר אים איבערגעשראָקן?

— סטאַם אזוי... — ענטפערט מאַניע א ביסל פאַרלעגן. ער פילט זיך איצט ווי א פאַרזינדיקט יינגל אנטקעגן אַן עלטערן און קוקט מיט אָפּשײַ אף יענעמס צעקנייטשט פּאָנעם מיט די רונדע ברילן אף דער ברייטער נאָז.

— אלטע כעזשבוינעס, האַ?

— עפּשער.

— און צו מיר זײַט איר איצט געגאַנגען, איך זאָל הייסן אײַנשליסן אָט די ארבעט אײַערע אין סמעטע?

— נו, יאָ.

וולאַדימיר ניקאָלײַעוויטש לאַכט זיך פאַנאַנדער. ס׳איז א פאַרקײַכטער, הייזעריקער געלעכטער פון א פאַרביסענעם רייכערער. דערנאָך וואַרפט ער אוועק דעם פּאפּיראָס, קוקט א ווײַלע דורכדרינגלעך אף מאַניען, ציט ארויס פון קעשענע א פּעקל פּאפּיראָסן און שטרעקט עס אויס צו מאַניען.ביידע פאַררייכערן. וולאַדימיר ניקאָלײַעוויטש נעמט מאַניען אונטערן אָרעם, און זיי לאָזן זיך ווײַטער איבערן קאָרידאָר: צוויי מענער, וואָס פירן א מענערשן געשפּרעך.

— איך האָב שוין לאַנג געוואָלט מיט דיר ריידן, סאָלאָמאָן איסאַקאָוויטש, — זאָגט וולאַדימיר ניקאָלײַעוויטש און ווערט אף א ווײַלע אנשוויגן. דער פלוצלינגדיקער „דו" און „סאָלאָמאָן איסאַקאָוויטש" קלינגען פאַר־

טרוילעך, און דאָס טוט האַנאַ מאַניען. וולאַדימיר ניקאָלײַעוויטש טוט אַ טיפן צי דעם רויך און רעדט ווײַטער:

— איך טראַכט אָפֿט וועגן דיר. דו האָסט שוין אָפּגעאַרבעט אױף דער בויונג דרײַ יאָר. האָסט באַקומען פּראַקטיק, נו, און טעאָרעטיש איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן...

ער שטעלט זיך אָפּ, לאָזט אַרויס מאַניעס אָרעם, אָפּן פּאָנעם באַ אים איז אויסגעגאָסן אַן ערנסטער און פֿײַערלעכער אויסדרוק. ער רעדט לאַנג־זאַם, וואָרט באַ וואָרט:

— איז אָט! איצט איז געקומען די צײַט. גיי אַריבער צו אונדז. כ׳וואָלט דיך אַפֿילע גענומען פֿאַר מײַנעם אַ פּאַרטנער. אין מיניסטעריום וועלן מיר פֿויעלן, מע זאָל דיך אַריבערפֿירן.

די דאָזיקע ווערטער רופֿן אַרויס אַ צעררודערונג אין מאַניעס געמיט. וועגן דעם האָט ער גאָר ניט לאַנג געקאָנט נאָר כאָלעמען. עס האָט זיך אָבער עפּעס אין אים געענדערט.

— אַ דאַנק, וולאַדימיר ניקאָלײַעוויטש, פֿאַרן צוטרוי... נאָר ס׳וועט דאַכט זיך, דערפֿון קיין זאַך ניט אַרויסקומען.

— פֿאַרוואָס?

— איך וויל ניט. כ׳וועל נאָך דערווײַל בלײַבן אױף דער בויונג.

— ביזוואַנען? — בייזערט זיך וולאַדימיר ניקאָלײַעוויטש. — ביז אַן אינפֿאַרקט?

דאָס איז אַן אָנצוהערעניש. מיט אַ קורצער צײַט צוריק איז באַ דעם הויפּט־אינזשעניער פֿון איינעם אַ טרעסט געוועזן אַן אינפֿאַרקט. אַז ער איז געזונט געוואָרן, איז ער אַריבער אַרבעטן אין אינסטיטוט.

— נו, ביז אַן אינפֿאַרקט איז נאָך ווײַט, — שמייכלט מאַניע. דאָס איז דער אייביקער שמייכל פֿון יוגנט איבער אַלטקײַט.

וולאַדימיר ניקאָלײַעוויטש שטייט נאָך אַ ווײַלע. איבער זײַן קאָפּ זאַמ־לען זיך בייזע קנוילן פֿון רויך. שוין אַוועקגייענדיק, דרייט ער זיך אויס:

— נו, ווי דו ווילסט. אַ גוטן. — דערנאָך שטעלט ער זיך אָפּ נאָכאַ־מאָל. — פֿונדעסטוועגן טו נאָך אַ קלער, סאָלאָמאָן איסאַקאָוויטש. אַזעלכע פֿאַרשלאָגן מאַכט מען ניט יעדן מאַנטיק און דאָנערשטיק.

מאַניע גייט לאַנגזאַם איבערן אָנגערייכערטן קאָרידאָר צום אַרויס־גאַנג. ער לאָזט זיך אַראָפּ איבער איין מאַרש טרעפּ, אַ צווייטן, און בייס די שווערע טיר פֿאַרקלאַפּט זיך הינטער אים, אָטעמט ער מיט אַ פֿולער ברוסט אַרײַן די פֿרישע לופֿט. און ער לאָזט זיך מיט פֿעסטע טריט צום אַוטאָבוס.

א פּאַרשפּילט לעבן

הילעל זײַדלמאַן וואָלט ניט געקאָנט זאָגן, פאַרוואָס עס ציט אים אַזוי אַרײַנצוגיין צו כּיענען, צו יענער כּיענען, וואָס איז מיט אייסעך וויפל יאָרן צוריק געווען בײַ אים אין קלייט א פּריקאַזטשיצע. דאָ ניט לאַנג צוריק האָט אים עמעצער געזאָגט, אַז פון זײַנע אַמאָליקע פּריקאַזטשי־צעס איז פאַרבליבן דאַפקע די כּיענע, וואָס האָט אים אַזוי פיל בלוט פאַרדאָרבן, און לעבן לעבט זי טאַקע דאָ, אין דער זעלבער שטאָט, וואָס ער. פון דענסטמאָל אָן האָט אים אָנגעהויבן צו פּיקן און פּיקן אין מויעך: מע דאַרף אַרײַנגיין צו איר.

דאַכט זיך, וואָס? אַזוי פיל יאָרן פאַרבײַ, שוין אַלץ אָפּגעמעקט און אָפּגעווישט און ביכלאַל — ער און זי, הילעל זײַדלמאַן און כּיענע די פּריקאַזטשיצע, צוויי מענטשן פון פאַרשיידענעם גראַד, מע מעג זיי רײַבן מיט זיבן זאַמדן, שווענקען אין צוואַנציק וואַסערן, בלײַבט יעדערער פון זיי פאַרט דאָס, וואָס ער איז: ער איז נאָך הײַנט א מענטש, וואָס קיין פינגער אין מויל טאָר מען אים ניט אַרײַנלייגן, א קאָפּ, וואָס סאָכרים מיט בערד פלעגן קומען צו אים זיך האַלטן אַן אייצע, און זי — א פּראָסט מיידל מיט א פּאָר לאַכנדיקע אויגן און צוויי כּיין־גריבעלעך אויף די פרישע זאַפטיקע באַקן.

אוי, די כּיין־גריבעלעך! ער פלעגט זיך אוועקזעצן אין דער קאָנטאָר־קע ניט בײַ זײַן טיש, נאָר בײַ א קלענערן טישל, קלוימערשט ער זוכט דאָרט עפּעס, נאָר אינדערעמעסן דערפאַר, וואָס פון יענעם אָרט האָט ער דורך דער אָפענער טיר געקאָנט זען כּיענען. זי איז געווען יונג און שיין. און עפּשער ניט אַזוי שיין, ווי ליבלעך. ליבלעך מיט איר פּאָנעם, מיט איר שטים, מיט איר גאַנצער האַלטונג. ער האָט געוווסט, אַז אויב א קונד פאַלט אַרײַן צו כּיענען, וועט ער שוין א ליידיקער פון קראָם ניט אַרויס־גיין. זי האָט פאַרמאָגט א כּיין, וואָס האָט באַצויבערט אַלעמען, און מער פאַר אַלעמען טאַקע אים, דעם באַלעבאָס. געווען אפילו א צײַט, ווען ער איז געווען מאַמעש באַזעסן פון איר.

הילעל זײַדלמאַן איז נאָך דעמלט געווען א יונגערמאַנטשיק, בעסאַ־כאַקל עטלעכע יאָר נאָך דער כאַסענע. נאָר דאָס ווײַב, וואָס האָט אים אַרײַנגעבראַכט אַלס נאַדן דעם דרײַשטאָקיקן מויער אויף דער הויפּט־גאַס און די גרויסע קראָם, איז געווען א קרענקלעכס. „זויערמילך, צוגעפּראַ־וועט מיט עסיק" — האָט ער זי גערופן, און פון זײַן פאַמיליען־לעבן האָט ער קנאַפּ נאָכעס געהאַט. כּיענע האָט אויפגערודערט זײַן גאַנץ וועזן, אויפ־

געוועקט אין אים קויכעס, וואָס זײַן סאָכרישער סייכל האָט גאָרניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אז אזוינס איז מעגלעך. טאָג און נאכט איז זי געשטאנען פאר זײַנע אויגן, און די בלוטן אין זײַנע אָדערן האָבן געשלאָגן שווער און פאָדערנדיק.

כ׳ינע האָט אים אָנגעהויבן אויסמײַדן. אז זײַנע הייסע הענט האָבן זיך קלוימערשט צופעליק אָנגערירט אָן אירע פּלייצעס, בייס ער איז פארבײַגעגאנגען, האָט זי זיך האסטיק אָפּגעטרייסלט. אז ער האָט זי גערופן אין קאָנטאָרקע, איז זי ניט געגאנגען, ביז דאָרט האָט זיך נאָך עמעצער באוויזן.

איינמאָל האָט ער זי ארײַנגעקראָגן אין קאָנטאָרקע און, אָנכאפּנדיק זי מיט ביידע הענט פאר די אקסלען, הייס ארײַנגעטעמט אין איר:

— כ׳ינע, טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט, איך בין גרייט אף אלץ. כ׳וועל אוועקווארפן די פרוי, דאָס קינד, אלץ אוועקווארפן... נאָר דיך, דיך...

זי האָט זיך ארויסגעריסן פון זײַנע הענט, און אין אירע לאכנדיקע אויגן האָבן זיך באוויזן טאנצנדיקע שיידימלעך:

— אז איר וועט אוועקווארפן דאָס ווײַב און קינד, וואָס וועט איר זײַן? אן אָרעמאן!

— וואָס הייסט אן אָרעמאן? כ׳וועל ארבעטן, כ׳וועל דרייען א ראָד... מע קען מיך אין שטאָט!..

— אן אָרעמאן מיט א בורזשויסקער נעשאָמע... פע!

שפּעטער איז ער געזעסן בא זײַן טיש אין קאָנטאַרקע און שווער געסאָפּעט. זי איז גערעכט, די קאָלבויניצע. מיט די שלעפּארעס איז ער ניט קיין גייער. ער איז פאָרט א מענטש פון א העכערן גראד. א שפּײַטאָן אפן מויער אף דער הויפּט־גאס? אָפּזאָגן זיך פון אלץ און ווערן צוריק א באלעבאטישער ליידיקגייער, וואָס דרייט זיך ארום מיט זײַן שטעקעלע איבער די גאסן און נישטערט ווו א מעקלערײַ, ווו א שטיקל קאָמיס׳אָנקע? עמעס, ער האָט א קאָפּ אף די פּלייצעס, הילעל. ווו נאָר א פארדרייטער סיכסעך צווישן סאָכרים, ווו נאָר א פארפלאָנטערטע בוכהאלטעריע לויפט מען צו אים. דאָס „קעפּעלע” האָט מען אים גערופן. ווער נאָך, ווי ער, האָט געקאָנט אײַנשטעלן א בוכהאלטעריע? ניט קיין דאָפּלטע איטאליענישע, דאָס איז בלאָטע. א דרײַפּאכע, א פירפּאכע! איין בוכהאלטעריע פאר זיך, איין בוכהאלטעריע פארן שוטעף, איין בוכהאלטעריע פארן באנק און איין בוכהאלטעריע פארן פינאנץ־אינספּעקטאָר! טאָמער וועט יענער וועלן זיך גריבלען, זאָל ער זען, אז רעוואָכים האָבן די שוטפים געהאט א פּײַגג!

דאָס אלץ איז עמעס. ער וואָלט ניט פארפאלן געוואָרן. אָבער ווי נעמט מען עס און מע זאָגט זיך אָפּ פון א דרײַשטאָקיקן מויער און א מאנופאקטור־קראָם א שמאלץ־גרוב מיט פיר גרויסע וויטרינעס אף דער הויפּט־גאס? טאָמער האָט שוין געטראָפן אזא נעס און ער איז פון א באלעבאטישן ליידיקגייער געוואָרן א יוסטער באלעבאָס, טאָ ווי נעמט מען עס און מיט די אייגענע הענט צעשטערט מען אזא מאצעוו? ניין, בעסער שוין כליאָבען זויערמילך און פארזופּן מיט עסיק...

...קורץ נאָכדעם האָט איבער הילעל זײַדלמאַנס מאגאזין, ווי אויך איבער אנדערע מאגאזינען, זיך דורכגעטראָגן א שטורעם. די פּריקאזטשיקעס האָבן דערקלערט א שטרײַק. און ווי אפּצולאָכעס איז כיענע געווען די, וואָס איז געקומען איבערצוגעבן דעם באַלעבאָס די פאָדערונגען פון די שטרײַקערס.

— כיענע, דו? דו ביסט אויך פון די פּראָלעטאַריאַטן?

— פון די פּראָלעטאַריער, באַלעבאָס, — האָט זי אים פאַריכט מיט איר קלינגענדיקער שטים. אירע לאַכנדיקע אויגן האָבן געקוקט אָפּשפּאָטעריש און די כיין־גריבעלעך האָבן זיך איזדיעקעוועט איבער אים.

הילעל זײַדלמאַן איז געוואָרן אופגעקאָכט. ס'האָבן אים אופגערעגט ניט אזוי די פרעכע פאָדערונגען פון די „פּראָלעטאַריאַטן", ווי די כוצפּע פון אָט דעם מיידל. אין איין הערעף־אײַען האָט זיך זײַן לײַדנשאַפט אזוי ווי אויסגעדרייט אף דער לינקער זײַט — ער האָט זי איצטער פײַנט געהאַט טאַכלעס־סינע, און ווען ער קאָן, וואָלט ער זי צעריסן ווי א הערינג.

דער שטרײַק האָט ניט לאַנג געדויערט. די באַלעבאַטים זײַנען געווען עפּעס ווי צעטומלט. די אַרבעטער האָבן זיך פעסט געהאַלטן. ס'איז שוין געגאַנגען דאָס ערעוומילכאָמעדיקע יאָר, און די מאַזיקים האָבן שוין געוווּסט, ווו מע האַלט אין דער וועלט.

לענגער פון אַלעמען האָט זיך דער שטרײַק פאַרצויגן בא הילעל זײַדלמאַנען. ער האָט אויך נאָכגעגעבן אַלע פּונקטן, נאָר אין איין פּונקט האָט ער זיך אײַנגעשפּאַרט. ער האָט אומבאַדינגט געוואָלט, אַז די רעדלפירערן פון די „פּראָלעטאַריאַטן" כיענע זאָל ער קאָנען אָפּזאָגן פון דער שטעלע. אַרויסרײַסן זי פון האַרצן, אַראָפּ פון די אויגן און איין מאָל פאַר אַלע מאָל זאָל זײַן אַן עק, א סאָף. נאָר דאַפקע אין דעם פּונקט זײַנען די יונגען געווען אײַזן־פעסט. דאַפקע ווײַל זי איז געווען די רעדלפירערן, טאָר מען זי ניט אָפּזאָגן.

און ווידער האָט זיך געצויגן דאָס אייגענע. שאָענלאַנג איז הילעל געזעסן באַם זײַטיקן טישל אין דער קאָנטאָרקע, געקוקט מיט גנייווישע אויגן דורך דער אָפענער טיר, און כוואַליעס פון לײַדנשאַפטלעכן באַגער האָבן זיך געביטן מיט כוואַליעס פון ניט ווייניקער לײַדנשאַפטלעכער סינע.

הילעל זײַדלמאַן באַוועגט זיך ווײַטער אין זײַנע זיכרוינעס. אינגיכן איז אָנגעקומען דאָס יאָר, ווען מע האָט בא אים צוגענומען דאָס הויז, די קראָם. ווײַבאַלד אזוי, איז וואָס האָט ער דאָ צו זיצן? ווערן א פּראָלעטאַריער קאָן ער ערגעץ אַנדערש, ניט אויסשטיין קיין ביזיוינעס. איז ער אַריבערגעפאָרן טיף אין לאַנד, אפן ווײַטן צאָפן.

אפן ווײַטן צאָפן האָט ער געהאַלטן א קיאָסק, געווען אַן עקספּעדיטאָר, אַן אַגענט פון קאָאָפּעראַציע, אַרומגעפאָרן איבער די ייִשוּווים, אופגעקויפט אוטיל און וואָס ניט. געווען אין אָט דעם ייִשעוו נאָך א האַלב צענדליק אַזעלכע ווי ער פון זײַן שטאָט, סראָוו עלטערע מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין יאַכמערן איבער די געוועזענע גליקן און קוים דורכגע־

שטופּט דעם טאָג. הילעל זײַדלמאַן איז אַנטקעגן זיי געווען אַ מאַג־נאַט.

— איר פאַרשטייט, — האָט ער געלערנט די געוועזענע סאָכרים, — די „גרויסע" (אַזוי האָט ער גערופן די באָלשעוויקעס) האָבן אײַנגעשטעלט אַן אויסגעצייכנטע און גוט דורכגעטראַכטע האַנדלס־סיסטעם. אָבער אַלץ לאָזט זיך ניט פאַרויסזען פון אויבן. ווי גוט די סיסטעם זאָל ניט זײַן, האָט זי פאָרט שפּעלטעלעך און בלויזן. מע דאַרף נאָר קענען אַרײַנשטעלן אַ פּיסל אין אָט דעם שפּאַלט, דאַן האָט מען ברויט און צום ברויט.

הילעל זײַדלמאַן האָט געהאַט אי ברויט, אי „צום ברויט". ער איז גע־ווען ענערגיש, פלינק, דערפינדעריש, און דערבײַ האָט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז ער גייט האַרט פּאַזע אַן אָפּגרונט און טאָמער גליטשט ער זיך כאָלילע אויס, איז ער פאַרפאַלן, וואָס פאַרפאַלן הייסט. זײַן ווײַב, וואָס האָט אַמאָל אַרײַנגענומען דעם אָרעמבאָכער צו זיך אין שמאַלץ־גרוב, האָט געמעגט ניט כאַראָטע האָבן אַפן אייסעק — איר מאַן האָט זיך אין די שווערע באַדינגונגען אויסגעטויגט מערער ווי די יוסטע באַלעבאַ־טים פון איר שטאַנד.

נאָך דער מילכאָמע האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז זייער זונדל, וואָס האָט ניט געוואָלט מיטפאָרן מיט זיי, איז צוזאַמען מיט אַלע ייִדן פון דער שטאָט אומגעקומען פון די דײַטשן. הילעל האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ: ער, ער מיט זײַן „קעפּעלע" איז שולדיק אין זײַן טויט! דאָס ווײַב האָט מיט פאַרפרעסטע ליפּן אים געטרייסט: זיי האָבן דעמלט געהאַנדלט לויטן סייכל, אָבער גיי ווייס, אַז די גאַנצע וועלט וועט זיך איבערדרייען מיטן קאָפּ אַראָפּ און דער סייכל וועט שוין ניט זײַן קיין סייכל... צו זייער גרויסער פרייד, האָט זי, שוין גאָרניט קיין יונגע פרוי און טאָמיד אַ קרענקלעכע, פאַרטראָגן און באַ זיי איז געבאָרן געוואָרן אַ מיידל. הילעל האָט אופגעשטורעמט פון פרייד — איצט האָט ער פאַר וועמען צו האָרע־ווען, אײַנשטעלן דאָס לעבן, ער האָט אַ צוקונפט. דאָס קינד איז געווען אַ קרענקלעכס — ס'האָט באַדאַרפט באַזונדערע שפּײַז, באַזונדערע מעדיצי־נישע אופזיכט, און פאַר הילעלן איז ניט געווען קיין זאַך, וואָס ער זאָל ניט קריגן.

אינגיכן האָט ער זיך אַריבערגעקליבן אין אַ גרויסער סיבירער שטאָט. דאָרט האָט ער געאַרבעט אין האַנדלס־קאָאָפּעראַציע, געווען טיכטיק, דערפינדעריש, געבראַכט אַ סאַך נוצן דעם אַנשטאַלט, ווו ער האָט גע־אַרבעט, און דערבײַ זיך אויך ניט פאַרגעסן. אָבער אַלץ מיט אַ מאָס, מיט אָפּגעהיטקײַט.

די צײַט איז געגאַנגען, דאָס ווײַב האָט אַלץ מער אונטערגעקרענקט, די טאָכטער האָט באַדאַרפט אַ טאָכלעס, און הילעל האָט אַלץ מער אָנגע־הויבן צו קלערן וועגן די היימישע קאַנטן. ער איז צוגעפאָרן איין מאָל אין זײַן שטאָט, אַ צווייט מאָל, און אים איז געלונגען דורכצופירן אַ קאָפּ־ברעכערישע קאָמבינאַציע מיט אַ דרײַפאַכן בײַט, אין רעזולטאַט פון וועלכן ער האָט אויסגעביטן זײַן גרויסאַרטיקע דירע אין דער סיבירער שטאָט אַף צוויי קליינטשינקע צימערן אין זײַן היימשטאָט.

און אָט איז ער שוין אַ האַלב יאָר אין זײַן היימשטאָט, גייט אַרום
איבער די באַקאַנטע גאַסן, עטעמט די היימישע לופט און — ס׳איז אַלץ ניט
דאָס. דאָס ווײַב, ווי זי האָט דאָרטן געקרענקט, קרענקט זי דאָ אויך און
אַפילו נאָך אַ ביסל מערער. די טאָכטער אַרבעט אויף אַ זאַוואָד, און אַז
באַקאַנטע פֿרעגן אים, וואָס טוט די טאָכטער, ענטפֿערט ער: זי אַרבעט אויפֿן
זאַוואָד אין קאָנטראָל. ער זאָגט עס אַרויס אַזוי, אַז מע קאָן מיינען, זי קאָנ־
טראָלירט דעם גאַנצן זאַוואָד. אָבער ער אַליין ווייסט, אַז איר גאַנצע „אַר־
בעט אין קאָנטראָל” באַשטייט אין דעם, וואָס זי זיצט אויף אַ קאָנווייער־
ליניע און לאָזט דורך די בינטלעך פֿאַרשיידנפֿאַרביקע עלעקטרישע דראָטן
דורך אַ רינג: גייט עס דורך, איז עס גוט, גייט עס ניט דורך, וואַרפֿט זי זיי
אָפּ אין אַ זײַט.

ער האָט זיך געטראָפֿן מיט געוועזענע באַלעבאַטים, אַלטע באַקאַנטע,
פֿאַרפֿירט שמועסן, דערמאָנט די אַלטע צײַטן, אָבער — ס׳איז אַלץ ניט דאָס.
אַמאָליקע סאָכרים, וואָס האָבן געקערט וועלטן, זײַנען גאָר געוואָרן עפּעס
ווײַבעריש־צעקראָכן, סענטימענטאַל — שפּיגלען זיך אין די זין און איי־
דעמס, וואָס זײַנען אינזשעניערן און נאַטשאַלניקעס, און קוויקן זיך שאָענ־
לאַנג מיט דער כאָכמע פֿון אַן אייניקל. אַפֿילו די גאַסן, אַזעלכע היימישע
פֿון קינדהײַט אָן און אַזוינע אויסגעבענקטע אין דער פֿרעמד, האָבן גע־
קוקט אויף אים גלײַכגילטיק־קאַלט. די נײַע הײַזער האָט ער ביכלאַל ניט
פֿאַרשטאַנען: עפּעס קעסטלעך פֿון אַ שפּילצײַג, וואָס שטיפֿערישע יִינגלעך
האָבן אוועקגעשטעלט און אויסגעמאָלט ווי אַ טעאַטער־דעקאָראַציע פֿון
הײַזער, וואָס אָט־אָט צעפֿאַלן זיי — ניטאָ אין זיי די מאַסיווקײַט און
סאָלידקײַט פֿון די אַמאָליקע הײַזער, וואָס האָבן זיי צוגעגעבן כשיוועס
און פֿאַרזיכערט זיי אַ לאַנג בעקאָוועדיק לעבן. „זײַן” הויז אויף דער הויפּט־
גאַס האָט ער זיך געסטאַרעוועט אויסצומײַדן. עס האָט זיך קימאַט ניט
געענדערט, בלויז ס׳ער אונטערשטער שטאָק איז מאָדערניזירט געוואָרן
און פֿון די צוויי קראָמען האָט מען געמאַכט איין גרויסן מאַגאַזין, ווו מע
האָט ווידער געהאַנדלט מיט מאַנופֿאַקטור. מאַנופֿאַקטור? עפּעס סינטעטי־
שע מאַכערײַקעס, מיט וועלכע מע נאַרט אָפּ דעם עולעם, און די מענטשן
לאָזן זיך גערן אָפּנאַרן, טוען זיך אָן ווי פּלאַטערלעך און לעבן ווי פּלאַטער־
לעך. ניין, ס׳איז ניט דאָס.

ער איז געגאַנגען איבער די גאַסן, אָנגעטאָן אין זײַן פּרעכטיקן פֿוטער,
וואָס ער האָט אַרויסגעפֿירט פֿון סיביר — מיט אַזאַ פֿעלץ וואָלט זיך אַפֿילו
דער אַמאָליקער הילעל זײַדלמאַן געמעגט ניט שעמען, — געגאַנגען פּאַוואָ־
ליע, זיך אָנשפּאַרנדיק אויף אַ שטעקן מיט אַן עלעגאַנטן ביין־הענטל — שוין
פֿאָרט צעביטן דעם זיבעטן צענדליק — און עפּעס שווערס האָט אים גע־
דריקט אויפֿן האַרצן. דאַכט זיך, וואָס? ניט אומגעקומען אין דער „אויסרײַ־
סעניש”, זיך אומגעקערט אין זײַן היימשטאָט און לעבט דאָ האַלעווײַ אויף
זײַנע פֿרײַנט געזאָגט געוואָרן, און פֿאָרט נאָגט עפּעס און נאָגט אויפֿן האַרצן.
און דאָ האָט אים ווידער אַ פּיק געטאָן אין מויעך: כינע! כינע די
פּריקאַזטשיצע, וואָס האָט פֿון אים אַמאָל עמערס בלוט אויסגעזאַפּט, כינע

פון „די פראָלעטאַריאַטן", וואָס האָט געוויס צוגעלייגט א האַנט, מע זאָל באַ אים צונעמען די קראָם און דעם מויער. מע דאַרף פּאַרט אַרײַנגיין צו איר. זאָל זי זען, אַז, א קלייניקייט צו זאָגן, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין, און, ניט קוקנדיק אָף אַלץ, איז ער געבליבן ער און זי — זי.

די טיר האָט אים געעפנט כּיענע אַליין. זי האָט א ווײַלע געקוקט מיט פאַרוואונדערטע אויגן אפן עלטערן מאַנצבל אין טײַערן פּעלץ און פוטערנעם היטל, דאַן האָט זיך איר פּאָנעם צעצויגן אין א שמייכל:

— באַלעבאָס!

אָט דאָס טאַקע האָט ער באַדאַרפט האָבן: „באַלעבאָס"! ער האָט א שמייכל געגעבן, אַריבערגעטראָטן די שוועל און דערלאַנגט כּיענען די האַנט.

— אָט, שוין א האַלב יאָר, ווי איך האָב זיך אומגעקערט. דערוווּסט זיך, אַז דו ביסט דאָ, איז ווי גייט מען עס ניט אַרויף צו דיר? פּאָרט אַלטע באַקאַנטע...

— אַוואַדע, אַוואַדע... טוט זיך אויס.

ער האָט אויפגעהאַנגען דעם פּעלץ אפן הענגער, דער אינעווייניקסטער פוטער איז איצטער געווען פון אויסן און האָט געגלאַנצט אין זײַן גאַנצער פּראַכט. הילעל זײַדלמאַן האָט איבערגעכאַפּט כּיענעס באַוווּנדערנדיקן בליק און האָט מיט באַפרידיקונג א טראַכט געטאָן: „אין אַזא אָרעמאַנסקן פּירהויז איז נאָך קיינמאָל אַזא פּעלץ ניט געהאַנגען".

אין צימער, וווהין זי האָט אים אַרײַנגעפירט, האָבן זיי זיך א ווײַלע געטאָפּטשעט אָף אַן אָרט, באַקוקנדיק איינער דעם אַנדערן, דערקענענדיק און ניט דערקענענדיק.

— זעט, באַלעבאָס, איר זעט דאָך אַזוי גוט אויס, קימאַט זיך גאָרניט געענדערט, קיין איין גראָוע האָר...

— קיין אײַנהאָרע, כּיענע, קיין אײַנהאָרע. נו, און דו? ווי איז עס דיר געגאַנגען? וואָס מאַכסטו? אַזויפיל יאָרן...

עפּעס איז אים א ביסל מאָדנע, וואָס ער רעדט צו איר „דו" און זי צו אים „איר".

כּיענע גרייט וואָס צום טיש, מע זעצט זיך אַוועק, און ס'פאַרבינדט זיך א שמועס. הילעל קוקט זיך אַרום: א פּראָסטער צימער, וואָס נייטיקט זיך שוין לאַנג אין א רעמאָנט, דאָס ביסל אָרעם מעבל אַלטמאָדיש און שטאַרק אָפּגענוצט, מער ניט די זויבערקײַט, וואָס קוקט אַרויס פון יעדן ווינקל, פאַרשלייערט א ביסל דעם אָרעמען שטייגער־לעבן, צו וועלכן מע איז שוין, אַפּאָנעם, צוגעוווינט און מע מערקט עס גאָרניט. ניט צו פאַרגלײַכן מיט זײַן, הילעל זײַדלמאַנס, דירע, וואָס ער האָט אָקאָרשט אויסגעשטאַט מיט דעם בעסטן אימפּאָרטנעם מעבל און וואָס גלאַנצט מיט זײַן קאַלטער פּאָלירטקײַט און שרײַט פונדערווײַטן: „ריר מיך ניט אָן! דאָ לעבט א נאָגידן!"

ער קוקט זיך צו צו כּיענען: עלטער געוואָרן, אין קאָפּ א היפּש ביסל גראָוע האָר, אונטער די אויגן דינינקע קנייטשעלעך, נאָר אַלץ נאָך שיין און כיינעוודיק. עפּשער נאָך כיינעוודיקער און געגאַרטער, ווי אַמאָל. ער שפּירט, ווי דאָס אַמאָליקע צעגיסט זיך אין אים, ווי א וואַרעמע כוואַ־

ליע, רײַסט איבער אַף אַ האַלב וואָרט די דערציילונג וועגן זײַנע אופטועגן אַפּן ווײַטן צאָפן און מיט אַ געפּאַלענער שטים זאָגט ער צו איר:

— עך, כּיענע, כּיענע... עמערס בלוט האָסטו אמאָל געצאַפּט פון מיר... דו ווייסט דען, ווי ס'האָט געקאָכט אין מיר?

— איך ווייס, — זאָגט זי מיט אַ רויִקן שמייכל.

— אָבער דאָס ווייסטו ניט. געוועז אָונטן, ווען איך בין, ווי אַ צעד רייצטער לייב, אַרומגעגאַנגען לעבן דײַן שטוב, געוואַרט, זאָלסט אַרויס־גיין, עפּשער דיר זאָגן אַ וואָרט, זיך אָטכײַען דאָס האַרץ...

— איך ווייס דאָס אויך. כּעוורע פּלעגן דאָס מיר איבערגעבן. איך פּלעג דעמלט אַרויסגיין פון שטוב דורך דעם שכײנעסדיקן הויף, אַף אַן אַנדער גאַס.

— עך, כּיענע, כּיענע... און וואָס איז מײַן כּעט געווען? וואָס איך בין געווען אַ בורזשוי... האָב איך דערפאַר באַצאָלט קייפל־קיפּלאים. יאָ, קייפל־קיפּלאים, — כּאַזערט ער איבער מיט אַ זיפץ. — נו, און דו? דערצייל וועגן זיך.

דער ביטערער בעכער פון דער מילכאָמע האָט זי ניט אויסגעמיטן. כּאַסענע געהאַט האַרט פאַר דער מילכאָמע, דער מאַן איז אַוועק אַפן פראָנט און צוריקגעקערט זיך פון דאָרטן אַ צעלעכערטער, אַן אָנגעשפּיקעוועטער מיט שפּליטערס. זיי האָבן געלעבט ניט שלעכט, ביידע געאַרבעט, ס'איז בא זיי געבאָרן געוואָרן אַ זון, נאָר דער טאַטע האָט לאַנג ניט געצויגן.

— ווי אַלט איז געווען דער זון, בײַס דער טאַטע איז געשטאָרבן?

— אַכט יאָר.

— שווער געווען צו דערציִען דעם זון אָן אַ טאַטן? האַ, כּיענע?

ער וואָלט מיִעדייע וויפל געגעבן צו הערן אַן עכט ווײַבערישן קרעכץ, אַ טיפן זיפץ און עפּשער אַ טרער זאָל זיך אויך אַ קײַקל טאָן איבער די פאַרוועלקטע און דאָך אַזוינע כיינעוודיקע באַקן. נאָר כּיענעס פּאָנעם האָט זיך בלויז אַ ביסל פאַרוואָלקנט און די כיין־גריבעלעך האָבן זיך פאַרבאַ־ האַלטן אין די טיפע קנייטשן. איר שטים איז געווען טרויעריק, נאָר קלאָר און ריין.

— ניט לײַכט, פאַרשטייט זיך. נאָר איך האָב געאַרבעט, געקראָגן פענ־ סיע פאַרן זון, געלעבט ניט ערגער פון אַנדערע און אויסגעהאָדעוועט אַ זון... אַ שיינער, אַ וווּקסיקער, הײַנט אַ כּאַראַקטער — אַ דימענט. — די כיין־גריבעלעך זײַנען אַרויסגעקראָכן פון זייער באַהעלטעניש און ווידער באַשיינט דאָס פּאָנעם.

— ווי אַלט איז ער?

— איין און צוואַנציק. דאָס צוויי־און־צוואַנציקסטע.

— אַרבעט? — האָט הייזעריקלעך געפרעגט הילעל.

— ניין. לערנט זיך. אַף אינזשעניער. — זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דאַן צאַרט, ווי זי וואָלט אַ גלעט געגעבן דעם זון איבערן קעפּעלע, צו־ געגעבן: — שוין אַפן לעצטן קורס. באַלד ענדיקט ער.

אין דעם מאָמענט האָט די דרויסן־טיר אַ קלאַפּ געטאָן, און אין אַ ווײַ־ לע אַרום איז אין צימער אַרײַן אַ הויכער, שלאַנקער באָכער. קענטיק, ער

איז שטארק פארוווּנדערט געוואָרן, זעענדיק אין פירהויז דעם גרויסאַרטיקן פוטער, ווײַל ער האָט אויסגעשטעלט אפן גאַסט א פּאָר פארכידעשטע אויגן.

— דאָס איז מײַן זון, סיאָמע, באַקען זיך, דאָס איז געקומען צו מיר צוגאַסט מײַן אמאָליקער באַלעבאָס.

— א־א, — האָט אויסגעצויגן דער יונג, ווי ער וואָלט עפּעס פארשטאַ־נען, און דערלאַנגט דעם גאַסט די האַנט.

„גאָרנישט האָסטו ניט פארשטאַנען, צוציק דו איינער, דו ווייסט דען, וואָס דאָס איז א באַלעבאָס" — האָט א טראַכט געטאָן הילעל זײַדלמאַן, געבנדיק אים די האַנט.

דער יונג איז אים דאַפקע געפעלן געוואָרן. א שלאַנקער, א בייגעוודי־קער, מיט לאַכנדיקע אויגן, מיט א גלאַט מאַט פּאָנעם און אין די ווינק־לען פונעם מויל צייכענען זיך קוים אָן צוויי גריבעלעך, וואָס גיבן צו א כיין דעם פרישן יינגלשן פּאָנעם.

דער יונג האָט זיך אַנטשולדיקט און איז אוועק אין זײַן צימער, באַגלייט פון א פארליבטן בליק פון דער מוטער.

אין צימער האָט זיך אײַנגעשטעלט א שטילקײַט, און הילעל זײַדלמאַן האָט פלוצעם דערפילט, ווי אים איז געוואָרן שווער, אומדערטרעגלעך שווער אפן האַרצן. ער האָט פארזשמורעט די אויגן, ס'האָבן אָנגעהויבן שוועבן פאַר אים אָראַנזשעווע, און בלויע, און פיאָלעטע קרײַזן, און הינ־טער אָט די גיך אופקומענדיקע און נאָך גיכער פארשווינדנדיקע קרײַזן האָט ער אָנגעהויבן צו זען מאָדנע זאַכן: אָט דער וואָכעדיקער צימער, וואָס נייטיקט זיך שטארק אין רעמאָנט, דאָס איז זײַן וווין־אָרט, די אָפּגענוצטע מעבל־שטיק, אזוינע היימישע און באַרירלעכע, דאָס איז זײַן מעבל, אָט די זיך געעלטערטע פרוי מיט איר ביז ווייטעק כיינעוודיקן פּאָנעם איז זײַן פרוי, און דער שלאַנקער יונג, וואָס איז אָקאָרשט דורך דורכן צימער, דאָס איז זײַן זון.

עפּשער א סעקונדע און עפּשער א ביסל מער האָט געדויערט די פאַר־בלענדעניש. ער האָט געעפנט די אויגן, די אָראַנזשעווע קרײַזן זײַנען פארשווונדן, און גלײַכצײַטיק איז אויך פארשווונדן דער גאַנצער קישעף, וואָס האָט געשטעקט הינטער זיי. אין גאָרגל האָט זיך געשטעלט א שטײַפער קנויל וואַטע, ער האָט אים אראָפּגעשלונגען, און אין בויך, אין סאַמע אונטן, איז אים געוואָרן קאַלט, ווי ער וואָלט אראָפּגעשלונגען א שטיק אײַז.

ער האָט זיך שווער אופגעהויבן.

— נו, שוין צײַט...

ער איז געגאַנגען אף דער גאַס, זיך אָנשפּארנדיק אפן שטעקן, מיט א פּאַוואָלינקן געגנגעלע פון אַן עלטערן מענטשן. פון דער זײַט קוקנדיק: א סאָלידער פענסיאָנער איז אַרויס אף א שפּאַציר, און קיינעם האָט גאָרניט געקאָנט אײַנפאַלן, אַז אין אים בושעוועט א ווייטעק, כאָטש נעם און רע־ווע זיך פאַנאַנדער אף דער גאַנצער גאַס.

אין דער היים איז געווען, ווי שטענדיק. דאָס ווײַב איז געלעגן אפן דיוואַן, דער צימער איז געווען דורכגעזאַפּט מיט אַפּטייקערישע רייכעס.

וואָס פאַרפאַלגן אים דאָס גאַנצע לעבן. דאַכט זיך, אַז פון דעם פּאָלירטן מעבל אַפילע טראָגט זיך שוין אויך אָט דער עקלדיקער רייעך.

אין צווייטן צימער איז די טאָכטער געזעסן פאַרן שפּיגל און געדרייט די ביגודי. דאָס האָט הילעל ניט געקאָנט פאַרטראָגן. די טאָכטער האָט געהאַט אַ קליין ניט־אויסדריקלעך פּענעמל, און די קליינינקע לעקע־לעך, וואָס זי דרייט אָן אַף איר קאָפּ, מאַכן דאָס פּאָנעם נאָך נישטיקער און אומבאַדײַטנדיקער.

— שוין ווידער דרייסטו די לעקעלעך?! אַניט וועסטו ניט קאָנען דורכ־לאָזן דורך דעם רינג דײַנע דראָטן? קאָנט־ראָ־אָל!.. — האָט ער זיך צע־שריִען.

די טאָכטער האָט זיך דערשראָקן, אירע שיטערע ברעמען זײַנען אַרופּ־געקראָכן אַפן שטערן, און די פרוי האָט זיך צעבייזערט:

— זע נאָר, זע, וואָס פאַר אַ פליג האָט דיך אײַנגעביסן? וואָס שרײַסטו אַפן קינד?

ער האָט געמאַכט עטלעכע וואַקלענדיקע טריט, ווי אַ פאַרווונדעטע כײַע, דאַן האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן אַף אַ שטול, און ניט קיין קרעכץ, נאָר אַ רעווע האָט זיך אַרויסגעריסן פון זײַן ברוסט. דאָס איז געווען אַ גע־וואַי פון אַן איינזאַמען מענטשן, וואָס וואָיעט איבער זײַן פאַרשפּילט לעבן.

דער זון — א דאָקטער!

בייס גיטל האָט דאָס ערשטע מאָל א טראַכט געגעבן וועגן דעם, האָט זי זיך אליין דערשראָקן, אזוי איז איר דער געדאנק פאָרגעקומען ווילד, כוצפּעדיק און מעשונעדיק. נאָר אז זי האָט זיך אין א געוויסער צײַט ארום צוריקגעקערט צום געדאנק, איז זי שוין געווען דרייסטער בא זיך: און פּארוואָס טאַקע ניט? פּארוואָס זאָל איר זון ניט ווערן א דאָקטער?

דעם צוקינפטיקן דאָקטער איז דעמלט געגאנגען דאָס זיבעטע יאָר, און אין גרויסן, געדיכט באפעלקערטן הויף איז ער געווען דער גרעסטער מאַזיק. ניט פאַרבײַ קימאט א טאָג, מע זאָל ניט קומען זיך קלאָגן אף אים: דאָ האָט ער געוואָרפן שטיינער און צעבראָכן א שויב, דאָ האָט ער עמעצן פון די קינדער צעמאזיקט, דאָ האָט ער געשריִען גראָבע ווערטער, וועלכע ער האָט אליין עפשער ניט פארשטאנען, נאָר מיט וועלכע ער האָט ארויסגעפירט פון די קיילים די שכיינים. דער טאטע זײַנער, א פּראָסטער בלעכער און א היציקער מענטש, וואָס פון אלע פּעדאגאָגישע טעאָריעס האָט ער געוווּסט בלויז איינע, פלעגט זיך טייקעף כאפּן צום רימען, און דאָ האָט דאָס יִינגל ארויסגעוויזן אן אויסערגעוויינלעכע פארשטענדעניש: נאָך איידער דער טאטע האָט באוויזן אראָפּצונעמען דעם רימען פון די הויזן, האָט ער שוין געשריִען מיט ווילדע קוילעס. די מאמע, א הויכע לײַביקע יִידענע, איז געשטאנען מיט די הענט אין די באָקעס, קלוימערשט זיך געבייזערט אפן טאכשיט, נאָר אין הארצן איז זי געווען צופרידן מיט דעם זינדלס קוילעס:

— לייזער, וואָס טוסטו? די שכיינים וועלן זיך דאָך צונויפלויפן...

דער טאטע איז געווען מאכטלאָז אנטקעגן דעם זונס „געווער". אמאָל האָט ער נאָך באוויזן אראָפּצולאָזן דעם רימען אפן זונס נאקעט געזעסל און אמאָל דאָס אויך ניט. דער זון האָט נאָך א ווײַלע לעשעם פּראָפילאקטיק געשריִען, דאן, באַרויִקט פון דער מאמען, האָט ער, קאָסיענדיק מיט די גביִיווישע אייגעלעך אפן טאטן, זיך ארויסגעשלײַכט אין הויף.

מוישעלע איז געווען דאָס, וואָס מע רופט בא יִידן א בען־זקונים: געבאָרן געוואָרן, בייס די עלטערן זײַנען שוין געווען גאָר ניט יונג. פאר דער מילכאָמע האָבן זיי געהאט א זון, געווען פופצן יאָר אלט, א קרעפּטיקער, געזונטער יאט, געארבעט אלס לערנייִנגל אין א שלאָסער־ווארשטאט. די מאמע מיטן יִינגל זײַנען ארײַנגעפאלן אין געטאָ, פון דאָרט האָט מען זיי ארויסגעשיקט אין א דײַטשישן לאגער, ווו זיי זײַנען אויסגעשטאנען אלע שיווע מעדוריי געהענעם. דאָס יִינגל איז אויסגעגאנגען אף די הענט

פון דער מאמען, און זי, וואָס איז שוין געשטאַנען קימאַט מיטביידע פיס אויף יענער־וועלט, האָט זיך דערוואַרט, ביז דאָס סאָוועטישע מיליטער האָט באַפרײַט דעם לאַגער. אומגעקערט זיך אין איר היימשטאָט, האָט זי זיך געטראָפן מיטן מאַן, וואָס איז געקומען פון פראָנט. ביידע זײַנען געווען ביז גאָר אויסגעצערט: זי פון פאַשיסטישן לאַגער, ער פון די וווּנדן אויפן פראָנט, נאָר מע איז גיך געקומען צו־זיך. און דאָ איז געשען דאָס, וואָס גיטל האָט באַצייכנט אַלס אַ נעס פון גאָט: ס'איז געקומען אויף דער וועלט מוישעלע — זי האָט שוין דעמלט אַריבערגעשטיגן די פערציק.

גיטל איז געווען אַ גוטע דאַמען־שנײַדערן און ניט שלעכט פאַרדינט. און דער מאַן איר, לייזער דער בלעכער, כאָטש ער האָט נאָכן פראָנט שוין ניט געקאָנט קריכן אויף דעכער, דאָך פלעגט ער ברענגען אַהיים אַזאַ פּויטעקע, פון וועלכער דער גרעסטער אינטעליגענט פאַר דער מילכאָמע, איידער ליטע איז געוואָרן אַ סאָוועטישע, האָט אַפילע ניט געקאָנט כאַלעמען. און דאָ איז בײַ גיטלען אויפגעקומען דער טרוים, אַז דער זון דאַרף ווערן אַ דאָקטער.

לייזער האָט ניט שטאַרק געהאַלטן דערפון. זאָל דער בענאָק נאָר ענדיקן עטלעכע קלאַסן, דאַן וועט ער אָנקומען אין אַ האַנטווערקער־שול און ווערן אַ קוואַליפיצירטער באַלמעלאָכע. אַן אַרבעטער פאַרדינט הײַנטיקע צײַטן מער פון אַן אינזשעניער און מער פון אַ דאָקטער!

— רעמעסלענע... — האָט גיטל אַרויסגעפּרעסט פון אירע ליפּן. — אַ האַסאָגע פון אַ טאַטן. פאַר יאַנקעלען נעבעך איז קיין אַנדער ברייֵרע ניט געווען. אָבער מוישעלע...— גיטל האָט געקוקט אויף אים מיט אַ שטאַרן ניט־דאָיִקן בליק, און לייזערן האָט זיך געדאַכט, אַז זי זעט אים גאָרניט, זי קוקט דורך אים, ווי דורך אַ גלאָז, און זעט הינטער אים עפּעס אַ כאָלעם, וואָס איז ניט־געשטויגן, ניט־געפלויגן.

די צײַט איז געגאַנגען. מישע האָט זיך געלערנט ניט גאָר געהויבן. אָפּטמאָל באַם סאָף פון לערניאָר האָט אים געדראָעט צו בלײַבן אויף אַ צווייט יאָר, נאָר גיטל איז געווען אומדערשיטערלעך אין איר גייַן צום ציל: זי האָט ניט געזשאַלעוועט קיין געלט, געדונגען רעפּעטיטאָרן פאַרן זון, ניט אָפּגעטראָטן פון אים, בייס ער האָט געמאַכט די לימודים, און געצויגן אים, געצויגן פון איין קלאַס אין צווייטן. אַן אַנדערשמאָל, ווען ס'האָט שוין געהאַלטן גאָר שמאָל, איז זי געגאַנגען אין שול, און די טרערן פון דער ניט־יונגער מוטער האָבן ווייכער געמאַכט די הערצער פון די לערערס.

די לאַגע אין שטוב איז דערווײַל געוואָרן ערגער. לייזער האָט אָנגעהויבן אַרײַנצוקוקן אין גלעזל. ער האָט עס דערקלערט דערמיט, וואָס די שפּליטערס אין זײַן גוף, וועלכע ער האָט געבראַכט פון פראָנט, לאָזן אים ניט צורו, נאָר גיטל האָט ניט אינגאַנצן געגלייבט אין דעם: זי האָט געוווּסט, אַז אויך פאַר דער מילכאָמע האָט ער ניט פײַנט געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. אויף גיטלס געזונטע קרעפטיקע פּלייצעס איז אַצינד געפאַלן אַ גרעסערע לאַסט. זי האָט איצטער אויך גוט פאַרדינט. ווי־ניט־ווי איז זי דאָך געווען די מײַסטערן, וואָס האָט אַמאָל געאַרבעט דאָ אין שטאָט אין באַרימטן מאָדע־סאַלאָן. אויסער דער אַרבעט אין אַטעליע, האָט זי איצטער אויך אויפגענומען אין שטוב פּריוואַטע קליִענטקעס.

די לעצטע קלאסן זײַנען געווען באַזונדערס שווער. פון טאַטן איז שוין קימאַט גאָר קיין נוצן ניט געווען, ער האָט פון שיקערן מער געקרענקט ווי געאַרבעט. מישע האָט אויך גענומען זיך ציִען צום גלעזל. גיטל איז אופּגעציטערט געוואָרן, אָבער זיך ניט פאַרלאָרן.

לייזערס געזונט־צושטאַנד איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. ווען מישע איז אַריבער — ווי געוויינלעך מיט גרויסע שוועריקייטן — אין לעצטן קלאַס, איז דער טאַטע געשטאָרבן. דער טויט פון טאַטן האָט געווירקט אַפן יונג: ער איז געוואָרן שטילער, סטאַטעטשנער, מער געפאָלגט די מאַמען, און אין גיטלס האַרץ האָט זיך געשטאַרקט די האָפענונג — אָט־אָט, און דער ערשטער טראָט — און, ווי איר האָט זיך געדאַכט, דער שווערסטער — וועט זײַן דורכגעגאַנגען.

נאָכן ענדיקן די שול האָט זיך געשטעלט די גרויסע פראַגע: וווּהין? מישען האָט געצויגן צו טעכניק, נאָר ער איז געווען גענוג פּראַקטיש צו פאַרשטיין: אין א טעכנישער הויכשול וועט ער ניט דורכגיין — א צו גרויסער קאָנקורס. ער איז דעריבער געווען גרייט צו באַנוגענען זיך מיט א טעכניקום — לײַכט אָנצוקומען און דאָס לערנען דאָרט איז ניט צו לאַנג און ניט צו שווער. די מאַמע אָבער האָט פון קיין זאַך ניט געוואָלט וויסן — איר זון דאַרף ווערן א דאָקטער און פאַרטיק!

— מאַמע, — האָט דער זון דערשראָקן געטײַנעט, — זיבן יאָר לערנען! מע קאָן דאָך מעשוגע ווערן!

— נו, איז וואָס? כ׳וועל דיך ניט אויסהאַלטן? נאַרעלע, ווי קענסטו גאָר קלערן וועגן אַן אַנדער זאַך? א דאָקטער, נאָר א דאָקטער! — און דערבײַ צוגעגעבן: — דער טאַטע אָלעווהאַשאָלעם האָט דאָך אויך פאַרן טויט אָנגעזאָגט, זאָלסט שטודירן אַף א דאָקטער, נאָר אַף א דאָקטער!

— גאָר אַזוי?

— אוודאי. זײַנע לעצטע ווערטער זײַנען געווען, זאָלסט לעמאַנעשעם שטודירן אַף דאָקטער.

סאָפּקאָלסאָף האָט דער יונג נאָכגעגעבן. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס יאָר איז אַפן מעדיציניש פאַקולטעט קימאַט ניטאָ קיין קאָנקורס.

דאָס ערשטע יאָר איז געווען שווער, א סאַך שווערער, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. יעדע סעסיע איז געגאַנגען ווי פון פעך, און לעסאָף יאָר האָט מען אים געמאָלדן, אַז ער מוז פאַרלאָזן דעם אוניווערסיטעט צוליב אָפּגעשטאַנענקײַט אין לערנען.

די מאַמע, אַז זי האָט אויסגעהערט די בסורע, איז געוואָרן ווײַס ווי קרײַד. א ווײַלע האָט זי געשוויגן מיט פאַרביסענע ליפּן, דערנאָך האָט זי מיט א רויִקן טאָן געזאָגט:

— כ׳וועל מאָרגן אָוועקגיין אַהין און ריידן מיטן גלאַוונעם פּראָפעסאָר.

— דאָס איז דאָך ניט די שול, מאַמע!

— נו, אַז ניט די שול, איז וואָס? זיי זײַנען דאָך אויך מענטשן!

— כ׳וועל ניט לאָזן! — האָט פאַרצווייפלט געשריִען דער זון.

אַף מאָרגן האָט גיטל אָנגעטאָן איר שוואַרץ אַלטמאָדיש קלייד און בײַשטיקע פונעם זון אוועק אין אוניווערסיטעט. זי האָט זיך דערשלאָגן צום פּראָרעקטאָר און — אויסגעפירט!

דאפקע דאָס, וואָס זי האָט שלעכט גערעדט רוסיש, דאפקע דאָס, וואָס ער האָט געזען, אַז זי איז אַ פּאָשעטע אַרבעטערן, וואָס איז גרייט איר לעבן אוועקצוגעבן, קעדיי דעם זון צו מאכן פאר אַ מענטשן, דאפקע דאָס האָט געווירקט. ער האָט איר, עמעס, געפּרוווט דערקלערן, אַז איר זון איז קנאפּ פייַיק צו טעאָרעטישע לימודים, אַז זיבן יאָר וועט אים זייַן שווער אויסצוהאַלטן און אַז ס'וואָלט געווען גלייַכער פאר אים אַריבערצוגיין אפן געאָלאָגישן אָדער עקאָנאָמישן, ווו דאָס לערנען איז קירצער און אַ סאך לייַכטער.

— און וואָס מיינט איר, — האָט דער פּראָרעקטאָר צוגעגעבן, — אַ געאָלאָג אָדער עקאָנאָמיסט פאַרדינט ווייניקער ווי אַ דאָקטער? דאפקע פאַרקערט, ער פאַרדינט נאָך מערער, ווייַל דער געהאַלט פון אַ דאָקטער איז גאָרניט קיין גרויסער.

גיטל האָט געקוקט אף אים און מיט באַדויערונג געשאָקלט מיטן קאָפּ: אַזאַ גרויסער געלערנטער מענטש און הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין. געאָלאָג, עקאָנאָמיסט — ווער האָט עס געהערט בא יידן פון אַזעלכע מעלאָכעס. דאָקטער — דאָס איז דאָס איינציקע, צו וואָס זי, די יידישע מאַמע, שטרעבט פאר איר זון! סאָפקאָלסאָף האָט דער „גרויסער געלערנטער מענטש" יאָ עפּעס־וואָס פאַרשטאַנען: אפּאָנעם, ער האָט אין דער יוגנט פּראַקטיצירט אין אַ ליטוויש־יידיש שטעטל און האָט געוווסט, וואָס איז געווען דער גרעסטער טרוים פון אַ יידישער מאַמע. און עפּשער האָט ער דערפילט, אַז דאָס איז טאַקע דער פאַל, ווען די סאָוועטישע מאַכט דאַרף העלפן דעם פּראָסטן מענטשן. און ער האָט נאָכגעגעבן.

אפן צווייטן קורס איז די זאַך געגאַנגען גלאַטער. נאָר גיטל האָט אַלץ געלעבט אין הוילע שרעקן, טאָמער קומט ער אַ טאָג פון אוניווערסיטעט און זאָגט איר אָן די וויסטע בסורע. וואָלט זי געגלייבט אין גאָט, וואָלט זי געהאַלטן אין איין טפילע טאָן צו אים. נאָר גיטל האָט געוווסט, אַז גאָט איז ניטאָ. אָבער מאַזל איז דאָך דאָ. עמעצער האָט איר אַמאָל געזאָגט, אַז מאַזל — דאָס איז, אייגנטלעך, אף לאָשנקוידעש אַ שטערן. זאָגט מען עמעצן: „מאַזלטאָוו דירו!", איז עס דאָס אייגענע, ווי מע וואָלט געזאָגט: „אַ גוטער שטערן אף דיר!". מיילע, גאָט איז ניטאָ, אָבער שטערן זייַנען דאָך דאָ. נאָר גיי טרעף, וועלכער שטערן, וועלכער מאַזל, איז אירער.

אפן דריטן קורס איז געקומען אַ נייַע צאָרע. מישע האָט אין איינעם אַ שיינעם טאָג געמאָלדן דער מאַמען, אַז ער קלייַבט זיך כאַסענע צו האָבן. די מאַמע איז געוואָרן אַ טויטע. אויב כאַסענע — איז אויס לערנען! זי איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אין שטוב און אַלץ איז איר געפאַלן פון די הענט. זי איז שוין דעמלט געווען אף פּענסיע, נאָר אַ ביסל צוגעאַרבעט אין שטוב. איצטער האָט זי זיך צו קיין זאַך ניט געקאָנט נעמען. שפּעט אין אָוונט איז זי געזעסן אין קיך, געקוקט דורכן פענצטער, טאָמער באַווייַזט זיך שוין דער זון, געזען דעם באַנאַכטיקן הימל און געקלערט און געקלערט. און דאָ האָט איר שטערן אונטערגעזאָגט איר אַ גליקלעכן געדאַנק.

שפעט אין אָוונט, אַז דער זון איז געקומען, האָט זי אים אוועקגע־שטעלט דאָס וואַרעמס אין קיך אַפן טיש, און בייס יענער האָט געשמאַק געריבן, האָט זי זיך אוועקגעזעצט אַנטקעגן אים, אוועקגעלייגט די פול־בלעכע אָרעמס אַפן טיש און מיט אַ זיסינקער שטים זיך געווענדט צו אים:

— מוישעלע, ווייסט, וואָס איך האָב זיך אַרומגעזען? פּענסיע האָב איך, כ׳אַרבעט נאָך צו אויך, און ווײַבער קריכן צו מיר ווי צו אַ גוטן־ייִדן, כ׳קאָן זיך ניט אָפּטשעפּען פון זיי. אויב כ׳זאָל נאָך אַ ביסל צואַרבעטן, וואָלט איך געקאָנט, אַז דו וועסט מירצעשעם אַריבער אַפן פערטן קורס, דיר געבן אַ גאָר היפּשע מאַטאָנע: אַ מאַשין!

— אַ „זשיגולי״? — דער יונג האָט אַזש אופגעהערט צו קײַען.

— אַ „זשיגולי״, ווי דען? אַ שפּאָגל־נײַע, אַ בלישטשענדיקע. זאָלסט נאָר אַרויסשלאָגן פון קאָפּ כאַסענע צו האָבן. אַניט ביסטו אַ פאַרפאַלענער.

— ערן־וואָרט, מאַמע?

— ערן־וואָרט. נאַ דיר אַ האַנט! אַ טקיִאַסקאַף! — האָט זי זיך דערמאָנט אַ געהויבן וואָרט פון גאָר אַמאָל.

די ניי־מאַשין האָט אָנגעהויבן צו קנאַקן אַפן פולן קאָל, ווײַבער זײַנען געקומען און אוועקגעגאַנגען, זי האָט געמאָסטן, זיסינקע רייד האָבן זיך געשאָטן פון איר מויל, ווי אין די אַמאָליקע צײַטן, און די מאַשין האָט געקנאַקט און געקנאַקט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן.

דאָס וואָרט האָט זי געהאַלטן: דעם טאָג, ווען מישע איז אַריבער אַפן פערטן קורס, האָט שוין אַ שפּאָגל־נײַע „זשיגולי״ געוואַרט אַף אים!

די מאַשין האָט זיך אַרויסגעוויזן פון אַ דאָפּלטן נוצן. ערשטנס, האָט מישע זיך ווייניקער אַרומגעשלעפּט, די גאַנצע פרײַע צײַט האָט ער גע־פּאַדעט אַרום דער מאַשין, געפּוצט זי, געשײַערט, געוואַשן, גערייניקט, אַרײַנגעקוקט אין מאָטאָר און עפּעס־וואָס צוגעשרויפט. צווייטנס, האָט ער אָפּגעהיט דער מאַמעס הייליק געבאָט: קיין טראָפּן ביטערס, וואָרעם אַניט, איז ער פאַרפאַלן צוזאַמען מיט דער מאַשין!

די מאַמע איז געווען גליקלעך. זי האָט נאָך אַלץ געהאָרעוועט איבער די קויכעס: מיט דער „זשיגולי״ איז זי אַרײַנגעקראָכן אין כויוועס, נאָר אַפן האַרצן איז איר געווען איצט רויִק. מישע האָט זיך איצטער אויך בעסער געלערנט, די ערשטע קורסן פון לויטער טעאָריע זײַנען שוין גע־ווען פאַרבײַ, און אַף פּראַקטישע זאַכן האָט ער זיך אַרויסגעוויזן גאָר טויגעוודיק. דער איקער: ער האָט זיך ניט געמיִעסט פאַר קיין שום ווונד, פאַר קיין כאַלאַעס, ווי עקלדיק זי זאָל ניט אויסזען. געקאָנט אָפּטאָן די שמוציקסטע אַרבעטן. די אָנפירערס פון דער פּראַקטיק זײַנען געווען פון אים צופרידן. אויך פינגער האָט ער געהאַט פלינקע און קלוגע. אויב מע וואָלט איצטער געוווען פרעגן וועגן אים דעם פּראָרעקטאָר, וואָלט ער שוין ניט אַזוי קאַטעגאָריש געזאָגט, אַז ער דאַרף ווערן אַ געאָלאָג אָדער עקאָ־נאָמיסט. ניין, ער וועט זיך, ווײַזט אויס, גאַנץ גוט אויסטויגן אַף אַ מע־דיקער.

וואָס ווײַטער, איז גיטל געוואָרן אַלץ שטײַפער און האָפערדיקער. זי איז אַזוי ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין אָנגעשטרענגטער דערוואַרטונג.

איר פּנים איז געוואָרן פאַרשטיינערט־רויִק, איר בליק ניט־דאָיִק. זי האָט אָפּט דערמאָנט זיך אָן איר ערשטן געדאַנק: אַ צאַנקענדיק פלעמעלע, וואָס דאָס מינדסטע ווינטל, דאַכט זיך, האָט אים געקאָנט אויסלעשן. הײַנט איז דער כאָלעם שוין נאָענט — אָט־אָט אָנצוטאַפּן.

און דער גרויסער טאָג איז געקומען. די שטאָט איז ניט געווען באַהאַנגען מיט פאָנען, איבער די גאַסן האָבן ניט מאַרשירט מיליטערישע אָרקעסטערס, נאָר פאַר גיטלען איז עס געווען איר יאָמטעוו, איר אויסגעקעמפטער טאָג. אינדערפרי האָט מישע אָנגעקלונגען, אַז דער לעצטער עקזאַמען איז אָפּגעגעבן, ער וועט זיך פאַרהאַלטן צוליב אַזאַ געשעעניש מיט זײַנע כאַווײרים, ער וועט שפּעט קומען. קומען וועט ער, פאַרשטייט זיך, אַ ביסל בעגילופן, נאָר וואָס מאַכט עס אויס? הײַנט מעג ער. ס'איז זײַן טאָג. דער זון איז אַ דאָקטער, אַ דאָקטער!

אַ ווארעמע כוואַליע פון טײַנעג צעגיסט זיך איבער גיטלס קערפּער, מאַכט זי לײַכט, ווי זי וואָלט גאָר אָנגעוואָרן איר געוויכט. פון טיפסטן טיף קומען אויף דערינערונגען. זי איז נאָך געווען גאָר אַ קליין מיידעלע, געלעבט בײַ די עלטערן אין קליינעם שטעטל. די מאַמע איז געווען אַ דינסט בײַ כײַע־ראָכל, דער גרעסטער גווירנטע אין שטאָט. גיטעלע פלעגט זיך ארײַנכאַפּן צומאָל צו דער מאַמען אין קיך פון דער גווירנטע, און די מאַמע פלעגט איר שטילערהייט אונטערוקן אַ קיכעלע, אַ לעקעכל. אַמאָל פלעגט אין קיך ארײַנקומען די גווירנטע אליין, און גיטעלעס הערצעלע איז דעמלט אויסגעגאַנגען פון פּאַכעד, פון באַוווּנדערונג. אָן אײַנגעוויקלטע אין אַ געבלימלטן זײַדענעם שלאָפראָק, מיט אַ ווײַסן אויסגעצערטלטן פּאָנעם און אַ הויכער געקינצלטער פריזור, האָט די באַלעבאָסטע אויסגעזען פאַר גיטעלען גאָרניט ווי קיין מענטש, נאָר ווי עפּעס אַ וועזן, וואָס איז אַראָפּגעקומען פון אַן אַנדערער, העכערער וועלט.

די גווירנטע האָט געהאַט אַ זון, וואָס האָט זיך געלערנט אַף אַ דאָקטער. אַז ער פלעגט אין די קאַניקולן־צײַטן, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אין זײַן עלעגאַנטער סטודענטישער פאָרם זיך באַווײַזן אין שטעטל, זײַנען אַלע מיידלעך פון שטעטל ארומגעגאַנגען פאַרכאַלעשטע. גיטעלע האָט גאָרניט געוואָגט אופצוהייבן די אויגן אַף דעם יונגן מאַלעך, מיט וועלכן גאָט האָט באַשאָנקען זייער שטעטל.

יענער סטודענט האָט זיך לאַנגע יאָרן געלערנט און צוליב עפּעס אומבאַקאַנטע סיבעס ניט פאַרענדיקט. אין איינעם אַ שיינעם טאָג האָט זיך דער געוועזענער סטודענט באַוויזן הינטערן טאָמבאַנק פון זײַן פאָטערס מאַנופאַקטור־קראָם. יענער האָט ניט פאַרענדיקט, און פעסיע דער דינסטס אייניקל, גיטלס פלייש־און־בלוט, האָט פאַרענדיקט! ער איז אַ דאָקטער!

גאָט מײַנער, ווו נעמט מען קויכעס, דאָס האַרץ זאָל ניט אויסגיין פון פרייד!

דער מענטש מיטן הונט

אף אונדזער סטאטעטשנער גאס מיט די נײַע פילעטאַ־זשיקע ווינהײַזער, ברייטע טראָטואַרן און שמעקנדיקע ליפּע־ביימער איז אופגעקומען א נײַע מאָדע־מאַגייפע: הינט. נישט יענע היימלאָזע הינט, וואָס פלעגן אמאָל נישטערן אין די מיסטקאַסטנס און קוקן מיט האכנאָע־דיק־הונגעריקע אויגן אף די פאַרבײַגייער, האָפנדיק אף א ביסן, נאָר זײַענדיק אויך גרייט אופצונעמען א בריק אין בויך.

הײַנטיקע הינט זײַנען צעבאַלעוועטע יאכסאָנים. יעדער פון זיי האָט א היים, ווערט געקאָרמעט אף א גרויסארטיקן אויפן, ווערט געפוצט, גערייניקט, געוואשן און איז דער ליבלינג פון דער מישפּאָכע.

קומט דער אָוונט, פירט מען ארויס די הינט אף א „מאָציאָן". מע גייט וואזשנע מיטן רימענדל אין דער האנט אין דער באגלייטונג פון א זאטן, גוט־ארומגעזעענעם הונט, וואָס דאָ פארלויפט ער דעם וועג, דאָ שטעלט ער זיך אָפּ, קעדיי צו לאָזן א „וויזיט־קארטל" אונטער א בוים. און וואָס שענער און וואזשנער דער הונט איז, אלץ שטאָלצער און כאָשעווער פילט זיך דער באלעבאָס.

באם סאָף פון דער גאס איז דאָ א סקווער. דאָרט גייען זיך די באלע־באטים פון די הינט צוזאמען, דאָרט ווערן געשלאָסן הינטישע באקאנט־שאפטן, דאָרט ווערט אָפּגעשאצט דער ייִכעס פון דעם פירפיסיקן באַ־שעפעניש, און אויב א הונט פון א הויכער מאדרייגע שמעקט זיך צו כאָלילע צו א הינטל פון א קלענערער מאדרייגע, ציט דער באלעבאָס אים מיט פאראכטונג אוועק פון אזא נישט־פּאסיקן זיווּעג.

אין מײַן אָוונטלעכן שפּאציר איבער דער גאס האָב איך אים צום ערשטן מאָל דערזען, אָט דאָס נידעריקע פולבלעכע ייִדל מיט זײַן הונט, גרויס ווי א קאלב. געזען איין אָוונט, א צווייטן, א דריטן, און ס'איז געוואָרן א כידעש צו קוקן אף אָט דעם מאָדנעם פּאָרל.

דער ייִד — א מענטש פון א גאנץ יאָר, מיט א קאָפּ גראָווע האָר, מיט א הויכן לאָמדישן שטערן און אויגן טרויעריקע, אין וועלכע עס קאָן טליִען דער פונק פון א טאלמיד־כאָכמישן געדאנק, אָבער נישט דער שטאָלץ פון א באלעבאָס פון אזא ווּקסיקער, זעלטן שיינער און מיסטאַ־מע אויך ריין־ראסיקער כײַע. עס האָט עפּעס נישט געפּאָרט זיך.

די פאַרבײַגייער, איבערהויפּט די, וואָס זײַנען ארומגעגאנגען מיט הינט, האָבן געקוקט מיט באוווּנדערונג, מיט קינאָ אף דעם הונט, גרויס ווי א קאלב, און דערנאָך, אופהייבנדיק די אויגן צום באלעבאָס דעם שלאבעריקן ייִדל, געקווּעטשט מיט די פּלייצעס.

ס׳איז געווען א רעטעניש, און, מאכמעס א רעטעניש, האָט די פאנטאַזיע זיך צעשפּילט בא מיר. געוויס האָט דאָס זײַן שנור, די מאָדניצע, וואָס וויל שפּילן די ראָל פון א גראנד־דאמע, געקויפט אזא טײַערן הונט, און ווײַל זי האָט נישט קיין צײַט ארויסצופירן אים אף זײַן אָוונט־שפּאציר, צווינגט זי נעבעך דעם אלטן שווער עס צו טאָן.

אונדזערע אָפּטע באגעגענישן האָבן סאָפּקאָלסאָף געבראכט דערצו, אז מיר האָבן זיך באקאנט. א וואָרט נאָך א וואָרט, און ס׳איז אוועק א רייד וועגן דעם הונט זײַנעם.

— הא, וואָס זאָגט איר עפּעס צו מײַן קעלעוו? א קעלעוו פון קעלעוו־לאנד! אף אים וועט איר שוין נישט זאָגן, אז ער איז גרויס, ווי א טאַל־אומאָטאָרל אין א קליינעם סידערל, הא?

— יאָ, שוין איינמאָל א קעלעוו... א טײַערער געוויס?

— פרעגט שוין גאָרנישט. די שווערע הונדערטער. בא אונדז אין שטאָט איז פאר איר גאָר קיין כאָסן נישטאָ. אז מע דארף א כאָסן, מוז מען פאָרן מיט איר אזש אין אויסרײַסעניש. אזא פּריצטע איז זי... אלפּא! האָפּ! וואָס שמעקסטו דאָרטן אונטערן בוים? קום! מיר זײַנען דאָך ארויס אף א שפּאציר, דארף מען גיין... איר גייט דאָך אויך ארויס דורכשפּאַצירן זיך פארן שלאָף, הא? טאָ קומט.

אזוי שפּאצירנדיק, האָט זיך דאָס ייִדל פאנאנדערגערעדט:

— איר ווונדערט זיך אוואדע אף דעם זיווג. ווי קום איך, א ייִד, וואָס פארשטייט אין די שווארצע פּינטעלעך און האָב מער פאר אלץ האָלט א סייפער, צו אזא מין קעלעוו? מיינט איר עפּשער, אז דאָס יאָג איך זיך נאָך דער מאָדע? האָט איר א טאָעס. איך האלט ביכלאל נישט פון דער מאָדע, און פון אזא הינטישער ביפראַט נישט.

מיט א פּאָר כאַדאָשים צוריק, עס זאָל מיר עמעצער זאָגן, אז איך וועל זיך ארומשלעפּן מיט א הונט, וואָלט איך אים געזאָגט, אז ער איז מעשוגע אָדער כאָסערדייע. איך בין, ווי איר זעט מיך, א ייִד פון אלטמאָדישן שניט. אמאָל געלערנט אין א יעשיווע, האָב האָלט ארײַנצוקוקן אין א געמאָרע, פאנאנדערקלײַבן זיך אין דעם פּילפּול פון א מישנע. איך בין איצטער א פּענסיאָנער, איז וואָס דארף איך מער? האָב איך מיך טאקע ארומגעלייגט מיט ספאָרים, הייליקע, נישט־הייליקע — אף דער הייליקײַט בין איך שוין לאנג ניט מאקפּיד — און געשעפּט נאכעס... אלפּא, צוריק! דאָ אף דעם הינטישן מארק האָסטו ניט וואָס צו טאָן!

דער ייִד האָט א צי געטאָן דעם הונט, און מיר זײַנען ווײַטער גע־גאנגען.

— יאָ, איז בא וואָס האלטן מיר? לעבן לעב איך מיט א זון און א שנור. ביידע ארבעטן, דער זון — א הויפּט־אינזשעניער אין א זאוואָד, די שנור — א פּילאָלאָג, אונטעריכט אין אן אינסטיטוט. ביידע פאַרדינען, פארשטייט איר שוין אליין, גאָר היפּש. א דירע האָבן מיר א ראכוועס־דיקע. פארשטייט איר דאָך אליין, אז מיר האָט גאָרנישט נישט געפעלט. אף אלע מײַנע גוטעפרײַנט געזאָגט געוואָרן. מאכט זיך א מײַסע, און די שנור קויפט א הונט, אָט דאָס קעלבל, לאנג לעבן זאָל ער...

— אהא, כ׳האָב טאקע געקלערט אזוי...

— געקלערט אזוי? א שנור אן אכזערטע און טרעטירט נעבעך דעם שווער? איז אויב איר האָט אזוי געקלערט, האָט איר ווידער א טאָעס. דעם עמעס געזאָגט, אז זי האָט מיך דאָס ערשטע מאָל געבעטן, איך זאָל ארויספירן דעם הונט אף א שפּאציר, איז עס מיר נישט שטארק געפעלן. זי האָט אים געקויפט, זאָל זי זיך ארומשלעפן מיט אים.

נאָר אז איך בין איין מאָל ארויסגעגאנגען מיט אים, א צווייט מאָל, האָב איך דערפילט, אז דאָס איז גאָר א כּיעס פאר מיר. ער צווינגט מיך, אָט דער קעלעוו מײַנער, איך זאָל צוויי, דרײַ מאָל א טאָג ארויס אפן שפּאציר, כאפּן פרישע לופט, אויסגלײַכן דעם רוקן, צעטרייסלען די אײַנגעוואקסענע גלידער. ס'איז עפּעס א קלייניקײַט? איך בין דאָך מײַריך־יאָמים מיט דעם! איר פארשטייט?

ערשט דעמלט איז צו מיר דערגאנגען, אז די שנור האָט אײַנגעהאנדלט דעם הונט נישט פאר זיך, נאָר פאר מיר טאקע. א גאָלדענע שנור, א כאכאָמע איינע אין דער וועלט. הײַנט דער הונט גופע! זעט, סארא מעכטיקע ברוסט, סארא שטאָלץ הוילעכל! איך שפּיר, אז איך האָב אויסגעגלײַכט דעם רוקן, אז עפּעס פון זײַן גווורע, פון זײַן שטאָלץ גייט ארײַן אין מיר. און ביכלאל איז עס דאָך א נעפעש כײַע. קלוג, ווי די וועלט. איך דארף זיך נאָר אופהייבן און זאָגן: „אלפא, מיר גייען!", ווי ער טוט זיך דאָס א כאפּ, לויפט אליין צום רימענדל, ברענגט עס און שטרעקט אויס זײַן האלדז: נא, טו מיר אָן! הא, וואָס זאָגט איר?

נאָך איידער איך האָב באוויזן וואָס צו זאָגן, האָט דער ייִד שוין ווײַטער גערעדט:

— און נאָך א סאָד וועל איך אײַך פארטרויען. כ'האָב זיך אָפּגעריסן פון בעסמעדרעש. פריִער איז עס געווען עפּעס אזא געוווינהײַט בא מיר. הײַנט ליגט עס מיר גאָר אין קאָפּ נישט. אויך אן איניען, האַ? די קינדער זײַנען צופרידן, און איך בין צופרידן... אלפא, וואָס שמעקסטו זיך דאָרטן מיט עפּעס א פראָסט הינטל? ס'פּאסט דען פאר דיר?! מיר זײַנען דאָך עפּעס יאכסאָנים...

די בלעטער פאַלן פון די ביימער

פֿיין, דער דאָזיקער ווייטעק וועט קיינמאָל ניט פאַרגיין, די ווונד וועט קיינמאָל ניט פאַרצויגן ווערן. נאָר עפּעס פילט ער, ווי לעצטנס איז די שאַרפקייַט פונעם ווייטעק אָפּגעטעמפּט געוואָרן און די שמערץ איז ניט אַזוי ברענענדיק...

עפּשער איז עס דערפאַר, וואָס ער אַליין איז שוין געקומען האַרט צו דעם ברעג, וואָס איז דער אומפאַרמייַדלעכער סאָף פון אַלץ, וואָס לעבט?

מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק איז בא אים געשטאָרבן זייַן זון מיכע־יויסעף, דער, וועמען מע האָט שוין אין צאַרטן עלטער פון קוים צוואַנציק יאָר גערופן נעים זמירות[1], דער, וואָס האָט מיט זייַן פּאָעטישער נעשאָמע געוועקט האָפענונגען, אַז ס'איז אויפגעקומען אַ צווייטער יעהודע האַלייווי. יאָ, אַ באַגאַבטער זון געווען מיכע־יויסעף, און אַלע אַרומיקע און ער אויך בעסויכעם האָבן געהאַלטן, אַז אַלס דיכטער וועט ער ווייַט איבערשטייַגן זייַן פאָטער, דעם באַקאַנטן מעשוירער אַווראָם־בער לעבנזאָן.

ניט קיין פולע פיר און צוואַנציק יאָר איז אים געווען, מיכע־יויסעפן, ווען ער איז געשטאָרבן. גאַנץ ווילנע איז געגאַנגען נאָך דער לעווייַע. בא אים, אַווראָם־בערן, האָט זיך דער הימל אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד. ער וואָלט ניט געקאָנט גיין נאָכן אָרן, ווען ניט זייַנע טאַלמידים, די שילער פון ראַבינער־סעמינאַר, וואָס האָבן אים קימאַט געשלעפּט אויף זייערע הענט.

יענעם טאָג האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס'איז געקומען דער קעץ, דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן אויף אייביק.

און פונדעסטוועגן איז שוין אַריבער פינף און צוואַנציק יאָר נאָך יענעם שרעקלעכן טאָג, און ער לעבט נאָך, ער פילט זיך נאָך גאַנץ נישקאָשעדיק, כאָטש ער איז שוין אַריבער די אַכציקער. ס'איז די ביטערע איראָניע פונעם גוירל: צוגענומען פון אים די האָפענונג, די שייַן פון זייַנע אויגן און געשאָנקען אים אַריכאַס־יאָמים, וועלכע ער דאַרף גאָרניט, וועלכע ער וואָלט בלב ונפש[2] אַוועקגעגעבן יענעם, דעם פריצייַטיק אַרויסגעריסענעם פונעם לעבן.

ס'איז יאָמים־נוירויִם. אַווראָם־בער, אַ הויכער, אַ דאַרער, אין אַ לייַכטן מאַנטל און מיט שווערע קאַלאָשן אויף די קאַמאַשן מיט גומי־אייַנזאַץ, שפּרייַזט איבער די שמאָלע הילצערנע טראָטוארן פון די ווילנער גאַסן. ער גייט צום בעסוילעם, וואָס אויף יענער זייַט ווילִיע.

דער טאָג איז אַ כמאַריקער. דער האַרבסטיקער ווינט רייַסט פון די

---

[1] נאָ:ם זמירויס (העבר.) — דער זיסער זינגער.

[2] בעלייוו וואָנעפעש (העבר.) — פון פולן האַרצן.

קליאָנען און ליפּעס די געלע בלעטער. זיי וואַלגערן זיך הויפנווײַז אַף די טראָטואַרן, אַפן ברוק. אווראָם־בער טאָפּטשעט זיי מיט זײַנע שווערע קאַלאָשן און קלערט וועגן אַ לעבן, וואָס האָט געבליט און איז פאַרגאַנגען.

דער טויער פונעם בעסוילעם איז ברייט צעעפנט. הײַנט איז דאָ אַ גרויסע באַוועגונג. אווראָם־בער גייט, ניט לייגנדיק קיין אכט אַף קיינעם און נאָר קורץ אָפּענטפערנדיק אַף די צאָלרײַכע באַגריסונגען.

אָט איז ער, דער גרויער שטיין מיט די אײַנגעקריצטע באַגילדעטע אויסיעס:

לבן מנוח
גבור רב כח...[1]

דער ערשטער געדאַנק: מע דאַרף הייסן באַרעך־בערן באַנײַען דאָס גאָלד אַף די בוכשטאַבן. אָט דער געדאַנק קומט אים שטענדיק באַם ערשטן בליק אַף דער מאַצייווע. נאָר פאַרוואָס איז הײַנט דער געדאַנק שוואַכער ווי פריִער? זײַן מויעך, וואָס איז געוווינט צו געפינען דעם פּשאַט אַף יעדער שטעל פון כומעש, גיט אים טייקעף אַרויס דעם ענטפער: דאָס איז דערפאַר, וואָס ער אַליין שטייט שוין אַף דער שוועל פון דער אייביקײַט, און וואָס איז אַנטקעגן דער אייביקײַט די פּאָר יאָר, וואָס דאָס נײַע גאָלד וועט בלישטשען?

ער זעצט זיך אַפן נידעריקן בענקל, וואָס איז אַרײַנגעגראָבן מיט די פּיסלעך אין דער ערד לעבן קייווער, און זײַנע ליפּן הייבן אָן זיך צו באַוועגן. דאָס כאַזערט ער די פּערזן פון זײַן זונס שירים.

ער קען זיי אַלע אַף אויסווייניק. ער קען זיי בעסער, ווי זײַנע אייגענע. צום שלוס פון לעבן גיט ער זיך אָפּ אַ קלאָרן דין־וועכעזשבן. ער איז געווען ניט מער, ווי אַ פּײַטאָן, אַ פּערזן־צוזאַמענשטעלער, אַ טרוקענער ליטווישער קאָפּ, וואָס קען געבן אַ שאַרפזיניקן פּירעש אַף אַ האַרבן פּאָסעק, וואָס קען אויסהאַמערן אַ פּאָר געגראַמטע שורעס לויט אַלע קלאָלים פון דיקדוק און ניקוד. דער עמעסער פונק פון פּאָעזיע האָט געגליט אין מיכע־יויסעפן, אין זײַן אומגליקלעכן זון.

את שולמית ראה בן מלך נער
על הר הלבנון רועה את צאן אחיה.
חיש הטילה בו אהבה רוח סער
אל לב עלם תמים כוננה חיציה[2].

דאָס איז פון מיכע־יויסעפס פּאָעמע „שלוימע". עס איז די אייציקע פּאָעמע, ווו ער שרײַבט וועגן ליבע צווישן מאַן און פרוי. ער איז געשטאָרבן ניט קיין באַווײַבטער, ער האָט קיינמאָל ניט געקענט קיין פרוי. צי באַטײַט עס, אַז ער האָט ניט געוווּסט פון ליבע? ניין, אַ מענטש, וואָס איז באַרויבט פון אָט דעם געפיל, איז באַרויבט אויך פון שעפערישן קויעך. אווראָם־בער דערמאָנט זיך: מיכע־יויסעף איז געווען אַ יאָר זעכצן אַלט.

---

[1] לעבען מאָנויאַך, גיבויר ראַוו קויאַך (העבר.) — צום זון אין זײַן רו, דעם שטאַרקן, פול קויעך.

[2] שולאַמיסן האָט דערזען דער יונגער בען־מײַלעך אַף דעם באַרג פון לעוואָנען, ווי זי פּאַשעט די שאָף פון אירע ברידער. אַ שטורעם־ווינט פון ליבע האָט זיך דורכגעטראָגן און מיט אירע פײַלן געטראָפן דאָס אומשולדיקע האַרץ פונעם באָכער.

געווען איז ער שיין, ווי א מאלעכל. א שמאָל פּאָנעם מיט אויגן גרויסע, ווי צוויי רײַפע קארשן, וואָס האָבן געקוקט אף דער וועלט קלאָר און ריין. און דאָ איז געקומען צו זיי צוגאסט פון דעם שטעטל, ווו ער, אוור־ראָם־בער, האָט אָפּגעלעבט אכט יאָר באם שווער אף קעסט, עפּעס א ווײַטע קרויווע מיט א טאָכטער. געווען איז די טאָכטער א געזונטע מויד פון א יאָר אכצן, מיט רויטע פרישע באקן און א פארשײַטן בליק פון א מיידל, וואָס ווייסט א סאך. דאכט זיך, ווי קומט אזא איידל באָכערל, וואָס איז פארטאָן אין לערנען, אין שירים, אין הוילע רוכנ׳עס, צו אזא מיידל? נאָר ס׳איז געווען, ווי עמעצער וואָלט אים עפּעס א בייזן קישעף אָפּגעטאָן. גלײַך ווי דאָס מיידל איז אריבערגעטראָטן די שוועל פון זייער דירע, איז דער יונג געוואָרן ווי געפּלעפּט פון עפּעס א נײַעם, ביז אהער ניט געאנטן געפיל: זײַנע אויגן זײַנען געוואָרן טונקעלער און זײַן בליק — אומרו׳יק־מאָנענדיק. צוויי וואָכן האָט די קרויווע מיטן מיידל פארבראכט אין זייער שטוב, און מיט יעדן טאָג איז דער יונג געוואָרן אומרו׳יקער. ער האָט זיך צוגעקלעפּט צום מיידל און איז איר נאָכגעגאנגען, ווי א שאָטן, סײַ אין שטוב, סײַ אין גאס. איינמאָל איז זי ארײַן אף דער דײַטשער גאס צו אירן א פעטער. דעם יינגל האָט זי אָנגעזאָגט, ער זאָל ניט וואַרטן אף איר און גיין אהיים. נאָר מיכע־יויסעף איז ניט אוועק אהיים. ער איז געשטאנען אין ענגן הייפל און געווארט. גראָד האָט אויסגעבראָכן א שלאקסרעגן. אין צוויי שאָ ארום, אז דאָס מיידל איז ארויס אין הויף, האָט זי אים געפונען א דורכגעווייקטן, א ציטערדיקן פון קעלט און נעץ. זי האָט אים קוים דערשלעפּט אהיים א קראנקן. פון דעמלט אָן האָט זיך עס אָנגעהויבן די קרענק, וואָס האָט אים סאָפקאָלסאָף ארײַנגעבראכט אין קייווער.

א מענטש האָט קיינמאָל קיין פּרוי ניט געקענט, און דאָך זײַנען די ווערטער וועגן ליבע ניט קיין אויסגעדימיענטע ווערטער, נאָר טיף דורכגעפילטע, פאר וועלכע דער מעשוירער האָט באצאָלט די העכסטע פּרײַז.

אף אוורא̇ם־בערס לינקער האנט, וואָס ליגט אף דער קני, האָט זיך באוויזן א מוישע־ראביינעס־קי׳עלע. ער יאָגט זי ניט אוועק. ער קוקט אף דער בענימעסדיקער באשעפעניש, וועלכע קריכט פלײַסיק צו איר אומבאַקאנטן ציל, מיט דעם בליק פון אן אלטן מענטשן, וואָס האָט שוין שאָלעם געמאכט מיט אלץ, סײַ מיטן לעבן, סײַ מיטן טויט. זײַנע ליפּן שעפּטשען איצטער די שורעס פון מיכע־יויסעפס לעצטער פּאָעמע „קויהעלעס”. ער האָט זי געשריבן, ווען ער איז שוין געווען שטערבלעך קראנק. מיט דער דאָזיקער פּאָעמע האָט ער זיך אָפּגעשיידט פון דער וועלט:

עד נח בקבר לא ידע לנוח.
עוד יום לפני מותו קרא פעמים:
„הכל הבל! אך הבל ורעות רוח!”
אמר קהלת ויסגור עינים[1].

---

[1] ביז ער איז ניט אראָפּ אין קייווער, האָט ער זיך ניט בארו׳יקט. א טאָג פארן טויט האָט ער אויסגעשרי׳ען: „אלץ איז נישטיקײַט און פארבלענדטקײַט!” — אזוי האָט געזאָגט קויהעלעס און פארמאכט די אויגן.

אָט אַזוי האָבן געקעמפט אין אים לעבן און טויט. די ליידן פון לעבן האָבן אים אונטערגעזאָגט די ליבע־לידער פון שלוימען, די ליידן פון טויט האָבן אַרײַנגעלייגט אין זײַן מויל די אָפּגאַנג־לידער פון קויהעלעס. אווראָם־בער קלערט: מע דאַרף אָפּלעבן אַזאַ לאַנג לעבן, ווי ער, קעדיי צו פאַרשטיין, אַז לעבן און טויט זײַנען ניט קיין קעגנזעצלעכע באַגריפן, נאָר צונויפגעפלאָכטענע, ענג צוזאַמענגעבונדענע. די בלעטער, וואָס פאַלן איצטער פון די קליאָנען, ווייסן, אַז דורך זייער שטאַרבן גיבן זיי אָרט פאַר נײַע, וואָס וועלן שפּעטער אופקומען. יעדער שטאַרבן איז אַ מיתת נשיקה[1].

אַנדערע האַלטן, אַז ווען מע איז יונג, באַנעמט מען אָפּן פולקומסטן אויפן דאָס לעבן. דאָס איז ניט ריכטיק. ערשט איצטער, ווען ער איז אַרייבערגעשטיגן די אַכציקער, פילט אווראָם־בער, אַז ער האָט זיך אופגעהויבן אַף אַזאַ הייך, פון וועלכער ער פאַרשטייט בעסער, טיפער אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט אָט דער צוויי־איינִיקײַט: לעבן — טויט.

די שירים זײַנען פאַרענדיקט. ער וואַרפט אַ בליק אַף זײַן לינקער האַנט. מוישע־ראַביינעס־קִיעלע, ווי זי וואָלט דערשפּירט, אַז די אַזקאָרע־ליטורגיע איז פאַרענדיקט, שפּרייט אויס אירע קורצע פליגעלעך און פליט אַוועק.

אווראָם־בער דרייט זיך אום: ער האָט שוין לאַנג געשפּירט, אַז עמעצער איז צוגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט הינטער אים. און ווירקלעך, הינטער אים, אַף אַ געוויסן אָפּשטאַנד, וואָס דער אָפּשײַ דיקטירט, שטייט זײַן ייִנגערער כאַווער, דער שרײַבער שמועל־יויסעף פּין. אווראָם־בער הייבט זיך אוף פון בענקל, גייט צו צו אים, זיי באַגריסן זיך.

— איר שטייט שוין דאָ לאַנג, רעב שמועל־יויסעף?

— אַ היפּשע ווײַלע. כ׳האָב ניט געוואָלט שטערן אײַך. איר זײַט דאָך מיספּאַלעל געווען, רעב אווראָם־בער?

לעבנזאָן שאָקלט מיטן קאָפּ. פאַרן פרומאַק פּינען איז דאָס לייענען מיכע־יויסעפס שירים אַף זײַן קייווער ניט קיין טפילע. פאַר אים, אווראָם־בערן, איז עס אַ טפילע.

— אהיים, רעב אווראָם־בער? איך וועל אײַך באַגלייטן.

אַ היפּשע ווײַלע גייען זיי שווײַגנדיק. באַ אווראָם־בערן, ווי שטענדיק נאָך אויסטײַנען זיך מיטן זון, איז אַף דער נעשאָמע אַ מענוכע־שאַלוועדיקע אויסגעקלאָרטקײַט, וואָס קומט, ווען אַ מענטש מאַכט שאָלעם מיטן גוירל. דער שרײַבער פּין פאַרשטייט אָט די שטימונג און שווײַגט אויך.

אָפּן בריק בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט. אווראָם־בער שטעלט זיך אָפּ, קעדיי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. ער דרייט זיך אויס מיטן רוקן צום ווינט, נעמט מיט ביידע הענט אָן די פּאַרענטשע און קוקט אַף דעם טײַך. די וואַסערן פון דער ווילִיע זײַנען יעסענדיק טונקל, זיי שטראָמען רוגזעדיק און שוימען באַ די ברעגן. דאָס דערמאָנט עפּעס אווראָם־בערן, און ער גיט אַ שמייכל:

---

[1] מיסאַס נעשיקע (העבר.) — טויט דורך אַ קוש.

— אנומלט איז בא מיר געווען א יונגערמאַן, פון די הײַנטצײַטיקע, פון די „אופגעקלערטע". א טשיקאווער יונגערמאַן, ער האָט געלייענט לידער.

— שירים? אף לאַשנקוידעש? — שמועל־יויסעפס ברעמען הייבן זיך אוף, דער שטערן ווערט פול מיט טיפע קנייטשן.

— ניין. לידער. אף פּראָסט יידיש.

שמועל־יויסעפס ברעמען לאָזן זיך אראָפּ, דער שטערן ווערט גלאַט, און זײַן ברייט לאָמדיש פּאָנעם מיט די דינע סקלעראָז־אָדערלעך קריגט א גלײַכגילטיקן אויסדרוק. אף אווראָם־בערן פאַלט אָן דער כיישעק זיך א רייץ צו טאָן מיט אים:

— אָט הערט, שמועל־יויסעף, וואָס אזא מין הײַנטצײַטיקער באָכער פאַרגינט זיך צו זאָגן:

צו דעם קאמף וועט מען באדארפן
יענעם טאָג פון היץ און דראנג,
כוץ דעם ביקס, דעם שווערד דעם שארפן,
א באגײַסטערטן געזאנג.[1]

ער רײַסט זיך אָפּ פון דער פּאָרענטשע, נעמט פריילעך דעם נידעריקן געפּאקטן פינען אונטערן אָרעם, און זיי גייען ווײַטער.

— א קאמף? צוזאמען מיט די אומעס־האָוילאָם?

— יאָ, צוזאמען.

— ווי איז דאָס מעגלעך? — שרײַט אויס שמועל־יויסעף פין. זײַן אפּאָפּלעקסיש פּאָנעם גיסט זיך אָן מיט בלוט אזוי, אז די רויטע סקלעראָז־פּעדעמלעך פארשווינדן, ער פלאמט אינגאנצן פון צאָרן.

לעבנזאָן גייט פּאמעלעך, שארט מיט די גרויסע קאלאָשן איבער די קופּעס געלע בלעטער און ווארפט בייסמײַסע זײַטיקע בליקן אף זײַן מיטגייער. ער ווייסט, אז פין האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק כאסענע גע־האַט מיט א רײַכער אלמאָנע און האָט זיך אײַנגעשאפט א דרוקערײַ, ניט נאָר צו דרוקן דאָרטן זײַנע אייגענע ספאָרים, נאָר אויך אלס א סאָכרישע אונטערנעמונג. דאָס אלץ איז אים ניט סימפּאטיש, און ער זעצט פאָר:

— זיי זאָגן, אז זיי קעמפן פאר יוישער.

— זייריידן וועגן יוישער! — ווערט שמועל־יויסעף פין נאָך מער אָנ־געצונדן. — זיי, די אָפּטריניקע, האָבן נאָך די האָזע צו ריידן וועגן יוישער!.. — ער איז מאָלע־רעציכע, זײַן קורצער גוף טרייסלט זיך אזש פון אופרעגונג.

עס געדויערט א גוטע ווײַלע, ביז שמועל־יויסעף פין בארויקט זיך און זײַנע רייד הייבן אָן צו ווערן מעיושעוודיק. וואָס זײַנען דאָס פארא קאמפן, פון וועלכע די יונגאטשעס ריידן? צו וואָס קעמפן? דאָס מאלכעס קומט דאָך אליין אנטקעגן די יידישע נויטן. ער הייבט אָן אויסצורעכע־נען: אין 1844 האָט די רעגירונג געעפנט א ראבינער־שול אין ווילנע... אין 1859 האָבן יידישע סאָכרים געקראָגן ווױנרעכט אין גאנץ רוסלאנד... גלײַך נאָכדעם איז אויך יידן מיט הויכבילדונג — דאָקטוירים, יוריסטן —

[1] פון מאָריס ווינטשעווסקיס א ליד.

דערלויבט געוואָרן צו לעבן אומעטום... אין 1863 איז אין פּעטערבורג געגרינדעט געוואָרן די כעוורע מעפיצײ־האַסקאָלע מיט אָפּטײלונגען אין אַלע גרעסערע שטעט... מיט צוויי יאָר צוריק, אין 1874, זײַנען ייִדן אויסגעגליכן געוואָרן אין מיליטער־דינסט מיט אַלע פעלקער פון רוס־לאַנד... טראָט נאָך בעסערט דאָס מאַלכעס אויס די ייִדישע לאַגע... און יענע, די כוצפּעניקעס, די יונגאַטשעס, זאָגן: קאַמף...

לעבנזאָן הערט מיט א האַלבן אויער די רייד פון זײַן באַגלייטער. אַן אײַזערנעם זיקאָרן האָט ער, שמועל־יויסעף, אַן עמעסן זיקאָרן פון א היסטאָריקער... נאָר גלײַכצײַטיק מיט דער באַוווּנדערונג וואַקסט אין אים אויך א ווידערווילן קעגן אים, דעם פרומאַק, וואָס איז דורך א שידעך מיט א רײַכער אַלמאָנע געוואָרן א באַלעבעסל און שפּרינגט איצטער קאָ־דעש פאַר דעם מאַלכעס.

ער איז מיט פינף און צוואַנציק יאָר עלטער פון פינען. יענער איז אין סאַמע ברען פון לעבן, ער, לעבנזאָן, שטייט שוין אַף דער שוועל. עס וואָלט געוועזן שרעקלעך אַוועקצוגיין, ניט וויסנדיק, אַז פון דיר, דעם אַוועקגייענדיקן, בלײַבט עפּעס איבער אין דעם נײַעם, דעם אויפקומענדיקן.

דער צוואַנציקיאָריקער באָכער, וואָס איז אַנומלט געוועזן בא אים — ווי רופט מען אים דאָרט, בענציען נאָוואָכאָוויטש[1], דאַכט זיך... — איז אים זייער געפעלן געוואָרן. א יונגער גרינער בלאַט אַף דעם אייביק בליִענ־דיקן בוים פון פאָלק.

וואָס וויל דער ייִד מיט דער גרילצנדיקער שטים, וואָס גייט לעבן אים? ער האַלט אַלץ אין אויסרעכענען די טויוועס, וואָס די צאַרישע רעגירונג טוט דעם ייִדישן פאָלק... ניין, אים, לעבנזאָנען, איז א סאַך ליבער אָט יענער פרישער זאַפטיקער בלאַט, וואָס האָט זיך באַוויזן אַף דער זעלבער צווײַג פונעם אַלטן בוים, אַף וועלכן עס דערלעבט זײַנע יאָרן דער אַלטער מעשוירער אַווראָם־בער לעבנזאָן.

„כוץ דעם ביקס, דעם שווערד דעם שאַרפן, א באַגײַסטערטער גע־זאַנג...״ — שעפּטשען זײַנע בלאַסע ליפּן, און די אָנוועזנהײַט פונעם דערבײַ שפּאַנענדיקן גרילצנדיקן פאַרשוין גיט צו א באַזונדערן כיין די דאָזיקע פריידיק־האָזעדיקע שורעס.

זיי גייען צו צום נײַעם געאָרגיִעווסקי־פּראָספּעקט. דאָ זײַנען פאַראַן באַקוועמע שטיינערנע טראָטואַרן.

— נו, דאָ וועל איך שוין אַליין גיין. א דאַנק! — אַווראָם־בער שטרעקט אויס די האַנט צו זײַן באַגלייטער און זעגנט זיך אָפּ מיט אים.

ער גייט מיט דער ברייטער גאַס. דער ווינט יאָגט די געלע בלעטער פון די ליפּע־ביימער, נאָר דער הימל אין סאַמע עק אַף דער מײַרעוו־זײַט, וווּהין דער פּראָספּעקט שפּאַרט אָן, איז א ביסל קלאָרער געוואָרן. דאָרט ברענט מיט א רויטן פּאַס די זון אין שקיִע. אַווראָם־בער גייט מיט פאַ־מעלעכע זקײניִשע טריט צו אָט דער זינקענדיקער זון.

---

[1] דער עמעסער נאָמען פון דעם שפּעטער באַרימט געוואָרענעם מאָריס וויני־טשעווסקי.

ווען ניט ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש...

1

עפּראַים סאנדלער, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין מאָסקווע א פּאָר יאָר נאָך דער רעוואָלוציע, האָט קיין שום שײַכעס ניט געהאט צום קייסער און ניט צו דער קייסערלעכער פאמיליע, נאָר צו איינעם פון זיי, צו דעם קייסערס פּעטער, ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטשן, האָט ער יאָ געהאט א שײַכעס, דאָס הייסט, ער האָט פון אים געהאלטן און, ווי זאָגט מען עס, שטארק געהאלטן. ווען ניט ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש...

די מײַסע איז געווען אזא: אין פערציקסטן יאָר, ווען ליטע איז געוואָרן סאָוועטיש, האָבן זיך זײַנע טאטע־מאמע געכאפּט, אז זיי שטאמען דאָך אויך פון א קליין ליטוויש שטעטל. יאָרנלאנג זײַנען זיי געווען אָפּגעריסן פון דאָרט, קיין שום פּארבינדונג ניט געהאט מיט דעם, און דאָ פּלוצלינג איז אָט דאָס שטעטל געוואָרן נאָענט, מאמעש מיט דער האנט צו דערגרייכן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן דערמאָנונגען — דער טאטע האָט עס גערופן „קעלבערנע היספּײַלעס”, אָבער אינדערעמעסן איז ער ניט ווייניקער פון דער מאמען געווען פארכאפּט פון די דערינערונגען — אזויפיל קרויווים, אזויפיל נאָענטע, אזא יוגנט פארבראכט דאָרטן...

— געדענקסט, עטל, דאָס בעריאָזאָווע וועלדל הינטער דעם פּאָרעצס אימעניע? — האָט ער מיט א שטיפערישן שמייכל געפרעגט.

די מאמע האָט צנִיעסדיק אראָפּגעלאָזט די אויגן, און עפראַימען איז געוואָרן קלאָר: אין דעם, וואָס דער טאטע מיט דער מאמען האָבן, שוין דאָ זײַענדיק, כאסענע געהאט, האָט יענץ בעריאָזאָווע וועלדל אויך א כיילעק.

— עך, ווען כ'וואָלט ניט געהאט שוין אויסגענוצט מײַן אורלויב... כ'וואָלט זיך אראָפּגעכאפּט אהין א קוק טאָן, ווי זעט עס איצט אויס... ווען ניט ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש, לאנג הענגען זאָל ער אף יענער־וועלט, וואָלטן מיר דאָך אלע געשטעקט דאָרטן... און דו, פראַיקע, וואָלסט אויך געווען א דאָרטיקער.

— איך א דאָרטיקער? — עפראַים האָט זיך הילכיק פאנאנדערגעלאכט. פאר אים, דעם סטודענט פון מאָסקווער אוניווערסיטעט, איז עס געווען גאָר א טשיקאווער געדאנק. — וואָס וואָלט איך דאָרטן געטאָן?

— וואָס דו וואָלסט דאָרטן געטאָן? א סטודענט פון מאָסקווער אוניווערסיטעט וואָלסטו אוודע ניט געווען. פאָר צו אהין! בא דיר איז דאָך

איצטער קאניקולן. וועסט זיך באקאנען מיט די קרויווים, אָפּגעבן זיי פון אונדז א גרוס. דער ברודער איציק איז, עמעס, געשטאָרבן דאָרטן... בעסאכאקל מיט א יאָר עלטער פאר מיר... ער וואָלט אויך דאָ געקאָנט זײַן, נאָר אײַנגעשפּארט זיך און זיך אומגעקערט קיין ליטע. די פאמיליע אָבער לעבט דאָרט. צוויי קינדער, א ייִנגל און א מיידל. דאָס ייִנגל איז פונקט אין דײַנע יאָרן. אויך עפראַיִם און אויך סאנדלער.

אויך עפראַיִם און אויך סאנדלער?.. טשיקאווע, גאָר טשיקאווע. דעם פאָטערס ווערטער האָבן אים אָנגעצונדן. מע דארף צופאָרן אהין אף די פּאָר וואָכן, וואָס זײַנען אים נאָך פארבליבן פון די קאניקולן.

בא א סטודענט איז דאָס קלײַבעניש א קורצע. דער רוקזאק אף דער פּלייצע, און אן אייבערשטע פּאָלקע אין א וואגאָן וועט זיך שטענדיק אײַנגעפינען.

פונעם וואָקזאלכל אין דעם ליטווישן העק ביז צום שטעטל איז געווען עטלעכע קילאָמעטער. עפראַיִם סאנדלער האָט קיין אכט ניט געלייגט אף די וועגענער און פורמאנעס, וואָס האָבן זיך געשטופּט ארום וואָקזאלכל און אים גערופן אין זייערע בוידן. אין אזא מעכײַעדיק־זומערדיקן טאָג און אין אזא דאָרפישן ראכוועס איז דער בעסטער טראנספּאָרט — די אייגענע פיס.

דער זשווירישער וועג, אן אויסגעפאָרענער פון באלעגאָלישע קאָלייעס — א מאשין ניט אף א רעפוע — האָט געפירט פארבײַ פעלדער מיט דרעמלענדיקע זאנגען און לאָנקעס, אף וועלכע ס׳האָבן זיך געפּאשעט קי. דאָס שטעטל האָט אים באגעגנט מיט גראָגערנדיקע גענדז און קראקענדיקע קאטשקעס, וועלכע האָבן זיך געפּליושקעט אין א סאזשלקע. און אָט גייט שוין דער וועג אריבער אין א ברייטער גאס, אָנגעפּיקעוועט פון ביידע זײַטן מיט גרויע, פון אלטקײַט, נידעריקע הײַזלעך, אײַנגעהויקערטע אונטער דער לאסט פון די שווערע שינדלנע דעכער. גאָט מײַנער, וויפל קראָמען! ניטאָ קימאט קיין שטוב, וואָס זאָל ניט גלאָצן אף דער גאס מיט א קרעמערישער טיר. עפראַיִם גייט איבער דער גאס און פּילט, ווי פון אלע פענצטער שפּיזלען אים אדורך נײַגעריקע בליקן. פון אונטער דער ערד וואקסט ארום אים אויס א כאָפּטע ייִנגלעך, וואָס פינקלען אף אים מיט שווארצע נײַגעריקע אויגן. ווי נאָר ער באוויײַזט אָנצורופן דעם נאָמען סאנדלער, פירט אים די טרײַומפירנדיקע כאָפּטע ארוף אף א זײַטיק געסל און ברענגט אים צו א שטוב, וואָס איז נאָך נידעריקער און אײַנגעהויקערטער, ווי די, וואָס שטייען אף דער „הויפּט־גאס". מאשמאָעס, עמעצער פון דער כאָפּטע האָט שוין באוויזן אָנזאָגן די בסורע. אין דער אָפענער טיר שטייט א ברייטביינערדיקע, צעפלאָסענע ייִדענע און קוקט מיט דערשראָקן־נײַגעריקע אויגן אף דעם אָנקומענדיקן גאסט. עפראַיִם רופט זיך אָן, און די ייִדענע לאָזט ארויס א דינינקן פּישטש, וואָס פּאסט גאָרניט צו איר מעגושעמדיקן גוף. זי פירט אים ארײַן אין שטוב. דער צימער מיט די גראָבע הילצערנע באלקנס אונטער דער סטעליע איז נידעריק און גרויס, ער האָט צוויי פענצטער, צעטיילטע דורך קראטעס אף פיטשינקע שויבן. בא איינעם פון די פענצטער שטייט א שוסטער־וואָרשטאט. פונעם נידעריקן בענקל הייבט זיך אוף א שטשופלער באָכער אין

א לעדערנעם פּאַרטעך. ער האָט א מאָגער פּאָנעם, אף וועלכן עס טיילן זיך אויס די ארויסשטאַרצנדיקע קינבאקן. מיט א פאַרלעגענעם שמייכל שטרעקט ער אויס דעם גאַסט די האַנט, און עפראַים פאַרשטייט, אַז דאָס איז עפראַים סאַנדלער, זײַן ליטוויש־קליינשטעטלדיקער „וואַריאַנט". פון הינטער דעם ציצענעם פאַרהענגל באַם גרויסן אויוון קומט ארויס א שוואַרצהאָריק מיידל פון א יאָר זעכצן און שטעלט אָן אף דעם אומגעריכטן גאַסט א פּאָר גרויסע פאַרכידעשטע אויגן. דער גאַסט שטויסט זיך אָן: דאָס דאַרף זײַן דאָס שוועסטערקינד זײַנס. איר פּאָנעם פלאַמט אוף, בייס ער גייט צו איר צו און גיט איר א קוש אין איר רויט בעקעלע. „עסטערקע",— שעפּטשעט זי אויס א פאַרשעמטע און ווערט נאָך מער רויט. וויבאַלד אַזוי, קומט איר אוואַדע א קוש...

צען טעג האָט פאַרבראַכט עפראַים סאַנדלער אין דער דאָזיקער שטוב. זײַן שוועסטערקינד האָט זיך באַצויגן צו אים גראַבלעך־גוטמוטיק. נאָך דעם מאָסקווער עפראַימען איז קענטיק געווען, אַז די איבערגעטריבענע גראָבקייט פון זײַן שוועסטערקינד איז א מין שוץ־מאַסקע, מיט וועלכער ער וויל זאָגן, אַז ער, דער שוסטער־יונג, איז א זעלבשטענדיקער מענטש און ער פילט זיך לעגאַמרע ניט געפאַלן לעגאַבע דעם גרויסשטאָטישן „הינטעלעגענט".

— דו ביסט פראַים סאַנדלער, און איך בין פראַים סאַנדלער,— האָט דער שוסטער געטײַנעט,— נאָר דער עמעסער פראַים סאַנדלער בין איך, ניט דו. מײַן טאַטע איז געווען א שוסטער, און אונדזער זיידע איז געווען א שוסטער. מיר טראָגן ביידע זײַן נאָמען, פאַרשטייסט? סאַנדלער איז שוסטער אף לאָשנקוידעש, פאַרשטייסט? איז דו ביסט אראָפּ פון אונדזער וועג, ביסטו שוין ניט דער עמעסער סאַנדלער. און איך בין דער עמעסער פראַים סאַנדלער! פאַרשטייסט?

— זאָג מיר נאָר,— האָט זיך ארײַנגעמישט די מומע,— וואָס וועסטו זײַן, אַז דו וועסט ענדיקן דײַן ניווערסיטעט? א דאָקטער צי אַן אדוואָקאַט?

— איך שטודיר מאַטעמאַטיק, מומע.

— מאַטעמאַטיק?— האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די מומע.— איז וואָס וועסטו ווערן?

— צוויי מאָל צוויי איז פיר. דאָס איז די גאַנצע כאָכמע!— האָט זיך צעלאַכט דער שוסטער־יונג.

— מאַטעמאַטיק — דאָס איז א וויסנשאַפט,— האָט זיך עסטערקע אָנגענומען פאַר איר שוועסטערקינד.— מע לערנט עס אין די אוניווערסיטעטן און דאַן ווערט מען א געלערנטער.

— זע נאָר, זע,— האָט די מומע זיך אָנגערופן מיט איר דינינקן קעלכל,— ווי דער גוירל שפּילט עס מיט א מענטשן. אויב דער ראָשע־מערושע ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש וואָלט אונדז ניט ארויסגעיאָגט פון שטעטל, וואָלסטו ניט געווען פון קיינע ניווערסיטעטן און וואָלסט געווען א מענטש, ווי אַלע מענטשן. דײַן טאַטע מיט דער מאַמען האָבן זיך שוין דאָ געליובעט...

— און וואָס פעלט אים אזוי? א געלערנטער איז ניט קיין שוסטער־יונג, — האָט עסטערקע העלדיש פאַרטיידיקט דעם גאַסט, פאַרדינענדיק דערבײַ א בייזן בליק פון ברודער.

עסטערקע האָט באוויזן צו פאַרענדיקן דרײַ קלאַסן פון דער אָנפאַנג־שול, בייס איר פאָטער איז געשטאָרבן. אז דער ברודער איז געוואָרן דער שפּײַזער פון דער מישפּאָכע, האָט ער מער ניט געלאָזט עסטערקען גיין אין שול — פאַר א מיידל איז דרײַ קלאַסן גענוג און איבערגענוג. ניט קוקנדיק אף דעם, איז עסטערקע געווען א גאַנץ אַנטוויקלט מיידל. אויסער דעם ביסל לאָשנקוידעש, וואָס זי האָט אַרויסגעטראָגן פון דער טאַרבוס־שול, האָט זי געקענט א ביסל ליטוויש און האָט איבערגעלייענט א שפּאָר ביסל ביכער אף יידיש.

פּראַיקע דער שוסטער האָט גאַנצע טעג געאַרבעט. אין די אָוונטן פלעגט ער ערגעץ פאַרשווינדן. „שפּילן אין קאָרטן", — האָט מיט פאַר־דראָס דערקלערט עסטערקע. קומען פלעגט ער אין א העפקערדיק־אופּ־געראָדערטער שטימונג, און דאַן פלעגט ער ברומען זײַן באַליבט לידל:

איך בין ניט קיין לאָשעק, איך בין ניט קיין פערדל,
איך בין שוין א גרויסער, מיר וואַקסט שוין א בערדל!

אָפּפאָרנדיק פון דעם שטעטל צוריק אהיים, האָט דער סטודענט פון מאָסקווע, עפראַים סאַנדלער, געמאַכט דעם סאַכאַקל: מאַלאַדיעץ ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש, וואָס האָט זיך אַרײַנגעמישט אין זײַן גורל! דערבײַ האָט ער לעמאַן־האָעמעס געמוזט אויך צוגעבן: מאַלאַדיעץ אויך דער טאַטע און מאַלאַדיעץ אויך די מאַמע, וואָס האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר די שווע־ריקײַטן פון בירגערקריג און פאַרבליבן אין רוסלאַנד.

2

דאָס אלץ האָט זיך דערמאָנט דעם פּופּציקיאַריקן עפראַים מאָיסייעוויטש סאַנדלערן, דעם דאָקטאָר פון מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן, אין זײַן האָטעל־צימער אין ווילנע. ער איז הײַנט אינדערפרי געקומען אין א קאָמאַנדירונג קיין ווילנע, גלײַך אוועק אפן זאַוואָד, ווו ער האָט געהאַט אַן אָנגעשטרענגטן אַרבעטסטאָג. ער וועט דאָרט זײַן פאַרנומען נאָך עטלעכע טעג, נאָר איצטער, נאָך דעם אַרבעטסטאָג, האָט ער בעדייע זיך צו פאַרנעמען מיט א ריין־פּערזענלעכן איניען: ער דאַרף אופזוכן זײַן שוועסטערקינד פון דעם קליינעם ליטווישן שטעטל.

לאַנגע יאָרן נאָך דער מילכאָמע האָט ער גאָרניט געוווּסט פון זײַנע קרויווים, געמיינט אפילע, אז זיי האָבן געטיילט דעם גורל פון דער מערהײַט ליטווישע יידן, וואָס זײַנען אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם דײַטש. ערשט ניט לאַנג, רײדנדיק אין מאָסקווע מיט איינעם פון ווילנע, וואָס האָט געדינט אין דער ליטווישער דיוויזיע, האָט עפראַים זיך דערוווּסט, אז פּראַיקע דער שוסטער האָט אויך געדינט דאָרט, דורכגעמאַכט די גאַנצע מילכאָמע און לעבט איצטער אין ווילנע. וויבאַלד אזוי, דאַרף ער

אים אופזוכן. דעם אדרעס האָט ער זיך שוין דערוווּסט אינדערפרי דורך דער אדרעס־ביוראָ.

די טאַקסי איז אין איין אָטעם דורכגעפלויגן די שלאַנקע אײַזנבעטאָן־בריק איבער דער ווילײַע, און דער שאָפער האָט פארלאַנגזאַמט דעם גאַנג.

— דאָ פאָרן מיר אַרײַן אין אונדזער נײַעם ראַיאָן, — האָט דער טאַקסיסט פֿײַערלעך געמאָלדן. — איר זײַט דאָך ניט קיין היגער, יאָ? דאַרפט איר עס גוט באַקוקן. מיר האָבן אָקאָרשט געקראָגן פֿאַר דעם ראַיאָן די אַלפאַרבאַנדישע מעלוכע־פּרעמיע פאַר אַרכיטעקטור!

ער האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ שטאָלץ, ווי ער אַליין וואָלט געבויט דעם ראַיאָן און ער וואָלט געקראָגן די פּרעמיע.

— עמעס, עמעס, כ'האָב טאַקע געהערט דערפון, — האָט זיך אָפּגערופן סאַנדלער.

— ווײַבאַלד אַזוי, וועלן מיר אַרומקרײַזן דעם ראַיאָן, איידער איך פיר אײַך צו צום נייטיקן הויז.

„אַרומקרײַזן“ — איז טאַקע געווען דער ריכטיקער אויסדרוק, וואָרעם קיין גאַסן אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט זײַנען דאָרט ניט געווען. אַ ברייטער אַספאַלטענער גאַרטל האָט אַרומגעכאַפּט דעם ראַיאָן, און אינעווייניק האָבן אַספאַלטירטע וועגן זיך געשלענגלט פרײַ לויט דער פאַנטאַזיע פונעם אַרכיטעקטאָר. די הײַזער זײַנען געווען צעוואָרפן אין קלוימערשטער אומאָרדענונג. נאָר די דאָזיקע „אומאָרדענונג“ האָט געבילדעט אַן אויסטערליש־מאָלערישע פאַנאָראַמע. און אַלץ איז געווען אײַנגעטונקט אין גרינס. אין אייניקע ערטער האָבן די אַרכיטעקטאָרן אפילו איבערגעלאָזן אינדזלען פון דעם אורוואַלד, וואָס איז קענטיק דאָ פריִער געווען.

— די אַלע הײַזער, — האָט דערציילט דער טאַקסיסט, — זײַנען אַרויס פונעם זאַוואָדישן קאָנווייער, און נאָר דערפאַר איז מעגלעך געווען אופצובויען דעם ראַיאָן פאַר אַזאַ קורצער צײַט. אָבער זעט, ווי פאַרשיידנאַרטיק, ווי בילדעריש זיי זײַנען! יעדעס הויז האָט זײַן אייגן פּאָנעם!

די אויגן פונעם טאַקסיסט האָבן געבלישטשעט.

סאָפּקאָלסאָף האָט זיך די טאַקסי אָפּגעשטעלט פאַר אַ פילשטאָקיקער געבײַדע, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דעם גרינס, אַזוי ווי זי וואָלט אַליין געווען אַ שטיק נאַטור.

אויפן אַכטן שטאָק האָט עפראַיִם סאַנדלער מיט האַרצקלאַפּעניש אָנגעדריקט די קנאָפּקע.

די טיר האָט געעפנט דער באַלעבאָס אַליין. עפראַיִם סאַנדלער איז אַריבערגעטראָטן די שוועל און אַ שמייכלענדיקער געקוקט אויף זײַן „ליטווישן וואַריאַנט“.

— אַ! דער סטודענט פון מאָסקווע! — האָט אויסגעשריִען דער באַלעבאָס, זיך גאָרניט פאַרוווּנדערנדיק.

זיי האָבן זיך אַרומגענומען, צעקושט.

אַרײַנגעגאַנגען אין צימער, זײַנען זיי אַ ווײַלע געשטאַנען און, ווי צוויי הענער, זיך אָנגעקוקט. ביידע מיטלוווּקסיקע, געפאַקטע, זײַנען זיי איצטער געווען שטאַרק ענלעך איינס צום אַנדערן, אַלנפאַלס אַ סאַך מער, ווי מיט דרײַסיק יאָר צוריק.

— די האָר דײַנע, די האָר...— האָט געזאָגט דער ווילנער עפֿרא͏ַים, — סט׳דאָך געהאַט א פּרעכטיקע שעוועליורע...

— געלאָזן אין די אָקאָפּעס. און דו... ביסט דאָך געווען א דארער יונג... און איצטער גראָב געוואָרן, אָנגעגאָסן...

— ניט גרעבער פון דיר, פּעמפּיק איינער! — דער ווילנער עפֿרא͏ַים האָט א שטורך געטאָן דעם מאָסקווער אין בויך, און ביידע האָבן זיך פֿאַ־נאנדערגעלאכט.

אפּן טומל איז ארײַן די באַלעבאָסטע.

— ציליע, דאָס איז מײַן שוועסטערקינד פון מאָסקווע. געדענקסט, כ׳האָב דיר דערציילט... סטודענט פון מאטעמאטיק... וואָס ביסטו איצ־טער?

— לייטער פון אָפּטיילונג אין א וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט... דאָקטאָר פון מאטעמאטישע וויסנשאפטן...

— דאָקטאָר! הערסט, ציליע? א דאָקטער, וואָס פארשטייט קיין קרענק ניט!.. — ער האָט זיך הילכיק צעלאכט, און דאָס איז טאקע געווען דאָס הירזשען פונעם אמאָליקן פראַיקע דעם שוסטער־יונג. א געלעכטער מיט א רוישיק סאָפּען, וואָס איז גיכער ענלעך אָף א פלאַנכען.

ציליע איז געווען קליינוואוקסיק און קײַלעכדיק. איר פולבלעכן קער־פּער האָט זי אָבער געטראָגן לײַכט, און אירע באַוועגונגען זײַנען געווען אפילע גראַציעז. איר קײַלעכדיק פּאָנעם מיט א נעזל, ווי א קליין בול־בעטשקע, האָט געטעמט מיט פריילעכקײַט און אומויסשעפּלעכער גע־מיטלעכקײַט. זי איז געווען א סאך ייִנגער פונעם מאַן, געארבעט האָט זי אלס בוכהאלטער, און דער גאַסט האָט גלײַך נאָך די ערשטע ווערטער אירע געקאָנט מיט באַפרידיקונג פעסטשטעלן, אז זײַן שוועסטערקינד פארמאָגט א גאנץ געבילדעטע, געמיטלעכע פרוי. ער האָט זיך דערפילט היימיש, און ס׳איז אוועק א לעבעדיקער געשפרעך.

פונעם געשפרעך איז קלאָר געוואָרן, אז דאָס איז עפֿרא͏ַים דעם שוס־טערס צווייטע פרוי. די ערשטע, מיט וועלכער ער האָט כאַסענע געהאַט הארט פאר דער מילכאָמע, איז אומגעקומען. ער גופע האָט געקעמפט אין דער ליטווישער דיוויזיע, געווען עטלעכע מאָל פארוווּנדעט, נאָך דער מילכאָמע זיך באַזעצט אין ווילנע. איצט איז ער הויפּט־מײַסטער אָף א שוך־פאבריק. זיי האָבן א זון איזי, אים איז צוואנציק יאָר, ער איז א סטודענט פון א טעכנישער הויכשול.

— און עסטערקע? — פרעגט דער מאָסקווער עפֿרא͏ַים און דאָס הארץ גיט אים א טיאָכקע.

— זי איז אויך אין ווילנע. כאַסענע געהאַט. א מאַמע פון צוויי קינדער.

— לעבט! — עפֿרא͏ַים פילט, ווי א שטיין וואָלט זיך אים אראָפּגעקײַקלט פון הארצן.

— יאָ, ווי דען... זי איז דאָך יענע אקשנטע... גלײַך ווי מיר זײַנען געוואָרן סאָוועטיש, זײַנען זיי דאָך אלע מעשוגע געוואָרן: יעדער באָכער דארף ווערן ניט אנדערש ווי אן אינזשעניער, יעדער מיידל — א דאָקטער. דיפּלאָמען גיב זיי! אנדערש קענען זיי זיך ניט... איבערהויפּט נאָך דײַן

אוועקפאָרן זײַנען איר אַרײַן די פליגן אין נאָז. האָט זיך אײַנגעשפּאַרט און אוועקגעפאָרן אַף עפּעס קורסן אין ווילנע.

— נו, און...

— ווייסט, פּראָזים, ווען ניט די מילכאָמע, וואָלט זי עפּשער געוואָרן אַ דאָקטער. זי איז דאָך יענע אַקשנטע. נאָר סײַווי האָבן די קורסן איר אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן. זיי האָבן זיך באַוויזן צו עוואַקויִרן, די קורסן. איצטער איז זי אַן עלטערע מעדשוועסטער. מע האַלט שטאַרק פון איר אין איר שפּיטאָל. אָט זי פאַרשטייט טאַקע אַ קראַנקן! ניט, ווי דו, דער דאָקטער! — דער שוסטער האָט זיך ווידער הילכיק פאַנאַנדערגע־לאַכט.

ציליע האָט באַמערקט די טיפע פאַרינטערעסירונג אויפן פּאָנעם פונעם גאַסט און האָט זיך אַרײַנגעמישט:

— מע וואָלט איר געקאָנט אָנקלינגען, נאָר הײַנט אַרבעט זי אין דער באַנאַכטיקער וואַכטע. מאָרגן וועל איך שוין זען עס צו אָרגאַניזירן, איר זאָלט זיך טרעפן. זי איז איצטער פאַרדרייט מיטן רעמאָנט פון דער דירע. ביידע סטודענטן אירע זײַנען אוועקגעפאָרן, דער מאַן איז אַף אורלויב אין אַן אָפּרו־הויז, האָט זי זיך פאַרנומען מיטן רעמאָנט. נאָר, דאַכט זיך, זי ענדיקט שוין.

— עפּעס אַ לײַטישער מאַן בײַ איר?

— אַ מרוק! — האָט אָפּגעשניטן עפּראָזים. — פּאָרקעט זיך אין די אײַזער־נע געדערים און וויל פון קיין זאַך ניט וויסן.

— וואָס רעדסטו, עפּראָזים? — האָט ציליע ווייך פאַרגעוואָרפן דעם מאַן. — געווען אַ פּאָשעטער שלאָסער, איצט איז ער דער גאַנצער מע־כאַניקער אַף זײַן זאַוואָד.

— נאָר אַ מענטשיש וואָרט וועסטו פון אים ניט אַרויסקריגן. אָבער, נישקאָשע, בײַ איר איז ער אַ קאָטינקע.

די אינעוווייניקסטע טיר האָט זיך געעפנט, און אין צימער איז אַרײַן אַ דאַרער און הויכער יונג. דער גאַסט קוקט אויפן אַרײַנגעקומענעם באַכער מיט פאַרכידעשטע אויגן: גאָט מײַנער! בײַ אַ מיטלוווקסיקן טאַטן און אַ נידעריקער מאַמען...

— אַקסעלעראַנט! — רעקאָמענדירט זיך אָפּ דער יונג. קענטיק, ער איז געוווינט, מע זאָל זיך וווּנדערן אַף זײַן וווּקס. — איר ווייסט דאָך, איצט איז די עפּאָכע פון אַקסעלעראַציע. בין איך אַ פּראָדוקט פון דער עפּאָכע.

— דו, פּראָדוקט, זאָלסט כאָטש הײַנט אָונדז ניט אַנטלויפן! זעסט דאָך, מיר האָבן אַ גאַסט.

— פּאַפּאַ, איך קאָן ניט, — ער וואַרפט אַ בליק אויפן זייגער, וואָס איז פאַרוקט בײַ אים אַף דער אינעוווייניקסטער זײַט פון האַנט. — פאַראַן אַ וויכטיקע סיבע! — ער זאָגט עס מיטן טיפן ערנסט, נאָר די פלוטעוואַטע אויגן בלאָנדזשען אין אַ זײַט.

— און די „סיבע״ טראָגט אַ מיני־קליידל ביז אַהער־אָ? ביזן פּופּיק, האָ?

— נו גיי, גיי, — קריגט די מאַמע ראַכמאָנעס אויפן יונג. — נאָר פאַרגעס ניט, אַז דו האָסט נאָך אַן עקזאַמען.

— צום עקזאמען איז נאָך דאָ א טאָג.

דער יונג געזעגנט זיך אָפּ מיטן גאַסט. ער גיט דערביַי עפּעס א מורמל, אז מע וועט זיך נאָך זען, און אָט שעמערירט שוין זיַין פאַנטאַסטיש אויס־געמאָלטע קאָווּבאָיקע אין דער טיר.

— היַינטיקע קינדער...— זיפצט דער פאָטער, נאָר דער זיפץ איז א געמאַכטער. קענטיק, ער איז צופרידן מיטן זון.

די באַלעבאָסטע פאַרנעמט זיך מיט קיבעד, און דאָ מעלדעט פּלוצלינג דער באַלעבאָס מיט א פיַיערלעכן טאָן:

— פאַר אזא גאַסט... קאַווע וועל איך מאַכן אליין. לויט מיַין באַזונ־דערן רעצעפּט.

הערסט א מיַיסע: פּראָיקע, דער געוועזענער שוסטער־יונג, מאַכט קאַ־ווע „לויט זיַין אייגענעם רעצעפּט"... און דאָ דערמאָנט זיך דער מאָסקווער עפראָיִם, אז ער האָט שוין אמאָל געטרונקען קאַווע „לויט א באַזונדערן רעצעפּט".

דאָס איז געווען טאַקע דעמלט אין יענעם שטעטל. אין דעם דאָזיקן שטעטל האָט געלעבט אן אינטעליגענט, דער זון פונעם דאָרטיקן איַיזנ־קרעמער. ער האָט זיך עטלעכע יאָר ארומגעדרייט אין אויסלאַנד, עפּעס־וואָס שטודירט. צי ער האָט וואָס אויסגעשטודירט דאָרטן, איז געווען ניט קלאָר, נאָר אומגעקערט זיך אין שטעטל האָט ער מיַיסע אינטעליגענט, וואָס איז דערגאַנגען די סיסריי־טוירע פון דער מיַירעוו־אייראָפּעיִשער קולטור. איינמאָל האָט ער אריַינגערופן דעם מאָסקווער סטודענט אָף א גלעזל קאַווע. געפירט נעפּלהאַפטע רייד וועגן שפּענגלערן, וועגן בערג־סאָנען, געגעבן אָנצוהערעניש, אז דער פילאָסאָפישער געדאַנק אפן מיַי־רעוו — צווישן אונדז, אינטעליגענטן, זאָל עס זיַין געזאָגט — שטייט פיל העכער פאַר דעם גראָב־מאַטעריִאַליסטישן געדאַנק אפן מיזרעך. צום סאָף האָט ער מעכאַבעד געווען דעם גאַסט מיט א טעפּל קאַווע. „לויט מיַין אייגענעם רעצעפּט,— האָט ער פילבאַדיַיטנדיק צוגעגעבן,— אזוינס האָט איר דאָרטן, אין איַיער מאָסקווע, ניט געטרונקען. עכטע בראַזיליאַנער קאָפע, צוגעגרייט לויט א באַזונדערן רעצעפּט".

עפראָיִם סאַנדלער האָט געטרונקען די קאַווע, גאָרניט ניט געפילט, נאָר קעדיי ניט צו באַליידיקן דעם באַלעבאָס און קעדיי, ער זאָל ניט מיינען, אז אין מאָסקווע זיַינען זיי אַלע פאַרגרעבטע נעשאָמעס, האָט ער פאַר־גלאָצט די אויגן און געזאָגט, אז ס'איז גאָר־גאָר פּרימאַ. און איצטער פּראָיקע דער שוסטער מיט זיַין „באַזונדערן רעצעפּט"...

— עפראָיִם איסאַקאָוויטש,— האָט ער פריילעך אויסגעסקאַנדירט,— ווי קומט צו דיר אן אייגענער רעצעפּט?

— פון שטעטל טאַקע. געווען בא אונדז אזא „הינטעלעגענט". אז ס'איז געקומען די סאָוועטנמאַכט, האָבן די פּני אָנגעהויבן צו כאַנפּענען זיך צו אונדז, די פּראָסטע ליַיט. האָט ער מיך איינמאָל פאַררופן אָף א גלעזל קאַווע. דו ביסט דאָך אויך געווען. נאָר דו ביסט א יאָלד... ווייסט, ווי מע האָט דיך גערופן אין שטעטל? פּראָיקע־יאָלד! און מיך האָט מען גערופן פּראָיקע־קאָלבויניק! האָב איך זיך טאַקע צוגעקוקט, ווי ער מאַכט, און ארויסגעקריגן פון אים דעם גאַנצן סאָד. וואַרט, וועסט באַלד זען...

ער האָט לאַנג געקישעפּט אין קיך, און אָט איז שוין געשטאַנען פאַרן גאַסט א טעפּעלע קאַווע, פון וועלכער ס'האָט געשלאָגן א מעכיַיעדיקע פּאַרע.

— נו? — האָט עפראָים זיך איַינגעגעסן אין גאַסט מיט די אויגן, נאָכדעם ווי יענער האָט פאַרזוכט די קאַווע.

ווייסט דער טיַיוול, צי זיַין געשמאַק איז מער ראַפינירט געוואָרן פאַר די פאַרגאַנגענע יאָרן, צי האָט פראָיקע־קאָלבויניק צוגעגעבן וואָס אייגנס צו יענעם רעצעפּט, נאָר די קאַווע האָט טאַקע דעם טאַם פון גאַניידן.

— גוט! — האָט געזאָגט דער גאַסט. — בעעמעס גוט!

אוועקשטעלנדיק דאָס אויסגעליידיקטע טעפּל, האָט דער מאָסקווער גאַסט זיך אַרומגעקוקט. א פיַינע דירע, מאָדערנע מעבל, א באַגלאָזטע ביכער־שאַפע, אָנגעפּראָפּט מיט ביכער און זשורנאַלן, און די ביידע מענטשן, מיט וועלכע ער פירט א געמיטלעכן שמועס, — היַינטציַיטיקע, גרויסשטעטיש געשליפענע מענטשן. פון דעם פריַערדיקן פראָיקע שוסטער־יונג זיַינען עפּשער פאַרבליבן בלויז גראָבלעכע ווערטער, וואָס ער האַקט אריַין פון מאָל צו מאָל אין געשפּרעך. אָבער אויך די גראָבע רייד זאָגט ער מיט אזא גוטמוטיקן טאָן, אז מע קען עס אָפּטראָגן גיכער אפן כעזשבן פון הומאָר.

ליַיטיש, גאָר ליַיטיש.

לאָזט זיך אויס, אז קעדיי זיך אויסמענטשלען, דאַרף מען האָבן ניט דאַפקע ניקאָליַי ניקאָליַיעוויטשן, יימאַך שמוי וועזיכרוי...

3

סאַראַ דינע וועגטלעך אין די היַינטיקע דירעס, מע הערט דעם מינדסטן שאָרך אין שכיינעסדיקן צימער.

עפראָים סאַנדלער האָט זיך געלאָזט איבעריידן און איז פון האָטעל אַריבער אַף די עטלעכע געבליבענע טעג אין דעם שוועסטערקינדס דירע. נעכטן האָט ער געהאַט א שווערן טאָג אפן זאַוואָד, און דערצו נאָך האָט ער אין אָוונט געהאַלטן אַן אינסטרוקטיוון פאָרטראָג פאַר די זאַוואָדישע אינזשעניערן. דער אָוונט מיט די צאָלריַיכע פראַגן האָט זיך פאַרצויגן שפּעט. היַינט האָט ער געוואָלט זיך גוט אויסשלאָפן, נאָר גיי שלאָף, אז פון שכיינעסדיקן צימער דערטראָגט זיך א מאָנאָטאָנער מורמל. ס'איז די שטים פון איזין, נאָר פון ציַיט צו ציַיט מישט זיך אריַין א מיידלשע שטים, וואָס פרעגט עפּעס איבער, דיסקוסירט. מיילע, איז דאָס נאָך א האַלבע צאָרע, נאָר אָט ריַיסן זיך איבער די שטימען און עס אַנטשטייט א פאַרטיַיעטע, פילבאַדיַיטנדיקע שטילקיַיט...

דער טיַיוול, ווי זיי קושן זיך עס געשמאַק. עפראָים סאַנדלער גראָבט איַין דעם קאָפּ אין קישן, קעדיי ניט צו הערן די שטילקיַיט. ענדלעך דערוואַרט ער זיך, עס הייבט זיך ווידער אָן דאָס מאָנאָטאָנע מורמלען. נאָר ניט אַף לאַנג. ווידער די שטילקיַיט, וואָס קערט אויס די נעשאָמע.

וואָס רעגסטו זיך אזוי אוף? דערמאָן זיך, דו האָסט אויך אמאָל זיך

געגרייט צו אַן עקזאַמען אַף אַזאַ אויפן. עמעס, ער איז דעמלט געווען עלטער (שוין נאָכן פּראַנט). דער רעזולטאַט איז געווען: פאַר אָפּגעבן שלעכט דעם עקזאַמען פאַרלאָרן די סטיפּענדיע אַף אַ האַלב יאָר און גע־קראָגן אַ ווײַב אַף דעם גאַנצן לעבן.

ס'איז אַן אייביקער פילם, אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סאָף. אַלץ איז שוין אין פילם באַוווּסט, נאָר יעדן איינעם איז עס באַשערט איבערצולעבן פון־דאָסנײַ. ער האָט שוין דאָס זײַנע אָפּגעפילמט, און בײַ זיי איז דער פילם אין סאַמע בלײַענדיקן אָנהייב. און מיט וואָס ער זאָל זיך ניט ענדיקן, וועט ער אַלציינס פאַרבלײַבן אַ העלער זון־פלעק אין זייער לעבן.

ווידער אַ מורמלען און ווידער אַ פאַרטײַעטע שטילקײַט. ניין, ער וועט שוין ניט אײַנשלאָפן. ער שטייט אויף, גייט אין וואַנע־צימער און וואַשט זיך אײַן. דאַן קומט ער צוריק און טוט זיך אָן. דאָס אַלץ מאַכט ער שטיל, קעדיי ניט שטערן יענע, וואָס זײַנען „פאַרנומען". די באַלעבאַטים זײַנען ניטאָ אין שטוב, זיי זײַנען אַף דער אַרבעט. נאָר אין קיך שטייט דער טיש אַ געגרייטער צום פרישטיק. ער וואַרעמט אָן אַף דער גאַז־פליטע דעם טשײַניק און נעמט זיך צום פרישטיק.

ווען ער האַלט שוין בײַם ענדיקן, קומט אין קיך אַרײַן איזי.

— זעט, דיאַדיאַ, איר זײַט שוין אויפגעשטאַנען. אַבי מע האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל אײַך סערווירן דעם פרישטיק.

— איך האָב ניט געוואָלט דיר שטערן. ביסט דאָך פאַרנומען, האַ?

— יאָ, אַן עקזאַמען.

— ניט עקזאַמען, נאָר איבערעקזאַמענירונג. מע דאַרף יעדע זאַך אָנ־רופן בײַם ריכטיקן נאָמען, — זאָגט טרוקן עפּראַים סאַנדלער.

— אַ גרויסע מײַסע... ניט אָפּגעגעבן צום סאַף פונעם לערניאָר, וועל איך אָפּגעבן צום אָנהייב. איך בין סײַווי אַריבער אַפן דריטן קורס.

— ניט „סײַווי", נאָר באַדינגלעך. אויב דו וועסט אָפּגעבן דעם עק־זאַמען.

— פאָרמאַליטעט. דעם עקזאַמען וועל איך אָפּגעבן.

— האַלעווײַ. נאָר דײַן מעטאָד פון גרייטן זיך צו אַן עקזאַמען קאָן ניט רעקאָמענדירט ווערן. („ביסט אַ גוטער קרעטין און צוויאַק, דו, דאָק־טאָר פון מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן").

— מיר האָבן אײַך אויפגעוועקט? — פרעגט אומשולדיק דער יונג און ווערט אַפילע ניט רויט. — נו, וועלן מיר שטילער זײַן.

— ס'מאַכט ניט אויס. כ'האָב סײַווי שוין געדאַרפט אופשטיין. — גיי דערקלער דעם יונג, אַז ניט דאָס מורמלען האָט אים געשטערט, נאָר דאָס־קע די שטילקײַט. — אַזאַ מעטאָד, — זעצט פאָר דער דאָקטאָר פון מאַטע־מאַטישע וויסנשאַפטן, — איז דער בעסטער מעטאָד צו פאַרלירן די סטי־פּענדיע!

— אויך אַ דײַגע... — גיט זאַרגלאָז אַ פײַף דער יונג.

פּראָיקע־קאָלבויניקעס זון... און ער, דער יאָלד, האָט געטראָפן מיט וואָס אים צו סטראַשענען... אַז דער יונג וועט פאַרלירן די סטיפּענדיע, וועט ער ניט האָבן וואָס צו עסן־טרינקען? און טאָמער וועט זיך אים פאַרוועלן אַ נײַע אימפּאָרטנע קורטקע, וועט עס די מאַמע ניט קויפן אים?

— איזי, ווייסט, ווי מע האָט אמאָל גערופן דייַן טאטן? פראָיקע־קאָלבויניק!

— ווי, ווי? — פרעגט איבער איזי.

א שיינע מייַסע, דער מאָסקווער „דיאדיא" דארף עס דערקלערן דעם ווילנער פלעמעניק, וואָס דאָס איז קאָלבויניק. ער דערקלערט עס אים, ווי ער קאָן, און זעט, אז דעם יונג איז שטארק געפעלן, וואָס דער טאטע איז אמאָל געוועזן א קאָלבויניק.

— און מיך האָט מען גערופן „פראָיקע־יאָלד", — גיט טרויעריק צו עפראַים סאנדלער. דאָס באצאָלט ער זיך פארן קרעטין און פארן צוווּיאַק. — נו, איך וועל גיין. גיב איבער דייַנע עלטערן, אז הייַנט אָוונט וועל איך ניט קומען אהער. איך האָב אָפגערעדט מיט עסטערן, מיט דייַן מומען, אז איך וועל קומען צו איר. עפשער וועלן זיי אויך קומען אהין?

— הייַנט? דאָנערשטיק? ניין. דאָנערשטיק איז בא מייַן פאָטער א הייליקער טאָג. ער שפילט פרעפעראנס. עס קומט דער דירעקטאָר, דער הויפט־אינזשעניער און נאָך אזעלכע געהויבענע לייַט. און איר? איר שפילט פרעפעראנס?

— ניין, — בורטשעט ארויס דער דאָקטאָר פון מאטעמאטישע וויסנשאפטן.

עפראַים סאנדלער קאָן שווערן, אז דער יונג קוקט אף אים אראָפ פון זייַן מעלעך־האבאָשנדיקער הייך מיט איראָניע און מיטלייַד.

4

עפראַים סאנדלערס ארבעט אפן זאוואָד גייט שוין צו ענדע. מאָרגן דארף ער ארייַנגיין אף א פאָר שאָ אין צענטראלן עלעקטראָנעם בארעכןצענטער, קעדיי צו דערליידיקן א געוויסן איניען, וואָס איז פארבונדן מיט דער ארבעט פונעם זאוואָד, און אין אָוונט פאָרט ער אָפ אהיים. נאָר הייַנט אָוונט דארף ער זיך טרעפן מיט עסטערקען, וועלכע האָט שוין אָפגערעמאָנטירט איר דירע און ווארט אף אים.

עסטערקע וווינט אין אלטשטאָט. דער אדרעס פירט אים ארייַן אינעם געפלאָנטער פון שמאָלע, ווי שטיינערנע קאָרידאָרן, געסלעך, אָנגעפיקעוועטע מיט גרויסע גראָב־בייַכיקע הייַזער, וווּ־ניט־ווו דורכגעלעכערטע מיט פינצטערע טויערן. אמאָל, קענטיק, זייַנען די טויערן געווען פארשלאָסענע, הייַנט שטייען זיי אָפענע און זייַנען ענלעך אף אָנציינערדיקע מייַלער, וואָס האָבן זיך געעפנט אין א קאָנוווּלסיוון געגעץ און זיך פארגעסן צו פארמאכן.

עפראַים סאנדלער גייט דורך די ענגע געסלעך און קלערט וועגן עסטערקען.

ער האָט זיך דעמלט שטארק, גאָר שטארק באפרייַנדעט מיט איר: „דרייסטע אקשנטע", — האָט ער זיך גערייצט מיט איר, בייס זי האָט יעדע מינוט געפאָדערט פון אים, ער זאָל זי לערנען רוסיש. אינדערעמעסן האָט ער פארשטאנען, אז די זשעדנעקייַט, מיט וועלכער זי כאזערט אייַן די רוסישע ווערטער, איז מער ווי אקשאָנעס. דאָס איז געווען א שטרעבן זיך ארייַנצוטאָן אין נייַעם בעסערן לעבן, א שטרעבן, וועלכן ס'האָט אופ־

געוועקט אין איר טאקע ער, דער פון הימל אראָפּגעפאלענער מאָסקווער שוועסטערקינד. דאָס יונגע פרישע מיידל איז געווען א פלײַסיקע שילערן. אפילע באגינען, בייס זי פלעגט א באָרוועסע ארויסלויפן אין גאָרטן זאמלען גרינס פארן פרישטיק, פלעגט ער מיטגיין מיט איר. זי האָט מיט א שטיפערישער כיינעוודיקײַט געקליבן די אוגערקעס, געצויגן פון דער ערד די מערן, געריסן פון די קוסטעס די אגרעסן, די טריסקאווקעס און געמאָנט פון אים: „און דאָס ווי הייסט אף רוסיש? און דאָס?" אן אָנגעשטעקטער פון איר פריילעכקײַט, האָט ער געטײַטלט אף אירע באָרוועסע, מיט מאָרגנטוי באשפריצטע, פיס, אף אירע קני, אף אירע היפטן, אף איר שטײַף ארומגעכאפּטע מיט א ציצן קלייד ברוסט און געכאזערט איר, ווי מע רופט עס אף רוסיש. ס'איז געווען א מעכײַעדיק לערנען.

די מומע האָט געקוואָלן פון נאכעס. „אייגן בלוט", — האָט זי געמורמלט, שטריקנדיק א זאָק און קוקנדיק, ווי דיביידע טוליען זיך איינס צום אנדערן.

דער סטודענט האָט אינערלעך געשמייכלט. דאָס „אייגן בלוט" האָט דאפקע אים אָפּגעהאלטן, גערופן צו באדאכטקײַט. אין די מאָסקווער באדינגונגען, מיט א מאָסקווער מיידל וואָלט א צענטכיילעק פון דעם געפיל, וואָס האָט זיי ביידע באהערשט, געקלעקט, ס'זאָל אופלאקערן א פײַער. אין דעם קליינעם ליטווישן שטעטל איז עס געווען אנדערש. דאָ, אונטער די סטרעכעס פון די אלטע בוידעמס, אין די שפּאלטן פון די פארשווארצטע בערווענעס זײַנען געלעגן די שאָטנס פון צנ׳עסדיקע באָבעס און עלטערבאָבעס, וואָס האָבן וואָרענענדיק געהויבן זייערע ביינערדיקע פינגער און געזאָגט: שא, קינדער, פארגעסט זיך ניט! אז די הייסע נאָענטקײַט איז שוין געווען ניט מער אריבערצוטראָגן, פלעגט דער סטודענט זיך אָפּרוקן פונעם מיידל און מיט א פּלוצעמדיק הייזעריק געוואָרענער שטים זאָגן:

— נו, גענוג, עסטערקע. ס'וועט דיר זיך שוין אלץ פּלאָנטערן אין קאָפּ. זינג בעסער עפּעס וואָס אוף.

עסטערקע האָט געהאט א גוטע שטים און געוווּסט א סאך לידער. דער מאָסקווער גאסט האָט ליב געהאט זי צו הערן, און בייס זי האָט שטיפעריש פריילעך געזונגען וועגן דעם מיידל, וואָס זוכט מארגאריטקעס אין וואלד, האָט זיך אים געדוכט, אז דאָס האָט ער, דער מאָסקווער סטודענט, געפונען „די ווילדע מארגאריטקע אין וואלד". די דאָזיקע ליד האָט נאָך שפּעטער, אין מאָסקווע, געקלונגען אין זײַנע אויערן, אופוועקנדיק אין אים א זיסע בענקשאפט. פארן אָפּפאָרן האָט ער אָפּגערעדט מיט איר, אז זיי וועלן זיך איבערשרײַבן און ער וועט פּרווון זי ארויסשלעפּן קיין מאָסקווע, זי זאָל זיך דערשלאָגן צו עפּעס א מענטשישן טאכלעס. ווער ווייסט, ווי וואָלטן זיך אנטוויקלט זייערע באצי׳ונגען, ווען ניט די מילכאָמע.

די טיר האָט געעפנט עסטערקע. אין שטוב האָט געשמעקט מיט פארב און פרישן קאלך. ס'איז געווען א ליכטיקע און געראמע דירע. נאָך די פינצטערע טרעפּ מיט די צעטרענצלטע הילצערנע שטיגן האָט עפּראָ׳ים

סאנדלער גאָרניט געריכט זיך, אז די דירע וועט זײַן אזא זויבערע און געמיטלעכע.

— ביסט א ביסל צו פרי געקומען. זעסט, כ'האָב נאָך ניט אינגאנצן פארענדיקט אופראמען, — האָט זי געזאָגט נאָך די ערשטע „אכן" און „אָכן" פון דער באגעגעניש.

— ס'מאכט ניט אויס, ס'מאכט ניט אויס... לאָמיר דיך אָקאָרשט באַקוקן.

זי האָט אראָפּגעריסן דאָס טיכל, מיט וועלכן זי האָט געהאט פארבונדן דעם קאָפּ, אראָפּגעוואָרפן דאָס שמוציקע כאלאט און דערשינען פאר אים א שײַנענדיקע, א פולבלעך געוואָרענע, מיטן זעלבן כיינעוודיקן פּאָנעם און די אויגן אויך די זעלבע — פריילעך־דרייסטע און ארויסרופּע־רישע.

— פײַן, פײַן, גאָר פײַן, — האָט ער געזאָגט, סטארענדיק זיך ניט צו באמערקן די דינע קנייטשעלעך אפן פּאָנעם און דעם ערשטן זילבער, וואָס האָט דורכגעפלאָכטן די גלאטע שווארצע האָר. — די עמעסע עסטער־האמאלקע. כ'האָב דאָך דעמאָלט אויך דיך אזוי גערופן. געדענקסט? נאָר דאָן ביסטו געווען א קאנדידאטקע אף עסטער־האמאלקע, איצטער ביסטו די עמעסע עסטער־האמאלקע.

— גיי שוין, גיי... אָן אלטע יידענע. — זי איז אָפּגעטראָטן א פארלע־גענע מיט אָנגעצונדענע באקן, נאָר טייקעף האָבן זיך אירע צוויי שוואר־צע ברעמען אויסגעגלײַכט אין איין שטרענגער ליניע און איר פּאָנעם איז געוואָרן ערנסט. מיט אזא פּאָנעם, מיסטאמע, באצווינגט זי די קאפּריזנע קראנקע אין איר פּאלאטע.

— טיי? קאווע? וואָס טרינקסטו?

— מע דארף קיין זאך ניט. דערצייל וועגן זיך.

— פונדעסטוועגן וועל איך וואָס צושטעלן. דערציילן וועגן זיך? וואָ־דע וועל איך דערציילן. ביסט דאָך דער „מאָסקווער סטודענט". מײַן ער־שטער לערער פון נײַעם אלעפבייס. מיינסט, איך געדענק נישט? — איר געלעכטער איז געווען קלינגענדיק, ווי אמאָל.

מיט איין פוס אין קיך, מיט איין פוס אין צימער האָט זי אים אלץ דערציילט. זי האָט א מאַן, צוויי קינדער, א ייִנגל און א מיידל. דער זון ענדיקט איבעראיאָר דעם בוי־אינסטיטוט. דאָס מיידל איז אפן צווייטן קורס מעדיצין, זי איז אוועקגעפאָרן מיט אירע מיטשילער אף אן עקס־קורסיע. ביידע געראָטענע קינדער, האלעווײַ אף אלע מאמעס געזאָגט געוואָרן...

זי רעדט מיט באגײַסטערונג וועגן די קינדער. דאכט זיך, זי וועט קיינמאָל ניט מיד ווערן צו ריידן וועגן זיי.

— נו, און דער מאן? — פרעגט פאָרזיכטיק דער גאסט.

איצטער איז איר טאָן מער אײַנגעהאלטן. דער מאן איז א האָרעפּאש־ניק, דורכגעמאכט א שווער לעבן, געווען אי אין געטאָ, אי אין א דײַטשישן לאגער. ער איז א פאָשעטער שלאָסער, נאָר ער האָט זיך ארופגעארבעט, פארנעמט איצטער די שטעלע פון הויפּט־מעכאניקער אף זײַן זאוואָד,

כאַטש קיין דיפּלאָם האָט ער ניט. א טיכטיקער, ארבעטזאמער מענטש, א טרײַער פּאָטער און מאַן. איצטער איז ער אין אורלויב, האָט זי טאקע אויסגענוצט עס און דורכגעפירט דעם רעמאָנט. דאָס הויז איז אַן אלטס, און דער מאַן דאַרף ניט וויסן פון אזעלכע זאכן, ער האָרעוועט געבוג שווער. אז ער וועט קומען, וועט שוין אלץ זײַן פּארטיק...

עסטערקע דערציילט מיט א לײַכטן שמייכל אף די ליפּן, גיסט אָן טיי. איר פּאָנעם איז צערויטלט, אין די שווארצע אויגן — א רויקע באַפרידי־קונג.

זי האָט געענדיקט דערציילן, נאָר עפראָים סאנדלערן דאכט זיך, אז עפּעס־וואָס פעלט און וואָס עס פעלט, ווייסט ער אליין ניט.

— עסטערקע, ביסט גליקלעך? — פרעגט ער סאָפקאָלסאָף.

עסטערקעס אויגן ציטערן אוף אף א קליינער ווײַלע, ווי עס ציטערט אוף א וואסער, ווען עס טראָגט זיך דורך א פריש ווינטל. נאָר אז זי ענט־פערט, זײַנען זיי שוין ווידער רויק און די ברעמען ציִען זיך אויס אין א גלײַכער ליניע.

— וואָס איז גליק? דאָס איז אזוי ווי געזונט. אז מע שפּירט עס ניט, איז א סימען, אז ס׳איז דאָ.

— עפּעס צו טרוקן. צו... ליטוויש. — ער דערמאָנט זיך די באָבעס און עלטערבאָבעס, וואָס האָבן אמאָל, אין ליטווישן שטעטל, זיי געדראָעט מיט זייערע ביינערדיקע פינגער. וואָלט זי דעמלט אויך אזוי דעפינירט דאָס וואָרט „גליק״?

— וואָס? ניט מאָדערן? קליינשטעטלש? ווייסט, ווי מע האָט דיך אמאָל גערופן בא אונדז? — מערקווירדיק, וואָס אירע געדאנקען זײַנען אויך ארײַ־בערגעשפּרונגען צום קליינעם שטעטל. — מ׳האָט דיך גערופן „ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטשעס מאמזער״.

— אָט האָסטו דיר א מײַסע! אזוי האָט מען מיך פײַנט געהאט?

— אזוי האָט דיך אָנגערופן אבראשע. געדענקסט אים? ער איז געווען א ביסל אין מיר... נו, ווי זאָגט מען עס?

— א ביסל אין דיר... נו, ווי זאָגט מען עס... בין איך אויך געווען.

— פּא־לאָ־זשים, — ציט אויס עסטערקע, און אירע אויגן קוקן פארשײַט אף עפראָים סאנדלערן. — דו ביסט געווען ניט א ביסל, נאָר א ס־א־א־ך.

— נו, נאָך דרײַסיק יאָר קען מען זיך מוידע זײַן אין א פארברעכן. ס׳איז ניט מער שטראָפּבאר... — שמייכלט עפראָים.

— איז אָט. דערפאר האָט דיך טאקע אבראשע פײַנט געהאט. ער איז געווען א באָכער, וואָס איז ארומגעגאנגען שלינג־און־שלאנג. גערעכנט זיך פאר דעם אָנפירער פון די כאוויירים מיטן „כעס״. איך האָב אים ניט האָלט געהאט. מיך האָט מער געצויגן צו די כאוויירים מיטן „כאָף״.

כאוויירים מיטן „כעס״ און כאוויירים מיטן „כאָף״... דאָס זײַנען גע־ווען צוויי פײַנטלעכע גרופּעס. עסטערקע האָט אים דעמלט דערקלערט דעם אונטערשייד. איינע האָבן געשריבן דאָס וואָרט „כאווער״ מיט א „כעס״, די אנדערע מיט א „כאָף״. די כאוויירים מיטן „כאָף״ זײַנען געווען לעבעדיקע

ספריטנע יונגען, אַף די כאַווײרים מיטן „כעס" איז געלעגן דער שטעמפּל פון כײדער — זײ האָבן געהאַט בלאַסע פּענעמער און ניט־היגע בלאָנדזשענדיקע אויגן. עפראַיִם סאַנדלער האָט דעמלט, קוקנדיק אַף די בײדע גרופּעס, וואָס האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער, אַ קלער געטאָן, אַז אויב די כאַווײרים מיטן „כאָף" זאָלן שפּילן אַ פוטבאָל־מאַטש מיט די כאַווײרים מיטן „כעס", וואָלטן זײ אַרײַנגעהאַקט זײ אַ צענדליק גאָלן...

א דינער טרויער, ווי אַ דורכזיכטיקער נעפּל נאָך אַ הײסן זומער־טאָג, כאַפּט פּלוצעם אַרום עפראַיִם סאַנדלערן. אַזוינס מיסטאָמע פילט יעדער מענטש, ווען ער טרעפט זיך אַף דער עלטער מיט אַ ניט־פאַרווירקלעכטן טרוים פון דער יוגנט.

עסטערקע האָט מאַשמאָעס אויפגעכאַפּט דעם ניואַנס אין זײַן שטימונג.

— נו, דערצייל װעגן זיך, — זאָגט זי, און עפראַיִם איז איר דאַנקבאַר, וואָס זי רײַסט אים אָפּ פון יענע געדאַנקען.

ער דערציילט װעגן זיך, װעגן זײַן אַרבעט, װעגן זײַן פרוי און די צוויי טעכטער, וואָס ער האָט. װעגן די טעכטער רעדט ער אויספּירלעך און מיט האַנאָע. בײדע שוין געענדיקטע, אײנע אַ ביִאָלאָג, די אַנדערע אַ פיזיקער. בײדע שטרעבזאַם אין זײער פאַך און צילבאַוווסט. די עלטערע האָט פאַראיאָרן כאַסענע געהאַט און לעבט פאַר זיך.

— װײסט, עסטערקע, — פאַרענדיקט ער מיט אַ שעמעוודיקן שמײכל, — זי קלײַבט זיך מיך מאַכן פאַר אַ זיידן. אָט־אָט דאַרף עס געשען. דערפאַר ציט עס מיך שוין אַזוי אַהײם.

— מײַן וויקטאָר וועט מיך אויך ניט לאָזן לאַנג וואַרטן. ער איז אוועקגעפאָרן אַף פּראַקטיק מיט זײַן ליובינקען. — אין איר שטים קלינגט אַ נאָטקע פון טרויער, נאָר זי פאַרענדיקט מיט אַ פרײלעכן רײצן זיך. — און דו, נאַרעלע, פרעגסט נאָך עפּעס װעגן גליק.

יאָ, אַ נאַרישע פראַגע. עפראַיִם סאַנדלער הייבט זיך אוף און גייט צו צום אָפענעם פענצטער כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט. דאָס פענצטער גייט אַרויס אַף אַן ענגן פאַרפלאַסטערטן הויף, אַ פאַרבויטער מיט סקלאַדן און סקלאַדעלעך. דער טאָג איז געוועזן אַ הײסער, און די אָנגעגליטע שטײנער פון ענגן הויף גיבן איצטער אָפּ די היץ. ס׳איז דושנע, און אין דער דירע שטייט נאָך אויך דער רייעך פון רעמאָנט.

— װײסט, עסטערקע, וואָלסט ניט געדאַרפט דאָ נעכטיקן הײַנט. ס׳איז צו דושנע די לופט דאָ.

— איך קלער אויך אַזוי. איך וועל הײַנט נעכטיקן באַם ברודער. דו נעכטיקסט דאָך אויך דאָרט. וועלן מיר בײדע גײן צוזאַמען.

באַ די סאַנדלערס אַפן אַכטן שטאָק איז הײַנט ווירקלעך אַ „הייליקער" טאָג. אין גרויסן צימער זיצן באַם טיש פיר סאָלידע מאַנצבלען מיט ערנסטע פאַרטראַכטע פּענעמער. דער בויגן פּאַפּיר אַפן טיש איז שוין געדיכט באַשריבן מיט ציפערן, קענטיק די שפּיל גײט שוין צו ענדע. אַפן קליינעם זשורנאַל־טישל שטייט אָנגעגרייט אַ פלעשל קאָניאַק, און די קאָליר־

טע ווײַן־בעכער פֿינקלען מיט אומגעדולד, די פֿולקע זאָל זיך שוין ענדיקן.

אַז עפֿראָ:ים מאָ:סייעוויטש איז שוין דורכגעגאַנגען דעם צימער, ווו מע האָט אים באַקאַנט מיט די געסט, האָט ער דערהערט אַ באַסאָווע שטים, וואָס רעדט מיט דערעכערעץ:

— כ'האָב גאָרניט געוווּסט, אַז דו האָסט אַזאַ שוועסטערקינד...

— עפֿראָ:ים איסאַקאָוויטש, דײַן גאַנגו — רײַסט אים אומגעדולדיק איבער אַן אַנדער שטים.

אויפֿן אַנדערן טאָג איז שוין עפֿראָ:ים סאַנדלער געזעסן אינעם מאָסקווער צוג. יעדער קלאַפּ פֿון די רעדער דערנעענטערט אים צו זײַן היים, צו זײַן אַרבעט. פּלוצלינג גיט אים אַ קלאַפּ אין קאָפּ דאָס, וואָס ער האָט נעכטן געהערט פֿון עסטערקען: „ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטשעס מאַמזער", און אַ שמייכל באַווײַזט זיך אויף זײַנע ליפּן.

דער טײַך האַלט זיך באַם שטעלן

דער טײַך איז ברייט געפלאָסן אין זײַנע ברעגן, א מעכטיקער און א רויִקער אין באַוווסטזײַן פון זײַן אייביקער און אומויסשעפּלעכער קראַפט. אויף דעם אויבערפלאַך פון די שווארצע וואסערן זײַנען געשוווּמען באַשנייטע קריִעס. זיי האָבן אויסגעזען ווי ווײַסע וואסער־ליליעס. פון צײַט צו צײַט האָט זיך געהערט א שאָרך: דאָס האָט דער טײַך אין זײַן מאַיעסטעטישן גאנג א שאר געטאָן א קריִע אין א קריִע. מיט יעדן טאָג זײַנען די קריִעס געוואָרן געדיכטער, די שאָרכן פון די זיך צוזאמענשטויסנדיקע קריִעס אלץ אָפטער און דראָענדיקער — נאָך עטלעכע טעג, און דער טײַך וועט זיך שטעלן.

נאָך צוויי כאַדאָשים צײַט אָפּזײַן אין שפּיטאָל איז בערמאַן אַרײַנגעפאלן אין א סאנאטאָריע. דער צופאל האָט געוואָלט, אז דער דאָזיקער קוראָרט זאָל שטיין אויף דעם זעלבן טײַך, אויף וועלכן ער, בערמאַן, איז אין א קליינעם ליטווישן שטעטל מיט עטלעכע און זיבעציק יאָר צוריק געבוירן געוואָרן.

נאָכן צווייטן אינפאַרקט איז שוין דאָס לעבן א געבאָרגטס, ס'איז שוין ביטאָ אין דעם דער שוים פון לײַדנשאפטן, דער ברען פון טעטיקײַט, די טעג זײַנען כעזשבן־האַנעפעשדיקע. דאָס איז פאר אים געווען נײַ און געהאט זײַן רייץ, פּונקט ווי נײַ און רייצפול עס איז געווען דער פּייזאַזש פונעם ווינטערדיקן קוראָרט מיט די פארשנייטע צווײַגן פון די באַקעטעביימער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי וווּנדערלעכע אראַבעסקן.

בערמאַן איז געשטאנען באַם ברעג טײַך, וועגן וועלכן ער האָט אין די שטורמישע יאָרן פון זײַן לעבן קימאַט ניט געטראכט און צו וועלכן דער גוירל האָט אים איצטער געבראַכט, אזוי ווי אָנדײַטנדיק: דאָ האָט זיך אָנגעהויבן און דאָ שליסט זיך דער קרײַז.

ווען ער איז אין ערשטן טאָג ארויס פונעם עס־זאַל, האָט אים אָפּגעשטעלט א שווערלײַביקער מיטליאָריקער מאַן און, באַגריסנדיק זיך מיט אים אפן מיליטערישן אויפן, געזאָגט:

— כאַווער פאָלקאָווניק. איך בין דער, וועמען איר האָט געראַטעוועט דאָס לעבן.

— גערעטעוועט? איר האָט געוויס א טאָעס... איך האָב קיינעם נישט גערעטעוועט... איך האָב געדינט אין די אינזשעניערן־טיילן.

— ניין, כ'האָב ניט קיין טאָעס. דעם טײַך אושיצא געדענקט איר? — אין זײַנע אויגן האָט אופגעבליצט א העל־בלויער שמייכל.

גיכער לויט אָט די העל־בלויע אויגן, ווי לויט דעם נאָמען פון טײַך, האָט זיך בערמאַן דערמאָנט.

דאָס איז געווען אין סאמע ברען פון דער מילכאָמע. אין שטאב פון איינעם א מיליטערישן טייל איז אויסגעארבעט געוואָרן דער פלאַן פון א קריגס־אָפעראַציע. לויט דעם דאָזיקן פלאַן האָבן שווערע טאנקען געדאַרפט אריבער אף יענער זײַט טײַך דורך דער איינציקער הילצערנער בריק, וואָס איז דאָרטן געווען. דער לייטענאנט פון סאפיאָרן־באטאליאָן איז געשיקט געוואָרן צו באקוקן די בריק, צי וועט זי אויסהאלטן די שווערע טאנקען. דער לייטענאנט האָט זיך אומגעקערט מיטן ענטפער, אז ניין, איבער דער הילצערנער בריק קאָנען די שווערע טאנקען ניט דורכגיין. האָט מען אײַליק ארויסגערופן דעם הויפט פון די סאפיאָרן — דאָס איז געווען דער פּאָל־קאָווניק בערמאַן — און אים געשטעלט די זעלבע פראגע. אין צוויי שאָ ארום איז ער געקומען מיטן ענטפער: מע מעג. די זעלבע נאכט זײַנען די טאנקען אריבער אף יענער זײַט טײַך. די אָפעראַציע איז אדורך מיט דער־פאָלג.

אפן אנדערן טאָג איז צו בערמאנען אראָפּגעקומען פון שטאב א מאיאָר און געפרעגט:

— ווי קוואַליפיצירט איר די האנדלונג פונעם לייטענאנט?

— ער האָט ריכטיק געהאנדלט.

— וואָס הייסט ריכטיק? ער האָט דאָך שיר ניט אראָפּגעריסן אונדז די אָפעראַציע!

— ער האָט געהאנדלט לויט דער אינסטרוקציע.

— הייסט עס, האָט איר פארלעצט די אינסטרוקציע? — האָט קרום א שמייכל געטאָן דער מאיאָר.

— אויך נישט. מיר, די, וואָס שאפן אינסטרוקציעס, האָבן דאָס רעכט זיי אין נייטיקן פאַל איבערצוטרעטן. מיר — יאָ. ער אָבער — נישט. ער האָט זיך געמוזט האלטן שטרענג בא דער אינסטרוקציע.

דער מאיאָר האָט אָפּהענטיק געקוקט אפן פּאָלקאָווניק — אזא ענטפער האָט ער נישט דערוואַרט.

— ווו איז דער לייטענאנט? — האָט בערמאַן שטרענג געפרעגט.

דער מאיאָר האָט אָפּגעווענדט זײַן בליק.

בערמאַן האָט פארשטאנען.

— באפרײַט טייקעף דעם לייטענאנט. איר הערט? טייקעף באפרײַט אים!

אין אָונט איז דער לייטענאנט געקומען צו בערמאנען אים צו באַ־דאנקען. בערמאנען האָט פארכידעשט, ווי יונג ער איז. א ייִנגל, וואָס האָט זיך פארקליידט אלס מיליטערמאַן. ער האָט געהאט וווּנדערלעכע בלויע

אויגן, פון וועלכע עס האָט געטריפט מיט ערלעכקייט און מיט עפּעס א יוגנטלעכער טמימעס. פון זייער ווייטערדיקן שמועס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז פונעם לעצטן קורס פרייוויליק אוועק אף דער מילכאָמע.

איז דער דאָזיקער שווערלייביקער מאַן, הייסט עס, יענץ לייטענאנטל?

— שווער אייך צו דערקענען!..

— יאָרן.

— יאָ, יאָרן, — בערמאַן האָט א זיפץ געטאָן.

— איז לעקאָוועד אזא אומגעריכטער באגעגעניש, — דער שווערלייביקער מאַן איז געוואָרן לעבעדיקער, — וואָלט מען באדאַרפט...

— ניין, ניין, — האָט אים איבערגעשלאָגן בערמאַן, — איך טאָר נישט, — ער האָט געוויזן אף א פּרוי אין א מעדיצינישן כאלאט, וואָס האָט זיך אראָפּגעלאָזן פון די טרעפּ.

שפּעטער האָט בערמאַן זיך א פּאָר מאָל געטראָפן מיטן אינזשעניער, שפּאצירט מיט אים. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זיי האָבן געארבעט קיימאט אין די זעלבע ערטער. בערמאַן האָט זשעדנע געהערט זיינע דערציילונגען. די לעווייע פון דער לעצטער טאטשקע איז פאָרגעקומען נאָך פאר דער מילכאָמע. דאָס האָט טאַקע ער, בערמאַן, דורכגעפירט די פייערלעכע צערעמאָניע פון דער לעווייע, בייס ער האָט אף זיין בוויונג באקומען די ערשטע עקסקאוואטאָרן. ער איז דעמלט געווען שטאָלץ מיט זיי. נאָר די מאשינעריע, מיט וועלכער עס אָרודעוועט דער איצטיקער דאָר, איז לעגאבע די ערשטע עקסקאוואטאָרן דאָס זעלבע, וואָס יענע לעגאבע דער טאטשקע. בערמאַן האָט זיך געפרייט, נאָר צו דער דאָזיקער פרייד האָט זיך געהאט צוגעמישט אויך א ביסעלע קינע. ער האָט געפּרוווט זיך טרייסטן: „זיי האָבן שפּאנענדיקע עקסקאוואטאָרן, דערפאר האָבן מיר געהאט ראָמאנטיק". נאָר ער האָט זיך געכאפּט, אז מיטן דאָזיקן וואָרט פלעגן די זשורנאליסטן באפּוצן דאָס, וואָס פאר די בויער איז עס געווען בלוטיקער שווייס. ניט אומזיסט האָט ער זיך פריִער מיט א ביסל אומצוטרוי באצויגן צום דאָזיקן וואָרט. פארוואָס זוכט ער איצטער אין דעם א טרייסט? און בערמאַן האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער איינציקער באשעפטיקונג, וואָס איז אים איצט פארבליבן: מיט כעזשבן־האנעפעש.

היינט האָט זיך צו בערמאַנען אריינגעלאָזט א גאנצע דעלעגאציע: די הויפּט־דאָקטערן, די דאָקטערן, די דעזשורנע שוועסטער און איינער א מאנצבל. דער מאנצבל, דערשפּירנדיק, אז אין צימער איז קאַלט, איז צוגעלאָפן צום ראַדיאַטאָר, אים א טאפּ געטאָן, און, זיך ווענדנדיק צו דער הויפּט־דאָקטערן, פאנאנדערגענומען די הענט, קלוימערשט, ער איז גאָט די נעשאָמע שולדיק.

— די צענטראַל־באהייצונג ארבעט גוט, — האָט בערמאַן זיך צוגעשמייכלט אים צו בארויִקן, — כ'האָב פּאָשעט א גאנצן פרימאָרגן געהאלטן דאָס פענצטער אָפן.

— דאָס איז גוט, וואָס איר האלט דאָס פענצטער אָפן, — האָט גנעדיק

באוויליקט די הויפּט־דאָקטערן, א מאסיווע פרוי אין די מיטעלע יאָרן. — נו, ווי פילט איר זיך?

— גוט.

— צי האָט איר ניט קיין פּרעטענזיעס? צום פּערסאָנאַל? צו דער היי־לונג?

— ניין. קיינע פּרעטענזיעס ניט. די דאָקטערן באַציט זיך זייער געוויסנ־האַפט און אופמערקזאַם און... כאָטש זי איז נאָך זייער יונג... — בערמאַן האָט געוווּסט, אז זי האָט ערשט דאָס יאָר געענדיקט און ארבעט איינגאַנצן דעם דריטן כוידעש. — כאָטש זי איז נאָך זייער יונג, איז זי שוין א גוטער דיפּלאָמאַט. — ער האָט זיך שמייכלענדיק פאַרנייגט פאַר דער יונגער דאָק־טערן, וועלכע האָט זיך אָנגעצונדן און זיך נאָך מער צוגעטוליעט צו דער הויפּט־דאָקטערן, ווי א הינדל צו דער קוואָקע.

— וואָס הייסט דיפּלאָמאַט? — האָט געפרעגט די הויפּט־דאָקטערן.

— אַף מײַן פראַגע וועגן די רעזולטאַטן פון דער קאַרדיאָגראַמע האָט זי געזאָגט, אז „קיינע אָרגאַנישע ענדערונגען זײַנען ניטאָ". זײַט מוידע, אז דאָס איז א דיפּלאָמאַטישער ענטפער.

— ניין, — האָט זיך אָנגערופן די הויפּט־דאָקטערן, — ס'איז ווירקלעך אזוי. איך האָב אויך געזען אײַער קאַרדיאָגראַמע, און איך קאָן אײַך זאָגן אַן קיין שום דיפּלאָמאַטיע: זי איז א נאָרמאַלע, אָן אָרגאַנישע ענדערונגען.

איר טאָן איז געווען, ווי דער טאָן פון א דערוואַקסענעם צו א קינד, וועמען מע וויל עפּעס אײַנריידן. און — מאָדנע — דאָס מאָל איז אָט דער טאָן געווען בערמאַנען נישט פריקרע — אַמאָל ווילט זיך זײַן א קינד און עס ווילט זיך ווערן אײַנגערעדט.

בערמאַן האָט געזאָגט נאָך עטלעכע גוטע ווערטער דעם באַדינונגס־פּער־סאָנאַל, און די הויפּט־דאָקטערן איז מאַיעסטעטיש ארויסגעשוווּמען בע־ראָש פון איר סוויטע.

זי איז געווען צופרידן פון דער האַלטונג פון אָט דעם כאָשעווון פּענסיאָ־נער, וועמען מע האָט געדאַרפט שענקען א באַזונדערע אופמערקזאַמקײַט. איר איז גאָר אין זינען נישט געקומען, אז די רייד פון אָט דעם העפלעכן פּאַציִענט שטאַמען פון דעם, וואָס אים איז שוין אַלצייינס, צי אים וועט באַהאַנדלען א בארימטער פּראָפעסאָר, צי א יונג מיידל, וואָס האָט ערשט מיט עטלעכע כאָדאָשים צוריק געענדיקט.

ער איז געשטאַנען אַף זײַן באַליבט אָרט, דאָרט, ווו דאָס האַסטיקע לײַכטזיניקע טײַכל מיטן פריילעכן נאָמען ראַטאַניטשעלע גיסט אַרײַן זײַנע קלאָרע וואַסערן אין די שווערע טונקעלע וואַסערן פון ניעמאַן. אַרום זײַנען געשטאַנען לײַכט פאַרשנייטע סאָסנעס. פלינקע וועווערקעס האָבן זיך געטראָגן איבער די שטאַמען, זיך געקאָלערט איבער די צווײַגן. בא די קוראָרטניקעס האָבן זיי אַלע געהאַט איין נאָמען — טאַניע. אז די קוראָרט־ניקעס האָבן זיי גערופן: טאַניע, טאַניע, האָבן די וועווערקעס מיט פלינקע ווינקלדיקע באַוועגונגען זיך דערנעענטערט און גענומען פון זייערע הענט דאָס, מיט וואָס מע האָט זיי צוגעלאָקט: שאָקאָלאַדנע צוקערלעך, ניסעלעך.

דאָ האָט זיך אויך ארומגעדרייט א פאָטאָגראַף, א יונגער יאַט מיט א באָרד מײַסע קינסטלער. ער האָט אראָפּגעכאַפּט די קוראַרטניקעס אין דעם מאָ־מענט, ווען זיי האָבן געהאָדעוועט די שרעקעוודיקע און צוגלײַך פּאַרטרוי־לעכע כײַעלעך.

צו בערמאַנען איז צוגעגאַנגען א יונגע פרוי און זיך באַגריסט מיט אים, אָנרופנדיק אים באם נאָמען און פאָטערנאָמען.

— פונוואַנען ווייסט איר, ווי מע רופט מיך? — האָט בערמאַן געפרעגט, אָפּענטפערנדיק אף איר באַגריסונג.

— איך האָב געהערט, ווי מע רופט אײַך. אין עסצימער זיץ איך בא א טישל ניט ווײַט פון אײַערן.

איצט האָט זיך בערמאַן אויך דערמאָנט, אז ער האָט שוין עטלעכע מאָל געזען אין סאַנאַטאָריע אָט די לעבנסלוסטיקע פּולבלוטיקע פרוי.

— זייער אָנגענעם. איז דערלויבט מיר צו פרעגן, ווי רופט מען אײַך?

— ניאָלע.

— ניאָלע... אן עכט ליטווישער נאָמען.

— יאָ, א ליטווישער, — א לײַכט וואָלקנדל האָט פאַרצויגן איר פּאָנעם, און דאַן, ווי זי וואָלט זיך אופגעכאַפּט פון אירע געדאַנקען, האָט זי צוגע־געבן: — איך האָב שוין לאַנג געוואָלט זיך דורכריידן מיט אײַך... מיט אזא מענטשן, ווי איר...

— ביטע, — האָט אָן איבעריקער באַגײַסטערונג געזאָגט בערמאַן.

— איך הייס ניאָלע, אָבער גאָר אמאָל, ווען איך בין נאָך געווען א פּיצל, האָט מײַן מאמע מיך גערופן נעכאמע, נעכאמעלע...

בערמאַן האָט אופגעהויבן די ברעמען. נאָך אזא האקדאָמע דאַרף קומען נישט קיין געוויינלעכע פאַרזעצונג.

די פרוי, א קענטלעך צערודערטע, האָט ווײַטער גערעדט:

— איך בין אלט געווען פיר יאָר, ווען די מאמע האָט זיך ארויסגע־גאַנוועט מיט מיר פון געטאָ און געבראַכט אין א ליטווישער שטוב צו אירע באַקאַנטע. דאָס לעצטע, וואָס איך געדענק וועגן דער מאמען, איז דאָס, ווי זי האָט מיר אָנגעזאָגט: געדענק, דו ביסט נישט מער נעכאמע, דו ביסט ניאָלע, ניאָלע... געדענק עס, קינד מײַנס: ניאָלע, ניאָלע, ניאָלע... און אזוי בין איך פאַרבליבן ניאָלע.

— און אײַער מוטער?

— אומגעקומען. אלע מײַנע זײַנען אומגעקומען. איך בין געוואַקסן אין א ליטווישער שטוב, מע האָט זיך באַצויגן צו מיר, ווי צו אן אייגענער, געגעבן מיר בילדונג — איך בין א כימיקער.

— איר זײַט פאַרהייראַט?

— יאָ, מײַן מאַן איז אן אינזשעניער, א ליטווינער. איך האָב צוויי קינדער. זיי זײַנען אויך ליטווינער... צײַטנווײַז אָבער...

— מאַכט זיך ניט דערפון קיין שווערע געדאַנקען, ניאָלע. דאָס לעבן איז קליגער און ווײַטזעעוודיקער פון אונדז...

ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דער פרוי און איז אוועק אף זײַן געוויינ־לעכן שפּאַציר מיט דער סטעזשקע פּאַזע דעם ברעג.

ווען ער גייט אזוי מיט דער לײַכט פארשנייטער סטעזשקע טײַך־אראָפּ א הונדערט קילאָמעטער, קומט ער אָן צו דעם אויסגאנג־פּונקט פון זײַן לעבן, צום שטעטל, ווו ער איז געבוירן. נאָר וואָס פאר א ראָליע קאָנען שוין שפּילן די הונדערטער קילאָמעטער אנטקעגן די צענדליקער טויזנטער קילאָמעטער, וואָס ער האָט דורכגעמאכט? דער קרײַז פון זײַן לעבן שליסט זיך סײַוויסײַ, צי וועט ער דורכמאכן נאָך אָט די הונדערט קילאָמעטער, צי ניט...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט — צײַט צוריקגיין. די לופט איז מעכײַעדיק זויבער, דער פראָסט איז א מילדער. נאָר אין דער לינקער זײַט פון ברוסט מערן זיך די ספּאזמען, עס קלאַפּט דאָרטן, ווי עס וואָלט געפּאָכט מיט די פליגלען א געפאנגענער פויגל.

פון הויכן ברעג, אף וועלכן ער איז געשטאנען, האָט ער געקוקט אפן טײַך. איצט האָבן די קרײַעס שוין ניט אויסגעזען ווי איינצלנע ווײַסע וואַסער־ליליעס. זיי האָבן ווי מיט א פאנצער באדעקט קימאט די גאנצע אויבערפלאך פון טײַך, געהאמעוועט דעם מעכטיקן גאנג זײַנעם.

נאָך א טאָג, נאָך א טאָג — און דער טײַך וועט זיך שטעלן.

אינהאלט

ווילנע, ווילנע...

1. די כאסענע 5
2. די לעוויַע 12
3. א דריַיערל אף שאבעס 15
4. צוויי מאָל צוויי איז נישט בלויז פיר. 19

דער מאן אין גרויען 23

דער יִשוּוניק 37

אנקע און די באָבע 41

אָ, דידקאָ! 47

אין יִדישן קווארטאל פון אמסטערדאם 55

מיַין יִכעס 64

זאלמענס טעג און נעכט

1. זאלמען שריַיבט א בריוו 72
2. זאלמען וויזירט אן ארטיקל 78
3. שענקט בלומען איַיערע געליבטע 82

דווירע און ווערא 85

די קאָמיוגיסטקע 92

שקיִע 100

די ריַיזע קיין האמבורג 113

גיי דערקלער א טומטום 132

א נייַע ראָל 140

דער מאטעמאטיקער 146

א פוסטער טאָג 152

וואָס זאָגט קויהעלעס 159
אלץ בלײַבט איבער דעם מענטשן 164
אין פארק 174

א ביסל וועגן פרויען...

1. די שוואכע פרוי 181
2. די ניכטערע פרוי 185
3. די טרײַע פרוי 192
בליומע דעם שמידס 196
דאָס גרויסע הויז 201
דער בעסוילעם 215
מאָניע 225
א פארשפילט לעבן 232
דער זון — א דאָקטער! 241
דער מענטש מיטן הונט 247
די בלעטער פאלן פון די ביימער 250
ווען ניט ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש... 256
דער טײַך האלט זיך באַם שטעלן 272

בער האלפּערן

מײַן ייִכעס

מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, 1978 י. 280 זײַטן
אַרויסלאָז־פּלאַן פֿון 1978 י. נומ. 216

קינסטלער ג. קראַווצאָוו
רעדאַקטאָר ש. גאָרדאָן
קינסטלערישער רעדאַקטאָר נ. לאַווערענטיעוו
טעכנישער רעדאַקטאָר ט. קאַזאָווסקאַיאַ
קאָרעקטאָר א. סטרעלניק

אינפֿאָרמאַציע־ביולעטען נומ. 592

אָפּגעגעבן אין זאַץ 12.07.77. אונטערגעשריבן צום דרוק 21.03.78. פֿאָרמאַט 1/32 108×84. טיפּאָגראַפֿיש פּאַפּיר נומ. 1. הויכדרוק. דרוקבויגן 3/4 8. באַדינגלעכע דרוקבויגן 14,7. פֿאַרלעגערישע דיסקאָנט־בויגן 16,38. טיראַזש 2.200 עקז. באַשטעלונג נומ. 1569. פּרײַז 1 רובל 20 קאָפּ. פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״. מאָסקווע Г־69, וואָראָווסקי־גאַס, הויז נומ. 11. באַלוינטע מיטן אָרדען פֿון דער רויטער אַרבעטס־פֿאָן מאָסקווער טיפּאָגראַפֿיע נומ. 7 „איסקראַ רעוואָליוציִאַ״ פֿונעם „סאָיוזפּאָליגראַפֿפּראָם״ באַם מעלוכישן קאָמיטעט פֿונעם מיניסטאָרן־ראַט פֿון ססר וועגן די ענינים פֿונעם פֿאַרלאַג־וועזן, פּאָליגראַפֿיע און בוך־האַנדל.
מאָסקווע, Г־19, אַקסאַקאָוו־געסל, הויז נומ. 13

Борис Львович Гальперин

МОЯ РОДОСЛОВНАЯ

(на еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1978, 280 стр.
План выпуска 1978 г. № 216

Художник *Г. А. КРАВЦОВ*

Редактор *С. В. Гордон*
Худож. редактор *Н. С. Лаврентьев*
Техн. редактор *Т. С. Казовская*
Корректор *А. Б. Стрельник*

ИБ № 592

Сдано в набор 12.07.77. Подписано к печати 21.03.78. Формат 84×108 1/32. Бумага тип. № 1. Высокая печать. Печ. л. 8 3/4. Усл. печ. л. 14,7. Уч.-изд. л. 16,38. Тираж 2200 экз. Заказ № 1569. Цена 1 р. 20 к. Издательство «Советский писатель», Москва Г-69, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном Комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва Г-19, пер. Аксакова, 13